STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07909

BARG AROYF

Daniel Charney

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דניאל טשארני

באַרגאַרויף

(בלעטלעך פון א לעבן)

אַרויסגעגעבן דורך די „ליטעראַרישע בלעטער"

וואַרשע

Printed in Poland
D. Tscharny — Barg arojf
Nakład tyg. „Literarisze Bleter"
Warszawa

Druk. A. Rożensztajna, W-wa Mławska 5.

מיינע ברידער —
מיט דאַנק און ליבשאַפט.

פאָרוואָרט

דער ערשטער טייל פון מיינע מעמואַרן — „משפחה־כראָניק" — איז צום ערשטן מאָל דערשינען אינם פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.

דער צווייטער טייל — „פאַרטיי־כראָניק" — האָט זיך קאַפּיטלעכווייז געדרוקט אין משך פון די יאָרן 1928—1931 אין דעם חודש־זשורנאַל „צוקונפט", ניו־יאָרק.

אַלע הונדערט קאַפּיטלען פון די ביידע טיילן, וואָס דערשיינען איצטער אונטער דעם אַלגעמיינעם טיטל „באַרג־אַרויף", זענען גרינדלעך איבערגעאַרבעט געוואָרן. מערערע קאַפּיטלען פונם צווייטן טייל האָב איך אויפדאָסניי אָנגעשריבן אָדער איבערגעשריבן.

דאָס גאַנצע בוך איז נישט מער ווי אַ קיצור פון מיין מאַנוסקריפּט, וואָס פאָרלויפיק לאָזט ער זיך נאָך נישט פּובליקירן אין זיין גאַנצן פאַרנעם.

כ'האָב פון מיין כתב־יד אַרויסגענומען די מער „בעלעטריסטישע" עפּיזאָדן און עטאַפּן פון מיין לעבן און פון מיין סביבה. כ'האַלט פאַר מיין חוב צו אַנטשולדיקן זיך פאַר מערערע פריינד און קאָלעגן, וואָס כ'האָב זיך דערלויבט אָן זייער דערלויבעניש זיי אַריינצונעמען אין מיינע „כראָניקעס".

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט גלוסט זיך מיר אָפּצודאַנקען דעם חשובן פריינט און קאָלעגע א. ליעסין — רעדאַקטאָר פון „צוקונפט" — וואָס איז דער ערשטער געוואָרן באַזונדערס אויפמערקזאַם און גאַסטפריינטלעך צו מיינע „בלעטלעך פון אַ לעבן".

דניאל טשאַרני

פּאַריז, סוף 1934

ערשטער טייל

משפחה-כראניק

ערשטער טייל

(„משפחה־כראָניק“)

אַריינפיר

דער טויט האָט אַ פּאַך־געטאָן מיט זיין שוואַרצן פליגל איבער מיר, ווען איך בין נאָך אין וויג געלעגן. דעם טאַטנס גסיסה־זיפצן האָבן זיך איינגעביסן אין די חבלי־לידה פון מיין מאַמען, און מיין שטים איז עד־היום אַן אָפּקלאַנג פון אָט דיביידע ווײ־געשרייען.

מיין מאַמע האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו פאַרטרייבן מיט איר פאַרביטערטן אַלמנה־מילך די טובערקוליאָז־באַצילן, וואָס דער טאַטע האָט מיר געהאַט איבערגעלאָזט בירושה. ס׳איז כמעט די איינציקע ירושה, וואָס איך האָב באַקומען פון מיין טאַטן.

איך ווער קראַנק

ביי דער מאַמען בין איך געווען דער אַכטער, אָבער צוויי קינדער זענען אין די קליינע יאָרן געשטאָרבן, זענען פאַרבליבן זעקס; די סאַמע עלטסטע — אַ טאָכטער און פינף זין, ווי פינף פינגער אויף אַ האַנט, איינער קלענער פאַר דעם אַנדערן.

צום גליק איז מיר באַשערט געווען צו זיין דער סאַמע קלענסטער, אָבער דאָך דער סאַמע גרעסטער יחסן: ערשטנס, דער מיזיניק־יתומל און צווייטנס טאַקע — דער קראַנקער, ווייל שוין אויפן צווייטן יאָר פון מיין לעבן האָט זיך דער אינעווייניקסטער קאַמף צווישן דעם טאַטנס טובערקוליאָז־באַצילן און דער מאַמעס אַלמנה־מילך אַרויסגעריסן פון אינעווייניק אויף דרויסן, און כ׳בין באַדעקט געוואָרן מיט געשווירן,

בלאָטערן און ווונדן, וואָס נאָר ציגיינער און טאָטערן האָבן געוווּסט אַ שפּרוך צו זיי, אָבער נישט קיין היילונג.

נאָר ווער האָט מיך געקענט היילן אין אַכצנהונדערט ניינציקסטן יאָר ערגעץ-ווו אין אַ פּאַרוואָרפענעם שטעטעלע — דוקאָר (מינסקער גובערניע), ווו ס'איז קיין דאָקטאָר נישט געווען אויף אַ רפואה, און ווען ס'וואָלט אַפילו געווען אַזאַ, וואָלט סיי-ווי די מאַמע נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן.

אמת, די מאַמע איז געווען אַ קרעמערקע, האָט געהאַנדלט מיט לעדערוואַרג אויפן גאַנצן קאַנט און פאַרמאָגט אַוודאַי אויף אַ פּאָר הונדערט רובל סחורה אין שפּייכלער. אָבער באַלד נאָכן טאַטנס טויט האָט אַ שכן אונזערער, משה-בערלס, געעפנט פונקט אַזאַ קרעמל און געמאַכט דער מאַמען קאָנקורענץ. איז דער אַלמנה-עלנט געוואָרן נאָך גרעסער.

פלעגט מיך די מאַמע היילן מיט אירע טרערן און ברכות.

גראָד האָט די מאַמע מיינע געהייסן ברכה.

דער געטשקע

ווען כ'האָב זיך געהאַט געשטעלט אויף די פיסלעך (דאָס האָט געמוזט זיין אויפן זעקסטן יאָר פון מיין לעבן), איז שוין די שוועסטער מיינע געווען גענוג גרויס, זי זאָל העלפן דער מאַמען אין באַלעבאַטישקייט. זי פלעגט שוין יעדן פרייטיק וואַשן די קעפּלעך ביי די עלטערע ברידער, אויסער מיך, ווייל מיין קעפּל איז געווען גאָר אַן אַנדער מין קעפּל, און די מאַמע אַליין פלעגט עס שוין באַארבעטן...

ערשט דענסטמאָל האָב איך אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז כ'בין אין שטוב אַ שטיקל יחסן, אַז מיך טאָר מען נישט באַליידיקן, ווייל די מאַמע האַלט מיך שטרענג אונטער איר שוץ, אָבער נישט די שוועסטער און נישט די ברידער מיינע האָבן געפילט אַ וועלכע נישט איז קנאה אָדער פאַרביטערונג, ווייל אויך זיי האָבן באַגריפן, אַז איך בין טאַקע אַ שטיקל יחסן.

מער נישט די יידענעס, וואָס האָבן געוווינט מיט אונז אין שכנות, האָבן מיך געקרויינט מיט דער צונעמעניש „געטשקע", דאָס הייסט, אַז די מאַמע האַלט מיך פאַר אַן אָפּגאָט, בעת איך בין נישט

מער ווי אַ פליאַגע, אַ קאַליקע, וואָס ווען ער שטאַרבט באַצייטנס — וואָלט עס גוט געווען סיי פאַר מיר, סיי פאַר דער מאַמען...

איך האָב זיך אָבער איינגעשפּאַרט און בשום-אופן נישט געוואָלט שטאַרבן, כאָטש די מאַמע האָט שוין נישט איין ליכטל אויסגעברענט, היטנדיק מיין נשמה.

איך בין טאַקע געווען אַזאַ פליאַגע, אַז מען האָט מיך אַפילו נישט געקאָנט שיקן אין חדר צו פינף-זעקס יאָר, ווי מען פלעגט עס טאָן מיט די עלטערע ברידער מיינע. האָט די מאַמע איינגעלאַדן עפעס אַ זקן משה-הירש, וואָס האָט געהאַט גראָ-געלבע, צעפוילטע וואָנצעס פון צופיל טאַבאַק-שמעקן און פון צופיל נאָז-פייכטקייט, און ס'האָט געשטונקען פון אים, זאָל ער מיר מוחל זיין, מיט שוויים און אַלט-קייט. דאָך אָבער האָט ער מיך אויסגעלערנט דעם אַלף-בית און זאָגן ברכות און לייענען קריאַת-שמע און ווער ווייס, וואָס נאָך ער וואָלט מיך אויסגעלערנט, אָט דער משה-הירש, ווען ער גיט נישט פלוצים אַ שטאַרב אַוועק און באַקומט נאָכן טויט גאָר אַן אַנדער מין כוח אין זיך, און נעמלעך: שטאָט מיין רבי ווערט ער גאָר מיין רופא.

לאָזט זיך אויס, אַז דער דאָזיקער טויטער משה-הירש קאָן מיך אויסהיילן, אויב נאָר ער וועט מיך אַרומנעמען נאָכדעם, ווי מען האָט אים שוין געהאַט מטהר געווען. האָט מיך די מאַמע אַוועקגעפירט אויף בלאָצע-גאַס, וואָס אין עק שטעטל, ווו אין אַ חרוב הייזקע אָן אַ פאָד-לאָגע איז אויף דער הוילער ערד געלעגן מיין ר' משה-הירש מיט אַ שייט האָלץ צוקאָפּנס, און איינער אַ ייד פון חברה-קדישא האָט מיך, דעם זיבן-יעריקן געטשקע, צוגעפירט צום טויטן קערפּער, אויפגעהויבן זיינע בײדע צעבאַבעטע קאַלטע הענט און מיט שטעקלדיקע פינגער זיינע גענומען דראַפּען מיין פנים, האַלז און ברוסט.

פון דענסטמאָל אָן פיל איך, ווי דער טויט האָט זיך מיט זיין גאַנצער שרעק אָנגעהאָנגען אויף מיינע אַקסלען, און עד-היום איז מיר דער קאָפּ עטוואָס געבויגן צו דער ערד, ווי כ'וואָלט געטראָגן אויף זיך אַ שווערע משא.

די מאַמע פאַרקויפט מיך

די מאַמע מיינע האָט זיך נאָך נישט באַנוגנט מיט דער דאָזי-קער תרופה אַליין און, ליתר בטחון, האָט זי מיך נאָך פאַרקויפט

(אויף צו פלומרשט, נאַטירלעך), צו איינעם זייער אַ מזלדיקן ייד אין שטעטל, צו אליהו קאַראַבעווטשער. זיין מזל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיינע קינדער זענען תמיד אויסגעלייזט געוואָרן פון די „כאַפּערס" הענט, האָבן נישט געדינט אין סאָלדאַטן, און וואָס זיין הייזקע האָט נישט געהאַט אָפּגעברענט בעת דער גרויסער שריפה אין דאָרף-גאַס.

איז די מאַמע געקומען איינמאָל צו אליהו קאַראַבעווטשער מיט דער בקשה, ער זאָל ביי איר אָפּקויפן דעם מיזיניק אירן. זי האָט אים אויסגעדערציילט איר גאַנץ פאַראַלמנהוועט האַרץ, און ווי שווער סע קומט איר אָן צו דערהאַלטן מיין נשמה. על-כן וואָלט זי אים בעסער וועלן פאַרקויפן ביז בר-מצווה, און נאָכדעם וועט ער שוין, אם-ירצה-השם, לעבן אין זיין אייגענעם זכות...

אליהו קאַראַבעווטשער האָט זיך אַפּנים גלייך אָנגעשטויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ און נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער אַ פרעג געטאָן, וויפל אַן ערך וויל זי דאָס פאַר איר טייערער מציאָה. דערביי האָט דער אַלטער מיך געגעבן אַ קוק אָן פון קאָפּ ביז די פיס, ווי ער וואָלט ווירקלעך געוואָלט זיך איבערצייגן, צי כ'בין ווערט דאָס געלט, וואָס די מאַמע בעט פאַר מיר. אָבער די מאַמע, לאָזט זיך אויס, האָט קיין סך נישט אויסגעבעטן, סך-הכל פינף גראָשן זאָל ער געבן פאַר מיר.

ער האָט זיך מיט איר גאַנץ ערנסט אַ דונג-געטאָן, ביז סוף-כל-סוף מ'איז מושווה געוואָרן פאַר אַ דרייערל (דריי גראָשן), וועלכע ער האָט טאַקע במזומנים אויסגעצאָלט דער מאַמען מיינער.

דאָס דרייערל האָט די מאַמע גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער צדקה-פושקע פון מאיר בעל-הנס, און אליהו קאַראַבעווטשער איז גע-וואָרן מיין צווייטער טאַטע. אייגנטלעך האָט מיך נישט געאַרט, וואָס די מאַמע האָט מיך פאַרקויפט צו אַ פרעמדן יידן, ווייל געבליבן בין איך דאָך סיי-ווי-סיי ביי איר, אָבער ס'האָט מיך נאָר פאַרדראָסן, וואָס דער נייער טאַטע מיינער פאַרנעמט זיך מיט אַ מלאָכה בזויה — ער שינדט אָפּ די פעל פון די פאַרשידענע פגירות און תמיד שטינקט פון אים מיט נבלה, נאָך ערגער, ווי פון מיין רבין משה-הירשן (אַ ליכ-טיקן גן-עדן זאָל ער האָבן).

בין איך געוואָרן באַוואָרנט, הייסט עס, פון ביידע זייטן: פונם טויטן משה-הירש און דעם לעבעדיקן אליהו קאַראַבעווטשער, אַחוץ,

פאַרשטייט זיך, דעם אמתן טאַטן אין הימל, וועלכער איז געוויס אַ גוטער בעטער פאַר אונז אַלעמען.

דאָך האָט זיך די מאַמע מיינע איינמאָל אָנגעקלערט, אַז זי וועט מיך מיטנעמען אין דעם שכנותדיקן שטעטל סמילעוויטש, וווּהין זי פלעגט פאָרן צוליב מסחר, און ווו ס׳איז שוין געווען אַן אמתער דאָקטאָר.

— אַ דאָקטאָר קאָן דאָך, חלילה, נישט שאַטן... — האָט זיך די מאַמע ווי פאַרענטפערט פאַר די שכנות אונזערע. אָבער דער סמילעוויטשער דאָקטאָר איז געווען, קאָנטיק, אַ שונא-ישראל און ער האָט אָנגעשראָקן אַ יידישע אַלמנה, אַז דער מיזיניק אירער וועט סיי-ווי-סיי לאַנג נישט לעבן, און ס׳איז דעריבער אַ שאָד די רפואות מיט די היילעכצן. האָט די מאַמע נעבעך שטאַרק געוויינט, פאָרנדיק אויף צוריק אַהיים, שטיקנדיק אין זיך די טרערן, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט. ער האָט דאָך גערעדט שטרענג רוסיש.

האָב איך דער מאַמען געטרייסט אויף אַזאַ מין אופן:

— זיי רויִק, מאַמעלע, כל-זמן איך בין נאָך נישט געווען אין בערעזין, און כל-זמן איך האָב נאָך נישט חתונה-געהאַט — וועל איך נישט שטאַרבן. גיכער וועט דער דאָקטאָר שטאַרבן! אַט וועסטו זען!

די מאַמע האָט זיך שוין דענסטמאָל פונאַנדערגעוויינט אויפן קול.

די בעלע וואַטקע

דאָס שטעטעלע בערעזין (מיין טאַטנס געבורטס-אָרט) האָט גע-האַט פאַר מיר אַ גרויסע צוציִונגס-קראַפט צוליב אַ סך טעמים. ערשטנס האָב איך געוווסט, אַז אין יענעם שטעטעלע וווינען צוויי פעטערס מיינע (דעם טאַטנס ברידער) אין אַ הויז, וואָס דער זיידע מיינער האָט זיי איבערגעלאָזט בירושה. אויב אַזוי האָב איך דאָך עפּעס אויך אַ חלק אין אָט דער ירושה-שטוב, ווייל אַ דריטל האָט דאָך געהערט אויך צו מיין טאַטן, און וויבאַלד מיין טאַטע איז געשטאָרבן — איז אָט די ירושה אַריבערגעגאַנגען צו אונז יינגלעך, און איך האָב אויס-געחשבונט, אַז איך פאַרמאָג אייגנטלעך אַ פינפטל פון אַ דריטל און ווען איך ווייס, וויפל בערווינעס ס׳פאַרמאָגן די פיר ווענט און וויפל שינדלען דער דאַך — וואָלט איך זיכער געקענט אויסחשבונען וויפל בערווינעס און שינדלען עס געהערן אויך צו מיר — דעם מיזיניק. צוליב דעם טאַקע האָב איך נאָך נויטיק געמוזט זיין אין בערעזין.

אַחוץ דעם איז איינער אַ פעטער מיינער נאָך אַ בחור און ער האָט חשק, ווי כ׳האָב געהערט, צו חתונה האָבן מיט מיין איינציקער שוועסטער — זיי זאָלן ביידע נישט פאַרפאַרעמדט ווערן, — האָב איך ביי זיך פעסט באַשלאָסן, זיי אָפּצושענקען מיין חלק ירושה אין נדן אַריין און זאָלן זיי לעבן אַ טאָג.

צוליב דעם, אפשר, איז ביי מיר בערעזין געוואָרן שטאַרק פאַר־בונדן מיט חתונה־האָבן...

אחוץ דעם האָבן שוין אַ פּאָר עלטערע ברידער מיינע געלערנט אין בערעזין ביי איטשע דעם ראש־ישיבה, און דער עיקר — גע-געסן טעג...

מיין קינדערשער שכל האָט נאָך נישט גאַנץ באַנומען, וואָס הייסט עס „עסן טעג״? ס׳האָט מיך אַלץ געצויגן אין בערעזין אַ קוק טאָן, ווי די ברידער מאַכן דאָס. אָבער די מאַמע האָט מיך באַרויִקט, אַז ס׳איז ברוך־השם נישטאָ וואָס צו זען, מען עסט, מ׳שטיינס געזאָגט, ביי פרעמדע טישן. שפּעטער אַביסל האָב איך טאַקע אַליין פאַרזוכט דעם טעם פון עסן ביי פרעמדע טישן.

דאָס האָט די מאַמע פאַרטראַכט אַ ווייטע נסיעה אַזש קיין קיעוו, ווו ס׳האָט געוווינט עפּעס אַ שטיקל קרוב אונזערער — שיק, זייער אַ רייכער, און אַ סברא, אַז ער וועט אויסהעלפן דער מאַמען מיט אַביסל געלט אויף נדן און אויסשטייער פאַר מיין שוועסטער, וואָס גייט חתונה-האָבן מיטן פעטער.

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט מיטגענומען דעם שלימזל אירן, ווייל די קיעווער פּראָפעסאָרן, זאָגט מען, ווייזן וווּנדער.

האָבן מיר, געדענק איך, דורכגעמאַכט אַ לאַנגע און שווערע נסיעה אויף פורן און פּאַראַכאָדן, דורך באָברויסק, האָמליע ביז סאַמע קיעוו. אומעטום האָבן אונז די קרובים זייער גוט באַגעגנט, מיר האָבן געגעסן פון פרעמדע טישן (און ס׳איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, לאָזט זיך אויס), מיר זענען געשלאָפן אין פרעמדע בעטן און אַרומגעבלאָנקעט איבער פרעמדע גאַסן, און כ׳האָב דענסטמאָל דערזען, אַז אויסער דו-קאָר, סמילעוויטש און בערעזין פאַרמאָגט נאָך די וועלט אויך אַנדערע שטעט און שטעטלעך, און איבערהויפּט אַ טייך אַזאַ דניעפּער, וואָס איז אפשר צען מאָל ברייטער פאַר אונזער טייכל סוויסלאָטש און פאַרמאָגט אַזויפיל פּליטן, בערלינעס און פּאַראַכאָדן.

קיעוו אַליין איז אַפּנים די גרעסטע שטאָט אויף דער וועלט, אַז

נישט צו וואָס דאַרף זי האָבן אַזויפיל קלויסטערס מיט באַגילדעטע שפּיצן און אַזויפיל קראָמען?

אַ שאָד נאָר, וואָס איך האָב נישט געקאָנט באַטראַכטן די גאַנצע שטאָט, ווייל אויף מאָרגן שוין האָט מען אונז אַוועקגעפירט עפּעס אין אַזאַ מין שטעטל סלאָבאָדקע, וואָס אויף יענער זייט דניעפּר, ווייל אין קיעוו גופא, לאָזט זיך אויס, טאָרן מיר נישט שלאָפן...

דאָך אָבער זענען מיר אַ פּאָר מאָל געווען אין דער גבירישער דירה פון אונזער קרוב — שיק אויף קרעשטשאַטיק, און איינמאָל אויך ביי אַ באַרימטן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט מיך אויסגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס און ביי אַ האַלבער שעה אַוודאי געשאָקלט איבער מיר מיט זיין לאַנגער גראָער באָרד און געשוויגן.

וואָס די מאַמע מיינע האָט געפּועלט ביי דעם רייכן קרוב פאַר דער טאָכטער אירער — ווייס איך נישט. אָבער דאָס, וואָס זי האָט אויסגעפּועלט ביי דעם באַרימטן פּראָפעסאָר פאַר מיר, געדענק איך גאַנץ גוט: ס׳איז געווען אַזאַ מין געלע וואַטקעלע, וואָס אַז מען שטעקט זי אַריין אין נאָז — הערט אויף דאָס בלוט צו גיין.

און ביי מיר פלעגט זייער אָפט רינען בלוט פון נאָז!

די גרויסע גנבה

איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן, האָט זיך די מאַמע געקליבן אין שטאַל אַריין אויסמעלקן די בהמה, ערשט די פירהויזטיר איז פאַרשפּאַרט פון דרויסן, און די מאַמע קען בשום-אופן נישט אַרויס. האָט זי זיך מיט דער דאָנעטשע אין האַנט געלאָזט צו דער גאַס-טיר, נישט פאַרשטייענדיק, ווער אַן ערך האָט עס געקענט צוקלאַפּן די הינ- טערשטע טיר פון דרויסן? ווי גרויס איז געוואָרן דער מאַמעס שרעק, ווען אויך די גאַס-טיר האָט זיך בשום-אופן נישט געוואָלט עפענען, ווי זי וואָלט איבער אַ נאַכט צוגעפרוירן צו די אושאַקעס. האָט די מאַמע גענומען קלאַפּן פון פראָסט-באַקוויטלטן פענסטער צו די פרימאָרגיקע פאַרבייגייער — זיי זאָלן העלפן פון דרויסן עפענען די טיר. לאָזט זיך אויס, אַז ביידע טירן פון אונזער הויז זענען געווען פאַרלייגט מיט פלעקער — מען זאָל זיי בשום-אופן נישט קענען פון אינעווייניק עפענען. איז געוואָרן קלאָר, אַז ס׳איז אַ גנביש שטיקל אַרבעט און, ווי נאָר די מאַמע האָט געהאַט געכאַפּט אַ קוק צום שפּייכלער, ווי

ס'איז געלעגן אונזער ביסל סחורה, איז איר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. דער שפּייכלער איז געווען פּוסט, ווי מען וואָלט אים אָקאָרשט געהאַט אויסגעקערט מיט אַ בעזעם.

די גנבים האָבן אין משך פון דער לאַנגער ווינטערדיקער נאַכט באַוויזן אַרויסצוקלאַפּן פון פּאָדמור אַ הונדערט-פּודיקן שטיין און דורך דער געוואָרענער לאָך האָבן זיי זיך אַריינגעקליבן פריער אין פירהויז און נאָכדעם — אין שפּייכלער, פון וואַנען זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט ביז דעם לעצטן שטיקל לעדער.

איז געוואָרן, פאַרשטייט זיך, אַ מהומה איבערן גאַנצן שטעטל. אַ קלייניקייט עפּעס — ברכהקע די אַלמנה באַגנבעט, און אַ גאַנצן טאָג האָט זיך אַרום אונזער שטוב אַרומגעדרייט דאָס גאַנצע שטעטל, באַוווּנדערנדיק די גבורה פון די גנבים, וואָס האָבן געקאָנט אַזאַ מין שטיין אַרויסקלאַפּן פונם פּאָדמור אַרויס און מען זאָל גאָרנישט הערן.

— נישט אַנדערש, ווי זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ שלאָף אויף אייך! — האָט איינער, אַ זשוואַווע יידל, וואָס ווייס אַלץ, אַריינגעטענהט צו אונז.

— ס'איז שוין דאָ ביי זיי אַזאַ מין פּראָשעק, וואָס אַז זיי שיטן אים אַרויף אויף אַ פענסטער, קאָן מען פון אים איינשלאָפן, ווי פון אַ שלאָף-טרונק. — האָט ער נאָך אַלץ געטענהט צו דער מאַמען מיינער, ווי ער וואָלט זיך דערמיט וועלן טרייסטן. אַ צווייטער ייד, יואל דער שוסטער, אַ גרויסער גוטער פריינד אונזערער און נאָך אַ גרעסערער הוסטער, האָט געהאַלטן אין איין אויסמעסטן די שפּורן פון די גנבישע טריט, וואָס זענען פאַרבליבן אויפן שניי, און באַשלאָסן נישט אַנדערש, אַז ס'איז יאַקובקע דעם שמידס אַרבעט.

— נאָר יאַקובקע דער שמיד האָט אַזעלכע שטיוואַלעס, ווי די דאָזיקע! — האָט יואל דער שוסטער פּרובירט דער מאַמען צו באַרויקן.

— מען דאַרף אָקאָרשט זוכן ביי יאַקובקען...

דער אוראַדניק אַליין האָט זיך ברייטלעך פונאַנדערגעלייגט מיט זיינע פּאַפּירן אויפן טיש און געהאַלטן אין איין שרייבן דעם פּראָטאָקאָל. עפּעס האָט זיך אונז אַלעמען געדוכט, אַז ווען דער אוראַדניק וועט שוין האָבן אָנגעשריבן דעם גאַנצן פּראָטאָקאָל, וועלן אַלע געהאָלפן ווערן. ער האָט דאָס געטאָן אַזוי ערנסט און מיט אַזאַ חשיבות און געלאַסנקייט, פּונקט ווי די גאַנצע גנבה וואָלט געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, כדי ער, דער אוראַדניק, זאָל האָבן נאָכדעם וואָס צו

ברכה טשאַרני — די מאַמע

געשטאָרבן ב׳ ניסן תרע״ט

שרייבן, וואָס צו חתמענען און וואָס צו זוכן און פאַרטרייבן פון זיך און פון שטעטל דעם ווינטערדיקן אומעט.

אַפילו מיר אַליין, געדענק איך, איז אין יענעם טאָג אויך געווען זייער פריילעך. איך האָב זיך עפּעס געפּילט מעשה-העלד און געהאַט הנאה, וואָס דער אוראַדניק אַליין זיצט אַזוי ברייטלעך אין שטוב ביי אונז, און איך קאָן גאַנץ גענוי באַטראַכטן די עפּאָלעטן זיינע, די שווערד און איבערהויפּט די צוויי לאַנגע שפּיציקע וואָנצעס זיינע, וואָס האָבן אויסגעזען אויף זיין קיילעכדיקן פּנים, ווי צוויי ווייזערס אויף אַ זייגער, ווען ס'איז דרייפערטל דריי.

אָבער ווי נאָר כ'פלעג זיך אָפּדרייען פון דעם אוראַדניק צו דער מאַמען — פלעגט מיר ווידער ווערן זייער שפּלדיק אויפן האַרצן און ס'פלעגט זיך מיר פאַרגלוסטן וויינען.

— וואָס וועל איך איצטער טאָן מיט אייך, יתומימלעך מיינע! — האָט די מאַמע אַריינגעטענהט צו אונז, קינדער, און קיינער פון אונז האָט איר נישט געקענט ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע... דער כעס מיינער אויף מאָשע בערלס, הלמאַי ער האָט געעפנט פונקט אַזאַ קרעמל, ווי דער מאַמעס און געמאַכט איר קאָנקורענץ, איז ביי מיר געוואָרן נאָך שטאַרקער, און עס וואָלט מיך דענסטמאָל אַ האָר נישט געאַרט, ווען מען גנבעט אַוועק אויך זיין קראָם, ער זאָל נישט קאָנען מער האַנדלען, אָט ווי די מאַמע מיינע!

און די בהמה, געדענק איך, האָט פון שטאָל-אַרויס אַזוי רחמנות-דיק געמוקעט, ווי זי וואָלט מיטגעפילט דעם גרויסן צער אונזערן.

זי איז, נעבעך, געבליבן דעם גאַנצן טאָג נישט קיין געמאָלקענע...

אָשר דער מלמד

נאָך דער גרויסער גנבה, האָבן שוין אויך די אַנדערע צוויי ברידער מיינע געמוזט, נעבעך, פאַרלאָזן די היים און אַוועקפאָרן ער-געץ עסן טעג.

ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי מ'זאָל זיי אַוועקשיקן אויף קיין בערעזין, ווו די גאָר עלטערע צוויי ברידער זענען געווען, אָדער אין מינסק, ווו מיר האָבן אויך געהאַט גאַנץ רייכע קרובים, איבער-הויפּט די קאַבאַקאָווס, וואָס האָבן געשמט אויפן גאַנצן קאַנט מיט זייערע וואַלד-געשעפטן.

אָשר דער מלמד האָט צוגערעדט די מאַמען, זי זאָל די אַנדערע צוויי קינדער אירע, מולייען און באַניען, אוועקשיקן בעסער אין מינסק, אין דער באַרימטער גרעזעלן-שול, ווייל פון די דאָזיקע צוויי קינדער, האָט אָשר מלמד געטענהט, וועט זי, אם ירצה-השם, דערלעבן נחת.

בכלל איז אָשר מלמד געווען דער צווייטער טאַטע אונזערער. ער האָט גלייך נאָך דעם טאַטנס טויט איבערגענומען די אַפּוטרופּסות איבער וועלוולס יתומים, ווייל וועלוול איז געווען דער בעסטער פריינד און חבר זיינער, מיט וועלוולען פלעגט ער צוויי מאָל אין יאָר פאָרן צו דעם ליובאַוויטשער העלן תּורה, און נאָכדעם חוזר זיין די תּורה פאַרן גאַנצן שטעטל אין די שבתּענאַכטסן ביים רב אין שטוב, אָדער בין מנחה למעריב אין שול.

— זיי רויק, ברכהקע, דיינע קינדער זענען מיר פּונקט אַזוי טייער, ווי די מייניקע, און איך וועל זיי מדריך זיין, ווי ס'דאַרף צו זיין... — פלעגט ער אָפט טרייסטן די מאַמע מיינע, און אָשר מלמד, וואָס האָט געהאַלטן אַ חדר נאָר פאַר גמרא-ייִנגלעך, פלעגט טאַקע אַריינעמען צו זיך מיינע ברידער. נאָך איידער זיי האָבן געווען דורכגעמאַכט די דרדקי מלמדים, אַברהם-לייב און אַריה-לייב, ווייל נישקשה, ברכהקעס קינדער וועלן שוין אָניאָגן...

שכר-לימוד פלעגט אים די מאַמע אויסצאָלן מיט שטיוול און שיך פאַר דער משפּחה זיינער. אָשר מלמד אַליין האָט ליב געהאַט שאַגרינעווע שטיוועלעך מיט ווייכע כאָליעווקעס — זיי זאָלן זיך קנייטשן פון זיך אַליין, און די מאַמע, געדענק איך, פלעגט עקסטרע פון מינסק אַראָפּברענגען פאַר ר' אָשרן אַזעלכע מיני שטיוועלעך.

כ'האָב זייער ליב געקריגן אָט דעם ר' אָשרן. אויסער דעם, וואָס ער איז געווען דער אַפּטרופּס איבער מיינע עלטערע ברידער — איז ער גלאַט געווען אַ פריילעך יידל.

נאָך מערער, ער איז אַפילו געווען אַ שטיקל קרוב מיינער, אָבער טאַקע מיינער אַליין און נישט די ברידערס, ווייל ר' אָשר איז דאָך געווען אַן איידעם פון אליהו קאַראַבעוועטשער, צו וועלכן די מאַמע מיינע האָט מיך געהאַט פאַרקויפט פאַר אַ דרייערל, און מיך האָט שוין נישט געאַרט, וואָס דער נייער טאַטע מיינער פאַרנעמט זיך מיט אַ מלאכה בזויה (אָפּשינדן פגירות), ווייבאַלד דער איידעם זיינער איז אָשר מלמד.

איבערהויפּט פלעגט מיט אים פריילעך זיין, מיט ר׳ אָשרן, ווען ער פלעגט מאַכן אַ לחיים. אַ לחיים פלעגט ר׳ אָשר מאַכן ביי יעט־וועדער געלעגנהייט. עס קומט צו פאָרן דער משולח פון ליובאַוויטש, ר׳ שילעס — דאַרף מען מאַכן אַ לחיים. ס׳איז דער יאָרצייט נאָך דעם אַלטן רבין — דאַרף מען מאַכן לחיים. ט״ו כסלו, חמשה עשר בשבט, פּורים, שמחת בית השואבה, און ווער רעדט נאָך — שמחת־תורה האָט דאָך גאָט אַליין געהייסן מאַכן אַ לחיים, און דענסטמאָל פלעגט שוין גאַנץ שטעטל גיין כאַדאָראָם.

שמחת־תורה פלעגן אָשר מלמד מיט זושע, דעם שמש, גיין פון שטוב צו שטוב מיט גרויסע טאָרבעס אויף די אַקסלען און נישט גע־פרעגטערהייט פלעגן זיי אַריינקריכן אין די אויוונס אַריין, אַרויס־שלעפּן די פעטע קוגעלעך און מיט די טעפּלעך צוזאַמען אַריינוואַרפן זיי אין די טאָרבעס אַריין און נאָכדעם ערשט אויפן מיטן מאַרק גע־טיילט זיך מיט כל־ישראל, וואָס האָט בגילופנדיק געהאַלטן אין איין זינגען צאן קדשים... מע... מע...

אין די וואָכעדיקע ניכטערע טעג פלעג אָשר מלמד האָבן אַ טבע אַרומצוגיין איבער די גאַסן און רעדן מיט זיך אַליין. דערביי פלעגט ער מאַכן זייער טשעקאַווע העוויות מיט די הענט, ווי די מחשבות זיינע וואָלטן אים געשפּרונגען פון די פינגער אַרויס, צו וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איין אַריינטענהן.

מיין מאַמע פלעגט זאָגן, אַז פּונקט אַזוי פלעגט אָשר מלמד פאַרברענגען מיט דעם טאַטן מיינעם, נאָר אַזוי ווי דער טאַטע מיי־נער איז דאָך, אונז צו לענגערע יאָר, אַ שוכן־עפר — רעדט ער שוין, ר׳ אָשר, צו זיך אַליין.

פלעג איך נאָך גרעסערן דרך־ארץ קריגן פאַר אָט דעם ר׳ אָשרן, וואָס פלעגט נאָך, קאָנטיק, אַלץ חקירהן זיך מיטן טאַטן מיינעם, כאָטש ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און אויך די מאַמע מיינע האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר ר׳ אָשרן, און זי האָט טאַקע געפאָלגט זיין עצה, אַוועקצושיקן די אַנדערע צוויי קינדער אירע אין מינסק: איינעם אין דער געזעלן־שול, און דעם צווייטן — אין דער טאַטערשער שול.

אַגב, איז מינסק פאָרט נעענטער איידער בערעזין, סך־הכל פינף מייל, און מען קען זיך אָפטער זען און אָפטער צושיקן אַ פּעקעלע, אויב נאָר גאָט וועט העלפן און עס וועט זיין וואָס צו שיקן...

אַזוי־אַרום איז די מאַמע פאַרבליבן מיט דער בת־יחידקע, דאָס כלה־

מיידל און מיטן מיזיניק — דעם פלאַגע, אָדער געטשקע, ווי די שכנות פלעגן מיך רופן.

דער שוועסטערס תּנאָים

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס נאָך דער גרויסער גנבה איז די מאַמע געוואָרן נאָך אַ גרעסערע קבצנטע, ווי געווען, און האָט זיך געקערעוועט מיט גמילות־חסדים־לעך, וואָס זי פלעגט כאַפּן ביי די עט־לעכע גוטהאַרציקע יידן פון שטעטל פאַר פּראָצענט און אָן פּראָצענט, דאָך האָט זיך מיין בערעזינער פעטער אַלץ נישט אָפּגעזאָגט פון מיין שוועסטער און ער איז איינמאָל אַראָפּגעפאָרן אין דוקאָר, פּערזענלעך איבערגעבן די הסכּמה זיינע אויפן שידוך.

די מאַמע מיינע, געדענק איך, איז געוואָרן זייער צעטומלט פון אָט דעם אומגעריכטן וויזיט, ווייל דער פעטער איז גאָר אייגנטלעך געפאָרן אין מינסק נאָך סחורה, נאָר אַז מען פאָרט שוין קיין מינסק דורך סמילעוויטש, וואָס ליגט סך־הכּל צען וויאָרסט פון דוקאָר — האָט ער זיך שוין אַראָפּגעכאַפּט צו אונז פּערזענלעך אָפּרעדן וועגן אַלע ענינים.

קודם־כּל האָט די מאַמע מיינע אַוועקגעשיקט אַ שכנה אונזערע צו עלקע אַריה־יצחקס — די אַריסטאָקראַטקע פון אונזער שטעטל, און געליען ביי איר דעם סאַמאָוואַר. אייגנטלעך האָבן מיר אַליין אויך פאַרמאָגט אַ גאַנץ פיינעם סאַמאָוואַר, וואָס פלעגט זייער גיך אויפקאָכן, אָבער ס׳איז שוין געווען, קאָנטיק, אַ מנהג אַזאַ, אַז ווען מ׳זעט זיך מיט אַ חתן — דאַרף מען ליייען אַ לייטישן סאַמאָוואַר... אַגב, האָט פון אונזערן תּמיד געקאַפּעט פון קראַן, און ס׳פלעגט אים נישט העלפן אַפילו די געלע וואַטקע, וואָס איך פלעג אים שטופּן אין נעזל אַריין...

עלקע אַריה־יצחקס סאַמאָוואַר מיטן אויסגעפּוצטן בייכל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין בלאָזן פון זיך, ווי ער וואָלט געוויכערט צוויי לולקעס מיטאַמאָל... האָט טאַקע צוגעגעבן מער גדלות דעם טיש אונזערן.

איך אַליין האָב זיך אַלץ אַרומגעדרייט צווישן דעם סאַמאָוואַר און דעם פעטער, און געחלשט עפּעס אַ זאָג צו טאָן אים. איך האָב דאָך געהאַט אַזאַ גוטע בשורה פאַר דעם פעטער מיינעם און כ׳האָב אַלץ געציטערט, אַז די מאַמע מיינע זאָל, חלילה, נישט פאַרגעסן דאָס אים איבערצוגעבן.

די בשורה מיינע איז, אייגנטלעך, באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך שענק אים אָפּ מיין חלק ירושה, וועלכן איך האָב אין דער בע־רעזינער שטוב, ווו ער וווינט, און זאָל ער נישט מיינען, חלילה, אַז ער קריגט נישט קיין נדן. אָבער דעם פעטער מיינעם האָט, קאָנטיק, גאָרנישט געאַרט וועגן דעם נדן. ער האָט געהאַלטן אין איין רויכערן און טראַקטירן מיט פּאַפּיראָסן דעם יום־טובדיק־געשטימטן ר׳ אָשרן און צאַלע דעם רבס, וואָס האָט זיך זייער אינטערעסירט וועגן פּאָליטיקע, און מיין פעטער מוניע האָט געהאַלטן אין איין דערציילן פון דעם אַלץ, וואָס ער האָט זיך געהאַט אָנגעהערט אין בערעזין און אין מינסק.

ווען כ׳האָב סוף־כּל־סוף דערהערט, אַז די חתונה וועט זיין, אם ירצה־השם, שבת נאָך שבועות — איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

פון דעם מאָמענט אָן איז די שוועסטער מיינע, מירל, אויסגע־וואַקסן אין מיינע אויגן. זי האָט שוין אויפגעהערט צו שרייבן פאַר די דוקאָרער כלה־מיידלעך די ליבע־בריוו, ווי זי פלעגט עס טאָן ביז איצ־טער, ווייל זינט דער פעטער איז אָפּגעפאָרן צוריק אין בערעזין, האָט זי שוין געמוזט שרייבן אירע אייגענע כלה־בריוו.

פון די אַדרעסן אירע, וואָס זי פלעגט אויסצירקלען אויף די בלויע קאָנווערטן, האָב איך זיך דערוווסט, אַז דער זיידע מיינער האָט געהייסן יעוועליאָוויטש (פונם וואָרט יואל), ווייל דער פעטער מיינער האָט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל שרייבן דווקא סאַמועלו יעוועליאָ־וויטשו טשאַרנאָמו אין מעסטיעטשקאָ בערעזינאָ, ווייל אין בערעזין, לאָזט זיך אויס, זענען פאַראַן נאָך עטלעכע שמואל טשאַרניס, און די בריוו אירע קאָנען, חלילה, אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט.

האָב איך געצוימען ציילן די טעג און וואָכן ביז שבת נאָך שבועות (ס׳איז געווען ערב פּסח), און איך בין געווען אויפן זיבעטן הימל, וואָס די שוועסטער מיינע איז טאַקע אַן אמתע כלה, בעת פראַדע, דער מומע חיהס, וועלכע איז פאַר מיין שוועסטער עלטער מיט אַ פּאָר יאָר, איז נאָך אַ מיידל.

— אהאַ!

מיינע מומעס

די מומע חיה איז מיר, אייגנטלעך, געווען אַ מומע דערפאַר, ווייל זי האָט חתונה־געהאַט מיט מיין פעטער פייטל, דער מאַמעס אַ ברודער. אָבער דער פעטער פייטל איז אין עטלעכע יאָר נאָך דער

חתונה געוואָרן אַ מין פּרוש. ער האָט זיך פאַרשטעקט אין איינעם פון די הינטערשטע צימערלעך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אין אַ ווילד-פאַרוואַקסענעם גאָרטן, און זיך אָפּגעשיידט פון ווייב און קינד, פון קראָם און שול, און במילא אויך — פון גאַנצן שטעטל. האָט אים ס'שטעטל אַ נאָמען געגעבן „פייטל דער מלאך", און קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס אַן ערך מיין פעטער פייטל טוט גאַנצענע טעג איינינקער אַליין אין דעם האַלב-טונקעלן צימער...

דאָך אָבער האָט ער אין די ערשטע האָניק-יאָרן באַוויזן צו באַשענקען זיין ווייב מיט דריי קינדער, אַ בכור און צוויי טעכטער, וואָס איינע איז געווען ביז גאָר אַ גערעטענע, און די אַנדערע ביז גאָר אַ תמעוואַטע, צווישן אונז גערעדט, אַ צעדרייטע...

אַז מ'פלעגט זי בעטן אָנשרייבן אַ ציפער 9, פלעגט זי אָנהויבן פון 1, 2, 3, ביז זי פלעגט דערגיין צום 9, אָבער אָנשרייבן דעם ציפער 9 לכתחילה, איז זי, נעבעך, נישט געווען בכוח. די מומע חיה איז דווקא געווען שטאָלץ סיי אויף איר מאַן, סיי אויף איר טאָכטער, ווייל גאָטס וואָרט פלעגט טריפן פון זייערע ליפּצן. — אַזוי פלעגט טענהן די מומע חיה, וואָס איז געווען זייער פרום, אָבערגלויביש, און פלעגט אַכטונג געבן, עס זאָלן נישט זיין קיין חטאים אין שטעטל, פון וואָס קליינע קינדער שטאַרבן.

מיין אַנדערע מומע, די מומע איטקע, אַ לייבלעכע שוועסטער פון מיין מאַמען, האָט געוווינט אין טייך-גאַס, מיטן פעטער ישעיה גרונטפעסט, אַ ייד אַ משכיל, אַ חקרן, און צייטנווייז אפילו אַן אַפּיקורס. ער פלעגט תמיד רעדן פון וועלטלעכע ענינים און דערביי מיושבדיק גלעטן זיין ברייטע, לאַנגע, און שוין גרויע באָרד. מיין מומע איטקע האָט פאַרמאָגט דריי זין און פיר טעכטער, אָבער די מיזינקע, רחל, האָט געקרענקט אויף געלזוכט. אַ סברא, אַז זי האָט געהאַט אַ גרויסן מילץ, און מען פלעגט זי האַלטן אין איין ראַטעווען. מיך אָבער האָט געצויגן צו דער מומע איטקען, ווייל אין שטוב ביי זיי איז געווען זינגערס אַ פוס-מאַשין, די איינציקע פוס-מאַשין אין גאַנץ דוקאָר (אויסער, נאַטירלעך, וואָס ביים שניידער), און איך האָב מיך זייער פאַראינטערעסירט מיט די טשעקאַווע רעדלעך און שרייפלעך. ס'איז מיר אָבער נישט באַשערט געווען צו דערגרונטעווען זיך ביזן סוף אין דעם שכל פון אָט דער מאַשין, ווייל פלוצים גאָר איז די גאַנצע

משפחה גרונטפעסט אַרויסגעפאָרן אין מינסק, ווו מיין פעטער ישעיה איז געוואָרן אַ שטאָט-סאַרסער.

איז מיר נאָך אין דוקאָר פאַרבליבן די דריטע מומע — די מומע טויבע, וואָס האָט געוווינט אין אַ האַלב-פריצישער שטוב אין דער סאַד-גאַס מיט אירע פיר דערוואַקסענע זין. די מומע טויבע אַליין איז געווען אַ געלערנטע און אַ בר-דעת. זי האָט געקאָנט אויף אויס-ווייניק דעם מנורת-המאור, דעם „צאינה וראינה״, מעשה-אַלפס און אַלע שרה בת טובימס תחינות. זי פלעגט שיטן מיט פסוקים און ווערטלעך, ווי מיט אַרבעס און באָב פרייטיק נאָך וועטשערע.

דער מאַן אירער, חיים קרוטאָפּיי (אַ צונעמעניש, ווייל ער האָט תמיד געהאַלטן אין איין אַריינדרייען די פאות אויף אינעווייניק, זיי זאָלן זיך נישט אַרומבאָמבלען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין), איז געווען אַ וואַלד-מענטש. ער האָט כל ימיו געמאָסטן און געשאַצט די וועלדער פון די מינסקער סוחרים קאַבאַקאָווס, און ער פלעגט קומען אין דוקאָר נאָר אויף די גרויסע יום-טובים.

פלעגט די מומע טויבע לעבן אויף אַלעם פאַרטיקן און אויס-טראַכטן כלערליי טשעקאַווע מאכלים, וואָס נאָר אין די גרויסע שטעט עסט מען זיי. די מומע טויבע האָט, אַגב, געהאַט אַ שוואַכקייט צו געזאַלצנס, און פאַר יעדן מיטאָג פלעגט זי אויפעסן אַ געזאַלצענעם הערינג, און דערביי זיך אַ ווערטל טאָן:

— דאָס שיק איך אַ דעלעגאַט אין מאָגן, צו פרעגן, וואָס וויל ער נאָך?

איין חסרון האָט די מומע טויבע געהאַט, וואָס זי איז געווען, נעבעך, נישט גאָר קיין שיינע, און די מאַמע מיינע האָט מיר דער-ציילט, אַז ווען ס'פלעגן קומען מחותנים זען זיך מיט איר — פלעגט מען דער מאַמען מיינער פאַרשטעקן אין אַ הינטערשטן חדר — חתנס צד זאָל זי נישט דערזען. אַזאַ שיינע איז זי געווען, די מאַמע מיינע!

די שבתצונאַכטסן פלעג איך שוין פאַרברענגען ביי דעם רב משה טשאַרני, וואָס איז מיר געווען אַן עלטער-פעטער, און וואָס האָט מיך געהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ. אין אָט דעם רבס משפחה האָב איך זיך געפילט היימישער, ווי ביי אַלע מומעס מיינע. ס'איז געווען אַ פולע שטוב מיט יונגוואַרג, וואָס האָט געשטיפט און געלאַכט. אָבער שבת, בין מנחה למעריב, פלעגן זיך צום רב אין שטוב פאַרזאַמלען אַ פאָר מנינים יידן, הערן תורה. נישט נאָר תורה אַליין, נאָר אויך

ניגונים, דעם ליובאַוויטשערס ניגונים פלעגן געזונגען ווערן מיט אַזאַ ברען און התלהבות, אַז אפילו מיר, יינגלעך און מיידלעך, פלעגן פאַרציטערט ווערן.

איינקע ניגונים האָבן זיך נאָך עד-היום איינגעקריצט אין מיין נשמה, און אַ שאָד, וואָס איך קאָן זיי דאָ נישט איבערזינגען.

אין די דאָזיקע שבתעצונאַכטסן, פלעגט זיך מיר דאַכטן, נידערט אַראָפ מיין טאַטנס נשמה צו אָט דעם פאַרטונקלטן, רבנישן חדר, און ער זינגט-מיט מיט אַלע אַנדערע חסידים, געוועזענע חברים זיינע. ס׳פלעגט מיר ווערן, געדענק איך, זייער סומנע, ווען כ׳פלעג דאַרפן מיט דער מאַמען נאָך הבדלה אומקערן זיך אַהיים דורך דעם צמענטאַר, וואָס איז געלעגן אין סאַמע מיטן שטעטל. אויף דעם דאָזיקן צמענטאַר זענען נאָך געשטאַנען עטלעכע מיט מאָך באַוואַקסענע שטיינער, וואָס קיינער האָט שוין בשום-אופן נישט געקאָנט אויסלייענען פון זיי, ווער אָן ערך ס׳איז דאָ אַמאָל באַגראָבן געוואָרן, און ס׳איז אַ סברה, אַז יעדן צוועלף ביינאַכט קלויבן זיך צונויף אַלע מתים פון דעם צמענטאַר אין דער דערבייאיקער שקאָלע אַריין (די זעמסקע שול) און זיי טרייבן דאָרט קאַטאָוועס. נישט איין דוקאָרער ייד האָט שוין געמערקט, ווי פונקט צוועלף אַ זייגער ווערט דאָרטן ליכטיק, ווי אויף אַ באַל, און ווייבערשע פאַרשוינצן ווינקען פון די פענסטער אַרויס צו יעדן פאַרבייגייער. איך פלעג תמיד צומאַכן די אויגן, ווען כ׳פלעג מיט דער מאַמען אין אַזאַ מין שבתעצונאַכטס דורכגיין דעם צמענטאַר.

שפּעטער אַביסל האָב איך זיך שוין נישט מער געוווּנדערט, הלמאי בענטשע-מאַטע-בערעזשאַנקערס אַ בחורל פון אַ יאָר אַכצן, שמירט אויס מיט דזעגעכצן זיינע נייע קאַלאָשן — דער גלאַנץ זאָל אים נישט האַקן אין פנים אַריין. ער ווינט פונקט אַנטקעגן דעם צמענטאַר, און אַ סברא, אַז עפּעס אַ מת האָט אים איינמאָל שפּעט ביינאַכט אַ ווונק געטאָן פון שקאָלע, און ער איז געוואָרן אַ מרה-שחורהניק אויף אייביקע יאָרן.

דער שוועסטערס חתונה

מיין שוועסטערס חתונה איז געווען ביז גאָר אַ געהויבענע. גאַנץ דוקאָר איז געגאַנגען כאַדאָראָם. מיין פעטער, און צו דער זעלביקער צייט מיין צוקונפטיקער שוואָגער. האט זיך קענטיק, באַנוגנט

מיטן חלק ירושה, וואָס איך האָב אָפּגעשענקט מיין שוועסטער אין נדן, און ער האָט מער קיין קאָפּיקע געלט נישט גענומען. פאַרקערט, ער האָט נאָך אַליין אָנגעבראַכט מתנות אין שטוב אַריין, און אויפן טיש אויסגעשטעלט צוויי מאות פּאַפּיראָסן — זאָל דער עולם רויכערן.

איך אַליין האָב נאָך נישט גערויכערט, דאָך האָב איך צוגעצויגן עטלעכע פּאַפּיראָסן אויף באַרימען זיך אין חדר און נאָכדעם זיי אָפּגעשענקט דעם רבין.

צו דער חתונה זענען, פאַרשטייט זיך, אָנגעפאָרן אַלע מיינע ברידער פון בערעזין און פון מינסק און אַפילו דער פעטער פייטל אַליין, אָדער „פייטל דער מלאך", וואָס איז שוין צוואַנציק יאָר נישט געווען אַרויס מפתח-ביתו, האָט באַוויליקט אַרויסצושפּאַצירן מיט זיינע געשוואָלענע פיס צום שול-הויז, און זיין ביי דער חופּה.

אשר מלמד און זושע דער שמש האָבן דעם פעטער פייטלס ערשיינונג אויסגעטייטשט פאַר אַ גוטן סימן, און אויף דעם סמך האָט ביי דער חופּה-וויעטשערע אשר-מלמד אָנגעשמירט גאַנץ דיק אַ לוסטע חלה מיט זענעפט, מיינענדיק, אַז ס'איז האָניק, און זושע דער שמש האָט אים אונטערגעטראָגן צו פאַרטרינקען אַ זיסע גלאָז טיי, וועלכע ר'האָט אויסגעמישט דווקא מיט אַן עק פון אַ הערינג..."

שבתענאַכטס (ס'איז געווען שבת נאָך שבועות) האָט האַלב-שטעטל באַגלייט אַ שווער-באַלאָדענע פור צום בערעזינער טראַקט — דאָס האָט מיין פעטער צוגענומען מיין שוועסטער צו זיך אַהיים.

אין יענעם שבתענאַכטס האָט זיך די מאַמע מיינע, געדענק איך, אַריינגעוואָרפן צו מיר אין בעט אַריין, און מיט געזאַלצענער פליסיקייט באַטרערט מיין פאַרסקראָפּלטע לייב, און דערפאַר האָב איך איר באַפּוצט מיט רויטע פלעקן אַ האַלבע העמד און אַ גאַנצע ציכל. — ס'איז מיר גראָד דענסטמאָל געווען אויסגעגאַנגען די געלע וואַטקע פון קיעוו...

דער אוצר

בין איך פאַרבליבן, הייסט עס, מיט דער מאַמען איינס אויף איינס. איך פלעג זיך תּמיד האַלטן ביי איר פאַרטוך און טאָן מיט איר אַלע ווייבערשע מלאכות: אָפּראַמען די שטוב, וואַשן די געפעס, וועלגערן אַ בלאַט לאָקשן, און אויסשלאָגן אַ שטיקל פּוטער פון דער צוגורין געקליבענער סמעטענע.

איך פלעג איר אָבער אויך העלפן אין געשעפט: אַראָפּשניידן די אויערלעך פון די אָסאָסקעס (קעלבערנע פעלעכלעך), אָנשפּאַלטן שפּענדלעך, אויף אַריינצושטעקן זיי אין די פעלעכלעך אַריין — זיי זאָלן זיך בעסער טריקענען, און אָפטמאָל אויך פאַרקויפן אַ שוסטער אַ פּאָר פּאָדנאָסקעס, אָדער אַ פּעקל הילצערנע טשוועקלעך, ווען די מאַמע פלעגט אין שטוב נישט זיין. זייער אָפט פלעגט דער מאַמען אויסקומען אַרומלויפן איבערן שטעטל נאָך גמילת-חסדים. זינט ס'איז געווען די גרויסע גנבה, האָט די מאַמע געהאַלטן אין איין אַרומלויפן זוכן עטלעכע רובל אויף אויסצוקערעווען זיך.

אמת, די גנבה האָט מען שפּעטער אַ ביסל אָפּגעזוכט אין אַ שכנותדיקן דאָרף ביי אַ פּויער סאַלקע, אָבער דעם פּויער גופא האָט מען נישט געקאָנט פּאַקן. האָט מען די אָפּגעזוכטע גנבה פּאַרפּאַקט אין צוויי זעק און אָפּגעלייגט אין קאַנצעלאַריע, ביז ס'וועט קומען דער פּריסטאַוו, און מען וועט פעסטשטעלן, צי ס'איז טאַקע דער מאַמעס סחורה. אָבער אין דער זעלביקער נאַכט האָט מען די סחורה ווידער אַמאָל אַרויסגעגנבעט שוין פון אוריאַדניקס קאַנצעלאַריע גופא, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דער אוריאַדניק אונזערער באַקומען אַ ברי-וועלע פון סאַלקע דעם גנב, אַז ער איז שוין אויף יענער זייט גרע-נעץ, און אַז ער שטעלט אַרויס אַ גרויסע פּייג נישט נאָר דעם או-ריאַדניק אַליין, נאָר אויך דעם פּריסטאַוו און דעם סליעדאָוואַטעל, און נאָך און נאָך אַלץ העכערע און העכערע, אַז מען האָט שוין נישט געטאָרט זייער נאָמען דערמאָנען. איז שוין די מאַמע געווען צופרידן, וואָס מען האָט זי צורו געלאָזט מיט דער גנבה...

אָבער דער דלות איז געוואָרן נאָך גרעסער, און די איינציקע האָפענונג דער מאַמעס פלעגט זיין אויף דעם יאַריד, וואָס קומט פאָר יעדן חודש אין דוזשיץ — אַ דאָרף דריי מייל פון דוקאָר. ערב אָט דעם יאַריד פלעגט די מאַמע אַרומלויפן, ווי אַ פאַרסמטע פון שטוב צו שטוב נאָך גמילת-חסדים אויף אויפצוקויפן אַ ביסל סחורה.

אַפילו יונה דער כהן, דער גרעסטער גביר, און דער גרעסטער קמצן אין שטעטל, פלעגט דער מאַמען לייען אַ גאָלדערנע פּינפרובל-דיקע אויף אַ גאַנצער וואָך אָן קיין שום פּראָצענט. ער פלעגט אָבער האָבן, אָט דער יונה, אַ מיאוסע טבע, שוין אויף מאָרגן נאָכדעם, ווי ער האָט איר געהאַט געליען די פּינפרובלדיקע אויף אַ גאַנצער וואָך, אויסשרייען אויפן מיטן מאַרק צו דער מאַמען בזה הלשון:

— וואָס, ברכה, דו רעכנסט טאַקע מיר די פינגפּרובלדיקע נישט אָוועקצוגעבן ?

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ יונה, איר האָט זי מיר דאָך ערשט נעכטן געליען... — פלעגט די מאַמע בלייבן שטיין, ווי אַ באַגראָבענע, אין מיטן מאַרק...

— אַבי כ׳האָב געמיינט, ס׳איז שוין אַ וואָך ! — פלעגט יונה אויסגראַגערן אויף זיין פויערישער שטים, און די מאַמע פלעגט, נעבעך, וויינען אין שטוב אויף איר ביטערן מזל.

דערפאַר אָבער, אַז די מאַמע פלעגט זיך יעדן פערטן זונטיק פון חודש אומקערן פון דוזשיצער יאַריד — פלעגט זי אַרונטער־נעמען די לעדערנע בייטל, וואָס איז געווען אָנגעבונדן צו דער טאַליע, און מיר אַ זאָג טאָן :

— נאַ, דאָנעלע, צייל צו !... זי אַליין פלעגט אויספּאַקן דאָס ביסל איבעגעבליבענע סחורה אין די שיפלאָדן אַריין, ווייל דעם שפייכלער פלעגט זי שוין מער נישט פאַרטרויען, די לאָך אינם פאָדמור איז נאָך עד־היום געשטאַנען אָפן, און נאָך אַלץ געוואַרט מען זאָל זי ווידער פאַרשטאָפּן מיט דעם אויסגעקאַלופּעטן שטיין, וואָס האָט זיך געוואַלגערט דערביי.

שפּעטער אַביסל, ווען מיר ביידע פלעגן שוין זיצן ביי אַ גלעזל טיי — פלעגט די מאַמע צעלייגן די איבערגעציילטע געלט אין קופּ־קעלעך, און אָנזאָגן זיי צו וועמען זיי געהערן...

— דאָס מוז איך אָפּגעבן יונהן, דאָס מוז איך אָפּגעבן משה־הירשל דעם בעקער, און דאָס — זלמן דעם פאַקטער. פאַר זיך אַליין פלעגט שוין ווידער נישט בלייבן קיין איינציקער גראָשן אין קעשע־נע, אָבער ס׳האָט מיך אַ האָר נישט געאַרט, ווייל כ׳האָב געוווסט אַ סוד אַזאַ, וואָס אפילו די מאַמע אַליין האָט אים, דוכט מיר, נישט געוווסט, און נעמלעך, כ׳האָב פאַרמאָגט אַן אוצר.

כ׳פלעג יעדן פערטן זונטיק פון חודש אַראָפּגנבענען פון דער מאַמעס קאַסע אַ זילבערנעם צענערל (פינף קאָפּיקעס) און אים פאַר־שטעקן אין דער מאַמעס צירונג. אַזוי אַרום האָב איך אָנגעקליבן גאַנ־צע צוואַנציק צענערלעך אַזעלכע, וואָס האָבן באַטראָפן אַלע צוזאַמען אַ גאַנצן רובל. איך האָב אויסגעחשבונט, אַז ביז בר־מצווה קאָן איך אַזוי אַרום צונויפקלייבן עטלעכע רובל און דענסטמאָל טראָג איך זיי אונטער דער מאַמען — זי זאָל מער נישט דאַרפן לויפן צו יונהן דעם

כהן לייען אַ פּינפּרובלדיקע — ער זאָל איר אויף מאָרגן אָפּצאַפּן די דמים.
בין איך געווען שטאָלץ, וואָס איך טראָג אין זיך אַזאַ סוד, מיט וועלכן איך וועל, ווען עס איז, איבערראַשן די מאַמע מיינע.
דעריבער פלעג איך זיין אַזוי געשפּאַנט צו יעדן פערטן זונטיק פון חודש, ווען די מאַמע פלעגט אָוועקפאָרן אויף אַ גאַנצן מעת-לעת, און כ׳פלעג ווערן באַלעבאָס איבער דער איבערגעבליבענער סחורה, אי־בער די צוויי הינער אין הויז און איבער די אַלע שופלאָדן פון די צוויי קאָמאָדן.
אין איינעם פון אָט די קאָמאָדן איז טאַקע געלעגן מיין אוצר צוזאַמען מיט דער ירושה, וואָס איז פאַרבליבן פונם טאַטן פאַר דער מאַמען מיינער. די דאָזיקע ירושה איז באַשטאַנען פון פינף וועקסלען, וואָס די דוקאָרער שוסטער האָבן געהאַט אַמאָל אַרויסגעגעבן דעם טאַטן, אַז זיי קומען אים צו פופציק רובל פאַר סחורה. די דאָזיקע וועקסלען זענען שוין אַלט געווען צו 10—12 יאָר, אָבער די אַלע פינף שוסטער האָבן נאָך געלעבט, און איינאיינעם מיט זיי האָט נאָך אויך געקליאָוועט די האָפענונג ביי מיר, אַז ווען עס איז וועט נאָך אונז געלונגען די דאָזיקע געלטער פון זיי איינצומאָנען. עס איז דאָך עפּעס ירושה פון אַ טאַטן.
אויסער די וועקסלען, איבערגעבונדן מיט אַ רויטן שנירעלע, איז נאָך, אין אָט דעם קאָמאָד, געלעגן אַ הילצערנע קעסטעלע מיט צוויי פינגערלעך פון דער מאַמעס כלה־מתנות. איין פינגערל איז געווען אויסגעדרייט ווי אַ שלאַנג, און דאָס צווייטע אַ גלאַטס, אָבער מיט אַ בלאָלעכן שטיינדעלע אינדערמיט.
צווישן אָט די רינגלעך, האָב איך טאַקע געהאַט באַהאַלטן מיינע צוואַנציק זילבערנע צענערלעך.
שפּילן זיך מיט אָט די דאָזיקע צענערלעך איז פאַר מיר גע־ווען דער גרעסטער פאַרגעניגן. כ׳פלעג זיי יעדן פערטן זונטיק פון חודש אויסלייגן לויט די יאָרן נאָך, אָדלער צו אָדלער, רעשעטע צו רעשעטע, איך פלעג זיי שייערן מיט אַ שטיקל קאַלך. כ׳מוז זיך מודה זיין, אַז איך פלעג דעם קאַלך באַנוצן אויך צום עסן, ווען קיינער פלעגט נישט זען, כאָטש איך בין שוין געווען דענסטמאָל אַ בחור׳ פון אַ יאָר ניין—צען!

זלמן די ברילֿ

צו אַלע מײַנע מעלות דאַרף איך נאָך קראַנק װערן אויף אַ בלוט־שילשול... צו די דאָזיקע בלוטן האָט שוין די גאַלע װאַטקע אויך נישט געקענט העלפֿן. האָב איך זיך קוים געהאַלטן אויף מײַנע שװאַכע פֿיסלעך און נישט געקענט אַפֿילו העלפֿן דער מאַמען אויסקערן די שטוב.

אָבער אײנע אַ גוטע שכנה אונדזערע האָט אויסגעפֿונען זײער אַ גוטן מיטל קעגן בלוט־שילשול — דאָס איז אַ מויער־קעפּל, אָדער װי מ׳פֿלעגט עס רופֿן בײַ אונדז אַ „זמעי". אַז מען טוט אָן דעם זמעי אויפֿן האַלדז — ציט אָפּ אַלע מחלות. דער זמעי האָט געװױגן בײַ אַ פּאָר פֿונט, אָבער איך האָב זיך מחיה געװען. אין אַ פּאָר װאָכן אַרום איז טאַקע דער בלוט־שילשול פֿאַרבײַ. איך האָב זיך אָבער אַזױ צוגעװױנט צו אָט דעם הודזענדיקן מויער־קאָפּ, אַז כ׳האָב בשום־אופֿן נישט געװאָלט שײדן זיך מיט אים. װען איך פֿלעג אים צולײגן צום אויער — פֿלעג איך דערהערן אין אים אַלע קלאַנגען פֿון יענער־װעלט. מיר פֿלעגט זיך דוכטן, אַז מײַן טויטער רבי משה־הירש, װאָס האָט מיך אַרומגענומען נאָכן טויט זשומזשעט דאָרטן קאַפּיטלעך תהילים צוליב מיר.

אויסער דעם פֿלעגט מיך נאָך די מאַמע אַ פּאָר מאָל אין װאָך אָװעקפֿירן אין דאָרף־גאַס צו אײנעם אַ גוי, װאָס האָט געהאַט אַ בערגל זאַמד הינטערן גאָרטן, און אין אָט דעם זאַמד פֿלעגט די מאַמע מיך פֿאַרשיטן ביזן פּופּיק.

זאַמד, זאָגט מען, ציט אויך אָפּ אַלע מחלות, אָבער די שקצימלעך פֿון די אַרומיקע הויפֿן, פֿלעגן האַלטן אין אײן שרײַען צו דער מאַמען, זי זאָל מיך בעסער באַגראָבן אויפֿן ײדישן בית־עלמין, װײַל זײ דאַרפֿן גאָר האָבן דעם זאַמד צום שפּילן זיך. מער נישט, אײן גוטן פֿרײַנד האָב איך געהאַט אין דאָרף־גאַס, און ס׳איז געװען אַלבע דער משוגענער, אַ שײגעץ פֿון אַ יאָר צװאַנציק, װאָס פֿלעגט זומער און װינטער אַרומלויפֿן באָרװעס, אין אײן העמד, און האַלטן אין אײן פֿרײען זיך:

אַלב—אַלב—אַלב,— האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אַלבע.

אָט דער אַלבע האָט זײער האַלט געהאַט צוצוקוקן זיך, װי אַזױ די מאַמע פֿאַרשיט מיך מיט זאַמד, און אויף איר קוקנדיק, פֿלעגט ער

פאַררייסן זיין העמד איבערן קאָפּ און אָנהויבן קייקלען זיך איבערן זאַמד, שרייענדיק: אַלב—אַלב—אַלב—אַלב!

קיין אַנדערע קלאַנגען האָט ער פון זיך נישט געקענט אַרויס-ברענגען, אָבער אין אָט דעם „אַלב—אַלב" איז געלעגן די גאַנצע התפעלות זיינע, וואָס ער איז אַלבע דער משוגענער.

פלעג איך אים שענקען אַ שטיקל בולקע, וואָס די מאַמע פלעגט מיר מיטגעבן, און כ'פלעג אָנהויבן אויפן קול חזרן די שווערע ווער-טער פון דער רוסישער גראַמאַטיקע, ווי כ'וואָלט ווען דורכדעם באַ-וויזן אַלבע דעם משוגענעם, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַ לייטישע שפּראַך אויף דער וועלט...

די רוסישע גראַמאַטיקע, פון וועלכער איך האָב געלערנט, האָט געהאַט אויסגעזוכט פאַר אונז דער הומענער לערער „זלמן די בריל". זיינע ברילן האָט ער אָנגעטאָן, זאָגט מען, נישט אַזוי צוליב זיין שלעכטער ראיה, נאָר צוליב אינטעליגענטישקייט.

כדי צו איבערצייגן די באַלעבאַטים, אַז ער איז אַ לערער פון לערער-לאַנד — האָט ער אויסגעקליבן פאַר אונז, יינגלעך, אַזאַ מין גראַמאַטיק, וואָס איז דריי מאָל אַזוי דיק, ווי די באַרימטע גראַמאַטיק פון קירפּיטשניקאָוו, לויט וועלכער די גאַנצע וועלט האָט זיך געלערנט.

די דאָזיקע גראַמאַטיק האָט מחבר געווען איינער אַ ייד, בלאָ-שטיין, וועלכער האָט, קאָנטיק, געהאַט גרויס דרך-ארץ און ליבע צו דער רוסישער שפּראַך, און ער האָט זיך בשום-אופן נישט געקאָנט באַגנוגענען מיט דער לאַקאָנישער פראַזע פון קירפּיטשניקאָוו, אַז די אַלע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף אַ „מיאַכקי זנאַק", זענען סיי מענלעכער, סיי ווייבלעכער געשלעכט.

איז ער נישט פויל געווען, אָט דער בלאָשטיין, און ער האָט צונויפגעקליבן אַ גאַנצע טאַבעלע פון די אַלע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף אַ „מיאַכקי זנאַק" און זענען דווקא מענלעכער געשלעכט, בעת די אַלע איבעריקע ווערטער זענען שוין במילא ווייבלעכער געשלעכט.

אָט האָט איר זיי, די מענלעכע ווערטער, ווי זיי גייען און שטייען:

Алтарь, букварь, вепрь, вихрь, вопль, гвоздь, глухарь, голубь, гость, день, дождь, жолудь, журавль, зверь, календарь, камень, коготь, колодезь, конь, карась,

козырь, корабль, куль, курень, лагерь, лапоть, лебедь, ливень, лосось, миндаль. монастырь, ноготь, нуль, окунь, олень, панцырь, пастырь, путь, ревень, ремень, рубль, руль, сбитень, слов рь, соболь, сухарь, тесть, тюлень, фитиль, фонарь, хмель, хрусталь, царь, чекмень, червь, щебень, янтарь, ясень, ячмень.

און די אַלע איבעריקע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך אויף אַ „מיאַכקי זנאַק", זענען דורכויס ווייבלעך...

אויב איך געדענק די דאָזיקע טאַבעלע, וואָס דעם טייטש פון איינציקע שווערע ווערטער אירע ווייס איך נישט נאָך עד היום — איז עס אפשר נאָר דערפאַר, ווייל איך פלעג נישט קענען צוזען דעם צער פון אַ סך חברים מיינע, וועלכע פלעגן כאַפּן אָפּטע פּעטש פון דעם לערער זלמן די בריל, און כ'האָב באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל זי אויסצולערנען אויף אויסנווייניק — איך זאָל קאָנען אין אַן עת-צרה אונטערזאָגן די צעטומלטע און איבערגעשראָקענע חברים מיינע.

אַפילו אַלבע, דעם משוגענעם, איז געפעלן געוואָרן, געדענק איך, דער דאָזיקער איינפאַל בלאָשטיינס, און ער פלעגט נאָך מיט גרעסערער התפעלות אָנהויבן צימבלען מיט די פינגער איבער זיינע ליפּן און מאַכן אַלב—אַלב—אַלב, בעת איך פלעג פון זאַמד-אַרויס אים צושרייען „ועפּר, וויכר, וואָפל, ועפּר, וויכר, וואָפל" — און ס'איז אונז ביידן דעמסטמאָל אַזוי גוט געווען אויפן האַרצן...

די ווייבערשע באָד

אייגנטלעך האָב איך דעם אונטערשיד צווישן דיביידע געשלעכטער שוין געוווּסט, נאָך איידער זלמן די בריל האָט מיט מיר אָנגעהויבן לערנען בלאָשטיינס גראַמאַטיק.

דעם דאָזיקן אונטערשיד האָט מיר באַוויזן די מאַמע אַליין, וועלכע האָט גאָרנישט געהאַט חושד געווען, אַז ס'וועט אויף מיר מאַכן אַזאַ שטאַרקן רושם, און כ'וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אָט ווי די טאַבעלע בלאָשטיינס.

ס'איז געווען אַ פרייטיק אין דערפרי, ווען די דוקאָרער ווייבער פלעגן בטבע גיין אין מרחץ. אָט אין איינעם אַזאַ פרייטיק האָט די מאַמע מיטגענומען דעם פליאַגע אירן אין באָד אַריין, און קיינעם איז

גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז ס'איז נישט גוט, ווייל ווער אַן ערך קאָן אַ יתומל פירן אַמאָל אין באָד אַריין, אויב נישט די מאַמע?

נאָר אַריינקומענדיק אין מרחץ — האָב איך גלייך דערפילט, אַז „דער הימל פאַלט", ווי משה־אַבע דער משוגענער פלעגט טענהן. כ'האָב צווישן דער געדיכטער הייסער פאַרע דערזען אַ גאַנצע מענגע נאַקעטע יידענעס, וואָס קיין איינע פון זיי האָב איך נישט דערקענט, כאָטש זיי זענען אַלע געווען דוקאָרער; ביי אייניקע פון זיי האָבן די בייכער אַראָפּגעהאַנגען, ווי ליידיקע זעקלעך, ביי די אַנדערע זענען די בייכער געווען קיילעכדיק, און פול, ווי קאַדעשקעס, ביי אייניקע זענען די פיס געווען אַזעלכע דינע און ווייסע, ווי ביינערנע, ביי די אַנדערע זענען די פיס געווען אַזעלכע דיקע און בלוי־באַאָדערטע, ווי קלעצ־לעך ארומגעדרייטע מיט בלויע שטריקלעך, ביי אייניקע זענען די האָר געווען באַהאַלטן אונטער ווייסע טיכלעך, ביי די אַנדערע זענען די קעפּ געווען אָפּגעשוירן, ווי ביי מאַנסביל. מער נישט די מיידלעך האָבן זיך געהאַט ארומגעדרייט אין די וואָלקנס פאַרע מיט זייערע בריסטלעך פאָרויס, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אויפן האַרצן ווייסע בולקעלעך מיט ארויפגעקלעפּטע ראָזשינקעס. די דאָזיקע מיידלעך האָבן זיך אַלע ווײַלע באַגאָסן מיט שעפלעך הייסע וואַסער, מאַכנדיק בול־בול, גאָר ווי אַלבע דער משוגענער, רחמנא ליצלן.

אָט דער אונטערשייד פון איין יידענע צו דער צווייטער האָט גאָר אינגאַנצן צעטומלט מיין קינדערשן מוח, און כ'האָב באַשלאָסן, אַז בנוגע לשון נקבה האָט אַפילו בלאָשטיין אַליין נישט געקאָנט מאַכן קיין ריכטיקע טאַבעלע.

אונזערע שכנים

די שטוב אונזערע, אין וועלכער מיר האָבן געוווינט און מיר אַלע זענען געבאָרן געוואָרן, איז געשטאַנען הינטער דער פּוסטער קרעטשמע, וואָס אויפן מאַרק. אונזער שטוב האָט פאַרמאָגט איין גרויסן צימער מיט אַ טיר און צוויי פענסטער צו דער גאַס. די אַנדערע צוויי פענסטער זענען ארויס צום הויף. עס זענען נאָך אויך געווען צוויי קליינע צימערן, וואָס איינעם פון זיי פלעגט די מאַמע תמיד פאַרדינגען. אויסער דעם האָט נאָך אונזער שטוב פאַרמאָגט אַ פינ־סטערע קיך מיט אַ גרויסן רוסישן אויוון, און פון דער קיך האָט גע־פירט אַ טיר אין פירהויז, ווו ס'איז געווען דער שפּייכלער, פון



דאָס הויז, וווּ מיר זענען געבוירן

וועלכן עס האָט נאָך אַלץ געשמעקט מיט לעדער, כאָטש די מאַמע האָט, זינט דער גרויסער גנבה, די סחורה דאָרטן נישט געהאַלטן מער.

אין פירהויז איז תמיד געשטאַנען אַ לייטער, וועלכער האָט גע־פירט צום בוידעם, ווו ס'איז געשטאַנען די פסחדיקע געפעס. אויף אָט־אָ־דעם בוידעם פלעגן מיר אויך טריקענען די קעלבערנע פעלכלעך.

פלעג איך זיך אָפט פאַרקלייבן אויפן בוידעם אויף שצהן־לאַנג און זייער בענקען נאָך די פסחדיקע כלים, וואָס זענען געווען פאַרפאַקט אין אַ קאַסטן מיט היי.

די בענקשאַפט מײַנע נאָך די פסחדיקע כלים האָט זיך נאָך נישט אָפּגעטאָן פון מיר ביז צום הײַנטיקן טאָג, און באַזונדערס שטאַרק בענק איך נאָך דעם צעבויגענעם זילבערנעם לעפל, וואָס די מאַמע האָט געהאַט באַקומען בירושה פון איר עלטער־באָבען...

פון די וויכטיקערע שכנים אונזערע געדענק איך דריי: קושע, דעם בעל־עגלה, וואָס האָט זיך געהאַט אַרײַנגעקליבן צו אונז מעשה פאַר־פאַלק, און איז אַרויסגעפאָרן פון אונז מיט דריי קינדערלעך. זיי האָבן זיך שוין נישט געקאָנט מער פאַטאָפּען אין איין צימער.

קושע אַליין פלעגט אַ גאַנצע וואָך אַרומפאָרן איבער די דער־פער, און קלויבן אָנעטשעס ביי די גויעס, באַצאָלנדיק מיט נאָדלען, זייף, פאָדעם און טיטון.

אין שטעטל ביי אונז פלעגט מען אים רופן: „באַבאַ אַנוטשי״, „באַבאַ אַנוטשי״, ווייל אַזוי פלעגט קושע תמיד אַרײַנשרייען אין די דערפער אַרײַן.

איינמאָל, געדענק איך, האָט קושע מיטגעבראַכט פון דאָרף אַ זעקעלע מיט גריקענע מעל, ספּעציעל אויף בלינעס באַקן. האָט די יידענע זיינע זונטיק איבערפרי אויסגעבאַקט עטלעכע טוץ בלינעס, און אויך מיך, וואָס פלעגט זיך תמיד אַרומפּלאָנטערן אין קיך, מכבד געווען.

נאָך די דאָזיקע בלינעס זענען מיר אַלע, אחוץ דער מאַמען, וועלכע איז אַרומגעלאָפן איבערן שטעטל נאָך גמילת־חסדים, גאַנץ געשמאַק איינגעשלאָפן אין סאַמע מיטן טאָג, און ערשט שפּעט אויף דער נאַכט איז וועלוול, דעם רופא, געלונגען דורך פאַרשידענע טשע־קאָווע מיטלען אונז אויפצוועקן, און ער איז געווען שטאָלץ, וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט פינף נפשות פון טויט.

די גריקענע מעל, זאָגט ער, האָט געהאַט אַ „דורמאַן״ אַזאַ, וואָס

איז נאָך ערגער פון גיפט, און פון דענסטמאָל אָן האָט מיך שוין די מאַמע אַ נאָמען געגעבן „דער געפונענער".

דער צווייטער שכן אונזערער איז געווען ליפע, דער שניידער — אַ ייד מיט אַ קאַרפּאַטן נאָז, און אַ גרויסער האַמזון. זיין ווייב, מלכה, איז נישט אָפּגעשטאַנען פון קושע דעם באַלעגאָלעס ווייב, און זי פלעגט יעדן יאָר אים צושטעלן אַ פריש קינד.

טרעפט זיך אָבער איינמאָל אַ סיבה, און דאָס ווייב זיינס, מלכה, האָט זויגנדיק ביינאַכט דאָס קינד, עס צוגעשטיקט. האָט ליפע, דער שניידער, געגוואַלדעוועט אויפן גאַנצן שטעטל, אַז ער וועט זיך מיט איר אומבאַדינגט גטן, וואָרום ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַן אייגענע מאַמע זאָל דערשטיקן אַן עופעלה.

דאָס ווייב זיינס, מלכה, האָט, נעבעך, ביטער געוויינט אויפן קול. אַ סברא, אַז אויך איר האָט זייער שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאַי זי האָט דאָס עופעלע צוגעשטיקט, אָבער ליפע, דער שניידער, האָט זיך נישט געגט מיט איר, מער נישט—אַרויסגעקליבן זיך אין אַן אַנדער דירה, ווייל דער צימער, וואָס די מאַמע פלעגט פאַרדינגען, איז געווען נישט קיין מזלדיקער — האָט געטענהט ליפע, דער שניידער. ס'איז אין אים געשטאָרבן מיין טאַטע, ס'האָבן זיך אין אים שיר נישט אָפּגעסמט קושע דער באַלעגאָלע מיט דער משפחה, און אַ סברא, אַז איך אַליין בין אויך געבוירן געוואָרן אין אָט דעם חדר...

דערפאַר אָבער האָבן זיך די לעצטע שכנים אונזערע געהאַלטן לענגער, ווי די פריערדיקע, ווייל די מאַמע האָט שוין פאַרדונגען דעם חדר לכתחילה צו אַן אַלמנה מיט דריי קינדער, און פון אַ צו-וווקס אין דער משפחה האָט שוין נישט געקאָנט זיין קיין רייד.

די דאָזיקע שכנה אונזערע איז געווען לאָה-מערע — די בייגל-בעקערקע — די סאַמע בעסטע שכנה אונזערע, איבערהויפּט פאַר מיר, ווייל פון דענסטמאָל אָן פלעגט מיך שוין די מאַמע אויסריכטן אין חדר מיט צוויי בייגל אין קעשענע.

ביי דער דאָזיקער בייגל-בעקערקע האָב איך זיך אויסגעלערנט צו מאַכן אַ קיטקע אין פינף סטאָלקעס, און אין יעטוועדער סטאָלקע אַריינוועלגערן האָניק-מאָן.

ס'איז געווען פורים-צייט.

די דאָזיקע צוויי פאַראַלמנהוועטע הערצער (דער מאַמעס און דער שכנהס) האָבן זיך זייער גוט צונויפגעלעבט. זיי ביידע האָבן שוין

געלעבט מיט „נחת פון קינדער״. איר עלטערער זון, אברהם-מאיר, האט שוין אויך געלערנט אין מינסקער גרעזלען-שול, האט געהאט פיינע „טעג״, און געשניטן זיך אויף רבנות, און דער מאמעס דריטער זון, מוליע, האט אויך געלערנט אין דער זעלביקער שול, און מ׳האט די ביידע בחורימלעך אין די מינסקער ישיבה-קרייזן גערופן די „דוקאָרער עלוים״.

דער פערטער ברודער מיינער — באָניע, האט געלערנט אין דער ישיבה, וואָס ביי דער טאָטערשער שול, אָבער מ׳האט אים שוין איינמאָל געכאַפּט אויף טרייף-פּסלען, און ער איז געווען אונטערן חשד פון אַפּיקורסות, דאָך אָבער האט זיך די מאַמע אויך מיט אים גרויס געהאַלטן.

אָבער די גרעסטע טרייסט ביי די ביידע אַלמנות זענען געווען די קינדער, וואָס זענען פאַרבליבן מיט זיי — ביי לאָה-מערע, דער בייגל-בעקערקע — איר בת-יחידקע, רבקהלע — אַ שלאַנק, בלאַס מיידעלע, מיט פלאַקערדיקע אויגלעך און תמיד ראָזעווע בעקלעך, (זי האט נעבעך, געליטן פון דער „דער״) און ביי דער מאַמען — איך — „דער געטשקע״, דער פליאַגע״, „דער געפּונענער״.

איך קאָן פאַרשילטן

נישט נאָר אין די צונעמענישן אַליין איז באַשטאַנען, לאָזט זיך אויס, מיין יחוס. כ׳האָב נאָך פאַרמאָגט אין זיך דעם כּוח פון פאַרשילטן. אַזוי יעדנפאַלס האט עס אַנטדעקט אין מיר די מומע חיה — דאָס ווייב פון מיין פעטער פייטל (דעם מלאך).

אָט, למשל, האָב איך פאַרשאָלטן דעם סמילעוויטשער דאָקטאָר, וואָס האט איינמאָל געהאט אָנגעשראָקן מיין מאַמען, אַז כ׳וועל ביי איר סיי-ווי-סיי לאַנג נישט לעבן, און אין דעם זעלביקן יאָר, וואָס ער האט מיר אָפּגעזאָגט מיין לעבן — האט מען אים אַוועקגעשיקט ערגעץ-ווו אין סיביר, ווו ס׳איז אויסגעבראָכן די כאָלערע, און ער אַליין איז דאָרטן פון איר אומגעקומען.

דער צווייטער פאַל האט פּאַסירט מיטן קדרס הונט, וועלכער פלעגט אָנפאַלן אויף אַלע יידישע קינדער, וואָס פלעגן דורכגיין די קדר-גאַס, און אַפילו אויף מיר מיט דער מאַמען אויך, ווען מיר פלעגן קומען צום קדר, ער זאָל באַאַרבעטן די אָסאָסקעס אונזערע. האָב איך איינמאָל צוגעווונטשן דעם הונט אַ מיתה-משונה... גראָד אין עטלעכע וואָכן אַרום האט דער גזלנישער כּלב אַרונטערגעלאָזט זיין

קודלאָטן ווײדל צווישן די הינטערשטע פיס, און פון זײן פיסק האָט זיך באַוויזן אַ ווײסער שוים.

האָט ס׳שטעטל באַשלאָסן, אַז דער כּלב איז נישט אַנדערש, ווי משוגע געוואָרן, און מ׳האָט אים געשאָסן אויפן מיטן מאַרק, לעבן יאָשע, דעם קצב, וואָס האָט דעם כּלב פאַרנאַרט מיט אַ גרײזיק.

די מומע חיה, וואָס האָט געווינט אַנטקעגן יאָשע, דעם קצב, האָט פון פענסטער צוגעזען די גאַנצע געשיכטע, און ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָניעס אַ קללה מוז מקוים ווערן. זענען מײנע אַקציעס אין שטעטל נאָך מער געשטיגן, און מ׳פלעגט מורא האָבן אײנצורײסן זיך מיט מיר, און אויך אַפילו מיט דער מאַמען מײנער. איבערהויפּט האָט געוואָלט לעבען מיט אונז בשלום די מומע חיה, וואָס איז בטבע דווקא געווען אַן אײנרײסערקע, אָבער די מומע חיה האָט דאָך די ערשטע אָפּגעשאַצט אין מיר דעם געטלעכן כּוח, און נאָך אײדער כ׳פלעג אַרײנקומען אין שטוב צו זײ — פלעגט זי מיר פון קראָם אַרײנטראָגן צוקערקעס מיט ניסלעך, און מיך ברײט מכבד זײן, אַבי נאָר כ׳זאָל נישט אַרויס קײן ברוגזער.

בין איך געוואָרן אַן אָפּטער אײנגײער צו דער מומע חיהן...

מײן פעטער פײטל

נישט נאָר צוליב די נאַשערײען אַלײן פלעג איך אָפט אַרײנ־קומען צו דער מומע חיה, איך האָב דאָרטן געהאַט אַ סך וויכטיקע און געהײמע ענינים, וואָס נאָר איך און דער פעטער פײטל האָבן גע־ווּוסט פון זײ.

דער פעטער פײטל, ווי באַקאַנט, איז שוין בײ צוואַנציק יאָר געווען אַ יושב־בית, נישט, חלילה, דערפאַר, וואָס ער איז געווען, חלילה, קראַנק, נאָר צוליב געוויסע טעמים, וואָס נאָר אים אַלײן, דעם פעטער פײטלען, זענען זײ, געוויס, געווען באַקאַנט.

ביז אײנס אַ זײגער בײטאָג פלעגט ער אַרומגײן אין טלית און תפילין, אָבער ער פלעגט בעת־מעשה נישט דאַווענען און נישט לערנען, נאָר עפּעס־וואָס אַרײנשרײבן אין אַ דיקן העפט, וואָס האָט געהײסן „ספר הפּלזוע״.

ס׳גאַנצע שטעטל האָט אײגנטלעך געוווּסט, אַז „פײטל דער מלאך״ שרײבט עפּעס אַ ספר, נאָר קײנער האָט נישט געוווּסט וואָס

ער שרייבט דאָרטן אַריין און צוליב וואָס ער שרייבט אים בכלל. אַ סברא, אַז ער האָט געהאַט אַזאַ מין פּלאַן, ווי אַזוי אויסצו-לערנען די וועלט אַלע שבעים לשונות, כאָטש ער אַליין האָט קיין שום שפּראַך, חוץ יידיש און העברעיש, נישט געקענט.

דער אַנדערער האַלבער טאָג פּלעגט ביי אים אַוועקגיין אויף אַרבעט אַרום זיך אַליין. דער פּעטער פייטל פּלעגט זיך אַליין נייען שיך אַזעלכע, וואָס קיין איין איינציקער שוסטער וואָלט נישט געקענט צוטראַכטן אַזוינס.

ער פּלעגט זיך אַליין אַראָפּנעמען אַ מאָס פון די פיס אויף אַזאַ מין שטייגער: ער פּלעגט באַנעצן די פיס-טריט מיט עפּעס אַ פּעטער שמירעכטס, און זיי אַוועקשטעלן אויף אַ פּאַנערנעם ברעטל, פון וועלכן ער פּלעגט נאָכדעם אויסשניידן די שפורן, וואָס זענען פאַרבליבן פון זיינע פיס-טריט. אַזוי-אַרום פּלעגט ער אַרויסקריגן די ריכטיקע מאָס פון זיינע טשעקאַווע פיס, וואָס זענען געווען אָנגעשוואָלן און בלוי-באַאָדערט, ווי ביי אַ יידענע אין באָד.

דער פּעטער פייטל פּלעגט זיך אויך אויפנייען אַליין טשעקאַווע הויזן, וואָס פּלעגן אויסזען, ווי צוויי זעקלעך מיט איין לאָך פון אויבן, און צוויי לעכער פון אונטן. ער האָט זיך אויך אויסגעבויט אויפן הויף אַ ספּעציעלן בית-הכּסא מיט צוויי שלעסער, איינעם אַ אינעווייניקסטן און איינעם אַ דרויסנדיקן. ס'האָט אויסגעזען, ווי, להבדיל, אַ קליין סוכּהלע, און ער פּלעגט דאָרטן פאַרברענגען צוויי-דריי שעה אַ טאָג.

אַזוי-אַרום האָט דער פּעטער פייטל געהאַט גענוג אַרבעט אַרום זיך, און ר'פּלעגט אַ גאַנצן טאָג אַרומפּויזן איבערן צימער און איבערן הויף מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים, ווי ער וואָלט געציטערט, אַז דער טאָג זאָל אים נישט זיין צו קורץ אויף אַלץ אָפּצוטאָן.

ער האָט זיך, נאַטירלעך, תּמיד גענויטיקט אין אַ באַהעלפער, וואָס זאָל אים פאַרבינדן מיט דער אויסערער וועלט, ווייל נישט אַלץ, וואָס ער האָט נויטיק געהאַט צו זיין וואַרשטאַט, פּלעגט ער באַקומען אין דער מומע-חיהס קראָם.

אָט די באַהעלפער זיינע זענען געווען מיינע ברידער לויטן עלטער נאָך, ביז די ריי איז דערגאַנגען צו מיר — דעם יינגסטן און איינציק פאַרבליבענעם פּלימעניק זיינעם, און ער האָט גענומען צאָלן

מיר מיטן זעלבן געהאַלט, וואָס די ברידער מיינע פלעגן פון אים באַקומען — מיט טאַבאַק.

דער פעטער פייטל אַליין האָט געריוכערט משונהדיקע פּאַפּיראָסן, וואָס ער פלעגט צונויפדרייען, ווי אַ לייקע — פון אויבן ברייט און פון אונטן שמאָל, כּדי דער שמאָלער עק פון דעם פּאַפּיראָס זאָל קע-נען אַריין אין דער שוואַרצער לאָך פון זיין אויסגעברענטער הילצער-נער ציגאַרניצע. אַזאַ מין פּאַפּיראָס פלעגט ער מיר געבן יעדן טאָג, און איך פלעג שוין פון אים אויסדרייען צען קליינע פּאַפּיראָסלעך, וואָס אַ טייל פון זיי פלעג איך צעשענקען מיינע חברים, און אַ טייל אַליין אויסרויכערן. צו צוועלף יאָר האָט מיך שוין דער פעטער פייטל אויסגעלערנט געשמאַק צו רויכערן.

אין שטעטל פלעגט זיך דער פעטער פייטל וויזן פיר מאָל אַ יאָר: צוויי מאָל, ווען ער פלעגט האָבן יאָרצייטן נאָך טאַטע-מאַמע, און גיין אין דער אַלטער שול זאָגן קדיש, איינמאָל יום-כּיפּור, ווען ער פלעגט שוין דעם גאַנצן מעת-לעת פאַרבלייבן אין שול, און איינ-מאָל ערב יום-כּיפּור, ווען ער פלעגט גיין אין מקווה. דער לעצטער אַרויסגאַנג זיינער איז געווען איינער פון די סאַמע שווערסטע און געפערלעכסטע אַרויסגאַנגען. אויף צו דערקלויבן זיך צו אונזער באָד, פלעגט דער פעטער פייטל מוזן דורכגיין נישט נאָר דעם מאַרק, נאָר אויך די גאַנצע טייך-גאַס, און ווער קאָן זיין זיכער, אַז אויף אַזאַ נסיעה זאָלן זיך אים נישט אָנטרעפן אַ פּאָר נשים אין וועג, וועלכע קאָנען אים, חלילה, מטמא זיין. גראָד פלעגן אַלע ווייבער זיין ניי-געריק אָנצוקוקן פייטל, דעם מלאך, ווי אַזוי ער פּויזעט מיט זיינע קלעצלדיקע פיס איבערן שטעטל, און נישט איין מיידל פלעגט אים בכיוון איבערלויפן דעם וועג.

האָב איך שוין געהאַט אויף זיך די שליחות צו גיין פאָרויס, און מתרה זיין די נשים, זיי זאָלן איצט פון די הייזער נישט אַרויס-קומען, ווייל מיין פעטער פייטל גייט אין מקווה. אָבער פון די פענ-סטער פלעגן דאָך אַלע אויף אונז ביידן זייער נייגעריק קוקן. איך בין, נאַטירלעך, געווען שטאָלץ אויף אַזאַ מין שליחות, וואָס איך רוים אָפּ דעם וועג פאַר מיין פעטער. איך פלעג זיך פילן דענסטמאָל, ווי אַ בוקסירל, וואָס שלעפּט הינטער זיך אַ שווערע בערלינע, אָבער אין דער זעלביקער צייט פלעגט זיך מיר אַלץ באַמבלען אַ טריפהנער געדאַנק אין מוח, וואָס אַן ערך וואָלט עס געווען, ווען דער פעטער

פייטל פאַלט, חלילה, אַריין אין באָד, ווען די נשים זענען דאָרטן, אָט, ווי איך דענסטמאָל — ס׳וואָלט זיכער אַרונטערגעפאַלן דער הימל אויף דער ערד, און די פינסטערע נביאות פון דעם משוגענעם, משה-אַבע, דער הימל פאַלט״, וואָלט טאַקע מקוים געוואָרן...

מאַשע די משוגענע

אויף דעם פעטער פייטל קוקנדיק, איז נישט נאָר די מומע חיה, נאָר אויך אַפילו די ייִנגערע טאָכטער זייערע, מאַשע, געווען ביז משוגעת פרום. אַזוי אַן ערך פלעגט זי יעדן זונטיק, ווען אין קראָם פלעגן אַריינקומען פאַרשידענע גוים און גויעס, אַרומדרייען די הענט און דעם האַלז, ביז איבערן מויל, מיט האַנטוכער, ווייל ווען די ערלים דברן — פלעגט מאַשע טענהן — שפּריצט פון זיי מיט חזיר, און ס׳קאָן נאָך, חלילה, איר לייב טמא ווערן.

האָט איינמאָל דער טאַטע מייַנער (אַזוי האָט מיר דערציילט די מאַמע) געכאַפּט מאַשען פאַר די הענט, איר אויפגעריסן דאָס מויל און אויסגעשמירט עס מיט אַ חלבנער ליכט...

פון דענסטמאָל אָן האָט שוין מאַשע אויפגעהערט צו וויקלען זיך אין האַנטוכער, אָבער שפּעטער אַביסל, וואָס איך אַליין געדענק שוין — איז זי טאַקע אויף צו דער אמתן משוגע געוואָרן.

ס׳האָט פּאַסירט אין אַ האַרבסטיקן שבתצונאַכטס. מיין פעטער איז פלוצים נישט-גוט געוואָרן, און מען האָט געמוזט אויף גיך ברענגען דעם גויישן פעלדשער פון דער קדר-גאַס.

איז מאַשע הענדום-פּענדום אַוועקגעלאָפן נאָכן פעלדשער.

די נאַכט איז געווען אַ רעגנדיקע און אַ ווינטיקע. אַנהויב קדר-גאַס איז געשטאַנען דער ווייסער פּוילישער קלויסטער מיט די דריי באַצלמטע קופּאָלן. אויף איינעם פון די דאָזיקע קופּאָלן איז געווען אַ בלעך אָפּגעריסן, און דער ווינט האָט זיך מיט איר געשפּילט אין דער סומנער נאַכט אַריין.

מאַשע איז מיט אימת-מות דורכגעלאָפן פאַרביי אָט דעם קלויסטער, ווו די נישט-גוטע טאַנצן, זי האָט זיך אָבער אויסגעגליטשט אין בלאָטע און געגומען געוואַלדעווען איבערן גאַנצן מאַרק.

פאַרבייגייער האָבן זי אויפגעהויבן און געבראַכט אַהיים מיט איבערגעדרייטע אויגן, און מיט אַ פאַרשוימטן מויל.

אויף מאָרגן האָט שוין מאַשע צוגעטראַכט אַ גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי דער גויישער פעלדשער האָט זיך אויף איר געהאַט אַרויפגעוואָרפן לעבן דעם קלויסטער, ווי אַזוי ער האָט זי געשטיקט און געוואָרגן און אַפילו דאָס קלייד אויף איר צעריסן —

— נאַט זעט!

דערביי פלעגט מאַשע נישט פויל זיין און געבן אַ הויב-אויף איר קלייד איבערן קאָפּ, באַווייזנדיק די פּאָר לעכער, וואָס זי האָט אומישנע אָנגעריסן.

פון דענסטמאָל-אָן האָט מען איר אין שטעטל אַ נאָמען געגעבן „מאַשע די משוגענע".

אָבער נישט דער פעטער פּייטל און נישט די מומע חיה האָבן מסכים געווען מיט שטעטל, אַז די טאָכטער זייערע איז טאַקע, שונאי-ציון, משוגע. אדרבא, ס'רעדט גאָטס מויל פון איר, און זי קאָן נישט פאַרטראָגן די שטעטלדיקע חטאים, צוליב וועלכע מאַשע קומט אויס, נעבעך, אַזויפיל צו ליידן...

די הויפּט-שולדיקע איז געווען, לאָזט זיך אויס, עלקע אריה-יצחקס! אָט די זעלביקע עלקע, ביי וועמען די מאַמע האָט געהאַט געליען דעם סאַמאָוואַר, צוליב מיין שוועסטערס תּנאים. אָט די עלקע פלעגט אָפט גיין שפּאַצירן מיט דעם לערער זלמן די בריל, און, שדים ווייסן, מיט וועמען נאָך, און מאַשע פלעגט טאַקע נישט פויל זיין באַווייזן פאַר אַלעמען, ווי אַזוי עלקע גייט שפּאַצירן מיט די בחורים, פאַררייסנדיק דערביי ווידער אַמאָל דאָס קלייד איבערן קאָפּ, און אויסשרייענדיק מיט שוים אויף די ליפּן:

— אָט אַזוי גייט זי מיט זיי, די חצופה!

אָבער נישט נאָר איר טאַטע-מאַמע, נאָר אַפילו איך אַליין בין אויך עפּעס געווען שטאַרק אויף אָט דער מאַשען, וואָס דער טאַטע מיינער האָט איר אויסגעשמירט דעם מויל מיט אַ חלבנער ליכט, און וואָס דער גויישער פעלדשער, להבדיל, האָט אויף איר צעריסן דאָס קלייד, ווי זי זאָגט. איך האָב געפילט, אַז מאַשע ווייסט טאַקע אַפּולע זאַכן, וואָס נישט אַלע דוקאָרער ווייסן.

זי האָט געוווסט אַן ערך, אַז דער טאַטע אירער איז אַ וואָריאַט, און די מאַמע אירע אַ וואָריאַטקע, אַ נישט וואָלטן זיי שוין לאַנג חתונה געמאַכט דיביידע טעכטער זייערע, און זיי וואָלטן פּטור געוואָרן פון אַזאַ שלאַק, ווי זי...

מאַשען האָט זיך זייער געוואָלט חתונה האָבן, און אייניקע גוטע פריינד האָבן אַפילו געעצהט, אַז מען זאָל זי חתונה מאַכן מיט מאַ־שע-זעליק איטקע מאַשע-זעליקס.

איטקע מאַשע-זעליקס אַליין האָט געוווינט אין שכנות מיט דער מומע חיה, און זי איז געזעסן אויף קעסט ביי שטעטל. איר מאַן איטשע ווייסבערעט פלעגט אַרומפאָרן איבער דער וועלט נאָך נדבות, ווייל ער האָט געהאַט אַיין ברעם אינגאַנצן אַ ווייסע, און דאָס ווייב זיינע מיט די קינדער פלעגן אויסגעהאַלטן ווערן פון שטעטל. איז אָט איינער אַ זון אירער מאַשע-זעליק, — אויך געווען אַביסל אַ תמעוואַטער, און מיר, יינגלעך, האָבן זייער געוואָלט, ער זאָל ווערן אַ משוגענער...

מיט אַלבען, וואָס פלעגט מאַכן נישט מער, ווי אַלב—אַלב — איז אונז געווען זייער אומעטיק, „משה-אַבא דער הימל פאַלט״ פלעגט זיך זייער זעלטן ווייזן אין שטעטל, מאַשען פלעגט מען אויך נישט אַרויסלאָזן פון שטוב, איז אונז, חדר-יינגלעך, געווען אומעטיק, און מיר האָבן באַשלאָסן באַארבעטן מאַשע-זעליקן, ווייל ער איז דאָך גע־ווען סיי-ווי-סיי אַ קהלשער, און ער פלעגט זיך תמיד אַרומדרייען איבער די הייזער.

אָבער משה-זעליק האָט, לאָזט זיך אויס, בשום-אופן נישט גע־וואָלט משוגע ווערן, כאָטש מיר האָבן זיך ביי אים אַזויפיל געהאַט געבעטן. דאָס איינציקע, וואָס ער פלעגט טאָן אונז צוליב — איז ווייזן, ווי אַזוי אייזן שווימט אויף וואַסער.

— אָט וועט איר זען, גיט נאָר אַהער אַ גלאָז וואַסער, אַ פּאַ־פּירל און אַ נאָדל, פלעגט משה-זעליק באַגייסטערט אונז צורופן, און ווען ער פלעגט עס אַלץ קריגן — פלעגט ער פּאָרזיכטיק אַריינלייגן אין גלאָז וואַסער דאָס שטיקל פּאַפּיר, עס זאָל שווימען פון אויבן און אויפן פּאַפּיר — אַרויפלייגן די נאָדל און אויסשרייען מיט נצחון:

— זעט איר, ווי אייזן שווימט אויפן וואַסער!

דענסטמאָל ערשט פלעגן מיר זיך אָנהויבן בעטן ביי אים, ער זאָל כאָטש חתונה האָבן מיט מאַשען.

— וואָס אַרט דיך, מאַשע-זעליקל, אַ געזונט צו דיר, האָב מיט איר חתונה — וועסטו נישט דאַרפן גיין איבער די הייזער — פלעגן מיר, יינגלעך, בעטן זיך ביי אים, ווי ביי אַ גזלן, אָבער מאַשע-זעליק האָט בשום-אופן נישט געוואָלט הערן פון דעם שידוך און ער פלעגט

זיך אויסדרייען ווידעראַמאָל מיט אַ נייעם קונץ, אָדער מיט אַ לידל אַזאַ, וואָס ער אַליין, זאָגט ער, האָט עס אויסגעטראַכט:

„ביי עלקע אריה־יצחקס
ז'צוגעמאַכט די לאָדן —
און מאַשע די משוגענע
עסט אויף דעם גאַנצן פלאָדן.

ביי עלקע אריה־יצחקס
טרייסלט זיך דער בוידעם —
און מאַשע די משוגענע
מיינט, עס זענען שדים...‟

איך פלעג, אמת, אויך מיטזינגען, כאָטש אין האַרצן פלעגט עס מיך פאַרדריסן...

מײַנע ברידער

מיינע ברידער פלעג איך זען צוויי מאָל אין יאָר: פסח און סוכּות. דער בעסטער יום־טוב פלעגט זיין ביי מיר סוכּות. ווייל די ברידער פלעגן דענסטמאָל פאַרברענגען אין דערהיים כּמעט אַ גאַנצן חודש. די צוויי פון בערעזין — מענדל און זאַלקע, און די צוויי פון מינסק — מוליע און באָניע, פלעגן קומען אַ פּאָר טעג פאַר ראש־השנה, און די שטוב אונזערע פלעגט דענסטמאָל ווערן די פריילעכסטע שטוב אין גאַנץ דוקאָר.

ברכהס קינדער, פלעגט מען זאָגן אין שטעטל, זענען געווען אַ גאָטס־בענטשונג, און די מאַמע, וואָס איז בטבע געווען אַ שטילע, באַשיידענע פרוי, האָט דאָך שטאָלצער און תּקיפער געפילט זיך אין דער סביבה פון אירע קינדער.

די ברידער פלעגן אויך אויסבויען די גרעסטע סוכּה אין גאַנץ דוקאָר, ווייל אַ חוץ אונזערע אייגענע זעקס פאַרשוין פלעגט נאָך זיין אונזער שכנה לאה־מערע די בייגלבעקערקע מיט אירע דריי קינדער, און אויך די אמתע באַלעבאָסטע פון אונזער שטוב, — די ישובניצע חנה זאַריקער מיט די קינדער, וואָס פלעגן פון ערב יום־כּפּור ביז חול־המועד סוכּות קומען פון דאָרף צו אונז, כּדי צו זיין צווישן יידן.

אָבער די דאָזיקע ישובניצע פלעגט מיר תּמיד פאַרשטערן די שמחה, נישט אַזוי צוליב דעם, וואָס זי פלעגט מיר דערמאָנען, אַז די שטוב אונזערע, אין וועלכער מיר אַלע זענען געבוירן געוואָרן, איז גאָר אַ פרעמדע, נאָר צוליב דעם בנאָק אירן, משה־אַרינקע, וואָס איז געווען אַביסל יינגער פון מיר.

אָט דער דאָזיקער משה־אַרינקע איז דאָך געווען, לאָזט זיך אויס,

דער אמתער יורש פון אונזער שטוב, נאָר אַזוי ווי ער האָט דאָס נאָך נישט געקאָנט באַנעמען מיט זיין אייגענעם שכל, פלעגט חנה זאַריקער, די מאַמע זיינע, פּרובירן איינפלאַנצן ביי אים דאָס אייגנטום־געפיל אויף אַזאַ מין שטייגער — זי פלעגט אים געבן אַ שטעל אַוועק אין מיטן דער קיך, מיטן פּנים צום עסצימער, און אים אַזוי אויפמונטערן:

— פיש, פיש, משה־אַרינקע, ס׳איז דאָך דיין שטוב!

און משה־אַרינקע פלעגט זיך נישט לאָזן לאַנג בעטן...

דערפאַר אָבער פלעג איך פון אים נקמה־נעמען אין סוכה, ווען מיר אַלע פלעגן זיך אויסזעצן ברייטלעך, יעדערער ביי זיינע חלות, און מאַכן קידוש איינע נאָך די אַנדערע מיטן ניגון און טראָפּ, און משה־אַרינקע פלעגט, נעבעך, שטומען, ווי יורקעס הונט, און חנה זאַ־ריקער פלעגט אים, נעבעך, שטופּן המוציא פון איר אייגענער חלה.

נאָך דער וועטשערע, פלעגט זיך אונזער סוכה פאַרוואַנדלען אין אַ ריכטיקן זינג־קאַסטן, ווייל יעטווידער ברודער האָט געהאַט זיינע לידלעך, און מ׳פלעגט אַריינזינגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

מער נישט, מיך פלעגט די מאַמע נישט לאָזן לאַנג זיצן אין סוכה, ווייל די סוכה, אַ סברה, האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט. איך בין דאָך געבוירן געוואָרן אויף מאָרגן נאָך יום־כפור, איז דער ברית מיינער געווען אין סוכה, און טאַקע דענסטמאָל האָב איך געפּאַקט די ריכטיקע פאַרקילונג, פון וואָס איך האָב שפּעטער באַקומען מיינע געשווירלעך.

פלעג איך נישט וועלן אַוועקגיין פון דער סוכה אַזוי לאַנג ביז די ברידער מיט די שכנים, מיט די געסט, פלעגן אַלע אַריינקומען אין שטוב אַריין און ערשט איבעראַנייס אָנהויבן זינגען:

„אינם לאַנד פון פּיראַמידן
וואָר איין קעניג בייז און שלעכט,
און דאָרט וואָרן אַלע יידן
פרעהס דינער, פרעהס קנעכט״.
אאַז״וו. אאַז״וו.

די יום־טובדיקע טעג פלעגט מען פאַרברענגען אביסל אין ניס־שפּילן און אַביסל אין חקרנען זיך וועגן כלערליי וועלטלעכע ענינים.

דער מיטלסטער ברודער מיינער, מוליע, געדענק איך, פלעגט תמיד מורא האָבן, עס זאָל, חלילה, נישט אויסגיין קיין וואַסער אויף

דער וועלט. אונזער טייך סוויסלאָטש איז זייער אַ שמאָלער און אַ פלאַכער. די ברונעמער זענען אויך געווען גאַנץ ווייטלעך פון אונזער הויז, און אין די יום-טובדיקע טעג טרינקט דער עולם געוויינלעך זייער אַ סך טיי, און ס׳ווערט אויך זייער אַ פולע געקאָכט, איז מוליע פלוצלינג איינגעפאַלן אַ שרעק, וואָס אַן ערך וועט עס זיין, ווען עס פעלט אויס וואַסער אויף דער וועלט! מענטשן און בהמות זויפן אַזויפיל, און ס׳טייכל אונזערס ווערט, נעבעך, אַלץ שמעלער און פלאַכער.

האָט דער אומעטיקער בענטשע-מאָטע בערעזשאַנקערס, אָט דער זעלביקער, וואָס פלעגט זיינע נייע קאַלאָשן באַשמירן מיט דזעגעכץ, כדי דער גלאַנץ זאָל אים נישט האַקן אין פנים אַריין, באַרויקט מיין ברודער מיטן גלגל-החוזר, דאָס, הייסט, אַז דאָס וואַסער דרייט זיך הין און צוריק פון די טייכן אין די ברונימער און פון די ברונימער אין די בייכער און פון די בייכער צוריק אין דער ערד, ווו דאָס ווערט דורכגעזייט און דורכגעלייטערט ביז עס קומט ווידער אַריין אין די ברונימער און טייכן א. אַ. וו. האָט זיך מיין ברודער מוליע געהאַט אַביסל באַרויקט.

דער ברודער זאַלקע, וואָס איז עלטער פון מוליען, האָט געהאַט עטלעכע שוואַכקייטן מיטאַמאָל: ס׳האָט זיך אים געגלוסט האָבן אַ שיי-נעם פּאַטשעראַק, קענען מוזיק און פאַרמאָגן אַ גומענעם שטעמפּל...

האָט ער אויסגעשריבן „קאַליגראַפיע” אַזש פון אָדעס ביי דעם באַרימטן קאָסאָדע, איז ער געוואָרן אַן אַגענט פון גומענע שטעמפּלען אויף גאַנץ בערעזין און דוקאָר און ער האָט אויסגעשריבן די בחנמ-דיקע קאַטאַלאָגן פון אינסטרומענטן-פאַבריקאַנט יולי הענריך צימערמאַן.

ער איז אָבער עד-היום געבליבן, נעבעך, אָן אַ פידל און אָן אַ שיינעם פּאַטשעראַק, מער נישט אַ גומענעם שטעמפּעלע איז אים דאָך געלונגען אַרויסצובאַקומען פאַר זיין אַגענטור איבער גאַנץ בערעזין און דוקאָר.

די דאָזיקע ביידע ברידער מיינע, זאַלקע און מוליע, זענען פון נידעריקן וווקס, מיט עטוואָס פלאַכע פנימער, בעת די אַנדערע צווייִ: מענדל און באַניע, האָבן זיך געצויגן אין דער הויך, האָבן געהאַט לענגלעכע פנימער, און אפילו נעזער לענגערע, ווי ביי יענע...

אונזערע מאכלים

אין די וואָכעדיקע טעג פלעגן מיר איבערכאַפּן דעם הונגער מיט קאַרטאָפל מיט ליאָק (הערינג-ראָסל). ווען מען טונקט איין אַ הייסע קאַרטאָפל אין ליאָק—איז דער זעלבער טעם, ווי מען וואָלט געהאַט אַ שטיקל הערינג אין מויל. ליאָק פלעגט אונז די מומע חיה געבן אָן אַ גראָשן געלט. אוגערקעס-ראָסל פאַרווייסט מיט אַביסל סמעטענע אָדער אַ שיסעלע זויערמילך איז אויך געווען אַ מאכל. אין אַ ראש-חודש-טאָג פלעגט שוין די מאַמע צוטראַכטן פריילעכערע מאכלים—קאַרטאָפל-בלינעס מיט אַ שטיקעלע פּוטער אָדער אַ „קאַפּהאָן״. „קאַפּהאָן״ פלעגט די מאַמע מאַכן פון אַלטע סקאָרינקעס, וואָס מען קאָכט זיי גוט פאַנאַנדער און עס באַקומט זיך אַזאַ מין הייסע ראָשטשינע. אָבער די בעסטע מאכלים פלעגט אונז די מאַמע מאַכן יום-טוב-טעג, ווען ס׳פלעגן זיך אָנפאָרן אַלע קינדער. יעדן ערב-שבת אָדער ערב-יום-טוב פלעגט די מאַמע צעלאָזן פּוטער אין הייסער סמעטענע, און מיר פלעגן טונקען אין דעם ווייכע בולקע, אָקאָרשט פונם אויוון. פרייטיק ביידערנאַכט פלעגט די מאַמע דערלאַנגען די באַרימטע „ציבולניצע״. דער טאָפּ מיט ציבעלעס מיט אַ שטיק פעטן פלייש פלעגט אַ גאַנצן פרייטיקדיקן טאָג זיך פרייען אין דעם גוט-אָנגעהייצטן אויוון, און צו דער שבתדיקער וועטשערע פלעגן מיר אַלע געדרן טונקען פרישע חלה אין הייסן און פעטן ציבעלע-יויך. דעם שטיק פעטן ציבעלע-פלייש פלעגט די מאַמע באַהאַלטן אויף מאָרגן צום מיטאָג, און מען האָט אים געגעסן קאַלטערהייט ווי אַ פאָרשפּייזע צום יום-טובדיקן מיטאָג.

אָבער די גרעסטע הנאה פלעג איך האָבן פּסח צו די סדרים, ווען די מאַמע האָט אַרויפגעשטעלט אויפן סדר-טיש די זיבן צוזאַמענגעקלעפּטע ליימענע טשאָרליעקשקעס מיט די זיבן פאַרברוינטע בולבע-קוגעלעך. יעדער איינער פון אונזער זיבנקעפּיקער משפחה פלעגט באַקומען צו דער הינערשער יויך זיין באַזונדערן בולבע-קוגעלע.

די דאָזיקע זיבן צוזאַמענגעקלעפּטע ליימענע טשאָרליעטשקעס זענען אָבער אין איינעם אַ חול-המועדיקן טאָג אַרונטערגעפאַלן פון דער פליישיקער פּאָליצע, און זיי זענען צעשאָטן געוואָרן אויף שערבלעך. פונדעסטמאָל אָן האָט אויך אונזער זיבנקעפּיקע משפחה זיך אָנגעהויבן צו צעשערבלען זיך איבער אַלע זיבן ימים, און עד-היום בענקט זיך מיר אָפּט נאָך יענע יום-טובדיקע און וואָכעדיקע מאכלים כאָטש נישט אַלע פון זיי וואָלט איך איצטער געקענט עסן.

דוקאָרער גאַסן און טיפּן

אונזער שטעטעלע דוקאָר האָט פאַרמאָגט, אויסער די צוויי לאַנגע גוישע גאַסן: די דאָרף-גאַס און קדר-גאַס, וועלכע זענען נישט געגאַנגען אין יידישן חשבון, נאָך פיר אַנדערע עכט-יידישע גאַסן, און יעטווידע גאַס האָט געהאַט איר אייגנאַרטיקן פּנים און כאַראַקטער. אַזוי, למשל, איז די סמילעוויטשער גאַס געווען די גאַס פון די האָרעפּאַשניקעס. ס'האָבן דאָרטן געוווינט די עטלעכע דוקאָרער שוסטערס, די קצבים, די פּאָר שניידער, משה-אַהרן דער קירזשנער מיטן גראָבן פּעמפּיק, אייזיק דער קעסלער, און אויך די עטלעכע דרדקי-מלמדים.

אויסער דעם, האָט נאָך אין דער דאָזיקער גאַס אויך געוווינט איינער אַ יידל, „משה-אַבא, דער הימל פּאַלט". ר'איז געווען אַמאָל, זאָגט מען, אַ שניידער, אָבער פּלוצים האָט זיך אים אָפּגעדוכט, אַז דער הימל פּאַלט, און פון דענסטמאָל אָן פּלעגן שוין מיר, יינגלעך, לויפן אין סמילעוויטשער גאַס צו משה-אַבאן זען, ווי אַזוי דער הימל פּאַלט...

די צווייטע וויכטיקע גאַס איז געווען די טייך-גאַס — די גאַס פון די דוקאָרער באַלעבאַטים, רעדלפירער און כלי-קודש. זי האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער שטוב פון שמחה אָרעס, אַ וואַלד-מענטש מיט אַ געשאָרענעם בלאָנדן בערדל, ווי אַ לאָפּעטקע, און מיט צוויי קאָסאָקע אויגן, וועלכע שמחה פלעגט תמיד האַלטן פאַרריסן צום הימל.

— אַ נס, וואָס ער האַלט כאָטש צוגעמאַכט דאָס מויל, — פלעגן שטעטלדיקע יידן וועגן אים לעצעווען, — אַנישט קאָן אים נאָך אַ פויגעלע עפּעס אָפּטאָן...

אָבער שמחה אָרעס איז געווען שטאָלץ, וואָס זיין בערדל איז גרויסשטעטיש אונטערגעשאָרן, און וואָס מיט אים הייבט זיך אָן די באַלעבאַטישע טייך-גאַס.

אויף דער זעלביקער גאַס האָבן געוווינט ר' מאָטע דער שוחט, אַ ייד אַ זקן, אָבער ביז דער לעצטער מינוט האָט ער געהאַלטן שטייף דעם חלף און מוהל-מעסער אין דער האַנט. אַ סברא, אַז אַלע דוקאָרער מאַנסבילן, אָנהויבנדיק פון די פערציק-יעריקע ביז די זויגקינדער, זענען געמלט געוואָרן דורך מאָטע דעם שוחט. ער האָט שטענדיק געהאַט אין ספרים-אַלמער אַ סלאָיטשיקל מיט וואַטע און אַ

סלאָיטשיקל מיט „פּולוער״, ווי ער פלעגט עס אָנרופן. דעם דאָזיקן פּולוער פלעגט ר׳ מאָטע אַליין פאַבריצירן פון צעפּוילטע שטיקער האָלץ, און ס׳פלעגט אויסזען, ווי אַ ציקאָריע־פּראַשעק. מיטן דאָזיקן פּולוער פלעגט ר׳ מאָטע באַשיטן דאָס געמלטע אברל נאָכדעם, ווי זושע, דער שמש, פלעגט מיט זיינע עטוואָס אָנגעפּוילטע וואָנצעס פון צופיל טאַבאַק־גשמעקן, מציצה־זיין. די עופהלעך, געדענק איך, פלעגן זייער שרייען בעת־מעשה, אָבער נאָכדעם פלעגן זיי, אָן עין־הרע, אויסוואַקסן געזונטע קינדער.

מער נישט, ביי פרומע דער בערעזינער האָבן זיך נישט גע־האַלטן קיין יינגלעך און זיי פלעגן גלייך נאָכן ברית אַוועקשטאַרבן.

גאַנצע פינף יינגלעך זענען ביי איר אָפּגעשטאָרבן פון די בריתן. דערפאַר אָבער, ווען ביי איר איז געבאָרן געוואָרן דער מיזיניק, און אַלע אין שטעטל האָבן געוווסט, אַז דאָס וועט שוין זיין דער מיזיניק, ווייל דער מאַן אירער איז, נעבעך, געשטאָרבן, בעת זי איז נאָך גע־ווען טראָגעדיק — האָט זיך שטעטל אַרומגעזען, אַז ס׳איז אַ גרויסער רחמנות אויף אָט דער אַלמנה, וואָס וועט אויך דעם מיזיניק אירן פאַרלירן נאָכן ברית — האָט מען געמאַכט אַ היתר, און איר יינגל נישט מל געווען, כאָטש מען האָט אים דאָך אַ נאָמען געגעבן משה־דוד. ס׳איז געווען דאָס איינציקע דוקאָרער יינגל, וואָס האָט זיך אַרויסגעדרייט פון ר׳ מאָטע דעם שוחטס מוהל־מעסער, און פון זושע דעם שמש פאַרפוילטע וואָנצעס. לעבט ער נאָך, נעבעך, עד־היום אָט דער משה־דוד אַ נישט געמלטער, כאָטש די מאַמע זיינע האָט זיך געמוזט מיט אים אַריבערקלייבן צוריק אין בערעזין, ווו מ׳האָט דעם סוד נישט געוווסט, אָנישט וואָלטן מיר, יינגלעך, אין דוקאָר פאַריא־דעט אים מיט די צונעמענישן:

— משה־דוד דער גוי, משה־דוד דער יורקע...

די דריטע גאַס איז געווען דער מומע חיהס גאַס, אַנדערע פלעגן זי רופן די בלאָטע גאַס, ווייל זי האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרויסער שטייענדיקער בלאָטע, ווו זשאַבעס פלעגן גאַנצע זומערס באַזינגען די שיינקייט פון אונזער דוקאָר. אויף דער דאָזיקער גאַס האָבן געוווינט די עטלעכע קרעמער, משה הירש דער ברויט־בעקער, וועלוול דער סטאַרעסטע, און הלל דער שרייבער. ס׳האָט געשמעקט פון דער דאָ־זיקער גאַס מיט קאַזנאַ. מ׳פלעגט קומען אַהער נאָר דאַן, ווען די גע־שעפטן פלעגן טרייבן אין אַן עת־צרה צו הלל דעם שרייבער נאָך אַ

פראָשעניע, אָדער צו משה־הירשל דעם בעקער נאָך אַ גמילות־חסדל, ווייל אין גרונט געגומען האָט דוקאָר נישט ליב געהאַט די בלאָצע־גאַס שוין צוליב דעם אַליין, וואָס דאָרטן האָט נאָך געלעבט זעליק דער כאַפּער, וועלכער איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן אַ חברה־קדישאניק; די איבעריקע קברות־לייט האָבן אויך געוווינט אַרום דער בלאָצע, — איז בעסער, אַז מען וואַרפט זיך זיי נישט אין די אויגן...

די פערטע גאַס איז געווען די אַזוי־גערופענע קאַנצעלאַריע־גאַס, וווּ יידן מיט גוים האָבן געוווינט געמישט איינע מיט די אַנדערע גאַנץ שלום־ביתדיק. די יוגנט פלעגט די גאַס רופן סאַד־גאַס, צוליב די סעדער און גערטנער, און זי איז געווען די סאַמע וויכטיקסטע שפּאַציר־גאַס פאַר דער שטעטלדיקער יוגנט.

דאָ האָט יונה געהאַלטן די „סטאַיקע" מיט זיינע גרויסע גוט־אויסגעפּאַשעטע סוסים, כאָטש ער אַליין האָט געוווינט אין דער באַלעבאַטישער טייך־גאַס. גערופן האָט מען אים נאָר יונה, אָן קיין שום צונעמעניש, ווייל אין שטעטל ביי אונז האָט געקענט זיין נאָר איין יונה אַזאַ, אָט ווי ער גייט און שטייט. דער נאָמען יונה האָט שוין פולל געווען אין זיך סיי דעם כהן, סיי דעם גביר־אַדיר, סיי דעם קמצן, און סיי דעם גראָבן יונג.

אַז יונה פלעגט אין כעס ווערן (און אין כעס ווערן פלעגט יונה זייער אָפט און לייכט), פלעגט ער זיך נישט פוילן אין סאַמע מיטן מאַרק מאַכן אין דער מאַמען־אַריין אויף דער העכסטער אָקטאַווע, און קיינעם פלעגט עס נישט אַרן, ווייל דאָס פלעגט אַזוי קליידן צו זיינע לייוונטענע מייטקעס און צו זיין פויערישן געזיכט — כאָטש נעם און צלם אים איבער.

יונה איז געווען אויסגעבונדן מיטן אוריאַדניק, מיטן זעמסקען און מיטן שרייבער פון וואָלאָסט. ער פלעגט תמיד וויסן פאָרויס, ווען אָן ערך עס קומט דער רעוויזאָר אין שטעטל, אָדער, חלילה, דער פּריסטאַוו צוליב געוויסע געהיימע ענינים. דאָס פלעגט ער, יונה, מוזן צושטעלן פערדלעך פאַר די וויכטיקע געסט, און אין אַזעלכע פאַלן — פלעגט יונה אַליין אַוועקזעצן זיך אויף דער קעלניע און טרייבן זיינע באַגלעקלטע סוסים אין דעם פריצישן וועגל, ווי אַ ריכטיקער קוטשער.

האָט ס'שטעטל געוווּסט, אַז וויבאַלד יונה אַליין זיצט אויף דער קעלניע — מוז מען פון די קרעמלעך וואָס־גיכער די איבעריקע סחורה אַרויסטראָגן, און די אָפּגעריבענע פונטן פאַרשטעקן הינטערן אויוון...

ס'קומט, הייסט עס, נאַטשאַלסטווע אין שטעטל!

די ברידער משארני:

פון רעכטס: באָניע (ב. וולאדעק), זאלקע,
מוליע (ש. ניגער), דאָניע (ד. טשארני) און מענדל

פאָטאָגראַפירט אין 1902־טן יאָר

מיין ערשטע נסיעה

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איך בין געווען געשיצט פון אַלע זייטן מיט סגולות, תרופות און שפּרעכעניש, דאָך אָבער האָט ס׳רעכטע הענטל מיינס געפּוילט און געבלאָטערט.

האָט די מאַמע שוין נישט געקענט צוזען דעם צער מיינעם, און מיך געפירט אין מינסק אַריין צו אַ גוטן דאָקטאָר.

בטבע פלעגט מען פון דוקאָר קיין מינסק פאָרן מיט די בעלי־עגלהס סך־הכל איבער אַ נאַכט. אָבער אַז מען פירט אַ חולה, פלעגט מען באַנוצן די באַן.

די סטאַנציע רודענסק ליגט צען וויאָרסט פון דוקאָר, און פון רודענסק ביז מינסק איז סך־הכל צוויי סטאַנציעס. די שמחה מיינע, וואָס איך וועל זען די באַן און טאַקע אַליין פאָרן מיט איר, איז געווען אין־לשער. איך האָב שוין אַ סך זאַכן געהערט וועגן דער באַן, און נישט אַלץ געגלויבט, אָבער היינטיקס מאָל וועל איך טאַקע זיין אויף דער סטאַנציע גופא, ווו די באַן קומט אָן, און איך וועל קאָנען אפילו אַריין אינעווייניק און באַטראַכטן יעדן וואַגאָן באַזונדער! ווי גוט ס׳וועט מיר זיין!

די מאַמע אָבער האָט אפנים נישט דערשפירט מיינע באַן־התפעלות און דערוואַרטונגען, און נאָך איידער זי האָט באַוויזן אַריינצוקומען מיט מיר אין וואַגאָן אַריין — האָט זי גוט אַרומקוקנדיק זיך פון אַלע זייטן, מיר באַפוילן, כ׳זאָל תיכף אַרונטערקריכן אונטער דער באַנק, און נישט־וויסנדיק צוליב וואָס און פאַרוואָס, בין איך גלייך אונטערגע־קראָכן אונטער דער באַנק, און זיך אויסגעלייגט אויף דער שמוציקער פאָדלאָגע, טרייסלענדיק זיך פאַר שרעק און נייגיריגקייט.

עפּעס האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז ס׳איז נאָר אויף אַ ווייל־לינקע, אויף צו כלומרשט, אַז ווי נאָר דער צוג וועט זיך רירן — וועל איך קאָנען אַרויס פון אונטער דער באַנק, אָבער דער צוג האָט זיך גערירט, די מאַמע האָט זיך אויסגעזעצט אויף דער באַנק און פונאַנדער־געשפּרייט איר ספּאָדניצע, ווי אַ פאַכער. דאָס זעלביקע האָט זי אויך געבעטן טאָן די שכנה אירע, וואָס איז לעבן איר געזעסן, און אויך יענע האָט איר ספּאָדניצע פונאַנדערגעשפּרייט, ווי אַ פאַכער, און ס׳איז מיר דאָרטן געוואָרן פינסטער און הייס, ווי אין אַ פאַפּלעטש פאַר הינער.

האָב איך פּרובירט דער מאַמען אַ שלעפּ טאָן פאַרן קלייד — האָט זי אָנגעשריען אויף מיר, כ׳זאָל בלייבן רויק, ווייל באַלד דאַרף קומען דער קאָנדוקטאָר. — בין איך געבליבן רויק, זיך צוהערנדיק צום גערויש פון די רעדער, וועלכע האָבן געבראַזגעט מיר צוקאָפּנס און נאָך מער צערייצט מיינע „ווילד׳ע געבלוטן”, ווי די מאַמע פלעגט זאָגן.

ערשט אין אַ שעה אַרום האָט מיר די מאַמע אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער באַנק אינגאַנצן אַ פאַרבלוטיקטן, ווי כ׳וואָלט זיך דאָרטן געממיתט, צי וואָס?

לאָזט זיך אויס, אַז ס׳איז געווען נישט מער, ווי בלוט פון נאָז־וואָס האָט אָנגעהויבן רינען פון צופיל היץ אונטער די צוויי ספּאָדני־צעס, און פון צופיל אויפרעגונג. האָט מיך די מאַמע אויפן מינסקער וואָקזאַל אַביסל אַרומגעוואַשן, אָפּגעפּוצט פון דעם שמוץ און מיך אָוועקגעפירט אויף דער יורי׳עווער גאַס צו דער מומע איטקען, ווו איך האָב דעם גאַנצן כעס מיינעם אויסגעלאָזן צו זינגערס מאַשינע, וועל־כע איך האָב אָנגעהויבן שטודירן, נאָך זייענדיק אין דוקאָר.

האָט די מאַמע אויסגעקלאָגט איר ביטער האַרץ פאַר דער על־טערער שוועסטער אירער, פאַר דער מומע איטקען, כאַפּנדיק אַלע ווייַלע אַ קוק אויף מיר — דעם פליאַגע, — כאָטש איך אַליין, נאָך דער אומגעלומפּערטער נסיעה מיט דער באַן, האָב זיך דווקא גאַנץ גוט דערפילט אין דער גביר׳ישער דירה, מער נישט, די מיזינקע אירע, רחל, איז פאַר דער צייט, וואָס איך האָב זי נישט געזען, געוואָרן נאָך גרינער און מאָגערער. דער מילך האָט געהאַלטן ביי איר אין איין וואַקסן.

— זי גייט אויס, ווי אַ ליכט... — האָט אויך די מומע איטקע זיך אָנגעהויבן צו קלאָגן אויף איר „פליאַגע”...

און שפּעטער אַביסל האָט זי צוגעגעבן:

— דיין „פליאַגע” קאָן מען כאָטש העלפן מיט אַן אָפּעראַציע. און מיינער? וואָס?

און נאָך שפּעטער אַביסל, ווען זי האָט שוין באַטראַכט מיין הענטל, האָט די מומע איטקע אַ זאָג געטאָן:

— און ווי מיינסטו, ברכהקע, ווען מען נעמט אים גאָר איג־גאַנצן אַרונטער דאָס הענטל — וואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געוואָרן אַן עק צו די צרות...

שטאָט ענטפערן וואָס — האָט זיך די מאַמע מיינע פונאַנדער־

געווייַנט עלערהויט, און דערזעענדיק דאָס, האָב איך גענומען אַזוי האַסטיק דרייען די פוס-מאַשינע זינגערס, ביז דער גומענער שנור איז אָפּגעשפּרונגען פון דער הינטערשטער ראָד, און ס׳אייבערשטע רעדל האָט זיך אַ לאַנגע צייט געדרייט פון זיך אַליין...

מייַן ערשטע אָפּעראַציע

שאַפּיראָ דער כירורג האָט גאָרנישט געהייסן אַרונטערנעמען מייַן גאַנצע האַנט, ער האָט נאָר געזאָגט, אַז מען דאַרף אויסשניידן דאָס ווילד-פלייש און ס׳וועט ווערן גוט.

האָב איך אָפּגעמאַכט מיט דער מאַמען, אַז אויב זי קויפט מיר פּאַר ניין קאָפּיקעס אַ פערטל בילעט אויף פאָרן צוריק מיט דער באַן — וועל איך זיך לאָזן שניידן, אַנישט וויל איך נישט.

האָט די מאַמע מסכים געווען.

מיינע ברידער זענען געווען עדות.

שפּעטער אַביסל האָט מיך שוין דער דאָקטאָר שאַפּיראָ אַרויפגעלייגט אויף אַ צעראַטענער באַנק מיט הויכע אייַזערנע פיס, און באַדעקט מייַן פּנים מיט מאַרליע.

ס׳איז מיר געוואָרן אַ סך אומהיימלעכער, ווי נעכטן אונטערן באַנק אין וואַגאָן, אָבער דער דאָקטאָר שאַפּיראָ האָט מיך געגלעט, און געבעטן אויף יידיש, איך זאָל אים ציילן איינס—צוויי—דריי און אַזוי ווייטער.

האָב איך אים געפאָלגט און גענומען ציילן איינס—צוויי—דריי—פיר, פונקט ער וואָלט מיך געלערנט ליטשבע, אָבער אַז ס׳איז געקומען צו צען, איז מיר פּלוצים געוואָרן זייער ענג אין האַלז, און ס׳האָט מיך עפּעס וואָס אָנגעהויבן שטיקן און ווערגן — האָב איך אויסגעשריען „מאַמע״! „מאַמע״! אָבער די מאַמע מיינע האָט געוויס נישט געהאַט דערהערט מיינע אויסגעשרייען צו איר, ווייל דער דאָקטאָר שאַפּיראָ האָט זי געהאַט פאַרשטעקט אין אַ זייטיקן צימער — זי זאָל נישט קענען זען און הערן, וואָס ער טוט מיט דעם מיזיניק אירן...

... נאָך דער אָפּעראַציע האָט מיר די מומע איטקע געגעבן טרינקען פולע גלעזער קעפיר, וואָס זי אַליין פלעגט מאַכן צוליב איר קראַנקער רחלען, און די מאַמע פלעגט מיר ברענגען פון טערק

בייגל מיט גרויסע לעכער, וואָס אַזעלכע לעכער האָב איך נישט געזען אַפילו ביי לאה-מערע דער בייגל-בעקערקע.

די ברידער מיינע פלעגן יעדן אָוונט קומען אַזש פון קאַמאַרוי-קע (אַ פאָרשטאָט) חקירהן זיך מיט דעם צעטראָגענעם פעטער ישעיה וועגן דעם גורל פון דער יידישער אומה און, אַגב, קוקן אויף מיר מיט אַזעלכע רחמנות-אויגן, פונקט זיי וואָלטן געווען שולדיק קעגן מיר, צי וואָס?

צוריק אין דוקאָר זענען מיר שוין נישט געפאָרן מיט דער באַן, ווי די מאַמע האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט, נאָר מיט לייזער בעל-עגלה, ווייל ער איז געווען שולדיק דער מאַמען פאַר אַ פאָר שטיוול, און קומענדיק צוריק אַהיים, זענען מיינע אַקציעס ביי די חברים נאָך מער געשטיגן.

ערשטנס, האָב איך זיי געהאַט אויסגעדערציילט אַלע חדושים פון דער באַן, וואָס גייט לחלוטין אָן פערד. איך האָב מיינע חברים, פאַר-שטייט זיך, נישט דערציילט, אַז איך בין, נעבעך, געפאָרן קיין מינסק אונטער דער באַנק, אַדרבא, איך האָב זיי מיט גרויס גענויע:קייט געשילדערט יעטווידן וואַגאָן באַזונדער און כ'האָב זיי אַפילו דער-קלערט, ווי אַזוי די באַן גייט פון זיך אַליין... דער צענטער וואַגאָן, דער סאַמע לעצטער, האָב איך זיי דערקלערט, איז צוגעטשעפעט צו דעם ניינטן וואַגאָן, איז וויבאַלד דער ניינטער לאָזט זיך גיין — מוז ער שוין אויך נאָכשלעפן דעם צענטן. דער ניינטער איז צוגעטשעפעט צו דעם אַכטן, דער אַכטער — צו דעם זיבעטן און אַז. וו.

מער נישט, ווי עס לאָזט זיך גיין דער גאָר ערשטער וואַגאָן — דער לאָקאָמאָטיוו — האָב איך זיי נישט געקענט גענוי דערקלערן. אָבער וועגן די איבעריקע ניין איז געוואָרן אַלץ קלאָר... ווי איך פאַר-שטיי איצטער, בין איך שוין דענסטמאָל געווען אַ שטיקל דיכטער...

צווייטנס, זענען מיינע חברים געוואָרן שטאַרק נייגעריק אַ קוק צו טאָן, וואָס דער בארימטער דאָקטאָר שאַפּיראָ האָט אויסגעשניטן פון מיין האַנט, און ווען די האַנט מיינע האָט זיך געהאַט אַביסל אָפּגעהיילט פון דער אָפּעראַציע, און די הויט אויף איר איז געוואָרן וייס און האַרט, ווי פּאַרמעט — האָט דענסטמאָל מיניע אָשר מלמדס באַשלאָסן אויסצוכתבען אויף אָט דער פּאַרמעט-הויט מיט רויטן טינט דעם באַרימטן שפּרוך: „מכשפה לא תחיה, לא תחיה מכשפה, מכשפה תחיה לא״! ד. ה. אַז די קרענק מיינע זאָל פּגרן, ווי אַ מכשפה, אָבער

דער דאָזיקער מין טרייבן די מחלה פון מיין האַנט האָט זי נאָך מער צערייצט און אָנגעמאַכט נאָך גרעסערע ווייטאָגן, ווי די אָפּעראַציע פון דעם דאָקטאָר שאַפּירא...

האָב איך דענסטמאָל באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרשטעקן מיין האַנט גאַנץ טיף אין דער הויזן-קעשענע, און איך טראָג זי נאָך עד-היום אָט אַזוי—קיינער זאָל נישט זען און נישט טשעפּען...

איך טרינק זיך

שווימען האָב איך נישט געקאָנט. דאָך אָבער פלעגט מיך ציען צום טייך צוגלייך מיט אַלע אַנדערע חדר-ייִנגלעך. כ׳פלעג אַרומדרייען מיין קראַנקע האַנט מיט אַ האַנטוך און אויבן נאָך אַ צעראַטקע — דאָס וואַסער זאָל נישט דורכגיין, און מיט דער צווייטער — דער לינקער, פלעג איך אָנהויבן מאַכן אַ שוים אַרום זיך, אַ וואַסער-מיל, הייסט עס, און דערביי זיך פאָרשטעלן, אַז איך שווים פלומרשט אייבער טיפע וואַסערן.

טרעפט אָבער אַמאָל אין איינעם אַ תמוז-טאָג, און ס׳פאָרט אַראָפּ צו דער מומע חיהן אַ הויכער שלאַנקער בחור „זען זיך" מיט איר עלטערער טאָכטער, מיט פראַדען, דעם בחור האָט מען גערופן בענטשע, און געקומען איז ער אויף אַ פערד פמעט אַן אייגענעם, ווייל געווען איז ער אַ וואַלד-מענטש, און געהאַט תמיד אין זיין רשות דאָס פריצישע פערדל.

האָב איך דערפילט, אַז איך בין אויך עפּעס אַ שטיקל מחותן מיט אָט דעם פערד, וואָס האָט אין משך פון אַ פאָר טעג אַרומגעפירט שפּאַצירן אַלע קרובים אונזערע.

איז מיר דער שידוך שטאַרק געפעלן געוואָרן, און איך האָב אָנגעהויבן צושטיין צו דער מאַמען — זי זאָל איינרעדן פראַדען חתונה צו-האָבן מיט אָט דעם בענטשען. דאָס פערד ווערט דאָך דענסטמאָל אַ גליד-שוועסטערקינד, און ביז וואַנען זיי וועלן זיך דאָרטן צונויפרעדן צווישן זיך וועגן נדן און אַנדערע זאַכן—קאָן איך זיך דערווייל באַנוצן מיטן פערד אַפילו דאַן, ווען מען פירט אים באָדן זיך.

ביי אונז, חדר-ייִנגלעך, איז שוין געווען אַ חוק אַזאַ, אַז ווען מען באָדט אַ פערד—מעג מען זיך אָנכאַפּן פאַר זיין עק און מיטשווימען מיט אים.

דאָס זעלבע, פאַרשטייט זיך, האָב איך געטאָן מיט „מיין" פערד. אָבער אַזוי ווי ער איז נישט געווען קיין דוקאָרער, דער פערד, און ער האָט נישט געקאָנט גוט אונזער טייכל (סוויסלאָטש — דעם אַלטן דניעפּערס אַן אייניקל), האָט ער מיך פאַרשלעפּט אין די „בייטן" („קעסל־גרוב"), און דער פערד, וואָס האָט פריער געהאַט געשטעלט פוס־טריט איבער דעם פלאַכן באָדן פון אונזער טייכל, האָט זיך געלאָזט שווימען און מיטן הינטערשטן פוס האָט ער מיר געגעבן אַזאַ זעץ אין בויך, אַז כ'האָב געמוזט דעם עק זיינעם אָפּלאָזן און איך האָב זיך גענומען טרינקען.

ביים טרינקען זיך האָט מיר נאָר איין געדאַנק געעקבערט: וואָס וועט עס זיין איצטער מיט דער מאַמען? ווי וועט זי דאָס לעבן אָן מיר?

אָבער לייבע דער טומע טויבעס, וואָס איז געווען אַ גוטער שווימער, האָט מיך דערקאָנט נאָכן האַנטוך אויף דער רעכטער האַנט, און, פאַרשטייענדיק, אַז איך טרינק זיך — האָט ער מיך אַרויסגע־ראַטעוועט.

צוויי טעג בין איך אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטער און אַ באַ־טויבטער, נאָך ערגער, ווי פונם שלאָפּטרונק, וואָס ד"ר שאַפּיראָ האָט מיר געגעבן. אויפן דריטן טאָג בין איך שוין געווען ביי פּראָדען אויף תנאים, כאָטש דעם אמת געזאָגט, וואָלט מיך שוין איצטער אַ האָר נישט געאַרט, ווען דער שידוך זאָל זיך פונאַנדערגיין...

מיינע צונעמענישן

נאָכן טרינקען זיך האָט מיך לאה־מערע די בייגל־בעקערקע אַ נאָמען געגעבן דער „גערעטעוועטער". אָבער אויך די פריערדיקע צו־נעמענישן מיינע האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעטאָן פון מיר.

כ'פלעג אָפט הערן, ווי די שכנות אונזערע פלעגן זיך נאָכפרעגן ביי דער מאַמען:

— וואָס מאַכט אייער „פליאַגע"? אָדער:

— ווו איז דאָס היינט אייער „געטשקע"? אָדער:

— וואָס זינדיקט איר, ברכה, ער איז דאָך ביי אייך אַ „גע־פונענער" און אַ „גערעטעוועטער". — און סוף־כל־סוף איז מאַשען

דער משוגענער איינגעפאַלן צו געבן מיר אַזאַ צונעמעניש, וואָס קיי־נעם האָט זיך דאָס גאָרנישט געלייגט אויפן שכל.

בכלל איז מאַשע געווען אָנגעשטויסן אויף אונזער גאַנצער משפחה. זי האָט נאָך אַלץ געטראָגן דעם כעס אויף מיין טאַטן, הלמאַי ער האָט איר אויסגעשמירט דאָס מויל מיט אַ חלבנעם ליכטל. זי איז אויך געווען ברוגז אויף דער מאַמען, הלמאַי זי האָט אָנגערעדט פראַ־דען, זי זאָל חתונה האָבן מיט בענטשען, זי איז אויך געווען ברוגז אויף מיר, הלמאַי איך פלעג זיך סודען מיט איר טאַטן, דעם „וואַ־ריאַט", ווי זי פלעגט אים אָנרופן; און צוליב אָט די אַלע כעסן אירע האָט זי מיר גאָר אַ נאָמען געגעבן: „ברכהקעס ממזר", אָבער דאָס דאָזיקע נייע צונעמעניש האָט ס'שטעטל נישט אָנגענומען און מען האָט מיך ווידער גערופן מיט מיינע אַלטע צונעמענישן, אַבי נישט מיטן ריכטיקן נאָמען.

ס'איז געווען, זאָגט מען, אַ סגולה קעגן מלאך־המוות — ער זאָל נישט וויסן מיין ריכטיקן נאָמען און נישט טרעפן דעם וועג צו מיר. מער נישט דעם רבס משפחה פלעגט מיך רופן מיט מיין ריכ־טיקן נאָמען דאָניע, אַ פאַרקירצונג פונם וואָרט דניאל, און עד־היום טראָג איך דעם דאָזיקן פאַרקירצטן נאָמען, כאָטש איך בין שוין אַ ייד אין די יאָרן...

סוף־כל־סוף איז מיר פאָרט באַשערט געווען צו דערזען איינמאָל מיין פולן, ריכטיקן נאָמען, אויסגענייט מיט רויטער וואָלטשקע אויף שוואַרצן סאַמעט. דאָס האָט געמאַכט אונזער שכנהס טאָכטער, רבקה לאה־מערעס, דאָס דאַרע, בלאַסע מיידל, מיט די פלאַקערדיקע אויגן.

זי האָט געהערט אין שטוב רעדנדיק, אַז איך קלויב זיך ווערן בר־מצווה, און פאַר דער מאַמען איז דאָס געווען די גרעסטע שמחה, עפעס אַ קלייניקייט, דערשלעפּט איר מיזיניק צו בר־מצווה!

די דאָזיקע פרייד האָט זיך געהאַט איבערגעגעבן צו דער בלאַ־סער רבקהלען, וואָס האָט, געבעך, געליטן פון דער „דער" (שווינד־זוכט), אָבער זי האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צום אויסנייען פלערליי יידישע זאַכן.

אין שטוב ביי אונז איז שוין געהאָנגען אירער אַ מזרח, מיט לייבן און טויבן, און זי האָט געקריגן חשק צו אויסנייען מיר אַ מתנה צו בר־מצווה — אַ שוואַרצן, סאַמעטענעם תפילין־זעקל, אויף וועלכן

ס'האָט זיך מיט רויטע אותיות געהנדלט מיין פולער נאָמען „דניאל טשאַרני"...

די מאַמע אירע, לאה-מערע, האָט זי אַפילו אַ מוסר-געטאָן, הלמאַי זי האָט אויסגעהעפט מיין פולן נאָמען, ווייל דניאל ענדיקט זיך מיט „אל", און „אל" איז דאָך גאָט, אָבער נישט רבקהלע און נישט איך האָבן זיך געהאַט גענומען צום הארצן, און מיר ביידע זענען שטאָלץ געווען אויף אָט דעם תפילין-זעקל.

אַ שאָד נאָר, וואָס רבקהלע האָט, נעבעך, נישט דערלעבט צו זיין אויף מיין בר-מצווה, ווייל באַלד נאָכדעם, ווי זי האָט מיר גע-האָט אויסגענייט דאָס תפילין-זעקל, האָט זי געקריגן אַ שטאַרקע פאַר-קילונג און איז טאַקע געשטאָרבן.

עפּעס האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז איך בין אַביסל שולדיק אין איר טויט, וואָרום ווען זי נייט נישט אויס מיין פולן נאָמען, וואָס ענדיקט זיך מיט גאָט — וואָלט זי נאָך אפשר געבליבן לעבן?

רבקהלעס טויט האָט מיך טאַקע איבערצייגט, אַז ליפּע דער שניידער איז טאַקע געווען גערעכט, ווען ער האָט געטענהט, אַז דאָס צימער, וועלכן די מאַמע פאַרדינגט תמיד, איז אַ שלימזלדיקער...

מיר קלויבן אַ רב

דער אַלטער רב, משה טשאַרני, וואָס איז מיר געווען אַן על-טער-פעטער, האָט די לעצטע יאָרן געליטן פון מאָגן-געשווירן, האָט מען אים געפּאָמפּעט און געהיילט, געפּאָמפּעט און געהיילט, ביז ער איז, נעבעך, געשטאָרבן.

איז פאַרבליבן נאָך אים אַ משפחה זאַלבעצענט. האָט מען גע-נומען זוכן אַ נייעם רב פאַרן שטעטל — אַ בחור, וואָס זאָל חתונה האָבן מיט דער עלטסטער טאָכטער, און אַזוי-אַרום באַזאָרגן די רבנישע משפחה מיט חיונה.

ס'שטעטל האָט גרויס דרך-ארץ געהאַט פאַר דעם פאַרשטאָרבע-נעם רב און געוואָלט, ווי בעסער צו פאַרזאָרגן זיין פאַריתומטן הויז-געזינד.

האָט ס'שטעטל געזוכט אַ נייעם רב פאַר זיך, און אַ מאַן פאַר דער עלטערער יתומה.

דערווייל מאַכט זיך אַ געשיכטע, און מיין עלטערער ברודער

באָניע, באַשרייבט אינם מינסקער רוסישן בלעטל אונזער שטעטל, אָנ־הויבנדיק פון קושע דעם באַלעגאָלע, וואָס שרייט „באַבאַ אַנוטשי״, „באַבאַ אַנוטשי״, ביז דעם צעדרייטן „משה אַבא—דער הימל פאַלט!״

ער האָט זיך שוין, קאָנטיק, אָנגעלייענט, מיין ברודער, מיט אַלע טרייף פסלען און ער האָט גאָר אינגאַנצן מבטל געמאַכט אונ־זער שטעטל. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט זייער געקאָנט שאַטן צום שידוך, וואָרום וועלכער רב, אָן ערך, וועט עס וועלן אָנקומען אין אַזאַ מין קאַבצאַנסק? האָט עס מיך שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל כ׳האָב זייער ליב געהאַט דעם רבס משפחה, און געוואָלט, אַז פרומע־שרה (אַזוי האָט געהייסן די עלטסטע טאָכטער) זאָל קריגן אַ לייטישן מאַן.

איך האָב דענסמאָל אָנגעשריבן קיין מינסק צו מיין ברודער באָניען אַ בריוו, און אים געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל זיך בעסער אין דוקאָר נישט ווייזן, ביז פרומע־שרה וועט מיט מזל חתונה־האָבן, אַ נישט קאָן ער נאָך, חלילה, כאַפּן אויסגעפּאַטשט פון צאַלע דעם רבס.

דאָך אָבער, לאָזט זיך אויס, האָבן נישט אַלע יידן אויף דער וועלט געלייענט דאָס מינסקער בלעטל, און איינמאָל איז אַראָפּגעפאָרן אין דוקאָר אַ בחור פון דער באָברויסקער ישיבה, און ער איז פאַר־פאָרן גלייך צו ישראל דעם שוחט „זען זיך״ סיי מיטן שטעטל און סיי מיט דער כלה.

דער באַסמיכהטער חתן־בחור האָט, פאַרשטייט זיך, קודם־כל, געדאַרפט געפינען חן אין די אויגן פון אונזערע גבאים און רעדל־פירער, און נאָכדעם שוין האָט מען אים געדאַרפט ווייזן די כלה זיינע.

יענעם אָוונט איז פרומע־שרה, געדענק איך, געזעסן טיף פאַר־טרויערט אין דער אַלטער רבנישער שטוב און געדולדיק אָפּגעוואַרט דעם גורל אירן.

האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטן און כ׳בין אַוועקגעלאָפן צו ישראל דעם שוחט אָנקוקן דעם חתן־רב, און איך בין באַלד געקומען צו לויפן צו פרומע־שרהן אָנזאָגן איר, אַז ער איז זייער אַ שיינער און אַ יונגער.

פרומע־שרה האָט מיך דערפאַר געשמאַק אַ קוש געטאָן, און פון דענסטמאָל אָן איז זי מיר געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי מיין אייגענע שוועסטער.

אויף מאָרגן האָט שוין אָשר מלמד פונאַנדערגעלאָזן דעם חדר,

און מיר, חדר-יינגלעך, האָבן זיך משמח געווען מיט גאַנץ שטעטל, וואָס האָט אַ נייעם רב באַקומען.

צוליב דעם דאָזיקן געשעעניש האָב איך געלאָזט מאַכן אַ פּאַראַד פון אַלע מיינע חיילות הינטער יאַקובקע דעם שמידס קוזניע, וואָס לעבן דער באָד.

איך בין גראָד דענסטמאָל געווען קייסער איבער אַלע יינגלעך פון אָשר מלמדס חדר, און מיר האָבן דורך אַן אָפענער פאָלקסציילונג צווישן מיינע סאָלדאַטן, באַשלאָסן צו אָנערקענען דעם נייעם רב, וואָס גייט חתונה האָבן מיט דער עלטסטער יתומה פון הרב משה טשאַרני, ז״ל.

מער נישט לייבע ליפּע דעם שניידערס, וואָס זיינעם אַ ברודערל האָט די מאַמע זיינע געהאַט צוגעשטיקט זויגנדיק, ווען זיי האָבן נאָך געוווינט ביי אונז אין שטוב, האָט זיך איינגעעקשנט, אַז אַ רב דאַרף זיין אַן עלטערער ייד, מען זאָל פאַר אים דרך-ארץ האָבן, אָבער נישט אַזאַ מין ישיבה-בחור, וואָס דאַרף ערשט חתונה האָבן.

האָב איך מיט מיין שני-למלך בערל שמחהס, דעם זעלביקן שמחה, וואָס פלעגט תמיד מעשה בעל-גאווה אַרומגיין מיט אַ פּאַריסענעם קאָפּ צום הימל, און ס׳שטעטל פלעגט שטענדיק ציטערן, אַז אַ פייגעלע זאָל אים, חלילה, נישט אָנמאַכן אין מויל אַריין, האָבן מיר, הייסט עס, באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אָט דעם לייבקען, וועלכער גייט קעגן דעת-הקהל, אויסשמייסן מיט קראָפּעווע.

דעמזעלבן טאָג נאָך האָט מען לייבקען פאַרשלעפּט הינטער דער באָד, ווו ס׳איז געוואַקסן אַ סך קראָפּעווע און מען האָט אים אויפן היילן אַריינגעצימבלט מיט אַ ספּעציעלן קראָפּעווע-בעזימל אַ צענדליק „מלקות״, און באַלד נאָכדעם האָט ער שוין געמוזט איינגיין אויפן שידוך.

אמת, לייבקע האָט נאָך דער דאָזיקער „באָד״ נישט געקענט זיצן גאַנצע דריי טעג, אָבער דערפאַר האָבן מיר אים באַשטימט פאַר אַ גאַראַדאָוואָי, ווייל אַ גאַראַדאָוואָי מוז דאָך סיי-ווי-סיי שטיין!

אַזוי-אַרום האָבן קינד און קייט מסכים געווען, אַז דער שוואַרץ באַבערדלטער בחור מיט די פלאַקערדיקע אויגן זאָל ווערן רב איבער דוקאָר און איבער אַלע יידישע ישובים, וואָס אַרום דוקאָר. איבערהויפּט האָבן מיר, יינגלעך, געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז קיינער זאָל אין דוקאָר נישט פאַרקויפן קיין הייוון און קיין ליכט, ווייל די דאָזיקע פרנסה האָט געהערט נאָר צו דעם רבס משפחה.

פלעגט דעם רבס משפחה דארפן פאַר דעם דאָנערשטיקן אָוונט, ווען מען קויפט הייוון אויף חלות, און פאַר דעם פרייטיקדיקן טאָג, ווען מען קויפט שבת-ליכט, אָנלייזן אַזויפיל — עס זאָל זיי קלעקן אויף אַ גאַנצער וואָך.

אָבער נישט אַלע קונדן פלעגן צאָלן מזומנים, און כ׳ווייס, אַז דינסטיק-מיטוואָך פלעגט שוין ווערן ביי זיי ענגלעך אין די מזומענע פאַר גראָשן.

דאָך אָבער איז דעם רבס שטוב געבליבן תמיד אָפן פאַרן גאַנצן שטעטל, און יעדן פאַרנאַכט פלעגן שטעטלדיקע יידן טרינקען טיי פונם אַלטן סאַמאָוואַר, און נישט איין אורח פלעגט באַקומען אָפּצועסן. דעם רבס משפחה האָט געהאַט אַ שם פון גרויסע מכניס-אורחים, און אַפילו מיר, דעם פליאַגע, פלעגט די יונגע רביצין, פרומע-שרה, אונטערטראָגן אַ גלאָז „סיראָדאָי״ (פריש-געמאָלקענע מילך), ווייל דאָניע, פלעגט זי טענהן, מוז דאָך האָבן „פפלעגע״.

פלעג איך זיך אָפּט אַריינכאַפּן צום רב באַקומען אַביסל „פפלעגע״.

מ׳וויל אָפּקויפן אַ ברודער

דער מאַמען מיינער איז נאָך אַלץ געגאַנגען שלעכט און ערגער. זינט ס׳איז געווען די גרויסע גנבה, האָט זי בשום-אופן נישט געקאָנט קומען צו זיך, און זי פלעגט שטענדיק זיין פאַרפלאָנטערט אין גמילת-חסדים און חובות.

אָפטמאָל פלעגט די מאַמע אַריינפאַלן אין אַזאַ מין יאוש, אַז זי פלעגט אָנהויבן טענהן צום רבונו-של-עולם:

— גאָט מיינער, איך בעט ביי דיר נאָר איין זאַך — זאָלסט מיך נישט שטעלן אויף דער קייט! — און דאָס האָט זי געמיינט, זי זאָל, חלילה, נישט אַראָפּ פון זינען, אַזוי שווער פלעגט איר זיין!

אמת, די מאַמע האָט איינמאָל באַקומען אַ שטיקל ירושה פון דעם פעטער שמואל-יאָשען, וואָס אין מינסק, אַ פעטער, וועלכן כ׳האָב קיינמאָל נישט געהאַט געזען, אָבער פון וועלכן כ׳האָב זיך אָנגעהערט אַ סך טשעקאַווע מעשיות, ווי פון אַ מענטשן, וואָס איז עפּעס נישט לייטן גלייך. דאָך אָבער האָט ער זיך פאַרן טויט דערמאָנט אָן מיין מאַמען, און ער האָט איר איבערגעלאָזט אַ גאָלדענע צענרובלדיקע. די דאָזיקע צענרובלדיקע האָט נישט אַזוי פאַרבעסערט דעו

מאַמעס לאַגע, ווי פאַרבעסערט איר שטימונג. עפּעס האָט זיך געפונען אַן אייגן האַרץ, וואָס האָט, ווינציקסטנס, אַ טראַכט געטאָן וועגן איר, און ס׳האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אָט דער פעטער שמואל-יאָשע, נעבעך, איז געשטאָרבן, און וועט שוין נישט קאָנען מער טראַכטן וועגן מיין מאַמען.

אמת, ס׳איז געווען נאָך איינער אַ ייד, וואָס פלעגט אַריינגיין אין דער מאַמעס לאַגע, כאָטש ער האָט איר מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן. דאָס איז געווען אָשר מלמד.

אויך אים האָט זיך געגלוסט טאָן עפּעס גוטס פאַר דער מאַמען. און ער איז איינמאָל געקומען צו איר מיט איינעם אַ פּלאַן, וואָס ער האָט געבראַכט אַזש פון מינסק.

— הער נאַר, ברכהקע! — האָט ר׳ אָשר אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען — איך וועל דיר עפּעס דערציילן, אָבער זאָלסט אויף מיר קיין פאַריבל נישט האָבן...

— אויף אייך פאַריבל האָבן? וואָס רעדט איר, גאָט איז מיט אייך! — האָט אים די מאַמע איבערגעשלאָגן.

— איז אָט וואָס... — האָט אָשר מלמד מיושבדיק אָנגעהויבן — כ׳מיין, אַז מען דאַרף טראַכטן וועגן אַ תּכלית פאַר די קינדער... אָט די עלטערע דיינע זענען שוין, דאַנקען גאָט, אַביסל איינגעאָרדנט, שטיקלעך פאַרדינער, אָבער מיט די ייִנגערע וואָס, האַ?...

— אַ רחמנות, נעבעך, אויף די ייִנגערע... — האָט אָשר מלמד שוין אָנגעהויבן טענהן צו זיך אַליין, קוקנדיק אַלץ אויף זיינע פינגער, ווי ער וואָלט פון זיי געוואָלט באַקומען לשון.

די מאַמע, באַמערקנדיק, אַז אָשר מלמד האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געזוכט ווערטער, ווי בעסער אַרויסצורעדן זיין געדאַנק, מיט וועלכן ער איז צו אונדז היינט עקסטרע געקומען — האָט זי צו אים אַזוי געזאָגט:

— ר׳ אָשר, איך בין דאָך עפּעס אַ ייִדענע, רעדט מיט מיר פּשוטע דיבורים. וואָס הייסט עס אַ תּכלית פאַר קינדער? איר האָט זיך דאָך עפּעס אָנגעטראַכט, רעדט פּשוטע דיבורים...

האָט ר׳ אָשר, ווי די מאַמע וואָלט אים פּלוצים פונאַנדערגעבונדן די הענט, מיט וועלכע ער האָט באַדאַרפט רעדן — האָט ער גאָקע אָנגעהויבן מיט פּשוטע דיבורים:

— פאַרשטייסטו מיך, ברכהקע, די זאַך איז אַזוי, דיין שמואל

גייט, אָן עין־הרע, לעילא ולעילא. אויסער דעם, וואָס ער איז אַ מתמיד, איז ער טאַקע אַן עילוי אויך. דער ראש־ישיבה איז פון אים אויסער זיך, און נישט נאָר דער ראש־ישיבה, אויך אַפילו דער גבאי פון שול, זאַלצמאַן, אַ גביר אַדיר, און אַ חסיד טאַקע פון אונזערע, פון די ליובאַוויטשער, האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג.

— ער עסט דאָך ביי אים אַ טאָג, עסט ער דאָך, ווייסטו דאָך, איז נו — האָט ער אויף אים געוואָרפן אַן אויג...

ר׳ אָשר האָט זיך ווידער פאַרקוקט אויף זיינע פינגער, ווי עמעצער וואָלט זיי ווידער געהאַלטן אין פּעטעטן, און נישט לאָזן אים אויסרעדן די זאַך ביזן סוף, האָט אים די מאַמע ווידער אויפגעמונטערט, געבנדיק אים צו פאַרשטיין, אַז זי באַנעמט נאָך נישט, אייגנטלעך, וואָס אַן ערך ער איז אויסן, אָט דער זאַלצמאַן.

— וואָס הייסט וואָס? — איז ר׳ אָשר געוואָרן נשתומם, וואָס די מאַמע שטויסט זיך אַליין נישט אָן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך — ער האָט אַ טאָכטער, האָט ער, דער זאַלצמאַן, טאַקע אין איינע יאָרן מיט דיין מוליען, און ער איז גרייט, זאָגט ער, איבערנעמען דיין זון צו זיך אויף אַלעם פאַרטיקן, געבן אים כּל־טוב, און זאָל ער לערנען, ביז די בתולה זיינע וועט אונטערוואַקסן.

— ס׳איז, זאָג איך דיר, אַ גאָלדענער שידוך, אַ שמאַלץ־גרוב!

— איז שוין ר׳ אָשר געוואָרן לעבעדיק, ווי ר׳וואָלט שוין געהאַט געכאַפּט אַ גוטע כּוסה על חשבון דער צוקונפטיקער חתונה...

די מאַמע, געדענק איך, האָט זיך פאַרטראַכט אַביסל, ווי זי וואָלט וועלן אויסזוכן פאַר ר׳ אָשרן אַזאַ מין ענטפער, וועלכער זאָל אים, חלילה, נישט באַליידיקן, און צום סוף האָט זי צו אים אַזוי געזאָגט:

— צי דען ווייסט איר נישט, ר׳ אָשר, אַז ס׳איז בעסער פון גאָט אַ ביטערן בלאַט, איידער פון מענטשן אַ זיסן...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן, כאַפּנדיק אַ קוק אויך אויף מיר:

— גענוג פאַר מיר, וואָס איך האָב אָט דעם „פליאַגע" מיינעם פאַרקויפט צו אייער שווער, אָבער מוליע, דאַנקן גאָט, איז ביי מיר אַליין אַ מזלדיקער, און נישט איך קאָן אים אָנווייזן די וועגן זיינע...

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָ רעדט זיך וועגן „פאַרקויפן" מוליען צו איינעם אַ זייער רייכן יידן אין מינסק, און מיך האָט אָנגע-

כאַפּט אַ גרויסער צער פֿאַר אָט דעם ברודער מײַנעם, וואָס עמעצער וויל אים אָפּקויפֿן אויף אײַביקע יאָרן.

ווען ר׳ אָשר איז אַן אַנטוישטער אַרויס פֿון אונזער שטוב — בין איך צוגעפֿאַלן צו דער מאַמען, זי זאָל מיך שוין אויך אָפּשיקן אין מינסק אַרײַן, ווו אַלע מײַנע ברודער געפֿונען זיך, און זי וועט שוין נישט דאַרפֿן מער זאָרגן זיך אַזוי וועגן מיר.

אינדעראמתן אָבער האָב איך גאָר געהאַט בדעה אַכטונג צו געבן אין מינסק, אַז מען זאָל מײַן ברודער שמואלן נישט פֿאַרקויפֿן צו אַ פֿרעמדן ייִדן.

דאָס דאָזיקע צושטיין מײַנס צו דער מאַמען האָט נאָך מער צערײַצט איר פֿאַרביטערט אַלמנה־האַרץ, און זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט, ווישנדיק די טרערן מיט די צוויי עקלעך פֿון איר קאָפּ־טיכל.

אויך מײַנע אויגן האָבן אָנגעהויבן נעצן...

איך בּרכטעווע זיך

ווען איך בין געוואָרן בר־מצווה, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז גאָר קיין תּכלית נישט צו שטעקן הינטער דער מאַמעס פֿאַרטוך.

די מאַמע אַליין האָט אויך דערפֿילט אַ שטיקל אָפּשײַ פֿאַר מיר, און ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן לייגן תּפֿילין — האָט זי אויפֿגעהערט צו שלאָפֿן מיט מיר אין איין בעט. איך בין שוין, הייסט עס, געוואָרן אַ שטיקל מאַנסביל.

אַחוץ דעם קאָן איך שוין אויף אויסווייניק נישט נאָר בלאָשטיינס גראַמאַטיק, נאָר אויך אַפֿילו אַ שטיק אַריטמעטיק, און ס׳איז שוין טאַקע צײַט, אַז די מאַמע זאָל מיך אַוועקשיקן אין מינסק, ווו אַלע מײַנע ברידער געפֿינען זיך.

די גאָר עלטערע צוויי ברידער, מענדל און זאַלקע, זענען שוין אין מינסק געוואָרן שטיקלעך פֿאַרדינערס. איינער האָט אַ שטעלע אין דער ביליקער קיך, און דער צווייטער — אין דעם ביליקן טיי־הויז. דאָס האָט, אַפּנים, מײַן פֿעטער ישעיה גרונטפֿעסט, דער שטאָט־סרסר, זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר זיי. די אַנדערע צוויי ברידער, שמואל און ברוך, לערנען נאָך כּלומרשט אין דער טאָטערשער שול. אָבער אויף צו דער אמתן לערנען זיי זיך גאָר אויף די פֿיר קלאַסן. דאָס לעצטע האָט זיי געשאַדט צו „טעג״, אָבער ס׳איז געווען אַ צײַט אַזאַ, און די

מאַמע האָט פאַרשטאַנען, אַז די זין אירע וועלן שוין קיין רבנים נישט ווערן.

איך אַליין בין אויך געווען גאַנץ ווייט פון פרומקייט, כאָטש איך האָב פאַרמאָגט אַזאַ פיינעם תפילין-זעקל. איך האָב זיך דאָך תמיד געדרייט צווישן ווייבער, און זיי האָבן אין מיר איינגעפלאַנצט מער אָבערגלויבן, ווי גלויבן.

אַחוץ דעם האָט מיט מיר איינמאָל געטראָפן אַ סיבה, צוליב וועלכער איך בין גאָר אינגאַנצן געוואָרן אַן אפיקורס.

דאָס איז געווען גראָד שבת, ווען איך בין געווען אַוועק מיט מיין שני-למלך בערל שמחהס אין „אָלגעשטשינע״ — אַ וועלדל הינטער דוקאַר, ווו אַלע פלעגן שפּאַצירן, זיך צו באַראַטן מיט אים וועגן גאָר וויכטיקע מלוכה-ענינים.

ערשט פלוצים טרעפן מיר דאָרטן יוסף וועליעס — דעם סאַמע גרעסטן אינטעליגענט פון שטעטל — ווי ער רויכערט אַ פּאַפּירעסל. ער האָט זיך, קענטיק, דערשראָקן, מיר זאָלן נישט דערציילן אין שטעטל — האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף אונז, אַז מיר ביידע זאָלן אויך פאַררויכערן, בפרט נאָך, אַז ער גיט אונז זיינע פּאַפּיראָסן...

זעענדיק, אַז אונז פעלט אויס מוט צו רויכערן אום שבת — איז יוסף וועליעס נישט פויל געווען צו האַלטן פאַר אונז אַ לעקציע, אַז ס׳איז בכלל נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, און אַז ער קאָן אונז באַווייזן מיט אותיות ומופתים, אַז ס׳איז אַלץ פון דער נאַטור.

כדי אָבער צו באַווייזן אונז, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט — מוז ער האָבן אַ פוסטע פלאַש און אַן אָפּגעקאָכט איי — האָט ער אונז אָנגעהויבן בעטן — מיר זאָלן אים גלויבן ביז מאָרגן אויפן וואָרט, און מאָרגן ווייזט ער אונז דעם קונץ.

האָבן מיר שוין געמוזט אויסרויכערן מיט אים די פּאַפּירעסלעך (אַ ברירה האָבן מיר געהאַט — ער איז געווען זייער אַ געזונטער), און אויף מאָרגן האָט ער אונז טאַקע געוויזן דעם קונץ:

ער האָט גענומען אַן אָפּגעקאָכט איי, עס אָפּגעשיילט און אַרויפגעלייגט אויפן העלדזל פון אַ פלאַש, אין וועלכער ער האָט פריער אַריינגעוואָרפן אַ שטיקל ברענענדיק פּאַפּיר.

און וווּנדער איבער וווּנדער! דאָס איי האָט דורך דעם שמאָלן העלדזל זיך גענומען ציען אין דער פלאַש אַריין, און עס האָט זיך טאַקע בשלום אַרונטערגעלאָזט אויף דער דעק.

— אַהאַ, זעט איר! — האָט מיט טריומף יוסף וועליעס אַ זאָג געטאָן — און פון דענסטמאָל אָן האָב איך שוין אויפגעהערט צו גלויבן אין גאָט און אין אַלע זיינע מעשי-בראשית...

מער נישט אין איין זאַך האָב איך פעסט געגלויבט — אין דער מאַמעס צרות. איך האָב געוווּסט, אַז זי דערציילט מיר נישט אַלץ, אָבער דאָך האָב איך געפילט, אַז זי מוז, נעבעך, זיין אַ גאָר גרויסע אביונטע, און אַז זי קלעמט זיך שטענדיק, וואָס זי קאָן נישט צו-פאָרן צו דער שוועסטער אין בערעזין אויף קימפעט, און וואָס זי קאָן נישט אונטערהאַלטן די קינדער מיט פעקלעך.

די זאַך איז מיר נאָך מער קלאָר געוואָרן, ווען כ'האָב זיך איינמאָל אַ זונטיק געכאַפּט, אַז ס'פעלט מיר דער גאַנצער אוצר מיי-נער אין שופלאָד. עס זענען פאַרשווּנדן געוואָרן אַלע מיינע זיל-בערנע צענערלעך, וואָס איך האָב נאָך אַלץ אַזוי ליב געהאַט, און געמיינט מיט זיי ווען-עס-איז דערפרייען די מאַמע.

די מאַמע האָט מיר אַפילו נישט דערציילט ווען און ווי אַזוי זי האָט זיי אויסגעגעבן. זי האָט געוווּסט, אַז ס'וועט זיין פאַר מיר אַ גרויסער צער, און ווען כ'האָב גענומען צושטיין צו איר — זי זאָל מיר דערציילן — זענען ביי איר פייכט געוואָרן די אויגן.

האָב איך זיך אויך פונאַנדערגעוויינט, און גענומען טענהן, אַז ווען זי לאָזט מיך אָפּ קיין מינסק — וועל איך אויך ווערן אַ לייט, וועל איך אפשר אויך אָנהויבן צו פאַרדינען און אויסהעלפן איר.

ביז איך צו איר אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען, ביז זי האָט באַשלאָסן צו פאָרן מיט מיר צו דער מומע ריוועשען אַן עצה האַלטן.

דער האַלבער מילשטיין

די מומע ריוועשע, אַ ייִנגערע שוועסטער דער מאַמעס, האָט געוווינט מיט איר מאַן — דעם פעטער פייווע — און מיט אַלע זייערע קינדער אויפן ישוב—צען וויאָרסט פון דוקאָר.

דער פעטער פייווע האָט געהאַלטן אין אַרענדע די לעשטניצער מיל, און געלעבט זיך גאַנץ באַלעבאַטיש.

אויסער דעם פלעגן זיך דאָרטן תמיד אַרומדרייען פאַרשידענע סוחרים און וואַלד-מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן אין יענע מקומות, און ס'פלעגט זיי אַריינפאַלן אַמאָל אַ זייטיקער גראָשן אויך.

מיר איז שוין דאָס ערטל באַקאַנט געווען, ווייל מיט עטלעכע יאָר צוריק בין איך שוין דאָ געווען מיט דער מאַמען.

מיר זענען דענסטמאָל געקומען אַהער נעמען דעם האַלבן מיל־שטיין, וואָס דער פעטער פייווע האָט אָפּגעשענקט פאַר אַ מצבה דעם טאַטן.

דער אַנדערער האַלבער מילשטיין איז נאָך, קאַנטיק, געבליבן וואַרטן לעבן דער מיל אויף נאָך עמעצנס אַ נישט באַמצבהטן קבר.

אָבער היינטיקס מאָל איז די מאַמע געקומען אַהער אויסקלאָגן איר ביטער הארץ פאַר דער ייִנגערער שוועסטער און, אַגב, אַן עצה האַלטן, וואָס טוט מען מיט דעם מיזיניק, וועלכער האָט זיך אויפגע־בונטעוועט, און וויל שוין אויך אין מינסק.

האָט דער פעטער פייווע, געדענק איך, אַריינגערופן די מאַ־מע אין אַ זייטיקן צימער און עפּעס וואָס אַריינגעקנעלט מיט איר.

שפּעטער אַ ביסל, ווען זייביידע זענען, ווי נישט־היגע, אַרויס פונם זייטיקן צימערל, און דערזען, ווי די מומע ריוועטשע שלעפּט ביי מיר די קראַנקע האַנט פון קעשענע, אַ קוק צו טאָן — האָבן זיך ביידע שוועסטער איבערגעקוקט מיט פייכט־געוואָרענע אויגן, און ווי־דעראַמאָל איז די מאַמע אויף גיך פאַרשווונדן געוואָרן אין דעם זיי־טיקן צימער, אָבער שוין נישט מיטן פעטער פייווען, נאָר מיט דער מומע ריוועטשען, און כ׳האָב געציטערט, אַז אויך דער פעטער פייווע זאָל נישט אָנהויבן שלעפּן ביי מיר די האַנט פון קעשענע.

צוריקפאָרנדיק האָט מיר די מאַמע פאַרטרויט אַ סוד, אַז דער פעטער פייווע רעדט איר אַ שידוך מיט איינעם אַ וואַלד־סוחר פון זעמבין, און וואָס זאָג איך דערצו?

דערביי זענען ווידעראַמאָל ביי דער מאַמען פאַרלאָפן געוואָרן די אויגן, און זי האָט אָנגעהויבן וויינען אויף אינעווייניק גאָר ווי אַמאָל אויפן וועג פון סמילעוויטש, ווען דער בייזער דאָקטאָר האָט מיר געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

האָב איך דערפילט, אַז עמעצער זאָגט מיר היינטיקס מאָל אָפּ ווידער דאָס לעבן, און כ׳ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דעם צווייטן האַלבן מילשטיין, וואָס איז שוין ווייט הינטער אונז פאַרבליבן.

דאָך אָבער האָב איך שפּעטער אַביסל דער מאַמען אַזוי באַרויִקט:

— מאַמע טייערע, אויב דיר נאָר וועט זיין גוט — וועט מיר אויך גוט זיין!

אָט וועסטו זען!

אין מינסק, אין מינסק!

— „מאַמע טייערע, אויב נאָר דיר וועט גוט זיין — וועט אונז אויך זיין גוט!" — איז געווען די לעצטע פראַזע, מיט וועלכער מיר אַלע האָבן געהאַט אַרויסבאַגלייט די מאַמע פון מינסק צו איר נייער היים. זי האָט מיך איבערגעלאָזט אין רשות פון מיינע עלטערע פיר ברידער, און מיר, אַלע פינף, האָבן דער מאַמען געקושט און געהאַלזט, און באַרויִקט, פונקט ווי זי וואָלט זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ווייטער אומבאַקאַנטער נסיעה, איבערלאָזנדיק אונז אַלעמען אויף הפקר...

אָבער קיינער פון אונז האָט זיך נישט געפילט הפקר, אפילו איך, דער מיזינק, האָב זיך דערפילט אַזוי זיכער און היימיש אין דער סביבה פון מיינע פיר שטייפע, יונגע און האַרציקע ברידער, וועלכע האָבן מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און אָפענע הערצער.

מיך האָט נאָר פאַרדראָסן, הלמאי מיר קומט אויס צו שלאָפן אויף צוויי קישנס, בעת די אַלע איבעריקע ברידער מיינע שלאָפן נאָר אויף איינער, אָבער די מאַמע האָט זיך איינגעעקשנט, אַז פאַר דאָ־ניען מוז זי געבן צוויי קישנס, ווייל ער איז, נעבעך, נאָך אַלץ אַ שוואַכער און אַ קראַנקער.

דאָס זענען געווען, דוכט מיר, די לעצטע צוויי קישנס פון דער מאַמעס באַלעבאַטישקייט...

שפּעטער אַביסל האָבן זיך אַלע פינף ברידער פאָטאָגראַפירט אויף איין קאַרטע, און זי איבערגעשיקט צו דער מאַמען אויף איר נייעם אַדרעס אין שטעטל זעמבין, און אויף איר נייער פאַמיליע — קליאַנסקי.

אויך די מאַמע האָט זיך געלאָזט אָפּפאָטאָגראַפירן, נאָך איידער זי פאָרט אַריבער אין איר נייער היים, און יעדער איינער פון אונז האָט געהאַט באַקומען פון איר אַ קאַרטע.

דערמיט, אַפנים, האָבן זיך געהאַט פאַרענדיקט מיינע קינדער־יאָרן.

צווייטער טייל

(„פאַרטיי־כראָניק")

איך עס טעג

ווען איך האָב באַלד נאָך בר־מצווה זיך אָפּגעריסן פון דער מאַמעס שויס, און זיך אַריבערגעפּעקלט פון מיין היימאַט־שטעטל דוקאָר קיין מינסק — האָב איך שוין דאָרטן געטראָפן אַלע מיינע פיר עלטערע ברידער, זאַלן געזונט זיין, וועלכע האָבן, ווי פיר פינגער פון אַ האַנט, געוואַרט אויפן פינפטן, דאָס הייסט — אויף מיר...

די עלטערע צוויי, מענדל און זאַלקע, זענען שוין געווען שטיקלעך פאַרדינער, איינער פון זיי האָט אָנגעפירט מיט דער ביליקער קיך, וואָס אויף דער ראַקאָווער גאַס אין מינסק, און דער צווייטער — מיט דעם ביליקן טיי־הויז. ביידע קהלשע אַנשטאַלטן זענען געווען אונטער איין דאַך, און דאָס דאָזיקע הויז איז געווען די שטאַב־קוואַרטיר פאַר די אַלע פינף ברידער. שוין נישט גערעדט פון דעם, וואָס מיר פלעגן דאָרטן כאַפּן אָפּטמאָל אַ בחינמדיקן מיטאָג, פלעגן מיר נאָך אָפטמאָל צונויפקלייבן זיך אַלע אינאיינעם אויף צו באַטראַכטן די וועלט.

די עלטערע צוויי פלעגן שמועסן וועגן אַמעריקע (ס׳האָבן זיך אונטערגערוקט די פריזיוון), און די אַנדערע צוויי, שמואל און ברוך — וועגן ציוניזם.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך דענסטמאָל נישט געהאַט געוּנג באַגריפן סיי די טרוימען וועגן אַמעריקע, סיי די וויכּוחים וועגן ציוניזם. אָבער איינס איז מיר געווען קלאָר, אַז די עלטערע צוויי

ברידער טראַכטן מער וועגן אַ תכלית פאַר זיך גופא, בעת די אַנ-דערע צוויי ברידער — וועגן אַ תכלית פאַר דעם יידישן פאָלק בכלל.

לאָזט זיך אויס, אַז שמואל מיט ברוכן זענען שוין געווען גאָר אינגאַנצן אַוועק פון די ישיבות, און זיי האָבן געהאַלטן אין צוגרייטן זיך צו די עקזאַמענס, כאָטש אויף פיר קלאַסן. לערער האָבן זיי שטענדיק געהאַט בחינמדיקע. אָבער אין די אָוונטן פלעגן די ביידע ברידער פאַרשווונדן ווערן ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין, און נאָכ-דעם פלפולען זיך אינדערהיים וועגן הויכע ענינים.

דער מיטלסטער ברודער אונזערער, שמואל, פלעגט דאָך נאָך געפונען צייט צו פאַרנעמען זיך אויך מיט מיין עדוקאַציע, און אין די ערשטע חדשים פון מיין אָנקום אין מינסק, פלעגט ער נאָך אפילו גיין מיט מיר יעדן טאָג אויף אַ פאַר שעה אין דער טאַטערשער שול לערנען מיט מיר אַגדתא.

ער איז אַפּנים אויסן געווען, שמואל, אַז איך זאָל פון תלמוד געניסן דאָס סאַמע זאַפטיקסטע און פּאַטישע, אויסמיידנדיק די שווע-רע הלכה, דעם פלפול איבער אַ „ביצה שנולדה”, אָדער אַ „שור שנגח”.

צו דער זעלביקער צייט פלעגט ער מיך אויך לערנען וועלטלע-בע קענטעניש, איבערהויפּט די רוסישע שפּראַך, מיט וועלכער ער אַליין איז נאָך אויך נישט געווען אינגאַנצן שלום-ביתדיק, אָבער דאָך האָט ער שוין פון איר שטאַרק הנאה געהאַט...

אויף דעם סמך, וואָס איך גיי יעדן טאָג אין דער טאַטערשער שול לערנען אַ בלאַט גמרא — האָב איך שוין געמעגט, פאַרשטייט זיך, אָנהויבן עסן טעג.

אייניקע „טעג” האָבן מיר איבערגעגעבן די ברידער מיינע, וועל-כע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַרנעמען, ווי געזאָגט, מער מיט פּאָ-ליטיק, ווי מיט למודים, און אייניקע „טעג” האָב איך פון אָנהויב אָן געהאַט באַקומען ביי מיינע מינסקער קרובים, אָן קיינע שום שוועריי-קייטן. אמת, כ'פלעג זיך תמיד פילן זייער אומגליקלעך, ווען כ'פלעג קומען עסן מיין טאָג, ווי כ'וואָלט דאָ עמעצן זייער מיאוס אָפּגענאַרט. פלעג איך זיך טאַקע שעמען צו קוקן מיינע באַלעבאַטים גלייך אין די אויגן אַריין, ווייל איך האָב שוין דענסטמאָל, צווישן אונז גערעדט, גערויכערט פּאַפּירעסלעך אום שבת.

טרעפט זיך איינמאָל, אַז עסנדיק אַ טאָג, אין איינעם אַ גביי-רישן הויז האָט זיך ביי מיר פון גרויס איילעניש, און דער עיקר, פון

דער הייסער פּאַרע, וואָס האָט מיר פונם טעלער בוריקעס-ראָסל גע-שלאָגן גלייך אין פּנים אַריין, זיך באַוויזן בלוט פון נאָז, און עטלעכע טראָפּן בלוט זענען אַריינגעריננען אין דעם הייסן בוריקעס-ראָסל, און אים נאָך רויטער געמאַכט...

האָב איך זיך באַנוצט מיט דער גוטער געלעגנהייט, וואָס גראָד דענסטמאָל איז קיינער נישט געווען אין צימער, און כ׳האָב, מעשה-גנב, זיך אָפּגעטראָגן פון דעם גבירישן הויז, ריזיקירנדיק צו פאַרלירן מיין „טאָג" אויף אייביקע יאָרן...

איך האָב נאָר געציטערט, געדענק איך, אַז די גבירישע דינסט, וואָס איז צו מיר געווען באַזונדערס גוט, זאָל, חלילה, נישט אויפעסן מיין פאַרבלוטיקטן ראָסל, ווייל זי קאָן דאָך פון מיין קראַנקן בלוט שטאַרבן אויפן אָרט...

יענעם אומגליקלעכן טאָג מיינעם, האָב איך שוין פאַרבראַכט ביי מיין איינציקער מומען אין מינסק, ביי דער מומע איטקע, וואָס האָט געהאַט פאַרמאָגט זייער גוטע און פריילעכע קינדער, דאָס רוב מיידלעך, און מיטן ווייבערשן געזינדל פלעג איך זיך תמיד פילן אַ סך היימישער און פרייער, איידער צווישן מאַנסבילן.

מער נישט, איין זאַך פלעגט מיך פאַרדריסן, הלמאי די מומע איטקע פאַרגלייכט מיך תמיד מיט דער מיזינקע אירער, רחלען, וואָס האָט, נעבעך, געליטן פון געלזוכט, און מ׳פלעגט זי שפּייזן מיט קאָט-לעטן פון הינטישן פלייש... אַזוי האָט געהייסן איינער אַ טאָקטער, וואָס פלעגט זי היילן.

— מיין רחלע איז דאָך נישט קיין קלענערע פליאַגע פון דיר — פלעגט מיך טרייסטן די מומע איטקע, אָבער די הינטישע קאָט-לעטן פלעגט זי מיר דאָך נישט געבן...

שמואלס ערשטע רעדע

טרעפט זיך אַמאָל, אַז אין דער ביליקער קיך קומט פאָר אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון די מינסקער ציונים. ס׳איז געווען, אַפּנים, די צייט פאַר דעם „מינסקער צוזאַמענפאָר", און מען האָט זיך געגרייט צום קבלת-פּנים פון די געסט.

איך האָב שוין לאַנג געוווּסט, אַז מיינע ברידער עסקנען זיך ביז האַלבער נאַכט, ביי איינעם אַ יידן בערגער, וואָס איז געווען

דענסטמאָל איינער פון די אָנגעזעענסטע ציוניסטן אין מינסק. מען האָט דענסטמאָל געמוזט פאַנאַנדערשיקן צו דער גאַנצער וועלט פאַר־שידענע צירקולאַרן און אויפרופן וועגן דעם „מינסקער צוזאַמענפאָר", און איך בין געווען זיכער, אַז מיינע ברידער העלפן בערגערן נישט מער, ווי שרייבן די אַדרעסן...

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז מיינע ברידער נעמען אויך אַ טיכ־טיקן אָנטייל אין דער באַוועגונג גופא, און פּלוצים גאָר דערזע איך אין דער ביליקער קיך, ווי מיין ברודער שמואל קריכט אַרויף אויף אַ בענקל, און האַלט זייער אַ היציקע דרשה וועגן פאָלק ישראל.

בטבע איז מיין ברודער זייער אַ באַשיידענער און אַ שווייגער. ער פלעגט תמיד רעדן געציילטע ווערטער, און שטענדיק גוט באַ־טראַכטע — איז מיר גאָרנישט געווען איינגעפאַלן, אַז דער קליינוויק־סיקער, שטילער ברודער מיינער זאָל גאָר האָבן מוט צו האַלטן אַ דרשה פאַר אַזאַ גרויסן עולם נאָכדעם, ווי ס'האָבן געהאַט גערעדט אַזעלכע גרויסע לייט, ווי ד"ר שמשון ראָזענבוים און בערגער.

דער דאָזיקער ערשטער אַרויסטריט שמואלס האָט אויף מיר גע־מאַכט אַ שטאַרקן רושם, און כ'האָב פאַר מיין ברודער באַקומען נאָך מער דרך־ארץ, ווי געהאַט.

פון דענסטמאָל אָן פלעגן שוין אין דער „ביליקע קיך" פאָרקומען עפּעטרס קלענערע פאַרזאַמלונגען, וווהין ס'פלעגן קומען פאַרשידענע יונגעלייט און מיידלעך, און מ'פלעגט זיך שטאַרק אַמפּערן וועגן „בונד", „זובאַטאָווטשטשינע", „ציוניזם", „פועלי־ציוניזם", און — דער עיקר וועגן „פּאָליטישן קאַמף", וואָס אייניקע חברים האָבן תיכף ומיד געוואָלט איינפירן אין מינסק.

מער פון אַלעמען פלעגן זיך אַמפּערן אַבא רובענטשיק, חייקע כהן, יאַנקל „גאָראָדאָוואָי", און מיין ברודער, ברוך, בשעת דער צווייטער ברודער שמואל, צבי הירשקאָן, חיים־שמעון זעליגסאָן, און די פאַר חברטעס — שוליע חפץ און רחל באַסיין — פלעגן זיין שטילער און איינגעהאַלטענער, — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויך איך, מוז שוין אָנהויבן עפּעס טאָן פאַר דעם פאָלק ישראל...

מען פאַרשיקט מיך

מיין שטיף־טאַטע, אָדער דער פעטער קליאַנסקי, ווי מיר פלעגן

אים רופן, האָט זיך אָפּגים דערוווסט וועגן די „מיאוסע" מעשים פון זיינע שטיפקינדער אין מינסק, האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאַי ברכהס קינדער וואַקסן לתּרבות-ר״ה, אָבער פאַרפאַלן. די עלטערע קינ־ דער זענען דאָך שוין לאַנג אַרויס פון דער מאַמעס רשות, און במילא אויך פון — זיינעם, האָט ער שוין נישט געקאָנט האָבן קיין שליטה איבער זיי, אָבער מיך קאָן ער נאָך אפשר אָפּראַטעווען, און ס׳איז אים איינגעפאַלן אַוועקצושיקן מיך קיין ווילנע.

אין ווילנע האָבן געוווינט זיינע קרובים — די משפחה פליס־ קינס — און אָט צו זיי האָב איך דאָס באַדאַרפט אַוועקפאָרן, און טאָן דאָרטן צוויי זאַכן: ערשטנס היילן זיך ביי איינעם אַ דאָקטאָר סווי־ דערסקי, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזעלכע מיני עלעקטרישע לאָמפּן מיטן נאָמען „רענטגען", און צווייטנס — לערנען אונטער דער השגחה פון זיין פריינט פליסקין.

צוליב דעם דאָזיקן צוועק איז די מאַמע ספּעציעל אַראָפּגעפאָרן פון איר שטעטל זעמבין קיין מינסק, פון וואַנען זי האָט מיך באַדאַרפט אָפּפירן קיין ווילנע. דער פעטער האָט איר מיטגעגעבן געגוג געלט אויף דער נסיעה, ווי אויך עקסטרא אַ גאָלדענעם אימפּעריאַל (15 רובל) איבערצולאָזן ביי די פליסקינס — איך זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן.

די דאָזיקע נסיעה איז פאַר דער מאַמען געווען אַ גרויסער יום-טוב, אויסער דעם, וואָס זי האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו זען זיך מיט אַלע אירע קינדער, מיט דער מומע איטקען, וואָס איז איר אַ לייבלעכע שוועסטער, און מיט דער גאַנצער משפחה, טוט זי נאָך אַזאַ גוטע זאַך, און ראַטעוועט דעם מיזיניק אירן.

ווער ווייסט, אפשר וועט ער פאַרט געהאָלפן ווערן ביי די וויל־ נער דאָקטוירים — האָט זי אַריינגעטענהט צו די ברידער מיינע, ווי זי וואָלט זיך וועלן פאַרענטפערן, הלמאַי זי נעמט מיך צו פון זיי. דערביי אָבער האָט זי זיך אַליין פונאַנדערגעוויינט, דערמאָנענדיק זיך אויף ווענען, מ׳שטיינסגעזאָגט, זי וועט דאָס מיך דאָרטן אי־ בערלאָזן...

די ברידער און איך האָבן זי, פאַרשטייט זיך, געטרייסט, און איך האָב אָנגעהויבן צושטיין, זי זאָל אַריינוואַרפן עטלעכע קאָפּיקעס פאַרן נאַציאָנאַל-פאָנד.

האָט די מאַמע געזאָגט, אַז ס׳איז שוין בעסער פאַר מאיר-בעל־

הנס, אָבער די ברידער האָבן צווישן אונזביידן געמאַכט אַ פּשרה, אַז ס׳איז שוין בעסער פאַר קיינעם נישט...

שפּעטער אַביסל האָב איך שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די ברידער האָבן נישט געהאַט צוגערעדט דער מאַמען צום נאַציאָנאַל-פאָנד.

אין ווילנע

די פּליסקינס האָבן געוווינט אויף שאָפּען-גאַס, דריי טריט פון ווילנער וואָקזאַל אין אַ גרויסן פינפשטאָקיקן הויז, אָבער זיי אַליין האָבן געהאַט זייער דירה אין אַ קעלער, צוועלף טרעפּלעך אין דער ערד, און ביים אַריינגאַנג איז געהאָנגען אַ בלעכל מיט אַן אויפשריפט „זאַיעזשי-דאָם״ (איינפאָר-הויז).

אָט אַהער בין איך דאָס פאַרפאָרן מיט דער מאַמען. דער בעל-הבית פון דעם איינפאָר-הויז האָט זייער פלייסיק דורכגעלייענט דעם פּעטער קליאָנסקיס בריוו צו אים, מער מיט דער נאָז, ווי מיט די אויגן, ווייל ער איז געווען, לאָזט זיך אויס, ביז גאָר קורצזיכטיק, אָבער דאָך האָט ער אונז געמאַכט נאָכדעם גאָר אַ פיינעם קבלת-פּנים.

אויף מאָרגן האָט די מאַמע מיך אַוועקגעפירט צו דעם באַרימטן דאָקטאָר סווידערסקי, וואָס האָט באַרויקט די מאַמען, אַז ער וועט מיך אי״ה אויסהיילן פון אַלע מיינע ווילדע געבליטן.

אויף איבערמאָרגן האָט זיך שוין די מאַמע געקליבן צוריק אַהיים, און געהאַט בדעה איבערצוגעבן די פּליסקינס דעם גאָלדענעם אימפּע-ריאַל, וואָס דער פּעטער האָט איר מיטגעגעבן, אָבער ווי גרויס איז געוואָרן איר שרעק און צער, ווען זי האָט זיך געכאַפּט, אַז די קע-שענע פון איר קלייד איז אויסגעשניטן. דאָס האָבן געוויס אָפּגעטאָן די ווילנער זשוליקעס, ווען מיר זענען געגאַנגען צום דאָקטאָר, אָבער די פּליסקינס האָבן זי באַרויקט, אַז די וועלט וועט נישט אונטערגיין, און אַז זיי וועלן מיך אויסהאַלטן בכבוד, וואַרטנדיק אויף אַ נייעם אימפּעריאַל.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָב איך געהאַט באַגלייט מיין אומ-גליקלעכע מאַמע צום וואָקזאַל, און ווען ס׳האָט זיך געריסן דער צוג, האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט געבן זיך אַ כאַפּ אַרויף כאָטש אויף דעם לעצטן וואַגאָן, און מיטפאָרן מיט דער מאַמען ביז מינסק, ביז זעמבין, אַבי נישט בלייבן אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט, ביי פרעמדע מענטשן, און אָן אַ גראָשן געלט.

איך באַגלייט קיין אַמעריקע

דער עלטערער ברודער מיינער, מענדל, האָט שוין, קאָנטיק, אָנגעקליבן אין דער „ביליקער קיך", געגוג געלט אויף צו פאָרן קיין אַמעריקע. איז ער געווען פריער אין זעמבין ביי דער מאַמען, נאָכדעם אין בערעזין ביי דער שוועסטער, און לסוף איז ער געקומען צו מיר אין ווילנע זיך געזעגענען. פון ווילנע דורך קאָוונע איז שוין גאָר נאָענט צו דער גרענעץ, דעריבער איז ער שוין געקומען צו מיר אַ באַלאָדענער מיט אַלע פעק און פעקלעך, וואָס ער האָט מיטגענומען. איבערהויפט האָט ער געהאַט אַ סך ברויט-סוכאַרעס, דורכגעזאַפּט מיט ביר — אַ סגולה קעגן ים-שווינדל, וואָס די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן, און אַ זעקל אייערקיכלעך מיט אַ פלאַש ראָזשינקעס-וויין, וואָס די שוועסטער האָט אים מיטגעגעבן.

עס האָט אַ שמעק געטאָן פון מיין ברודער מיט היים, מיט ליבע און מיט משפחהדיקס. אָבער מאָרגן מוז ער זיך שוין אַוועקלאָזן אין וויטן וועג אַריין. ווער ווייסט, צי וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל זען?

האָט אונזביידן געקלעמט איין און דערזעלביקער געדאַנק, האָבן מיר זיך ביידע אַ מעת-לעת לאַנג געהאַלטן איינע נעבן די אַנדערע, ווי בלינדע, כמעט גאָרנישט גערעדט צווישן זיך. אויף מאָרגן האָט ער מיר איבערגעלאָזט אַביסל אָפּגעניצטע וועש, און עפּעס אַ לאַנגן פאַסקעוואַטן שעניק, פון וועלכן ס'האָט נאָך געשמעקט מיט צעפוילט היי. ביים געזעגענען זיך, האָט דער ברודער מיינער געגומען זשמורען מיט די אויגן, — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האַלט זיך איין — האָב איך זיך אויך איינגעהאַלטן, און נישט געוויינט.

מער נישט, שפּעטער אַביסל, ווען דער צוג איז שוין געווען פאַרשוווּנדן, האָב איך זיך פאַנאַנדערגעוויינט אין מיטן וואָקזאַל, ווי עמעצער וואָלט מיך אָקאָרשט געהאַט באַגנבעט פון קאָפּ ביז די פיס.

איך לייז אויס אַ ברודער פון תפיסה

אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט מיין צווייטער ברודער, זאַלקע, געמאַכט דעם זעלביקן וועג, וואָס דער עלטערער ברודער, מענדל, און מאַרש — קיין אַמעריקע. די זעלביקע ביר-סוכאַרעס פון דער מאַ-

מען, די זעלביקע אייערקיכלעך פון דער שוועסטער, און דער זעלביקער געוויין אויפן וואָקזאַל נאָך זיין אַוועקפאָרן!

זענען פאַרבליבן אין רוסלאַנד נישט מער, ווי די אַנדערע צוויי ברידער מיינע, שמואל און ברוך, פון וועלכע כ׳האָב אַלץ-זעלטענער און זעלטענער בריוו באַקומען. ביז איינמאָל אַ פרימאָרגן, באַקום איך אַ ידיעה פון מינסק, כ׳זאָל גלייך אַרויספאָרן אַהין צוליב אַ וויכטיקן ענין.

אין מינסק האָב איך זיך גלייך דערוווּסט, אַז מיין ברודער, ברוך, זיצט שוין ביי אַ האַלב יאָר אין מינסקער טורמע, און מען קאָן אים אַרויסנעמען אויף ערבות-געלט, ווען עס זאָל זיך וועגן דעם משתדל זיין אַ משפחה-מענטש, און דער משפחה-מענטש בין איך, דער איינציקער, ווייל דער אַנדערער ברודער, שמואל, איז שוין אויך אַ „פאַרשאָלטענער״, און בעסער, אַז ער ווייזט זיך „זיי״ נישט אין די אויגן. על-כן בין איך דער איינציקער, וואָס קאָן מיין ברודער, ברוך, אַרויסשלעפן פון „דאָרטן״.

וועגן ערבות-געלט, נאַטירלעך, וועט קיין מניעה נישט זיין, די חברים וועלן שוין שאַפן!...

ס׳האָט מיר געוווּנדערט איין זאַך, וואָס וועגן דעם ברודער מיינעם זאָרגן זיך איצטער דווקא די בונדיסטן, און נישט די פועלי-ציוניקעס, מיט וועלכער ער האָט זיך תחילת געהאַט געחברט. לאָזט זיך אויס, אַז אין טורמע זיצנדיק, איז ער געוואָרן אַ בונדיסט, און זיין טויף-פאָטער, אַ סברה, איז געווען דער שפּעטער געוואָרענער גוט-באַקאַנטער אַנאַרכיסט, קאַליע טעפער, וואָס איז מיט אים צוזאַמען געזעסן.

אַזוי, יעדנפאַלס, האָב איך דאָס אויפגעכאַפּט פון די פאַרשידענע געשפּרעכן, וואָס איך האָב געהאַט מיט די געוועזענע חברים און חברטעס פון מיינע ברידער, דאָס הייסט — מיט די פועלי-ציוניקעס. איינע אַ פועלי-ציוניסטקע, וואָס פלעגט די ערשטע צייט טראָגן דעם ברודער אין טורמע עסנוואַרג, און מעשה-„כלה״, באַקומען מיט אים פון צייט צו צייט „סווידאַניעס״ (זעאונגען) — האָט מיר דערציילט, אַז ברענגענדיק אים איינמאָל עסנוואַרג — האָט צו איר דער ברודער מיינער פון די גראַטעס אַרויס אַרונטערגעשריען:

— אַ דאַנק, די בונדאָוקעס טראָגן שוין!

איז מיר שוין געוואָרן קלאָר, הלמאי די פועלי-ציוניקעס אַרט

שוין נישט מער, וואָס דער ברודער מיינער זיצט אין טורמע, בעת די בונדיסטן קערן איבער וועלטן אים צו באַפרייען. און ס'איז מיר טאַקע געלונגען צו פועלן ביי דער מינסקער זשאַנדאַמעריע — מ'זאָל מיין ברודער באַפרייען ביז צום געריכט פאַר צוויי הונדערט רובל ערבות-געלט, וועלכע איך האָב באַקומען פון די בונדיסטן...

בין איך געוואָרן שטאָלץ, וואָס אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן אַזאַ וויכטיקע שליחות, כאָטש איך האָב שוין גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז מיין באַפרייטער ברודער וועט שוין, ווי אַלע אַנדערע בונדיסטן, שיטן פעך און שוועבל אויף די ציוניסטן און אויף די טעריטאָריאַ-ליסטן, צו וועלכע כ'האָב געהאַט גרויס סימפּאַטיע, ווייל אונזער ביידנס עלטערער ברודער—שמואל—איז נאָך געווען מיט זיי, מיט די ציוניסטן-טעריטאָריאַליסטן און פון „בונד" לחלוטין נישט געהאַלטן...

די עסעסישע שטאַב-קוואַרטיר

צוליב דעם, וואָס איך האָב סימפּאַטיזירט מיטן עסעסישן ברו-דער מיינעם — מיט שמואלן — האָב איך שוין געהאַט גרויסע פאַר-בינדונגען מיט די עסעסישע קרייזן פון ווילנע, און הייגטיקס מאָל, אומקערנדיק זיך קיין ווילנע, נאָכדעם ווי כ'האָב באַפרייט מיין בונ-דיסטישן ברודער פון דער מינסקער תפיסה — האָבן פאַר מיר די עסעסן אויסגעזוכט אַ „דירה" אַזאַ, וואָס איז באַשטאַנען פון איינער אַ קושעטקע אין איינער אַ פּראָלעטאַרישער וווינונג, אויף דער קאָמ-ניצער גאַס.

די דאָזיקע וווינונג איז באַשטאַנען סך-הכל פון 3 חדרים: 2 קלענערע און איינער, דער מיטלסטער — אַ גרעסערער. אין אָט דעם גרעסערן צימער זענען ביי די ווענט געשטאַנען 3 אייזערנע בעטן און 2 קושעטקעס. אין מיטן — אַ הילצערנער טיש מיט עטלעכע בענקלעך. די פענסטער זענען אַרויס אויף אַ שמוציקן הויף, ווו הינטער די פענסטער האָבן זיך געפונען די „טואַלעטן" פאַר דער גאַנצער מויער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַרום עטלעכע און צוואַנציק דירות. ס'איז אָבער געווען ווינטער-צייט, די פענסטער זענען געווען גוט פאַרקלעפּט, און ס'האָט געקלעקט דער שלעכטער ריח פון דער דירה גופא. אין דער דאָזיקער דירה האָבן געוווינט סך-הכל 12 פאַרשוין: טאַטע-מאַמע, 2 טעכטער—זאָקנמאַכערינס, און אַ זון — שימקע דער מעכאַנישער שוסטער.

אויסער די 5 משפּחה-לייט, זענען געווען 7 קוואַרטיראַנטן: אַ פּאָר-פאָלק, 3 זאָקנמאַכערינס, אַ לידער בחור — אַן עקסטערן, און איך. בייטאָג פלעגן אַלע אַוועקגיין אויף דער אַרבעט, און אין שטוב פלעגן פאַרבלייבן די דאַרע, הינקעדיקע בעל-הביתטע, דער לידער בחור, און איך. פאַרנאַכט אָבער פלעגט זיך אונזער צימער פאַרוואַנדלען אין אַ קרעטשמע, און אויסער די שטענדיקע איינוווינער, פלעגן תמיד צוקומען פרישע עטלעכע פאַרשוין, וואָס פלעגן אָפּזיצן מיט אונז ביז אַ זייגער איינס-צוויי ביינאַכט, און חקרענען וועגן פּאָליטיק. לאָזט זיך אויס, אַז מיין דירה איז געווען די שטאַבּס-קוואַרטיר פון ס. ס.

אַלע איינוווינער, טאַטע-מאַמע אַריינגערעכנט, זענען געווען שטאַרק פאַרטאָן מיט דער טעאָריע פון עסעס... אָבער מער פון אַלע-מען—שימקע דער מעכאַנישער שוסטער—דער זון פון מיין, מ׳שטיינס-געזאָגט, בעל-הביתטע.

אַזוי-אַרום איז מיר דאָ אויסגעקומען דורכצומאַכן די פּאַרטיי-שול פון עסעס... כ׳פלעג איינאַיינעם מיט די איבעריקע קוואַרטיראַנטן אָפּזיצן אָוונטן לאַנג, און אויסהערן פאַרשידענע באַריכטן פון דער בונ-טאַרישער פּראָווינץ, רעפעראַטן, דיסקוסיעס, און אַזוי-אַרום פלעג איך אין זיך אַריינזאַפּן דעם גאַנצן עסעסישן גייסט.

די רעפעראַטן און דיסקוסיעס פלעגן זיך תמיד דרייען אַרום דער טעריטאָריע, אין וועלכער עס נויטיקט זיך זייער שטאַרק עס-עס, און במילא אויך — דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

אין גרונט גענומען, בין איך געווען מסכים מיט זיי, די עסעסן, אַז מיר מוזן האָבן אַ טעריטאָריע. ווער-ווער, נאָר איך פערזענלעך, האָב זיך אין איר זייער שטאַרק גענויטיקט. מיין „טעריטאָריע" אין דעם דאָזיקן קרעטשמע-צימער איז באַשטאַנען פון אַזאַ מין געוועזענער קושעטקע, וואָס האָט פאַרמאָגט 3 געזונטע פיסלעך, און די פערטע — מיט צוויי שייד-האָלץ אונטערגעשפּאַרט. דער מאַטראַץ איז באַשטאַנען פון אַ זאַק אַלט היי, וועלכן מ׳האָט שוין מסתמא אַ יאָר 10 נישט געהאַט איבערגעביטן. דער מאַטראַץ האָט אויסגעזען, ווי אַ זאַק מיט מערערע שטייפע מיסט-ציגל, וועלכע מ׳פלעגט פאַר יעדן שלאָפן-גיין דאַרפן אויסלייגן אַזוי, אַז די זייטן זאָלן נישט אָפּגעריבן ווערן.

דער סדר פון שלאָפן-גיין אין אונזער שותּפותן צימער, פלעגט זיין אָט אַזאַ: קודם-כּל פלעגן זיך אויסלייגן די 5 מיידן. ווייל דאָס אויסטאָן זיך ביי זיי דויערט ווינציקער, ווי ביי די מאַנסבילן, פלעגט

מען אַראָפּדרייען דעם לאָמפּ, און אין משך פון 5 מינוט פלעגן די 5 מיידן גראַגערן, קוויטשען, לאַכן, ביז זיי פלעגן איבער די העלזער פאַרשווינדן אונטער די, מ׳שטיינסגעזאָגט, קאָלדרעס פון די 3 בעטן. נאָכדעם פלעגט שימקע דער שוסטער אויפדרייען דעם לאָמפּ מיט אַ גרויסן פייער, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, אַז די מיידן ליגן שוין טאַקע אין די בעטן, און גלייך נאָכדעם דעם לאָמפּ ווידער אויסלעשן, ד. ה. אַז מיר מאַנסבילן מעגן זיך שוין אויך אויסטאָן.

אָבער אַוווּ פלעגט אָט דער שימקע שלאָפן, צי מיט איינער אַ שוועסטער זיינער אין דער אייזערנער בעט, אָדער מיטן לידער בחור אויף דער קושעטקע, ווייס איך עד היום נישט. כ׳ווייס נאָר, אַז ער פלעגט נאָך לאַנג, לאַנג ליגנדיק ערגעץ (אפשר גאָר אויף דער ערד) רעדן און דערציילן וועגן גאָט, וועגן פּסיכאָלאָגיע, וועגן קאַרל מאַרקס און קאַרל קויטסקי, וועגן נחמן סירקין, און „אַברהם דעם אָדעסער״. אין דער זעלביקער צייט פלעג איך ליגן אויף מיין, מ׳שטיינסגעזאָגט, קושעטקע מיט אַ פּאַפּיראָסל אין מויל, און בענקען נאָך דער מאַמען...

די גרויסע דיסקוסיע

טרעפט אַמאָל אַ שבת בייטאָג, און שימקע דער מעכאַנישער שוסטער באַשטימט ביי זיך אינדערהיים, ד. ה. אין אונזער אַלעמענס צימער, אַ דיסקוסיע צווישן די ס. ס. און „בונד״; פון אונזער צד איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס גענעראַל-רעדנער דער באַרימטער „אַברהם דער אָדעסער״ (זיין אמתער נאָמען איז אַברהם וויינשטיין), פון וועלכן שימקע פלעגט אַזוי אָפט דערציילן, און מצד דעם „בונד״ — וועמען זיי אַליין ווילן. איז צו צוויי אַזייגער בייטאָג דער צימער פול געפּאַקט געוואָרן מיט אַרבעטער און אַרבעטערינס, צווישן זיי אויך אייניקע אינטעליגענטן, און שפּעטער אַביסל זענען שוין אַלע דריי צימערן אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט מענטשן, ווי פעסלעך מיט הערינג. ס׳האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט (מ׳זאָל אין הויף נישט באַמערקן). אין דער שווייסיקער, פאַרשטיקטער לופט האָבן הייזעריק געקלונגען די שטימען פון די צעהיצטע רעדנער. איך געדענק נאָר, אַז די הויפּט-טענה פון „אַברהם דעם אָדעסער״ איז געווען די, וואָס די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד קאָנען זיך נישט פּראָלעטאַריזירן. און וויבאַלד זיי קאָנען

זיך נישט פּראָלעטאַריזירן, — מוזן זיי עמיגרירן. די דאָזיקע עמיגראַציע פירט צו קאָלאָניזאַציע, און די קאָלאָניזאַציע — צו דער קאָנצענטראַציע פון קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן אויף אַ וועלכער נישט איז פאָרויס-באַשטימטער טעריטאָריע. אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע — האָט אַברהם דער אָדעסער ווייטער געטענהט — קאָן מען שוין לכתחילה איינפירן די סאָציאַלע אָרדנונג. דעריבער איז קלאָר, אַז די עסעסישע טעאָריע איז פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט די סאַמע פּאַסיקע! אָבער דער גענעראַל-רעדנער מצד דעם „בונד" איז ענערגיש אַרויסגעטראָטן קעגן די „פּוסטע חלומות" פון אַברהם דעם אָדעסער, און אים אויפגעוואָרפן אין קליינבירגערלעכן נאַציאָנאַליזם און אין נאַציאָנאַליסטישן סעפּאַראַטיזם. די קלאַסן-אינטערעסן פונם יידישן אַרבעטער — האָט דער בונדיסט געטענהט — פאַלן דאָך צונויף מיט די אינטערעסן פון דעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס, מיט וועלכן מיר דאַרפן האַנט אין האַנט קעמפן קעגן דער זעלבסטהערשונג. און וואָס שייך די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונם יידישן אַרבעטער-קלאַס — וועט מען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע סיי-ווי איינפירן די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע, און ס'וועט זיין ליהודים!...

ס'האָט זיך נאָך דענסטמאָל אויך גערעדט, געדענק איך, פון סטאַטיק און דינאַמיק, אָבער מיין יונגער מוח האָט נישט געקאָנט באַנעמען דעם דאָזיקן הארבן ענין, און נאָך עד-היום ווייס איך נישט גענוי, צי פאַרן יידישן פאָלק לוינט בעסער זיין סטאַטיש, אָדער דינאַמיש?

ס'האָט נאָך אויך געזאָלט רעדן איינער אַ פאַרשוין, וואָס האָט געגעבן אַ וואָרט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי „איסקראַ", כאָטש מען האָט גאָר די דאָזיקע פּאַרטיי צו דער דיסקוסיע נישט איינגעלאַדן, אָבער פּלוצים האָט אין טיר אָנגעקלאַפּט אַ גאָראָדאָוואָי, וועלכן מען האָט אַוודאַי צו דער דיסקוסיע נישט איינגעלאַדן. דער גאָראָדאָוואָי איז גאָר צופעליק געקומען וועגן אַ פּאַס-ענין צו איינער אַ זאָקנמאַכערקע, און פּלוצלונג שטויסט ער זיך אָן אויף אַזאַ מין געשיכטע. האָט ער גלייך פאַרלייגט פון דרויסן זיין שווערד אין קליאַמקע און ער האָט אָנגעהויבן פייפן צום סטרוזש — יענער זאָל מאַכן אַ מהומה.

ביז וואַנען דער סטרוזש איז אים געקומען צו הילף — האָט מען פון אינעווייניק די טיר געגעבן אַ ריס אויף. די שווערד האָט זיך צעבויגן, און דעם גאָראָדאָוואָי האָט מען אַנידערגעוואָרפן אויף די

אייזערנע טרעפ פון שלשלת-לייטער, וואָס האָט געפירט צום צווייטן עטאַזש פון אונזער דירה. איבער דעם אַנידערגעוואָרפענעם גאָראָדאָוואָי האָבן זיך אַ מאַן זעכציק איבערגעקוליעט און אַרויסגעשפּרונגען פון הויף גערעטעוועטע. נאָך אַ מאַן צוואַנציק האָבן זיך פאַרשטעקט אין די לאַבירינטן פון הויף, איבערהויפּט אין דער וועשעריי, וווהין מען איז כלומרשט געקומען אָפּגעבן שמוציקע קעלנערלעך צום וואַשן.

דער גאָראָדאָוואָי איז נאָך אַלץ געלעגן אַ צעמזיקטער אויף די אייזערנע טרעפ, אַ פוס פאַרדוקט צווישן די שטאַכעטן און געגוואַלדעוועט נאָך הילף. דער טויער איז שוין געווען אָפּגעשלאָסן, און אין אַ פערטל שעה אַרום האָט זיך באַוויזן פּאָליציי.

פאַר דער דאָזיקער צייט האָט די ספּריטנע באַלעבאָסטע פון אונזער דירה באַוויזן אונטערצוקערן דאָס מיסט און בכלל פאַרקערן די שליאַדעס פון דער דיסקוסיע. מיר, איבערגעבליבענע: דריי זאָקנמאַכערינס, דער לידער בחור ראַבינאָוויטש און איך, האָבן זיך געגעבן אַ לייג אויס אויף די בעטן און קושעטקעס און זיך געמאַכט געפגרט. נאָר איינע אַ זאָקנמאַכערקע האָט זיך, נעבעך, צופיל איבערגעשראָקן, ווען פּאָליציי איז אַריין צו אונז אין דירה, און זי האָט זיך פאַרשטעקט אונטער דעם בעט. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מיאוסן שמייכעלע, מיט וועלכן דער פּריסטאַוו האָט געהאַט אַרויסגעשלעפּט די „קעמפּערקע" פון אונטער דעם בעט.

מען האָט אונז פינף, מיט די איבעריקע אַרעסטירטע אויפן הויף איבערגעפירט אין צירקל. דעם ערשטן, וועלכן מען האָט אויף מאָרגן באַפרייט, איז דאָס געווען איך, ווייל ערשטנס, בין איך געווען דער יינגסטער צווישן אַלע אַרעסטירטע, און צווייטנס, האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט מיין קראַנקע האַנט. די זשאַנדאַרן האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מין פאַרשוין, ווי איך, קאָן קיין באָמבעס נישט וואַרפן, קאָן נישט שיסן, און קאָן נישט אַפילו קלעפּן פּראָקלאַמאַציעס. דאָך האָבן זיי מיר געעצהט — כ'זאָל זיך וואָס-גיכער אַרויסקלויבן פון דער דאָזיקער „לאָך", און זיך ראַטעווען באַצייטנס פון אָט דעם „פאַרפּעסטעטן געזינדל".

אָבער גראָד נאָך דעם דאָזיקן אַרעסט, האָב איך די דירה מיינע נאָך מער ליב באַקומען. עפּעס האָב איך דערפילט, אַז אויך איך בין שוין געהייליקט געוואָרן אין קאַמף דורך דעם, וואָס איך בין געווען אַ נאַכט אַרעסטירט מיט אַלע חברים און חברטעס, און כ'האָב אָנגעהויבן

העלפן קלויבן געלט פאר די, וואס זענען נאך געבליבן ארעסטירט. ב'האב מער נישט שטילערהייט געבענקט נאך איינער א זאקנמאכערקע, וואס פלעגט מיך אפט קושן אזוי געשמאק, נאר צוליב דעם, ווייל איך דערמאן איר, זאגט זי, א ברודערל אירן. האב איך געבעטן גאט, אז מ'זאל די דאזיקע זאקנמאכערקע באפרייען וואס גיכער.

די געשלעכטס-פראגע

נאכדעם, ווי אונזער דירה האט זיך צוליב דער דיסקוסיע גע-האט פארשאטן, האט זי, פארשטייט זיך, אויפגעהערט צו זיין די שטאבסקווארטיר פון עסעס, און ס'פלעגן קומען צו אונז נאר די סאמע אייגענע מענטשן, אויף צו אינפארמירן זיך וועגן די סאמע וויכטיקע וועלט-געשעענישן. מען פלעגט שוין, אגב, כאפן א שמועסל אויך וועגן די לויפנדיקע פארטיי-ענינים. איינער פון די לויפנדיקע פארטיי-ענינים איז געווען דענסטמאל אויך די געשלעכטס-פראגע. אזוי-ארום האב אים זיך דא צום ערשטן מאל אין מיין לעבן באקענט אויך מיט דער דאזיקער פראגע. מיר איז אפילו אויסגעקומען איינמאל צו הערן א ספעציעלן פארטראג איבער דעם דאזיקן ענין. שימקע דער מעכאנישער שוסטער האט נאך דעם דאזיקן פארטראג אריינגעטראגן א רעזאלוציע, אז ביי דעם ארבעטער-קלאס דארף בכלל נישט זיין קיין שום געשלעכטס-פראגע! ס'איז נאר אן ענין פאר בורזשויעס און ליי-דיקגייער. מיר, באוווסטזיניקע פראלעטאריער, מוזן קעמפן פאר דער גלייכבארעכטיקונג פון דער פרוי, און אפווישן אלע גרענעצן צווישן דיביידע געשלעכטער!...

אין דער זעלבער נאכט, געדענק איך, האט טאקע איינע א זאקנ-מאכערין פרובירט מיטן לידער בחור אפווישן אט די גרענעצן.

די אויסגעמאטערטע זאקנמאכערין האט בשום-אופן נישט געוואלט באפרייען די קושעטקע, ווו דער לידער בחור פלעגט בטבע שלאפן, כאטש ראבינאוויטש (אזוי האט ער געהייסן) האט איר עטלעכע מאל אויפמערקזאם געמאכט, אז אלע זענען שוין אויף די געלעגערס, און ער אליין וויל זיך אויך לייגן.

— טא לייגט זיך, אז איר ווילט! — האט זי שלעפעריק א מורמל געטאן.

— ווי אזוי? — איז דער בחור געווארן מבולבל.

— אָט אַזוי ווי מיט שימקען — איז געווען דער ענטפער.

— און אייך וועט דאָס גאָרנישט אַרן? — איז דער לידער בחור שוין געוואָרן נייגעריק.

— ס'איז מיר אַוודאי אַ נפקא-מינה, צי כ'וועל שלאָפן מיט אייך, צי מיט נאַכאַמקען (נאַכאַמקע איז דאָס געווען יענע זאָקנמאַכערקע, וואָס פלעגט מיך תמיד געשמאַק קושן, ווייל איך דערמאָן איר, זאָגט זי, דעם ברודערל אירן).

— וועלן מיר זען! — איז שוין דער בחור אַריין אין עקשנות. באַלד נאָכדעם איז געוואָרן שאַ-שטיל, ווי פאַר אַ שטורעם. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי אָבער געגעבן אַ געשריי אויס:

— איר גייט דאָך קעגן דער רעוואָלוציע, גייט איר דאָך!

מיר אַלע, וואָס זענען נאָך נישט געווען איינגעשלאָפן, האָבן פלוצים אויסגעשאָסן אַ ווילדן געלעכטער. שימקע דער שוסטער האָט געגעבן אַ צינד אָן אַ שוועבעלע און געגעבן אונז אַלעמען אַ מוסר אויס:

— פע, שעמט זיך אין וויטן האַלז אַריין! איר זענט נאָך גאָרנישט דורכגעדרונגען מיט קלאַסן-קאַמף!

דאָס שוועבעלע האָט זיך אויסגעלאָשן.

דאָס שטעטל זעמבין

צו שבועות האָט מיך די מאַמע אַרויסגערופן צו זיך אַהיים.

דאָס שטעטל זעמבין, וווהין די מאַמע איז אַריבערגעפאָרן נאָכדעם, ווי זי האָט חתונה געהאַט מיטן שטיף-טאַטן ר' ישראל-אייזיק קליאָנסקי, — איז געלעגן 25 וויאָרסט פון דער אויעזד-שטאָט באָריסאָוו (מינסקער גובערניע). זעמבין איז געווען כמעט אין איין גרויס מיט מיין געבורט-שטעטל דוקאָר, אָבער דוקאָר איז שוין געווען מער אָדער ווייניקער דורכגעלופטערט דורך די צייטונגען „יוד", „פריינד", און דער עיקר — דורך דער בונטאַרישער יוגנט, וואָס פלעגט קומען פון מינסק, — בעת זעמבין איז נאָך פאַרבליבן אַ פינסטער חסידיש שטעטל, וואָס האָט זיך געשפייזט מיט די נייעס, וועלכע זי פלעגט באַקומען דורך די מינסקער באַלעגאָלעס, אָדער דורך לידסקיס וואַנטקאַלענדאַרן. דאָס שטעטל האָט נישט געהאַט פאַרמאָגט קיין איין צייטונג אויף אַ רפואה. ס'איז נישט געווען קיין איין וועלטלעך ביכל אויף יידיש, אָדער העברעאיש.

די הויפּט־סיבה איז געווען די, וואָס זעמבין האָט פאַרמאָגט אַן אָפּטיילונג פון דער ליובאַוויטשער ישיבה. ס׳זענען געזעסן אין שטעטל ביי פערציק בחורים, וואָס פלעגן טראָגן לאַנגע זופּעצעס מיט יאַרמעלקעס (גאָר ווי אין פוילן) און יום־ולילה לערנען תורה. יעדער אַ־אַ קלויזניק פלעגט באַקומען חודש־געלט פון ליובאַוויטש, און כמעט אַ האַלב שטעטל האָט געלעבט פון אָט די פרומע קעסט־קינדער. נאַטירלעך, אַז די דאָזיקע פערציק יונגעלייט האָבן דאָס גאַנצע שטעטל געהאַלטן פאַרהילט אין שוואַרצן וואָלקן פון רעליגיעזן עקסטאַז און פאַנאַטיזם. אַפילו די מאַמע מיינע, וואָס איז דווקא געווען שטאָלץ אויף אירע קינדער, כאָטש זיי זענען פריידענקער, האָט דאָ, אין זעמבין, אין איר נייער היים, פאַרבאָרגן דעם יחוס פון אירע קינדער, און זי האָט פאַר אַ פּאָר יידענעס זיך געהאַט אַ באַרים געטאָן, אַז דער מיזיניק אירער, וועלכן זי דערוואַרט אויף שבועות, איז אין ווילנע אויך אין אַ ישיבה. ווי גרויס איז אָבער געוואָרן די איבעררעשונג ביי די שטעטלדיקע ווייבער, ווען זיי האָבן דערזען ישראל־אייזיק קליאַנסקיס שטיף־זון אין אַ קורצן רעקל מיט געשוירענע פּאות, גאָר מעשה־דייטשל. די מאַמע האָט מיך שטילערהייט אַ בעט געטאָן, איך זאָל האַלטן פרומקייט, נישט אַזוי, חלילה, צוליב דעם — איך זאָל נושא־חן זיין ביים שטיף־פאָטער, וועלכער האָט מיך סיי־ווי־סיי האָלט, אָבער זאָל ס׳שטעטל נישט רעדן.

אויף דער פרישער מינוט האָב איך, נאַטירלעך, צוגעזאָגט טאָן וואָס מעגלעך, אַבי נאָר מיין מאַמען נישט פאַרשאַפן קיין בושה און קלעמעניש.

כ׳וואָלט געוויס געהאַלטן וואָרט, ווען כ׳פאַרבלייב אין זעמבין נאָר איבער שבועות, אָבער שוין ביי די ערשטע טעג פון מיין אָנקום אַהער, איז מיר דאָס ווינקל ביז גאָר געפעלן געוואָרן. כ׳האָב דערזען נעבן שטעטל אַ גרויסן, געדיכטן סאָסנע־וואַלד, אַ טייכל, וואָס טרייבט אַ מיל, און דער עיקר — מיין שטילע, גוטע מאַמע, מיטן שטיף־טאַטן, וועלכע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר, ווי אויף אַ בן־יחיד, וואָס האָט זיך אָקאָרשט באַפרייט פון פריזיוו.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די מאַמע מיינע האָט געלעבט אין דער נייער היים זאָרגלאָז, זאַט און באַפרידיקט, דאָך אָבער איז איר פרעמד געווען די ווייבערשע שול, די געמויערטע, אין וועלכער זי האָט דאָך קיינמאָל איר אַלמנה־האַרץ נישט געהאַט אויסגעקלאָגט, און אירע אויגן נישט געהאַט אויסגעוויינט. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז

איך וועל שוין דאָ גאָרבלייבן דעם גאַנצן זומער — די מאַמע זאָל זיך אָנזעטיקן מיט מיר, און איך — דער שטאָט-יונג — זאָל זיך אָנזעטיקן מיטן ישוב.

האָב איך קודם-כּל אָנגעשריבן צו מיינע ברידער אין אַמעריקע אַ בריוו, און כ׳האָב זיי אָנגעזאָגט די שמחה, אַז עס געפעלט מיר זייער דאָס נייע שטעטל, וווהין די מאַמע האָט זיך אַריבערגעפּעקלט, און ס׳געפעלט מיר אויך דער שטיף-טאַטע, און דער סאָסנאָווער וואַלד, און די בהמות, און דער גאָרטן. מיט איין וואָרט, ס׳איז מיר גוט, ווי די וועלט!

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז אָט דער דאָזיקער אומשולדיקער בריוו צו מיינע ברידער האָט שוין אַרויסגערופן אַ שטיקל מהומה אין שטעטל. נישט אַזוי דער בריוו, ווי דער קאָנווערט מיטן ענגלישן אַדרעס, וועלכן איך אַליין האָב אָנגעשריבן.

פון דער דאָזיקער געשעעניש האָט זיך קודם-כּל דערוווּסט דער פּאָסט-באַאַמטער. דער פּאָסט-באַאַמטער האָט עס תּיכּף געלאָזט וויסן צו זלמן פּאַדנאָס, דעם איינציקן יונגנמאַן אין שטעטל, וואָס פּלעגט באַדינען אַלע אַמעריקאַנער ווייבער מיט די ענגלישע אַדרעסן.

פאַר יעדן אַדרעס קיין ניו-יאָרק פּלעגט זלמן פּאַדנאָס נעמען ביי דער „אַמעריקאַנקע" נישט מער, ווי אַ קאָפּיקע, אָבער פאַר אַן אַדרעס קיין טשיקאַגע, אָדער פילאַדעלפיע — פּלעגט ער שוין נעמען דריי גראָשן, ווייל אויף די דאָזיקע שטעט, פּלעגט זלמן טענהן, איז אים נאָך די האַנט נישט אויסגעשריבן.

האָט זיך געוויזן, הייסט עס, אַ קאָנקורענט אין שטעטל. און פאַרנאַכט האָב איך פונם צווייטן צימער, דערהערט אַזאַ מין געשפּרעך, וועלכער איז פאָרגעקומען צווישן מיין מאַמען און דער מאַמען פון אָט דעם זלמן פּאַדנאָס:

— מיט ליב אייך אייער גאַסט, ברכה!

— מיט ליב זאָלט איר לעבן!

— כ׳האָב געהערט, אַז אייער זון קלויבט זיך בלייבן דאָ אַ גאַנצן זומער?

— וועמען שטערט ער דען? זאָל ער בלייבן געזונטערהייט!

— מ׳זאָגט — ער איז אַ ווילגעלערנטער, אייער זון.

— מיינע זין, דאַנקען גאָט, זענען אַלע ווילגעלערנטע.

— כ׳מיין, וועגן די אַמעריקאַנער אַדרעסן, מיין איך — מ׳זאָגט, אַז ער שרייבט אַליין די אַדרעסן.

האָט זי די מאַמע גלייך באַרויִקט, אַז דער זון אירער וועט דערפון, חלילה, קיין פּרנסה נישט מאַכן.

— ניין, גאָט איז מיט אייך, וואָס רעדט איר? איך מיין, מיין זון האָט מיך געשיקט פרעגן, צי קען ער זיך נישט באַקענען מיט אייערן?...

— פאַרוואָס נישט, אַדרבה! — האָב איך אויסגעשריען פונם צווייטן צימער.

זלמן פּאָדנאָס און איטשע דרייגעס

זלמן פּאָדנאָס איז געווען פון מיטעלן וווקס. אַ ברייט-פּלייציקער, אַ בלאָנדער, מיט אַ מעליקן, ברייטן ברעטל-פּנים. ער האָט פאַרמאָגט צוויי בלוילעך-פאַרוואַסערטע אויגן, צוויי געל-בלאַסע אַראָפּגעהאָנגענע וואָנצעלעך. דאָס בערדל פלעגט ער יעדן פרייטיק אָפּגאָלן. ס׳איז געווען, אגב, דער איינציקער בחור אין שטעטל, וואָס פלעגט בפרהסיה אַרומגיין אַ געגאָלטער. סע האָט געשמעקט פון אים מיט קאַזנאַ. גערעדט האָט ער דאָס רוב רוסיש מיט אַ דאָרפישן אַקצענט. אויף אַ שווערן אינטעליגענטישן ווערטל פלעגט ער בטבע געשטרויכלט ווערן.

מיט מיר אָבער פלעגט ער רעדן מאַמע-לשון, ווייל סוף-כל-סוף האָבן מיר דאָך ביידע געוווסט, אַז מיר זענען סיי-ווי-סיי אינטעליגענטן — איז צוליב וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, ברעכן זיך?

זלמנס הויפּט-פאַרדינסט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען אויסגעבונדן מיט נאַטשאַלסטוואָ פון שטעטל, מיטן פּאָטשטאַליאָן, מיטן אוריאַדניק, און איבערהויפּט מיטן שרייבער פון וואָלאָסט, מיט וועלכן ער איז אַפילו געווען אויף „דו". די הויפּט-סיבה, וואָס ער איז געווען אַ קרוב למלכות, איז געווען די, וואָס זלמן פּאָדנאָס האָט ערגעץ-ווו געקריגן אַ שווער-לייביקן בוך, מיטן נאָמען „סוואָד זאַקאָנאָוו", און ער האָט געוווסט אַלע געזעצן, וואָס הערשן אין לאַנד. פלעגן אַלע פויערים פון קאַנט לויפן אין אַן עת-צרה צו זלמנען, וואָס קאָן מיט זיינער אַ „פּראָשעניע" ראַטעווען זיי פון אַלע זאָרגן און קלעמעניש. אויסער דעם האָבן נאָך זלמנס עלטערן געהאַלטן אַ שענק

אין מיטן מאַרק. דאָס ביסל געלט, וואָס פלעגט איבערבלייבן בײַם דערשלאָגענעם פויער נאָכדעם, ווי ער פלעגט באַצאָלן זלמנען פאַר דער „בראָשעניע״ — פלעגט ער עס איבערלאָזן בײַ זלמנס עלטערן פאַר דעם האַלבן קווערטל בראָנפן מיטן צובייסן.

איז אָט דער זלמן געוואָרן מײַן אינטימער פרײַנט. ער האָט גלײַך פאַרשטאַנען מיט זײַן פויערישן הינטער-מוח, אַז מיר נויטיקן זיך איינע אין די אַנדערע. ער מוז מיך האָבן צוליב דער פירמע, דאָס הייסט צוליב דעם שווער-לייביקן „סוואָד זאַקאָנאָוו״, וואָס נישט אַלע אַרטיקלען און פּאַראַגראַפן פלעגן זיך אויסלייגן בײַ אים אין מוח, און איך אים — צוליב זײַנע פאַרבינדונגען מיט דער מלוכה, ווײַל אין שטעטל גייען שוין אַרום קלאַנגען, אַז איך בין גאָר פון די היינט-וועלטיקע.

אַז איך בין אַ היינט-וועלטיקער האָט קודם-כּל דערשמעקט אַ שוואַרצינקער ספּריטנער בחור׳ל, איטשקע רײַנעס, וועלכער האָט גע-קראָגן מוט צו אַטאַקיר מיך אין שול בײַם שבועותדיקן דאַווענען אויף אַזאַ מין אופן:

— מ׳זאָגט, איר קומט פון ווילנע.

— יאָ, פון ווילנע.

— איר מיינט דען, אַז אַלע זענען דאָ אַזעלכע פינסטערע, ווי די ליובאַוויטשער פּאַטראָנעס? — איז איטשקע גלײַך צוגעטראָטן צום עסק.

— כ׳ווייס נישט, — האָב איך גלײַכגילטיק אָפּגעענטפערט.

— מיר האָבן דאָ עטלעכע אַרבעטער אויך.

— איז וואָס?

— מאַכן מיר הײַנט אַן אסיפה אין וואַלד.

— אַדרבא! — האָב איך מסכּים געווען.

— וועט איר אַרויסקומען נאָכמיטאָג אין גאַס, און מירן אײַך שוין אָנווײַזן, וווּהין צו גיין.

— איז גוט!

באַלד נאָכדעם האָב איך זיך אומגעקערט צו מײַן טלית-פאַר-וויקלטן שטיף-טאַטן אין דער מזרח-וואַנט פאַרענדיקן כּלומרשט מײַן דאַווענען.

די ערשטע אסיפה

אַרויסגייענדיק פון שול האָב איך איטשקען פאָרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, צי זלמן פּאָדנאָס גייט אויך צו דער אסיפה.

— ניין.

— פאַרוואָס?

— ער קאָן נאָך אויספּלוידערן דעם אוראַדניק.

— איז טאַקע דערפאַר מוזן מיר אים אַריינשלעפּן.

— איר זייט גערעכט! — האָט איטשקע כיטרע אַ בליק געטאָן מיט די אייגעלעך, און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אָניאָגן דעם טאַטן.

איך בין שטיין געבליבן וואַרטן אויף דער מאַמען, ביז זי וועט אַרונטערקומען פון דער ווייבערשער שול.

באַלד נאָך דעם שבת-שבועותדיקן וואַרעמס, האָבן די אַלטע מיינע געגומען אַרויסווייזן אַ שטאַרקע נטיה צו כאַפּן אַ דרימל. די מאַמע האָט אויך מיך געוואָלט אַריינגעמען אין קאָן. כ׳האָב זיך אויסגעדרייט מיטן אויסרייד, אַז איך וויל אָנקוקן דעם היגן וואַלד, און כ׳וועל בע-סער גיין שפּאַצירן.

— זאָלסט זיך, חלילה, נישט פאַרבלאָנדזשען, — איז די מאַמע געוואָרן אומרויִק.

— זאָג אים, ער זאָל נישט פאַרשפּעטיקן צום טיי. ס׳איז דאָ אַ ציטרין, — האָט דער שטיף-טאַטע אַ סופליר געטאָן דער מאַמען שוין פון שלאָפּצימער.

— גוט, גוט — האָב איך ביידן באַרויִקט, און אַוועק צום מאַרק.

אויפן מאַרק האָט מיך איבערגעגומען זלמן פּאָדנאָס, און ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אויפן ברייטן שענק-גאַניק.

פון גאַניק אַרויס האָב איך זיך צוגעקוקט צו דער זעמבינער יוגנט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיטן פון די הייזער פּאָרלעכווייז, מיידל מיט מיידל און בחור מיט בחור. זיי פלעגן דורכדעפּילירן פאַר-ביי אונזער גאַניק, און מיט גרויס נייגעריקייט פלעגן זיי זיך צוקוקן צום אורח אין שטעטל, צו מיר, הייסט עס, און ערגעץ-ווו פאַר-שווינדן אין טייך-געסל.

שפּעטער אַביסל האָט זיך באַוויזן איטשקע ריינעס. ער האָט געגעבן צו אונז אַ ווונק מיטן אייגל, וואָס האָט באַטייט, אַז מיר קאָ-נען זיך אויך לאָזן אין וועג אַריין.

צוגייענדיק נעענטער צום וואַלד, האָבן מיר דערהערט, ווי מענטשן פּאַטשן מיט די הענט, פּייפן, שרייען און געוואַלדעווען, ווי עס וואָלט ערגעץ-ווו געברענט. איטשקע האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס זענען די פּאַטרולן...

דאָס האָבן זיי, די פּאַטרולן, הייסט עס, געגעבן סיגנאַלן, ווּהין מען דאַרף זיך קלייבן. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער גאַנצער וואַלד איז פול מיט פּאַרזאַמלטע. צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ס׳זענען זיך צונויפגעקומען סך-הכל פינף בחורים און פיר מיידלעך, אויסער די „פּאַטרולן". די פּאַטרולן, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ מהומה איבער דעם וואַלד, זענען באַשטאַנען, לאָזט זיך, אינגאַנצן פון צוויי חברה-לייט. זיי זענען געווען, די פּאַטרולן, אַזוי באַגייסטערט פון דער וויכטיקער און פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע, וואָס איטשקע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט, אַז ס׳האָט זיך זיי געחלשט — די גאַנצע וועלט זאָל זיך פון זיי באַלד דערוויסן.

ווען דער גאַנצער עולם האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלייגט הרחבותדיק אויפן גראָז, האָב איך אַ פרעג געטאָן איטשקען, הלמאי ער הויבט נישט אָן די פאַרזאַמלונג, וויבאַלד ס׳דאַרף שוין קיינער מער נישט קומען?

— וואָס הייסט, איך זאָל אָנהויבן? איר דאַרפט דאָך אָנהויבן!...

—האָט איטשקע אויף מיר פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן.

— וואָס הייסט איך? — בין איך געוואָרן מבולבל, — כ׳בין דאָך דאָ אַן אורח, אַ פרעמדער...

— אָט טאַקע דערפאַר איז דאָך דאָס... צוליב אייך טאַקע האָבן מיר דאָך געמאַכט די פאַרזאַמלונג!

זלמן פּאָדנאָס איז געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט. ער האָט בכלל נישט באַגריפן וועגן וואָס מיר דינגען זיך דאָ.

האָב איך זיך גלייך באַהערשט, און דערקלערנדיק די פאַרזאַמלונג פאַר אָפן, האָב איך אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דעם גרויסן קאַמף, וואָס פירט זיך אויף דער וועלט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג.

איך האָב זיי אויסדערציילט כמעט אַלץ, וואָס מיין מוח האָט שוין געהאַט איינגעזאַפּט אויף דער עסעסישער שטאַב-קוואַרטיר אין ווילנע. איך האָב זיך געסטאַרעט צו קאָפּירן „אברהם דעם אָדעסער". איבערהויפּט, ווען איך בין אַריבער צו דער פראַגע וועגן עמיגראַציע, קאָלאָניזאַציע און קאָנצענטראַציע... די צוהערער מיינע האָבן נישט גאָר גוט באַנומען דעם פירוש אויף אָט די שווערע ווערטער, דאָך אָבער זענען זיי געוואָרן הויך באַגייסטערט. די מיידלעך האָבן זיך אָנגעהויבן פעסטער טוליען צו די בחורים. די בחורים האָבן גענומען

עפטערס צינדן ציגאַרעטלעך (כאָטש ס'איז געווען שבת), און איטשקע אַליין איז די גאַנצע צייט געשטאַנען האַרט נעבן מיר, ווי עס שטייט אַ באַהעלפער ביים חזן צו כל-נדרי. זלמן פּאָדנאָס האָט באַקומען אַזאַ מין ערנסטן, אָנגעשטרענגטן אויסדרוק, ווי ר'וואָלט זיך געגרונטעוועט אין אַ פאַרפּלאָנטערטן פּאַראַגראַף פון זיין „סוואָד זאַקאָנאָוו", און בשום-אופן גאָרנישט געקאָנט פון אים אויסדריינגען.

דער פּועל-יוצא איז געווען, אַז כ'האָב געמוזט צוזאָגן אַלע שבת מאַכן אַזעלכע פאַרזאַמלונגען, אָבער מיטן תנאי — עס זאָל זיין פולשטענדיקע קאָנספּיראַציע.

איטשקע האָט אויף אַ פייערלעכן אופן תיכף אָפּגעשוואָרן מיט די פאַרזאַמלטע „קאָנספּיראַציע". ער האָט דערביי געמאַכט אַלעמען אויפמערקזאַם, אַז איך בין אין שטעטל אַ שטיף-זון, דעריבער מוז מען מיך ביז גאָר שאַנעווען.

פאַרענדיקט געוואָרן איז די ערשטע געהיימע פאַרזאַמלונג אין זעמבין מיטן פאָלגנדיקן ליד, וואָס אַלע האָבן שוין, לאָזט זיך אויס, געקאָנט פון פריער אַ חוץ, נעבעך, זלמן פּאָדנאָס, וועלכער האָט דאָך בלומרשט צוגעבאָמקעט:

„ברידער און שוועסטער, נעמט זיך פאַר די הענט,
נאָמיר צעברעכן די אייזערנע ווענט!
אַי, אַי-אַי, אַי-אַי-אַי,
אַ קלאָג צו דיר, ניקאָלאַי!

ברידער און שוועסטער, נאָמיר זיך נישט אירצן,
נאָמיר דעם קיסר די יאָרן פאַרקירצן!
אַי, אַי-אַי, אַי-אַי-אַי,
אַ קלאָג צו דיר, ניקאָלאַי!

ברידער און שוועסטער, נאָמיר רעדן דורכן דראָט!
נישטאָ קיין קיסר, נישטאָ קיין גאָט!
אַי, אַי-אַי, אַי-אַי-אַי,
אַ קלאָג צו דיר, ניקאָלאַי!"

די מהומה אין שטעטל

דעם זעלביקן טאָג, בין מנחה למעריב, איז שוין גאַנץ שטעטל געגאַנגען כאַדאָראָם. קינד און קייט האָבן געוווּסט, אַז דער ווילנער „ציציליסט", ישראל אייזיקס שטיף-זון, האָט בייטאָג צונויפגעקליבן אין וואַלד אַלע „באָסיאַקעס" און געמאַכט אַן אסיפה. איטשע האָט אַפילו חושד געווען איינער אַ מיידל אין „פּראָוואָקאַציע". זלמן פּאָדנאָס האָט שוין, נעבעך, פאַר גאַנץ שטעטל געמוזט טענהן, אַז ס'איז אַ בלבול פון אָנהויב ביזן סוף, ווייל ער אַליין האָט דאָך פאַרבראַכט מיט מיר ביחידות אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד, און ווער אַן ערך וועט עס חושד זיין זלמן פּאָדנאָס אין „ציציליזם"? ער אַליין איז דאָך שוין כמעט נאַטשאַלסטוואָ.

אָבער דער זעלביקער זלמן האָט טאַקע געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן דעמזעלביקן נאָכיומטובדיקן שבת-צונאַכטס אַ ליאַמע ביי זיך אין שטוב.

אויף דער דאָזיקער ליאַמע האָט ער אַ חוץ אונז — „פאַרשוועררער" — איינגעלאַדן דעם אוריאַדניק מיטן שרייבער פון וואָלאָסט, און דעם פּאָטשאַליאָן! האָבן מיר אַ גאַנצע נאַכט געשפּורט און געברידערט זיך מיט „מלוכה", ביז דער אוריאַדניק אַליין האָט געכאַפּט מיט מיר אַ חסידישן ריקודל, און דאָס האָט שוין באַדייט, אַז ער איז מיר נישט חושד, חלילה, אין קיין שום קראַמאָלע.

דאָך אָבער האָט ס'שטעטל אָנגעהויבן ווערן פון טאָג צו טאָג אומרויקער. אונז איז געלונגען דורכצופירן דעם ערשטן שטרייק ביי יאַנקל דעם שטעפּער, ווו ס'האָט געאַרבעט סך-הכל איין אַרבעטער. דער דאָזיקער איז געווען ביי אונז אין חברה. מיר האָבן באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, העכערן אים דעם געהאַלט, און אויסקעמפן פאַר אים כאָטש אַ צען-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג. מיר האָבן דעם שטרייק געוווּנען נאָך אַ צוויי-וואָכנדיקן עקשנותדיקן קאַמף. יאַנקל דער שטעפּער האָט געמוזט נאָכגעבן, ווייל אָן דעם באַהעלפער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסטראָגן פון שטוב אַפילו די פּאַמוניצע.

אונז איז אָבער בשום אופן נישט געלונגען אַריבערצוציען אויף אונזער זייט די מאַמעס מיט די טאַטעס, ווער רעדט נאָך די שטיף-טאַטעס, כאָטש מיין שטיף-טאַטע האָט זיך באַצויגן צו מיר, נישט נאָר קאָרעקט, נאָר אַפילו מיט אַ געוויסער באַהאַלטענער ליבע, מעגלעך, —

אַז עס איז געווען דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זיך פֿאַרשמאָלצן מיט מײַן מאַמען, ווי זיי וואָלטן שוין געווען געלעבט צוזאַמען אַ גאַנצע אייביקייט. איז ווי אַזוי זאָל ער מיך נישט שאַנעווען און אָפּהיטן?

און אויב מיר פֿלעגט געלונגען אַמאָל עפּעס וואָס אויסצופּאַנטאַזירן פֿאַר דער מאַמען מײַנער, אַבי נאָר צו רעאַביליטירן זיך מיט די חברים מײַנע, פֿלעגט עס מיר אָבער בשום־אופֿן נישט געלונגען צו טאָן פֿאַר דעם שטיף־טאַטן, ווײַל זײַן תּמימות און זײַן געטרײַקייט צו אונדז פֿלעגט מיך פֿענטען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אין זײַן אָנוועזנהייט פֿלעג איך שטענדיק מוזן דערציילן דעם גאַנצן אמת.

האָב איך זיי איינמאָל דערציילט אַלץ, וואָס איך ווייס פֿון מײַנע ברידער, פֿון זיך און בכלל פֿון דער וועלט. איך האָב אַרײַנגעטענהט צו זיי, אַז ס׳איז טאַקע נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט. דער פֿעטער פֿלעגט זיך מתווכּח זײַן מיט מיר. ער פֿלעגט אַלץ אַרויפֿלייגן אויף דער השגחה פּרטית. ער פֿלעגט מיט ביטול קוקן אויף דעם פּרוזדור, וואָס פֿירט ערשט צו דער ריכטיקער ליכטיקער וועלט, צו וועלכער מען דאַרף זיך באַצייטנס צוגרייטן. אָבער דאָך פֿלעגט ערגעץ־ווו ביים פֿעטער שטעקן בלייבן אַ כּעס אויף די היינטיקע אפּיקורסים, אויף דער היינטיקער צעלאָזנקייט און אויסגעלאַסנקייט.

שפּעטער אַביסל איז מיר דער באָדן אין זעמבין דאָך געוואָרן צו הייס, און מײַן פֿריינט זלמן האָט מיר געהיים איבערגעגעבן אינם נאָמען פֿון אוריאַדניק — כ׳זאָל זיך וואָס־גיכער אָפּטראָגן פֿון שטעטל.

בין איך אַוועקגעפֿאָרן צו מײַן שוועסטער אין בערעזין, איבערלאָזנדיק די מאַמע מיטן פֿעטער פֿאַרקלעמטע און צעשראָקענע.

בערעזינער פּאַרטייען

די פֿאַראַכאָדן און בערלינקעס פֿלעגן זומער־צייט אַרײַנטראַנספּאָרטירן קיין בערעזין, וואָס איז געווען זעכציק ווערסט ווייט פֿון אַן אייזנבאַן, נישט נאָר גאַנצע שפּייכלערס מיט צוקער, הערינג, גאַז, מאַנופֿאַקטור, קאַלאָשן און אַנדערע נויטיקע זאַכן — עס זאָל קלעקן אויפֿן גאַנצן ווינטער, נאָר אויך — פֿאַרדעכטיקע פּעקלעך ליטעראַטור, פּראָקלאַמאַציעס, און פֿון צייט צו צייט — אַגיטאַטאָרן פֿון צענטער.

די שטאַרקסטע פּאַרטייען אין בערעזין זענען געווען די ציוניסטן און דער „בונד״.

צווישן זיי האָבן זיך אַרומגעפּלאָנטערט פּועלי-ציוניקעס און עס-עסן. צו אָט די דאָזיקע עסעסן בין איך געווען צוגעשטאַנען, נישט אַזוי דערפאַר, ווייל איך בין שוין געווען אַ דורכגעדרינגענער עסעסאָ-ווער, נאָר טאַקע דערפאַר, ווייל די עסעסאָווצעס זענען אין בערעזין געווען די שוואַכסטע גרופּע, און כ׳האָב געהאַט צו זיי מער מיטגעפיל.

די דאָזיקע גרופּע איז באַשטאַנען פון עטלעכע באַלעבאַטישע קינדער. מיר האָבן אויך פאַרמאָגט אַ שטיקל „מאַסע", און נעמלעך: צוויי פּאַפּיראָסן-מאַכערקעס און דריי אָנגעשטעלטע אין די קראָמען. אַזאַ מין „מאַסע" פון אמתע „האַרעפּאַשניקעס" האָבן די פּועלי-ציוני-קעס נישט געהאַט פאַרמאָגט. דערפאַר אָבער איז געווען ביי זיי אַזאַ מין רעדנער, וואָס אפילו דער „בונד" פלעגט זיך איבערשרעקן פאַר אים. דאָס איז געווען דער באַרימטער פּועלי-ציוניסט באָרוכסאָן (שפּע-טער איז ער געוואָרן אַלעקסאַנדער כאַשין). אָט דער באָרוכסאָן, וואָס זיין אמתע פאַמיליע איז גאָר אַווערבוך, האָט שוין, קענטיק, געהאַט דורכגעמאַכט די ריכטיקע פּאַרטיי-שול ערגעץ-ווו אין מינסק. ער פלעגט יעדן יום-טוב אָנפאָרן אַהיים אין בערעזין און אָנמאַכן מיט זיינע רע-דעס אַ קאַלאָסאַלע איבערקערעניש אין די מוחות פון דער בערעזי-נער יוגנט.

סיי דער „בונד", סיי אונזערע עסעסן פלעגן בלייבן אומבאַהאָלפן קעגן זיינע רייד, וואָס פלעגן זיין געשליפן, ווי חלפים. ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ווען אונזערע צוויי ריכטיקע האַרעפּאַשניצעס, די פּאַפּי-ראָסן-מאַכערקעס האָבן גאָר אינגאַנצן אָנגעהויבן צווייפלען אין דער טעאָריע פון ס. ס., און זיי האָבן געגומען אַרויסווייזן שטאַרקע נטיות צום פּועלי-ציוניזם.

ס׳איז, אגב, כדאי צו באַמערקן, אַז אָט דער אַווערבוך-באָרוכסאָן איז בכלל געווען זייער אַ שיינער און שלאַנקער בחור.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אָנגעגומען אַלע מיטלען צו דערשטיקן באַצייטנס אָט די ספקות ביי אונזער „מאַסע", און דאָס פלעגט אונז געלונגען נאָר דעמאָלט, ווען באָרוכסאָן פלעגט שוין זיין אָוועקגעפאָרן ווייט-ווייט פון בערעזין.

דעמאָלט פלעגן שוין אונזערע פּאַפּיראָסן-מאַכערקעס אָנהויבן ווידער רעגלמעסיק באַזוכן אונזער בירזשע.

אויך דער בערעזינער „בונד", געדענק איך, האָט געהאַט געגוג אויסצושטיין פון אָט דעם פּועלי-ציוניסט באָרוכסאָן. זיינע פיין-געשלי-

פענע דרשות פלעגן קומען הערן אויך אַפילו עלטערע אַרבעטער און בעלי-מלאָכות, וואָס האָבן נישט געהאַט געהערט צו קיין שום פּאַרטיי. האָט דער בערעזינער „בונד" אין איינעם אַ פּסחדיקן חול-המועד געהאַט אויסגעשריבן פון מינסק אַ ספּעציעלן אָפּאָנענט קעגן באָרוכסאָנען. דער דאָזיקער בונדישער אָפּאָנענט איז געווען אַברהמל קיסין (איצט אַן אָנגעזעענער קאָמוניסט). אַברהמל קיסין איז געווען דעמאָלט אַ אינטימער פריינט פון מיין ברודער ברוך, וועלכער איז שוין געווען גוט באַקאַנט אַלס „דער צווייטער לאַסאַל". אַזוי אַרום האָב איך צו דעם דאָזיקן אַברהמל קיסין געהאַט דערשפּירט געוויסע משפּחה-סענטימענטן. האָט זיך מיר זייער געגלוסט, אַז קיסין זאָל אויפן עפנטלעכן דיספּוט מיט באָרוכסאָנען גובר זיין די פּועלי-ציוניקעס, כאָטש איך אַליין בין געווען, ווי באַקאַנט, אַן עסעסאָוועץ.

דער עפנטלעכער דיספּוט איז געווען פאָרגעקומען אין איינעם פון די בערעזינער בתי-מדרשים. עס זענען געווען געקומען צום דיספּוט אַ סך שול-יידן פון דער מעריב-וואַנט, ווי עלטערע בעלי-מלאכות, קרעמערלעך און גלאַט אַזוי נייגעריקע יידן. דער בית-מדרש איז געווען איבערפולט, ווי יום-כיפור צו „כל נדרי". אַפילו די ווייבערשע שול האָט זיך געבראָכן פון ווייבער און קינדער. לויטן אָפּמאַך צווישן די ביידע פּאַרטייען, האָט געדאַרפט פריער רעדן באָרוכסאָן אַ האַלבע שעה, און גלייך נאָך אים — קיסין אַ האַלבע שעה.

נאָך קיסינען האָט ווידעראַמאָל געדאַרפט נעמען אַ וואָרט באָרוכסאָן, און דאָס שלוס-וואָרט האָט געזאָלט האָבן קיסין, ווייל דער בערעזינער „בונד" האָט זיך דאָך געלאָזט עקסטרע קאָסטן אים אַראָפּצוברענגען אַזש פון מינסק.

וואָס די ביידע וואָרט-מייסטערס האָבן זיך געהאַט אַריינגעזאָגט איינע די אַנדערע אין די ערשטע האַלבע שעהן זייערע — געדענק איך נישט. דערפאַר אָבער איז מיר גוט פאַרבליבן אין זכרון די „באָמבע", וואָס באָרוכסאָן האָט מיט גרויס פּאַטאָס אַ שליידער געטאָן דעם „בונד".

— דער „בונד" — האָט באָרוכסאָן אויסגעשריען איבערן גאַנצן בית-מדרש—דער „בונד" וועט פאַרבלייבן שטעקן „בנקיקי הסלעים"!— דער „בונד", הייסט עס, וועט בלייבן שטעקן אין די פעלזן-שפּאַלטן פון דער געשיכטע!

אָט דער דאָזיקער אויסגעשריי באָרוכסאָנס האָט אויף אונז אַלע-

מען (אַחוץ, פאַרשטייט זיך, אויף די בונדיסטן), געמאַכט אַ מוראדיקן איינדרוק, און אַפילו די ווייבערשע שול האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו אַפּלאָדירן.

איך בין געווען שטאַרק נייגעריק, וואָס, אַן ערך, וועט דאָס אים קיסין ענטפערן, אָבער איידער קיסין האָט געזאָלט קומען צום וואָרט — האָט זיך פּלוצים צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז די סטראַזשניקעס האָבן דער־שמעקט דעם דיספּוט, און אין משך פון אַ פּאָר מינוט איז פון דעם איבערפולטן בית־מדרש געוואָרן אַ פּוסטע קרעטשמע.

אַ סברא, אַז דאָס איז געווען נישט מער, ווי אַ שפּיצל פון די פּועלי־ציוניקעס...

עסעסישע מוזשיקעס

די אַקציעס פון אונזער עסעסישער גרופּע אין בערעזין האָבן אָנגעהויבן שטייגן, דורך דעם, וואָס מיר איז געלונגען אַריינצושלעפּן אין דער „באַוועגונג" עטלעכע יונגע פּויערים פון די אַרומיקע דערפער.

מיר איז דאָס געלונגען דערפאַר, ווייל מיין שוואָגער און פע־טער, דאָס הייסט דער מאַן פון מיין שוועסטער, איז געווען אויסגע־קאָכט מיטן גאַנצן קאַנט פּויערים, וואָס פלעגן יעדן זונטיק דורכגיין דורך זיין קראָם. איך אַליין האָב זיך שוין אויך אַביסל געהאַט פאַר־קרעמערט. כ'האָב געמוזט גאָר אינגיכן באַהערשן דעם קראָם־אַפּאַראַט אויף אַזויפיל, אַז מיין פעטער זאָל קאָנען אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. בין איך, נאַטירלעך, געוואָרן היימיש מיט אַלע פּויערים, געוווּנען ביי זיי דעם צוטרוי, און אייניקע פון די ייִנגערע, וואָס פלעגן שוין טראָגן אויסגענייטע לייוונטע העמדלעך און שטיוול, אָנשטאָט לאַפּטשעס, האָב איך פּרובירט אויסאַגיטירן.

כ'פלעג זיי דערקלערן, די פּויערים, אַז עס גרייט זיך אַ „מאַ־ניפעסט" וועגן פאַרטיילן ערד, און אויב די פּויערים גופא וועלן זיך באַצייטנס נישט אָרגאַניזירן — וועט זיי די מלוכה ווידעראַמאָל „קריוודען".

איך האָב זיי אויך דערציילט, אַז אַפילו מיר, ייִדן, טרוימען אויך פון ערד־אַרבעט, פון אַ טעריטאָריע, אָבער נישט, חלילה, דאָ, אין רוסלאַנד, אויף זייער חשבון, נאָר ערגעץ ווייט־ווייט, איבער זיבן ימים. דעריבער איז אונז די ערד־פראַגע אויך זייער אַן אָנגעלייגטע זאַך. על־כן האָבן מיר בשותפותע אינטערעסן, און ס'וואָלט געווען זייער

גוט, ווען זיי, די יונגע פויערים, וואָס קענען שוין עפּעס לייענען און שרייבן, זאָלן וועגן דעם אָנהויבן דערציילן אין די דערפער, און מאַכן שטילע אסיפות.

דערצו פלעג איך נאָך די פויערים מיטגעבן פלערליי צייטונגען צום לייענען, און אָפטמאָל אויך — ביכלעך, וואָס כ׳פלעג באַקומען פון באָריסאָוו. פון צייט צו צייט פלעג איך מיט מיינע עטלעכע פויערים זיך דורכשפּאַצירן איבער אונזער בירזשע, און ס׳שטעל האָט געוווּסט, אַז ס. ס. פירט אָן מיט דער אַרבעט צווישן דעם פויערטום פונם גאַנצן קאַנט...

די דאָזיקע קלאַנגען זענען דערגאַנגען אַזש צום מינסקער הויפּט-קאָמיטעט פון ס. ס., וועלכער האָט מיר איינמאָל אַריינגעשריבן אַ בריוו, אַז ס׳וואָלט געווען זייער גוט, ווען די פויערים ווייסן, לכל-הפּחות, אַז מיט דער אַרבעט צווישן זיי פירט אָן ס. ס.

כ׳האָב זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז אין מינסקער קאָמיטעט זיצן געוויס עטלעכע קלויזניקעס, וואָס האָבן קיינמאָל דעם דאָרף נישט גע-האַט געזען, און דעריבער גיבן זיי מיר אַזעלכע נאַרישע דירעקטיוון.

פאַר די פויערים האָב איך דאָך פיגורירט אַלס „דעמאָקראַט"...

די מוזשיקעס פלעגן מיך אָפטמאָל רופן אין שפּאַס „סאַמאָקראַד". ס׳פלעגט נישט איינמאָל טרעפן, אַז ביי וועלכער נישט איז מחלוקה אין דאָרף — פלעגט קומען צו מיר אַ וועלכער עס איז פויער פון מיינע „יאַטן" און זיך אָנהויבן בעטן ביי מיר:

— דאָניע, טייערער, גיב מיר אַ באָמבע! כ׳מוז זיך אָפּרעכע-נען מיטן סטאַראָסטעס זונדל, אין אַלע זיינע מאַמעס אַריין! — דער-ציילן אים, אַז איך האָב נישט קיין באָמבעס, און אַז ס. ס. איז בכלל קעגן טעראָר — האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געטאָרט — פלעג איך אים איינשמועסן, דעם פויער, אַז די באָמבעס דאַרף מען האַלטן אויף שפּעטער, ווען ס׳וועט אַרויס דער „מאַניכוועסט", און מען וועט אונז, חלילה, קריוודען מיט ערד...

דער שטומער אַגיטאַטאָר

באַלד נאָך פּסח האָט אונז באָריסאָוו אַריינגעשיקט מיטן ערשטן פאַרלאַנג אַ ספּעציעלן אַגיטאַטאָר אויף צוצוגרייטן דעם ערשטן מאַי. פון דעם אָנקום זיינעם האָבן געוווּסט נאָר איינציקע חברים פון

אונזער עסעסישן קאָמיטעט. אויף אונז, קאָמיטעטשיקעס, איז געלעגן דער חוב, אים צו באַגעגענען קאָנספּיראַטיוו, אַרויסבאַגלייטן קאָנספּי־ראַטיוו, און דורכפירן דעם מיטינג אויך, פאַרשטייט זיך, קאָנספּיראַטיוו.

האָט זיך אָבער מיט אָט דעם אַגיטאַטאָר, וואָס האָט אויך גע־הייסן דניאל, געטראָפן אַ סיבה אויפן וועג פון באָריסאָוו קיין בע־רעזין. דער טייך האָט אָקאָרשט געוווען געלאָזן, און ער האָט זיך הפקרדיק צעגאָסן איבער די וויאָרסטן־ברייטע פעלדער. די גרויסע פאַראַכאָדן האָבן נאָך נישט געוואַגט זיך צולאָזן אין וועג אַריין. מער נישט, דאָס קליינע דאַמפּערל „פּושקין״, וואָס נעמט אַריין אין זיך סך־הכל אַ צוואַנציק פּאַסאַזשירן, האָט געקריגן מוט צו עפענען די שיף־פאַרבינדונג צווישן באָריסאָוו און בערעזין. אַזוי ווי אָבער אַזאַ מין שווימערל דאַרף האָבן זייער ווייניק וואַסער, איז ער אין דער באַכט פאַרקראָכן אַ פּאָר וויאָרסט ווייט פון דעם אמתן טייך־געלעגער. גראָד האָט יענע באַכט דאָס וואַסער גענומען שטאַרק זינקען, און דאָס דאַמפּערל „פּושקין״ איז פּלוצים שטיין געבליבן אויף אַ מיטן פעלד. ס׳האָט געדויערט אַ גאַנצער מעת־לעת, ביז מ׳האָט מיט פערד דער־שלעפּט דעם חברה־מאַן צוריק צום טייך בערעזינע, און ער איז סוף־כל־סוף אָנגעקומען צו אונז.

דער אַגיטאַטאָר דניאל האָט אויפן וועג געכאַפּט אַ שטאַרקע פאַרקילונג. ס׳איז אים אָנגעלאָפן אַ באַק אַזוי הויך און דיק, אַז דאָס מויל זיינס האָט זיך, נעבעך, אויסגעלייגט באַלכסון איבערן גאַנצן פּנים, און ס׳וואָלט אונז זיכער נישט געווען איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אונזער אַגיטאַטאָר, ווען מיר באַמערקן נישט, אַז די שיך ביי אים זענען טאַקע געווען געשנירט מיט צוקער־שטריקלעך, ווי ס׳איז געווען לכתחילה אָפּגערעדט...

האָב איך דעם פאַרשוין אויסבאַהאַלטן אין אונזער געהיימען עסעסישן צימער. מיר האָבן געהאַט בדעה אָפּלייגן די גרויסע אסיפה, ביז ער וועט קומען אַביסל צו זיך.

אָבער דניאל האָט זיך שטאַרק געבוּנטעוועט. ער מוז נאָך פאַר היינטיקער וואָך באַזוכן אַ גאַנצע ריי פּונקטן מיט באָברויסק בראש. דעריבער מוז ער היינט רעדן. כ׳האָב אויף גיך אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג מיטן קאָמיטעט, און מיר האָבן באַשלאָסן דעם מיטינג דורכצופירן, באָטש מיר האָבן ריזיקירט מיט אַ דורכפאַל.

בין איך געלאָפן אָנזאָגן דניאלן די שמחה, אַז דער מיטינג

קומט פאַר, און זאָל ער זיך דערוויל אויסרוען. ווי גרויס אָבער איז געוואָרן מיין איבערראַשונג, ווען איך האָב געטראָפן דעם אַגיטאַטאָר דניאל שטייענדיק אויפן בעט מיט געשלאָסענע אויגן, און מיט אַן אויפגעריסענעם מויל. דאָס האָט ער קענטיק געהאַלטן אַ רעדע פון היץ. איך האָב אים קוים איינגעלייגט צוריק אין בעט אַריין.

אין עטלעכע שעה אַרום איז ער געקומען צו זיך. אַ פיבערנדי־קער האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צום מיטינג. עס האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט אַ מאַן פערציק. אַלע זענען געווען נייגעריק צו הערן אַ רעדנער פון באַריסאָוו. אָבער אונז קיינעם איז נישט באַשערט געווען צו געניסן פון זיין רעדנערישער קראַפט. ער האָט גערעדט, אמת, מיט גרויס „היץ״, דאָך אָבער פלעגן די ווערטער אַרויסקומען פון דעם גע־שוואָלענעם מויל זיינעם, ווי ער וואָלט זיי זילבנווייז געטריבן פון זיך. אָט־אַזוי רעדט אַ מענטש, ווען ער האָט אַ זודיקע קאַרטאָפל אין מויל. אונזערע יאַטן זענען געווען אויסער זיך פונם דורכפאַל, אָבער די „מאַסע״, לאָזט זיך אויס, איז פאַרבליבן הויך באַגייסטערט. נישט קיין ווערטער און פראַזן האָט אונזער מאַסע געפאָדערט, נאָר מעשים, און צי דען האָט אָט דער שטומער אַגיטאַטאָר נישט אויסגעזען אין די אויגן פון דער מאַסע, ווי אַ העלד, וואָס שאַנעוועט זיך אַליין נישט, און וואָס פירט דורך דעם פלאַן פון זיין קאָמיטעט, ווי דער געטריי־סטער קאַפּיטאַן, בעת די שיף זינקט.

מיט איין וואָרט, דער שטומער אַגיטאַטאָר האָט געמאַכט אויף אונז אַלעמען נאָך אַ גרעסערן רושם, ווי די בעסטע פּראָקלאַמאַציע, און ס׳איז געלונגען דעמאָלט צונויפצוקלייבן פאַר אים נישט נאָר די רייזע־הוצאות ביז באָברויסק, נאָר אויך אפילו צו באַזאָרגן אים מיט אַ וואַרעמער שאַל, און מיט אַ צענדליק אַספּירין־פּראָשקעס.

סאַניע די שנירדערקע

ס׳איז אונז געוואָרן קלאָר, אַז הייניטיקן ערשטן מאַי מוזן מיר דעמאָנסטרירן. אַ שטיק רויטן סאַטין האָט איינער אַ חבר אונזערער צוגעצויגן פון זיין טאַטנס קראָם. האָט מען געמוזט אויסנייען די לאָזונגען:

„נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!״

„עס לעבע דער ערשטער מאַי!״

איז מיר איינגעפאַלן ווענדן זיך מיט דעם צו מיינער אַ קרובה, סאָניע די שניידערקע, וואָס האָט געקאָנט אויך די אַרבעט פון אויס־נייען. איבערהויפּט איז סאָניע געווען אַ בריה אויף אויסנייען פּרוכתן און תּפילין־זעקלעך. אַז זי וועט האַלטן קאָנספּיראַציע, בין איך געווען זיכער שוין צוליב דעם אַליין, ווייל זי איז מיר כּמעט אַ גלידשוועסטער־קינד.

סאָניע די שניידערקע, אָדער סאָניע ליפשיץ, פלעגט האָבן דאָס רוב באַשטעלונגען פון די רייכערע דאַמען, וואָס האָבן געוווינט אין דער „גאָלד־גאַס". די קונץ פון נייען און אויסנייען האָט זי זיך אויס־געלערנט אַזש אין וואַרשע, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז שוין געווען אין אַ גרויסער שטאָט, איז דאָך נאָך פאַרבליבן אויף איר דער חן פון ישוב און די תּמימות פון דאָרף, ווי ס'האָט גע־וווינט איר פאָטער מיט איר שטיף־מאַמען.

מיין אומגעריכטער וויזיט צו סאָניען, האָט זי שטאַרק איבער־ראַשט. זינט איך בין אין בערעזין, האָב איך זי נאָך קיינמאָל נישט געהאַט באַזוכט, כאָטש זי ביי אונז איז שוין געווען עטלעכע מאָל.

איך האָב איר דערקלערט די סיבה פון מיין באַזוך, און זי האָט, פאַרשטייט זיך, מסכּים געווען, טאָן פאַר מיר אַלץ, וואָס איך פאַרלאַנג.

דאָך האָט זי מיך געבעטן, אַז אויב עס איז נאָר מעגלעך, זאָל איך זיין ביי דער אַרבעט, זי זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרפּלאָנטערן אין אַן אות.

סאָניע האָט מיך לאַנג נישט געדאַרפט בעטן. ווי נאָר כ'האָב דעם ערשטן מאָל געהאַט געעפנט די טיר צו איר צימער — האָט מיך גלייך אַרומגעכאַפּט אַזאַ היימלעכקייט און וואַרעמקייט, פּונקט ווי דע־מאָלט, ווען איך בין פון מיין עסעסישער שטאַבסקוואַרטיר אין ווילנע אַריינגעפאַלן צו דער מאַמע אין שטוב אַריין.

סאָניע איז, נאַטירלעך, געווען אַ סך יינגער פון מיין מאַמען. זי איז געוויס געווען אין מיין עלטער, אָבער דאָך האָבן אירע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן פאַרטאַיעט אין זיך אַזאַ מין יענוועלטיקן אומעט, וואָס אַזאַ איינעם פלעג איך נאָר באַמערקן אָפטמאָל ביי דער מאַמע, זינט זי איז איבערגעפאָרן אין איר נייער היים.

איר בלאַס, ברייט געזיכט איז געווען איינגעפאַסט אין אַ ראַם אויפגעשוימטע שוואַרצע לאָקן. די נאָז־פליגלען אירע פלעגן שטענ־דיק בלעזלען זיך, ווי נאָר איך פלעג אָנהויבן רעדן צו איר.

אַט די סאָניע איז געוואָרן פאַר מיר אַן אמתע איבעראַשונג אין מיין בערעזינעם קרעמערשן און פּאַרטייִשן לעבן.

און איך — פאַר איר, קענטיק, נישט קיין קלענערע. זי האָט עס מיר נישט געזאָגט, סאָניע, אָבער ביי יעדן אַריינקום מיינעם פלעג איך דערפילן, ווי זי פלאַטערט אויף ווי אַ טויב, ווען אַ יינגל פּרובירט זי אַ שרעק צו טאָן.

מיט יעדן נייעם באַזוך מיינעם, פלעגן אויף דעם רויטן שטיקל סאַטין אויסוואַקסן עטלעכע נייע אותיות אין דעם לאָזונג אַריין, און אײנ־צייטיק מיטן לאָזונג פלעגט אויך וואַקסן מיין האַרץ אין ברוסט־קאַסטן, און ווערן אַלץ ווייכער, שטילער און פאַרקלעמטער.

סוף־כּל־סוף איז די פאָן געוואָרן פאַרטיק. די גאָלד־געשטיקטע אותיות אויפן רויטן סאַטין האָבן אַראָפּגעבליצט הייס און בונטאַריש, ווי די אויגן פון סאָניען, וואָס האָבן געבונטעוועט די בלוטן אין מיר. האָב איך זי,ביים געזעגענען זיך, פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן:

— וועט איר אפשר מיטגיין מיט אונז דעם ערשטן מאַי? ס'איז דאָך אייער פאָן!

— אויב נאָר איר וועט מיך מיטנעמען — האָט סאָניע הכנעהדיק געענטפערט.

געלט פאַר דער אַרבעט האָט זי בשום־אופן נישט געוואָלט נעמען.

מיר דעמאָנסטרירן

עס זענען פאַרבליבן סך־הכּל עטלעכע טעג צום ערשטן מאַי. עס איז שוין געווען אַלץ באַשטימט. מיר האָבן זיך אַפילו דערוווּסט, אַז דער „בונד" וועט דעמאָנסטרירן דורך דער פּאָלאָזשינער גאַס צום מאַרק צו, און פון מאַרק צו דער „גאָלד־גאַס". מיר, ס.ס.ן, האָבן באַשלאָסן אָנהויבן די דעמאָנסטראַציע פון דער „גאָלד־גאַס", און גיין, הייסט עס, אַנטקעגן דער בונדישער דעמאָנסטראַציע. אויפן מאַרק האָבןביידע דעמאָנסטראַציעס זיך באַדאַרפט באַגעגענען, אָבער ס'איז געווען אָפּגערעדט — מ'זאָל אויסמיידן יעטווידן צווישנפאַל.

אונזער פאָנען־טרעגער איז געווען מייזל דער זייגערמאַכער, וועלכער פלעגט אַלע שבת אָנשטאָפּן פולע קעשענעס מיט ציִמעס, און קומען דערמיט צו אונזערע זיצונגען דיסקוטירן.

ער איז געווען זייער אַ פאַרטראַכטער, אַט דער מייזל, אָבער

דאָך אַ מוטיקער, און ער פלעגט קיינמאָל פאַר קיין זאַך נישט מורא האָבן.

עס זענען אויך געווען אָנגעמערקט די אַלע חברים און חברטעס, וואָס דאַרפן אָנטייל נעמען. אַן ערך אַ מאַן פערציק. כמעט אַלע, וואָס זענען געווען אויף יענער פאַרזאַמלונג, ווו דער שטומער "אַגיטאַטאָר" פון באָריסאָוו איז געווען אַרויסגעטראָטן. עס איז נאָר געשטאַנען ביי מיר די פראַגע, צי זאָל איך טאַקע סאָניען מיטנעמען, אָדער נישט? עפּעס האָט מיר דאָס האַרץ געציטערט. כ'האָב נאָך אָבער נישט געווּוסט פאַרוואָס? אייגנטלעך האָב איך שוין אַזאַ מין האַרצקלאַפּעניש געהאַט איבערגעלעבט מיט עטלעכע יאָר צוריק אין דוקאָר (מיין געבורט-שטעטל), ווען איך בין אַוועק אין וואַלד קלויבן יאַגאָדעס מיט פעשע דער מילנערקע. פעשע די מילנערקע איז שוין געוויס געווען אַ יאָר 18. איך — קוים 13. דאָך אָבער, געדענק איך, האָב איך די גאַנצע צייט געשאָטן די יאַגאָדעס צו איר אין קרוג אַריין, און נישט מיינעם. פעשע האָט מיך אַ שרעק געטאָן, אַז זי וועט מסרן דעם רב, וואָס איך בין איינער אַליין מיט אַ מיידל אין וואַלד. זי האָט עס אָבער נישט געטאָן, און איך האָב עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד געציטערט, צי וועט זי טאַקע נישט דערציילן דעם רב, אַז זי האָט מיך אַ קוש געטאָן פאַר די יאַגאָדעס...

אָבער, וואָס ציטער איך איצטער?

פאַר די פּאָר סטראַזשניקעס, וואָס אין שטעטל? צי פאַר סאָניען, וואָס וויל ווערן אַ ס. ס. אָווקע, ווייל איך בין דאָרט אַ רעדל-פירער?

איך האָב באַשלאָסן זי נישט איינצולאַדן צו דער דעמאָנסטראַציע, עס האָט ביי מיר נישט געקלעקט קיין מוט צו נעמען אויף זיך אַזאַ ריזיקע. מאַלע-וואָס עס מאַכט זיך, צוליב וואָס זאָל די אומשולדיקע סאָניע אומזיסט ליידן?

ווי גרויס אָבער איז געוואָרן מיין איבעראַשונג. ווען נאָך איידער אונזער עסעסישע קאָלאָנע האָט באַוויזן זיך אויסצושטעלן צו דריי אין אַ שערענגע — ערשט פּלוצים האָט זיך באַוויזן סאָניע, און נישט באַגריסנדיק זיך אַפילו מיט מיר — האָט זי זיך אַריינגעשטעלט אין דער מיט פון אונזער דעמאָנסטראַציע.

ס'האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט דענסטמאָל געבן אַ נעם אָפּ ביי מייזל דעם זייגערמאַכער די פאָן, און אַליין זיך אַוועקשטעלן אָן דער שפּיץ פון דער דעמאָנסטראַציע. זאָל סאָניע זען,

ווי די רויטע פאָן אירע פלאַטערט אין מיין לינקער האַנט. עס איז שוין געווען צו שפּעט. אָט האָט נישע קאָנספּיראַטאָר געגעבן דעם סיגנאַל, און מיר אַלע האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַוועק מיט אונזער עס-עסישער שבועה דורך דער גאָלד-גאַס צום מאַרק, און פון דער אַנדערער זייט שטעטל האָבן זיך שוין דערטראָגן צו אונז די קלאַנגען פון דער בונדישער „שבועה". אַ סימן, אַז דער „בונד" גייט אַנטקעגן, און מיר אַלע האָבן זיך דערפילט שטאָלצער, כאָטש אין האַרצן האָבן מיר דאָך איינע די אַנדערע מבטל געמאַכט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך ביידע דעמאָנסטראַציעס צונויפגעטראָפן אויפן מאַרק. ס'האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!" „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי!" פון דער בונדישער זייט האָבן אַ פּאָר חברים אויסגעשאָסן אין דער לופט — האָט מען גלייך פאַרקלאַפּט אַלע קראָמען אויף טיר און ריגל. דער עולם איז זיך צערונען. די פאָנען זענען ערגעץ-ווו פאַרשטעקט געוואָרן. יעדערער פון אונז האָט זיך אין אומאָרדנונג צעשפּרייט איבער די גאַסן און היימען. שפּעטער אַביסל, האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר סטראַזשניקעס אויף פערד, מיטן פּריסטאַוו בראש. מען האָט עפּעס געפּאַקט אויפן מאַרק אַ פּאָר בעלי-עגלה-יונגען, וואָס זענען געווען גאָט די נשמה שולדיק. האָט מען זיי צעשמיסן, און דערמיט איז ליקווידירט געוואָרן דער אונערוואַרטעטער אַרויסטריט פון בערעזינער „פּראָלעטאַריאַט".

אין עטלעכע טעג אַרום זענען אין בערעזין צוגעשיקט געוואָרן פון דער אויעזדנער שטאָט הומען אַ צענדליק סטראַזשניקעס. עס זענען געמאַכט געוואָרן עטלעכע אַרעסטן צווישן די בונדיסטן. ווען אין בערעזין האָט זיך ווידעראַמאָל אַלץ באַרויקט — האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צו סאָניען אויספרעגן זי, ווי זי פילט זיך נאָך דער דעמאָנסטראַציע, און דער עיקר, ווי זי האָט זיך געפילט בעת דער דעמאָנסטראַציע גופא?

— ס'האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט עמעצן געפירט צו דער חופּה... — האָט מיר סאָניע אַ זאָג געטאָן מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן. כ'האָב זי דענסטמאָל צום ערשטן מאָל אַ קוש געטאָן.

די פּאַרטיי פֿאַרשלייערט מיך

נישע „קאָנספּיראַטאָר“, אַ זון פֿון איינעם אַ קצב אין בערעזין, איז געווען איינער פֿון אונזערע טיכטיקסטע פּאַרטיי-טוער. זיין הויפּט-מעלה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געקאָנט האַלטן קאָנ-ספּיראַציע.

פּשוט גערעדט, פֿלעגט נישע קאָנספּיראַטאָר שטענדיק רעדן פֿאַר-קערט, וואָס ער טראַכט, כּדי ער אַליין זאָל זיך שפּעטער פֿאַרפּלאָנ-טערן אין די אייגענע רייד, און עס זאָל אויסקומען, אַז ער האַלט קאָנספּיראַציע פֿון זיך גופֿא.

איז אָט דער נישע, וואָס האָט געהאַט שטענדיק אַ פֿלומרשט-אומשולדיקן פּנימל און צוויי קרומע פֿיס, וואָס פֿלעגן אויסזען, ווי אַ בול, ווען ער פֿלעגט זיי צונויפֿשטעלן אינאיינעם, איז אָט דער נישע געקומען איינמאָל צו מיר מיט אַ קאָנספּיראַטיוון פּלאַן, ווי אַזוי איינ-צואָרדנען אויף זומער אַ געהיימע שטאַבּס-קוואַרטיר פֿון ס. ס. — עס זאָל דערפֿון קיין ילוד-אשה נישט וויסן. דער פּלאַן זיינער איז געווען פֿאָלגנדיקער: זיין טאַטע, וואָס האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט קצבות אַליין — האָט אָפּגעדונגען ביי באַראַנאָווסקין, דעם פּריץ, זיין פּרוכט-גאָרטן, וואָס ליגט אין סאַמע מיטן שטעטל. דער פּרוכט-גאָרטן איז ברייט און לאַנג. ער פֿאַרמאָגט אויסער דער וואָך-בודקע, אויך נאָך אַ שטוב פֿון דריי צימערן, וואָס דער פּריץ איז גרייט צו פֿאַרדינגען. אויף צוויי צימערן איז שוין פֿאַראַן אַ בעלנטע, דאָס איז סאָניע די שניידערקע, מיט וועלכער ער האָט שוין אַלץ אָפּגערעדט. דעם דריטן, זאָגט נישע, זאָל איך אָפּדינגען... אַזוי-אַרום באַקומט די עסעסישע גרופּע אַ וווינונג אין איר פֿולן רשות. די אַרבעט אונזערע וועט דענסטמאָל אָנהויבן וואַקסן און בליען, ווי די פּרוכט-ביימער אין גאָרטן.

פֿון פּאַרטיי-שטאַנדפּונקט איז מיר דער דאָזיקער פּלאַן זייער גע-פֿעלן געוואָרן, בפֿרט נאָך ווען אונזער „קאָנספּיראַטאָר“ איז כּמעט ווי גוזר, אַז איך זאָל דאָס טאָן. צי וועט אָבער סאָניע איינגיין צו באַ-זעצן זיך אין איין דירה מיט מיר, כאָטש איך בין איר, אמת, אַ שטיקל קרוב. דאָס קאָן דאָך שאַטן צו אַ שידוך. נישע קאָנספּיראַטאָר האָט מיך באַרויקט, אַז סאָניע איז נישט נאָר מסכּים, נאָר אַז זי איז אַפֿילו שטאַרק צופֿרידן, וואָס זי וועט קאָנען נוצן ברענגען דער פּאַרטיי.

פאַר גרויס שמחה האָט זי אים אַפילו צוגעזאָגט צו נעמען זיין שוועס-טערל אַלס באַהעלפערין צו דער אַרבעט, און זי אויסלערנען שניידעריי.

אמת, איך האָב געשפירט, אַז סיי נישע, סיי דאָס שוועסטערל זיינס, און סיי אַפילו נישעס טאַטע האָבן ערגעץ-ווו טיף אינעווייניק אַלע צוזאַמען, און יעדער באַזונדער, געפירט אַ גאַנץ אַנדערע בוכ-האַלטעריע. אַ בוכהאַלטעריע, וואָס פון איין זייט האָט זי געדאַרפט, כלומרשט, ברענגען גרויסע נוצן אונזער עסעסישער גרופּע, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט זי אויך געדאַרפט ברענגען נישט קיין קלע-נערע נוצן נישעס קאָנספּיראַטאָרס טאַטע און שוועסטערל. איך בין זיך אָבער מודה, אַז אויך איך האָב דענסטמאָל האַלב-תמעוואַטע געפירט בנוגע סאָניען אַ טאָפּלטע בוכהאַלטעריע. און כ'בין איינגעגאַנגען אויף דעם „שידוך". איך האָב זיך אַריבערגעפּעקלט צו באַראַנאָווסקין אין גאָרטן אַריין...

אונזערע ערשטע דערגרייכונגען

קודם-כל האָבן מיר אָפּגעגנבעט ביי די פּועלי-ציוניקעס דעם העקטאָגראַף, וועלכן זיי האָבן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געהאַט גע-גנבעט ביי אונז, עסעסן. די פּועלי-ציוניקעס פלעגן טענהן, אַז דער העקטאָגראַף געהערט צו זיי, ווייל זיי האָבן אים צוערשט געהאַט איינגעפירט אין בערעזין. אָבער מיר, עסעסן, פלעגן טענהן, אַז ווי-באַלד מיר האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון די פּועלי-ציוניקעס, און ס'איז אונז געלונגען צו פאַרכאַפּן די מאַסן, דאָס הייסט — די פּאָר פּאַפּיראָסן-מאַכערקעס און די עטלעכע פריקאַזטשיקעס — איז דאָך קלאָר, אַז אויך דער העקטאָגראַף געהערט צו אונז! הייינטיקס מאָל האָבן מיר דעם העקטאָגראַף אָפּגעגנבעט, קאָן מען זאָגן, אַ וואָרעמען, ווייל די פּועלי-ציוניקעס האָבן אָקאָרשט געהאַט אָפּגעצויגן אויף אים אַ פרישע „מאַצע", דאָס הייסט אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן דעם קומענדיקן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. מיר, עסעסן, האָבן גראָד דענסטמאָל געהאַט נויטיק אַרויסצולאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן דעם ערשטן עסעסישן זשורנאַל אין ווילנע, — וועגן דעם „נייעם וועג".

די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע האָבן מיר געהאַט בשלום אָפּגעדרוקט אין באַראַנאָווסקיס גאָרטן, און נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָט מייזל דער זייגערמאַכער באַוויזן זי פאַנאַנדערצוקלעפּן אויף אַלע ראָגן

פון דעם בערעזינער מאַרק. ס'איז אָבער נישט באַשערט געווען, אַז די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע זאָל דערגיין צום בערעזינער פּראָלעטאַריאַט. נאָך אין דערזעלבער נאַכט האָבן אונזערע אייגענע שוועסטער־קינדער — די פּועלי־ציוניקעס, הייסט עס, זי אַרונטערגעריסן און זי פֿאַרניכטעט. ס'איז געווען אַ פּשוטער נקמה־אַקט. מיר האָבן זיך די דאָזיקע געשיכטע נישט גענומען שטאַרק צום האַרצן, ווייל ווי ס'האָט זיך שפּעטער געהאַט אַרויסגעשטעלט — האָט זיך אויף אונזער פּראָקלאַמאַציע אַרויפגעכאַפּט איינער אַ פּועלי־ציוניסטישער קאָנגרעס־לאָזונג, וועלכן נישע קאָנספּיראַטאָר האָט אין איילעניש נישט באַוויזן ריכטיק אַרונטערצעוואַשן. אַזוי־אַרום זענען מיר אַפילו געוואָרן צופרידן, וואָס די דאָזיקע אַנדריגינוס־פּראָקלאַמאַציע איז נישט דערגאַנגען צו דעם ברייטן עולם און אויך נישט אַפילו -- צו דעם בערעזינער פּריסטאַוו באָגדאַנאָוויטש. דער דאָזיקער באָגדאַנאָוויטש, אַגב, איז געווען גוט צו יידן, און די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פון די בערעזינער פּאַרטייען פלעגט ער נישט נעמען צו ערנסט. דערפאַר טאַקע האָט אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דער פּריסטאַוו באָגדאַנאָוויטש באַקומען מוט זיך צו ווענדן דורך דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" צו דער בערעזינער לאַנדסמאַנשאַפט אין אַמעריקע נאָך שטיצע, און די בערעזינער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס באַשטייט דאָס רוב פון געוועזענע קעמפער — האָט טאַקע געשיקט אַביסל שטיצע צו דעם פריער־געוועזענעם פּריסטאַוו פון בערעזין.

די בערעזינער פּאַרטייען האָבן אָבער געהאַט דענסטמאָל זייער פיל אויסצושטיין פון דעם סטראַזשניק אַסקירקע. דער דאָזיקער אַסקירקע איז געווען אַ שיכּור, און במי׳א שוין — אויך אַ ווייבערניק אַ גרויסער. האָט דער סטראַזשניק איינמאָל דערשמעקט, אַז אין באַראַנאָווסקיס גאָרטן טוט זיך וואָס. דאָס פלעגט די עסעסישע גרופּע זיך צונויפקלייבן יעדן אָוונט אין דער וואַך־בודקע פון באַראַנאָווסקיס גאָרטן שטודירן דעם פּראָספּעקט פון דעם „נייעם וועג" אין ווילנע, און, אַגב, אויך שוין אַ זינג טאָן אַ פּאָר רעוואָלוציאָנערע לידער, ווי „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן" פון אַברהם רייזען, אָדער גאָר „סטענקאַ ראַזין". נישע קאָנספּיראַטאָרס טאַטע איז געווען, פאַרשטייט זיך, זייער צופרידן, וואָס מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען יעדן אָוונט אין זיין גאָרטן, ווייל אַנישט — וואָלט ער דאָך געדאַרפט דינגען אַ ספּעציעלן שומר אָפּצוהיטן די פּירות פון גאָרטן. עס האָט אונז אָבער אָנגעהויבן שטאַרק

נאָכצושפּירן אַסקירקע דער סטראַזשניק. עס האָט אים, קאָנטיק, שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ערגעץ-ווו אין שטעטל איז אַ גאַנצע נאַכט פריילעך אָן אים. האָט אַסקירקע דער סטראַזשניק אָנגעהויבן עפּטער אַריינקו־מען צו אונז אין גאָרטן, כּלומרשט גלאַט אַזוי פון פריילעכקייט וועגן. ער פלעגט אַפילו אָפּטמאָל מיטברענגען זיין שיקסע אַוודאָטשע, און ער פלעגט האַלב-שיכור, האַלב-ניכטער, אָנהויבן צו אונז צושטיין — מיר זאָלן אים אויסבייטן אַוודאָטשען אויף איינער פון אונזערע פּאַפּי־ראָסן-מאַכערקעס.

איז אונז געוואָרן קלאָר, אַז אַסקירקע טרייבט מיט אונז אַ בי־טערן שפּאַס. ער פאַרשטעלט זיך בפיוון פאַר אַ לעמעשקע, כּדי אַזוי אַרום אויסצושפּירן, וואָס עס טוט זיך ביי אונז אין גאָרטן.

האָט אונזער קאָמיטעט באַשלאָסן, אַז מען מוז אים אָפּרוימען פון וועג, און דער גורל איז געפאַלן אויף מיר מיט נישע קאָנספּירא־טאָר, וואָס האָבן באַדאַרפט וואַרפן אים צוויי אייער מיט אָלים אין געזיכט אַריין.

אונזערע צוויי פּאַפּיראָסן-מאַכערקעס האָבן צוגעגרייט די דאָזיקע צוויי אייער, און איך מיט נישען האָבן שוין טאַקע איינמאָל געהאַט אָפּגעוואַרט אַסקירקען, ווען ער גייט דורך דעם הומענער שליאַך צו זיין אַוודאָטשען, אָבער ווי נאָר מיר האָבן אים דערזען אַ שיכּורלעכן מיט אַ זמרל, וואַקלענדיק זיך אויף דעם ברייטן שליאַך — האָט אונז ביידן אַ צער אַרומגעכאַפּט פאַר אַסקירקען און זיין אַוודאָטשען. סוף־כּל-סוף איז דאָך אויך ער נישט מער, ווי אַ קרבן פון דער עקזיסטירנ־דיקער אָרדנונג, איז אונז איינגעפאַלן איינעם דעם אַנדערן צו טרייסטן, און מיר האָבן די אָלים-אייער אַריינגעשליידערט אין גראָז אַריין.

דערפאַר אָבער האָבן מיר באַשלאָסן צו קאָמפּענסירן דעם קאָמי־טעט אונזערן מיט אַן עקספּראָפּריאַציע אין פּאָטאָצקיס הויף. פּאָטאָצקי אַליין פלעגט קומען אין בערעזין אָנקוקן זיינע נחלאות איינמאָל אין אַ שמיטה. דער פאַרוואַלטער איבער פּאָטאָצקיס אימעניע איז געווען איינער אַ וויינקאָוויטש, וואָס האָט זיך אויפגעפירט מעשה-גראַף. ער פלעגט ביד-חזקה הערשעווען איבער אַלע זיינע אָנגעשטעלטע און פאַראָבקעס. איינער פון אָט די דאָזיקע אָנגעשטעלטע פלעגט אָפּט באַזוכן אונזער עסעסישע בירזשע, און אויך דעם גאָרטן אונזערן. ער האָט אונז פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער טראָגט אַ האַרץ אויף וויינקאָ־וויטשן, ווייל יענער האָט אָפּגעזאָגט דעם אַלטן טאַטן זיינעם פון דער

שטעלע. דעריבער מוז ער זיך אָן אים נוקם זיין, אָן ווײַנקאָוויטש. דאָס בעסטע וואָלט געווען — האָט אונז פּאַטאָצקיס אָנגעשטעלטער געגומען איבערצייגן — ווען מיר פירן דורך מיט זיין הילף אַן „עקס" אויפן געלט, וואָס קלויבט זיך אָן אין „הויף" פון די ראַטעס. ער וויל דערפאַר סך-הכּל אַ הונדערטער אויף צו קענען אַנטלויפן אין אַמע־ריקע, און מיר, עסעסן, באַקומען די איבעריקע פינף-זעקס טויזנט רובל, וואָס ווערן געוויינלעך איינגעקאַסירט ביי די אַרענדאַטאָרס פון דער גאַנצער געגנט.

אונזער קאָמיטעט האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ס. ס. פאַרנעמט זיך נישט בטבע מיט „עקסן". דאָך אָבער האָבן מיר באַשלאָסן אָנ־פרעגן ביי דעם מינסקער הויפּט-קאָמיטעט. דער קאָמיטעט אין מינסק האָט אונז טאַקע באַשטעטיקט, אַז ס. ס. איז בטבע קעגן עקספּראָ־פּריאַציעס... אָבער צום סוף בריוו האָט אונז דער מינסקער קאָמיטעט דורך אַ „עיקר שבחתילע" געגעבן אָנצוהערן, אַז ווען מיר קאָנען אַריינשיקן אַביסל געלט אין צענטער אַריין — וואָלט עס זייער צונוץ געקומען. דאָס דאָזיקע צושריפטל האָט אונז צוגעגעבן מוט, און מיר האָבן זיך געקליבן שטעלן אין אַן ענגערער פאַרבינדונג מיט אונזער חברה-מאַן פון פּאָטאָצקיס „הויף", אויף דורכצופירן דעם „עקס".

ווי גרויס איז געוואָרן אונזער איבעראַשונג, ווען אין איינעם אַ פרימאָרגן צעשפּרייט זיך אַ קלאַנג איבער דעם גאַנצן שטעטל, אַז היינט ביינאַכט האָט מען אין „הויף" אַרויסגעגנבעט די אייזערנע שראַנק, און די גאַנצע פּאָליציי לויפט אַרום כאַדאָראָם. אונזער קריסט־לעכן „חבר" האָבן מיר בשום-אופן נישט געקאָנט אויפזוכן. לאָזט זיך אויס, אַז ער איז אין דער זעלבער נאַכט טאַקע פאַרשוווּנדן געוואָרן פונם שטעטל. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט איינער אַ פישער מיט זיין וויאָסלע דערטאַפּט די אויפגעבראָכענע שראַנק אין דעם טייך בערע־זינאַ. דער פאַרדרוס אונזערער איז געווען אין לשער.

אַ נס, וואָס צו יענער צייט איז אונז גראָד געווען אָנגעקומען דער ערשטער נומער „בייער וועג" פון ווילנע, און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט שטודירן אויפסניי די טעאָריע פון עסעס. אמת, די אַר־טיקלען אין דעם „בייעם וועג" זענען געווען געשריבן מיט זייער הויכע און אָפטמאָל אַפילו — מיט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. אָבער וואָס־ווינציקער מיר האָבן פאַרשטאַנען דעם פירוש-המילות פונם „בייעם

וועג" — אַלץ-שטאַרקער און בונטאַרישער האָבן אונז אויסגעזען די אַרטיקלען, וואָס אין אים.

איך מוז זיך אָבער מודה זיין, אַז די גרעסטע הנאה פון דעם ערשטן נומער זשורנאַל האָבן מיר באַקומען דווקא פון שלום אַשס מעשהלע „פרילינג", ווו ס'ווערט דערציילט, ווי די גאַסנמיידלעך פון איינעם אַ הייזל לייענען אַ געשיכטע וועגן דער שיינער מאַרי.

די דאָזיקע „שיינע מאַרי" האָט ביי אונז אַלעמען, געדענק איך, דערוואַרעמט די געבליטן.

— וויבאַלד דער צ. ק. אַליין דרוקט אַזאַ זאַך — מעג מען שוין מסתמא! — האָט נישע קאָנספּיראַטאָר געהיימניספול אַ זאָג געטאָן, און אין דעמזעלבן אָוונט האָבן מיר ווירקלעך זיך געהאַט געכאַפּט, אַז אונזערע צוויי פּאַפּיראָסן-מאַכערקעס זענען גאָרנישט אַזעלכע מיאוסע, ווי די פּועלי-ציוניקעס פּלעגן טענהן.

מיר האָבן זיך אויך באַלד אַרומגעזען, אַז סאָניע די שניידערקע, וואָס וווינט מיט מיר אין באַראַנאָווסקיס גאָרטן — האָט אַ טבע יעדן אָוונט עפּעס-וואָס אַריינצושרייבן אין אַ צעראַטענעם העפט. איז נישע קאָנספּיראַטאָר נישט פויל געווען אַרויסצוגנבענען פון סאָניעס צוקאָפּנס דעם טאָגבוך אירן, און אַריינקוקן, וואָס זי שרייבט דאָרטן יעטווידן אָוונט. לאָזט זיך אויס, אַז סאָניע שרייבט דאָרטן לידער און ליבע-בריוו צו איינעם אַן אומבאַקאַנטן. עס איז אים אַפילו געלונגען, ני-שען, אָפּצושרייבן אייניקע שורות פון סאָניעס טאָגבוך, וועלכע ער האָט נאָכדעם פאַר אונז אַלעמען דעקלאַמירט איןביידל. אַ פּאָר פון די דאָזיקע שורות געדענק איך נאָך עד-היום. אָט זענען זיי:

„ביסטו מיט מיר—ווערט ליכטיק אין שטוב אינמיטן דער נאַכט,
גייסטו אַוועק — ווערט פינסטער אין שטוב אינמיטן בייטאָג!"

איך האָב שוין דענסטמאָל גאַנץ גוט געוווּסט, צו וועמען די דאָזיקע שורות זענען געווידמעט. איך פלעג זיך אָבער מאַכן תמע-וואַטע, כאָטש סאָניעס אינטימע ווײ-געשרייען פּלעגן מיר שניידן ביים האַרצן.

איך מוז אַנטלויפן

הומענער יאַטן האָבן דערשמעקט, אַז די דאָרטיקע „אויעזדנע" פּאָליציי קלייבט זיך אַ „ריינִיק טאָן" בערעזין... עס איז שוין, הייסט עס, דערגאַנגען אַזש צו דער קרייז-שטאָט, אַז אין דער בערעזינער געגנט איז אומרויק. דאָ און דאָרט פּלאַקערט אויף אַ שׂרפה אין פּריִצישן וואַלד. דאָ און דאָרט צעמזיקט מען אַ זשאַנדאַרם. דאָ און דאָרט באַווייזן זיך פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע רופן צום שטרייק.

האָבן הומענער חברים דערשמעקט, אַז די דאָרטיקע זשאַנדאַמעריע קלייבט זיך מאַכן אַן אומגעריכטן וויזיט קיין בערעזין, און ס'איז גלייכער, אַז די נישט-בערעזינער חברים זאָלן זיך תּיכּף אָפּטראָגן פון דאָרטן.

צווישן די בערעזינער עסעסן בין איך געווען דער איינציקער נישט-היגער, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז נאָך דעם זעלבן טאָג זאָל איך עוקר זיין קיין מינסק.

נישע קאָנספּיראַטאָר האָט תּיכּף באַשטעלט אַ גויאיש פורל, וואָס האָט פאַרנאַכט געדאַרפט בגנבה אָפּפירן מיך קיין באָריסאָוו, פון וואַנען ס'גייט שוין אַ באַן קיין מינסק.

די פאַראַכאָדן האָבן שוין נישט מער קורסירט.

איבער דעם טייך בערעזינאַ האָבן שוין אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען די ערשטע תּשרידיקע פרעסטלעך, און זי האָט באַצייטנס זיך אָנגעהויבן פאַרשטעקן אונטערן אייז.

בין איך מיט אַ פראָסט אין האַרצן אַרומגעלאָפן אַ גאַנצן טאָג זיך געזעגענען מיט די קרובים און פריינט, מיט חברים און חברטעס, איבערלאָזנדיק סאָניען מיט באַראַנאָווסקיס פּוסט-געוואָרענעם סאַד אויף צולעצט. איך האָב געפילט, אַז ביים געזעגענען זיך מיט סאָניען — מוז איך דאָך סוף כּל-סוף זאָגן עפּעס וואָס אַזוינס, וואָס זאָל איר פּלוצים געבן צו פאַרשטיין, אַז אין פאַרגלייך מיט דער אייביקייט, איז דאָך אויך איר ליבע צו מיר גאָרנישט ווערט. אָט פּונקט ווי ס'איז איצטער גאָרנישט ווערט באַראַנאָווסקיס פרוכט-גאָרטן, פון וועלכן מ'האָט אַלע פּירות אַראָפּגעטרייסלט, און מען פאַרקויפט זיי איצטער אין קאָשיקעס אויף דעם בערעזינער מאַרק.

— ס'רופט מיך די פּאַרטיי, ס'רופט מיך די רעוואָלוציע — איז וואָס קאָן איך איצטער טאָן מיט דיין ליבע צו מיר? — אַזוי אַן ערך,

האָב איך געוואָלט זאָגן בײַ מײַן לעצטן „זײַ־געזונט", כאָטש ערגעץ־ווו אין האַרצן האָב איך געשפּירט, אַז ס'איז פאַלש, אַז ס'איז האַרט, און אַז ס'וועט איר נישט ברענגען קיין שום פאַרלײַכטערונג.

נאָך שווערער איז מיר געוואָרן, ווען כ'האָב זי אין דער לעצטער מינוט נישט געפונען אין שטוב.

בין איך אַרײַנגעשפּרונגען אין גאָרטן, מײַנענדיק, אַז אפשר שטייט זי דאָרטן איצטער אַרומגענומען מיט אַ נאַקעטן עפּלבוים, און יאָמערט צוזאַמען מיט אים אויף דעם גרויסן עלנט, וואָס זײַ ביידן האָט אַרומגעכאַפּט? איך האָב אָנגעהויבן שרײַען אין דעם קאַלטן פוסט־געוואָרענעם גאָרטן אַרײַן:

„סאָניע! סאָניע!" אָבער נאָר די פאַרטריקנטע בלעך־אַרטיקע בלעטער, האָבן מיר צופוסנס געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקטער זיפּ־צעניש, און ס'האָט זיך מיר דערנסטמאָל שטאַרק פאַרגלוסט פאַרשטעקן זיך אין דער פאַריתומטער וואַך־בודקע פון באַראַנאָווסקיס גאָרטן, ווו די טײַך בערעזינאַ אונטערן אײַז.

נישע קאָנספּיראַטאָרס געהיימער פײַף האָט מיך אַרויסגעשלאָגן פון מײַן דערשלאָגנקייט. כ'האָב ווידער אַמאָל דערפילט, אַז פאַר אַ חבר פון דער באַוועגונג פּאַסט נישט אָפּצוגעבן זיך מיט אַזעלכע סענטימענטן. אַ חבר פון דער באַוועגונג דאַרף מקיים זײַן די דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי, ווי אַ פרומער ייִד איז מקיים די תרי"ג מצוות. כ'האָב מיך שטאַרק פאַרשעמט פאַר נישע קאָנספּיראַטאָר, וואָס האָט מיך דערזען אַרויסגייענדיק פון גאָרטן, ווי אַן אבל גייט אַרויס פון אַ בית־עלמין.

— כ'האָב געמיינט, אַז סאָניע איז דאָרטן — האָב איך אָנגעהויבן שטאַמלען אויף צו פאַרענטפערן זיך.

— זי וואַרט דאָך שוין אויפן וואָגן! — האָט נישע שטרענג און קורץ־אָטעמענדיק אַ זאָג געטאָן, ווי דאָס וואָלט שוין געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך פון פריער.

— וואָס טוט זי דען אויפן וואָגן? — האָב איך מיט שרעק אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט, וואָס טוט זי? — איז נישע געוואָרן ברוגז פאַר מײַן נאַרישער קשיה — זי פאָרט דיך באַגלייטן...

— באַגלייטן?

— נו, יאָ, באַגלייטן!

— צו וואָס? — האָב איך שוין אָנגעהויבן צושטיין צו נישען.

גלויבענדיק, אַז דאָ שטעקט שוין עפּעס ווידער אַ קאָנספּיראַציע, פון וועלכער ער אַליין נאָר ווייסט דערפון.

— גאַנץ פּשוט — האָט מיך נישע גענומען באַרויִקן — אַז מען פאָרט מיט אַ מיידל, איז די זאַך נישט אַזוי פאַרדעכטיק.

— אַהאַ, — איז מיר געוואָרן קלאָר די גאַנצע שפּיל, — האָסטו, הייסט עס, איינגערעדט סאָניען מיטצופאָרן מיט מיר!

— חס וחלילה, זי איז אַליין און זעלבסטשטענדיק געקומען צום וואָגן מיט אַן ערגעץ-ווו געליענעם שעפּסענעם פּעלץ, און דיביידע וואַרטן שוין אויף דיר.

— ווער זיי ביידע? — בין איך געוואָרן צעטומלט.

— זי און דער פורמאַן, וואָס פאַרשטייסטו נישט? — האָט מיך נישע אָנגעקוקט ווי אַ נישט-היגן.

דאָס נאָך-מעריבדיקע פּרעסטל האָט אָנגעהויבן גליווערן מיינע בלוטן, ווי די וואַסערן פון דעם טייך בערעזינאַ.

ד ו ע ל ף

אַ פּאָר וויאָרסט הינטער בערעזין הייבט זיך אָן דער פינסטערער אורוואַלד, וואָס ציט זיך מיילן-ווייט און מיילן-ברייט.

דורך דעם דאָזיקן וואַלד איז געלעגן אונזער וועג צו באָריסאָוו. די נאַכט איז געווען אַ שטאָק-פינסטערע. דער בעל-עגלה — מיט אַ בעלמע אויפן אויג. דער שליאַך איז שוין געווען איבערגעצויגן מיט אַ שניי-ליילעך. די רעדער האָבן זיך פויל געקייקלט איבער די פאַרפרוי-רענע הרודעס, ווי מען וואָלט געפאָרן אויף פלעקלעך. ווען-נישט-ווען פלעגט אַ הינטערשטע ראָד זיך פאַרשניידן אין דעם נישט-באַשמירטן טייל פון דער אַקס, און געבן אַ סקריפּ. ווען-נישט-ווען פלעגט סאָניע דורך דעם הויך-אויפגעשטעלטן שעפּסענעם קאָלנער געבן אַ בליק מיט אירע איבערגעשראָקענע אויגן אויף מיר, און עס פלעגט ווערן אַזוי סומנע אויפן האַרצן, כאָטש נעם און באַהאַלט זיך אונטערן פּעלץ ביי איר.

ווען איך קאָן איצטער מאַכן אַ געוואַלט איבערן גאַנצן וואַלד, ווי גזלנים וואָלטן אונז באַפאַלן! ווען איך קאָן זיך איצטער איינ-טוליען אין סאָניעס שויס, ווי אַמאָל אין דער מאַמעס, און לאָזן דאָרט אַ בלוט-ריגעלע פון נאָז — וואָלט איך זיך ממש געראַטעוועט. איך

קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן דאָס שווייגן אירס. אָט אַזוי האָט דאָך אַמאָל אויך די מאַמע מיינע געשוויגן, ווען איך האָב גענומען צו איר צושטיין, זי זאָל זאָל מיר זאָגן, ווו זי האָט אַהינגעטאָן אַלע מיינע צוואַנציק זילבערנע צענערלעך פון אוצר.

דער האַלב-בלינדער, האַלב-איינגעשלאָפענער בעל-עגלה בלינצלט געוויס מיט איין אויגל צום פערדס עק, און בענקט געוויס נאָך דעם וואַרעמען אויוון, אָבער וואָס עפּעס פּלוצלונג האָט זיך אונזער פערדל גענומען שרעקן, און שטעלן הינטער-טריט? וואָס עפּעס פּלוצלונג האָט דער פורמאַן גענומען משוגענערווייז צלמען זיך? וואָס עפּעס פּלוצלונג האָט מיך סאָניע איינגעקלאַמערט אין אירע שעפּסענע אַרבל, ווי מען דאַרף מיך פירן צו דער תּליה?

— וועלף לויפן, גאָט מיין גאָט, וועלף לויפן אויף אונז!

אויך איך האָב דורך דעם נאַכט-חושך באַלד באַמערקט טיף אין וואַלד דריי פּאָר שוועבעלעך-אויגן, וואָס צילעווען אַלץ נעענטער און נעענטער צו אונז. דאָס פערדל איז גאָר אינגאַנצן שטיין געבליבן. דער בעל-עגלה האָט אָנגעהויבן שלעפּן בינטלעך היי פון וואָגן, און צינדן זיי. סאָניע האָט אָנגעהויבן היסטעריש צו וויינען, און איך—גוואַלדעווען איבערן גאַנצן וואַלד, ווי עס וואָלטן אונז ווירקלעך געווען באַפאַלן גזלנים.

די וועלף זענען נישט געוואָרן. די דריי פּאָר שוועבעלעך-אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן, אָבער די וועלפישע שרעק איז געבליבן הענ־גען איבער אונזערע קעפּ, ווי אַ חלף. די גאַנצע נאַכט האָט אונז געצויגן יעדע רגע אַ קוק צו טאָן אויף הינטן, צי שפּירן אונז די וועלף נישט נאָך? אַ גאַנצע נאַכט האָט דער צו-זיך געקומענער בעל-עגלה נישט אויפגעהערט צו דערציילן אונז שרעקלעכע מעשיות וועגן הונגעריקע וועלף, וואָס האָבן אין דעם דאָזיקן וואַלד שוין נישט איין מענטשן אומגעבראַכט. באַזונדערס שרעקלעך איז געווען די מעשה מיט יענעם משוגע-געוואָרענעם וואָלף, וואָס האָט געקראָגן די חוצפּה צו באַווייזן זיך יעטווידן אָוונט אין שטעטל גופא, דאָס הייסט — אין בערעזין.

— צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד — האָט אונז דער פויער דערציילט — איז גאַנץ בערעזין געווען אָפּגעשלאָסן אויף טיר און טויער. איבער צוואַנציק מענטשן האָט דער וואָלף דענסטמאָל געהאַט צוביסן, און די אַלע צוואַנציק זענען, פאַרשטייט זיך, באַלד משוגע געוואָרן. אַ נס,



באָניע ליפשיץ

וואָס די יעגער פון פּאָטאָצקיס הויף האָבן אים סוף-כּל-סוף געפּאַקט, דעם משוגענעם וואָלף, און זיי האָבן אים אַוועקגעלייגט אין סאַמע מיטן מאַרק פון בערעזין.

סאָניע און איך זענען געזעסן, ווי פאַרגליווערטע אויפן וואָגן, און מיר ביידע זענען געווען גליקלעך, וואָס מיר הערן כאָטש אַ מענטשלעכע שטים נעבן זיך.

ערשט שפּעטער אַביסל, ווען די סוף תשרי-נאַכט האָט אָנגעהויבן טאָגן — האָט זיך פון אונז אָנגעהויבן אָפּטאָן צוביסלעך די וועלפישע שרעק, און כ'האָב אָנגעהויבן משוגענערווייז פלוידערן צום שעפּסענעם פּעלץ, וואָס איז געזעסן האַרט נעבן מיר.

— ווייסטו, סאָניע, פאַרוואָס די דריי וועלף האָבן זיך פאַר אונז איבערגעשראָקן? ווייל זיי האָבן דערזען אין וואָגן אַ פערטן וואָלף, און דאָס בין איך!

— צי דען ווייסטו נישט, סאָניע, — האָב איך שוין ווידער אָנגעהויבן צושטיין צום שעפּסענעם פּעלץ — צי דען ווייסטו נישט, סאָניע, אַז מיין טאַטע האָט געהייסן וואָלף, און אַז ס'רינען אין מיר וועלפישע בלוטן? די וועלפישע קרענק האָט דאָך שוין איינגעביסן זיך אין מיין רעכטער האַנט, און זי פוילעט אַלץ נעענטער און נעענטער צו מיין געזיכט.

— און וואָס וואָלסטו איצטער געטאָן, סאָניע, — האָב איך שוין אָנגעהויבן אַריינקומען אין מיין וועלפישער משוגעת—און וואָס וואָלסטו איצטער געטאָן, ווען איך בייס זיך איין, ווי יענער משוגענער וואָלף, אין דיין שעפּסענעם פּעלץ, און מאַך דיך משוגע אויף דיין גאַנצעם לעבן.

איך האָב פון דעם שעפּסענעם פּעלץ דענסטמאָל נישט באַקומען קיין שום ענטפער. איך האָב נאָר געהאַט באַמערקט, ווי דער פּעלץ שלוקערצט אויף פון צייט צו צייט, און איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז סאָניע וויינט, נעבעך, אויף אינעווייניק.

האָב איך זי געלאָזט צו רו.

די מאַמע גרייט מיר ירושה

זייענדיק שוין אין באָריסאָוו — האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט אַראָפּצוכאַפּן זיך צו דער מאַמען. די מאַמע וווינט

דאָך סך-הכל אַ פּאָר צענדליק וויאָרסט פון באָריסאָוו. איך האָב געמוזט דענסטמאָל וואָס-גיכער באַפרייען זיך פון מיין וועלפישער שרעק, און דאָס איז מעגלעך געווען נאָר ביי דער מאַמען, וועלכע פלעגט מיך שטענדיק אַריבערפירן אין גאַנץ אַנדערע וועלטן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיין מאַמע האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקן פון מיין אומגעריכטן וויזיט. זי איז געווען זיכער, אַז עס האָט שוין געוויס ווידעראַמאָל פּאַסירט אַן אומגליק מיט איינעם פון די ברידער מיינע, וואָס האָבן שוין נישט איינמאָל געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע.

האָב איך זיך אַליין אָנגעהויבן זידלען, הלמאי איך פאַרשאַף דער מאַמען מיינער אַזוי פיל עגמת-נפש און קלעמעניש. וואָס איז זי, נעבעך, שולדיק, וועט די יידישע מאַסן ערגעץ-ווו אין וואַרשע, צי אין לאָדזש, קאָנען זיך נישט, פּראָלעטאַריזירן? און וואָס גייט אָן דער מאַמען, דעם שטיף-טאַטן, און גאַנץ שטעטל זעמבין, די „עסעסישע" טעאָריע, אַז די יידישע עמיגראַציע מוז אומבאַדינגט ווערן קאָנצענטרירט אויף אַ וועלכער נישט איז טעריטאָריע? מיט וואָס איז שלעכט אַמעריקע?

אַדרבה, אין אַמעריקע, זאָגט מען, שאַרט מען דאָך גאָלד אין די גאַסן. בעל-עגלות ווערן דאָרט פּרעזידענטן, און פיינע באַלעבאַטים ווערן דאָרט „פּעדלערס". אָט לעבט דאָך האַלב זעמבין פון די אַמעריקאַנער געלטער! איז וואָס אַרט עס אַברהם דעם אָדעסער, צי דאַניעל (טשערניכאָוו), ווען יידן וועלן פּראָסט-פּשוט עמיגרירן אָן טעריטאָריעס, און מאַכן אַ לעבן אָן קאָלאָניזאַציעס?

צי האָבן מיר דען אויך נישט געזען, ווי אַפילו רוסישע מוזשיקעס, פאַרלאָזן כאָפּטעסווייז זייערע אַלטגעזעסענע היימען, און ציען זיך קיין אַמעריקע?

אויך זיי (די מוזשיקעס) לויפן דאָך פון רוסלאַנד, מחמת עס פעלט זיי געוויס טעריטאָריע, אָדער מחמת זיי קענען זיך נישט „פּראָלעטאַריזירן" אין זייערע „אייגענע" פאַבריקן און זאַוואָדן, און פונדעסטוועגן האָב איך נאָך נישט געהערט, אַז ביי די קריסטן זאָלן זיין עסעסן, וואָס זאָלן האַלטן אין איין זוכן טעריטאָריעס מחוץ רוסלאַנד...

האָב איך שוין געחלשט מודה זיין זיך דער מאַמען, אַז בנוגע טעריטאָריאַליזם — האָב איך חרטה. ס'איז לאָוו דווקא נאָר ארץ-ישראל,

צי אוגאַנדע, צי אַפילו אַנגאָלע, וויבאַלד די יידן, וואָס פאָרן מאַסנ־וויַיז פון זיך אַליין קיין אַמעריקע מאַכן דאָרטן, אָן עין־הרע, אַ פייַנעם לעבן, און זיי הויבן טאַקע באַלד אָן צו שיקן זייערע משפחות אין רוסלאַנד געלט אויף אויסצוקומען מיט דער הוצאה.

אלאָ וואָס — מיר זענען דאָ אין גלות ביי די פּורישקעוויטשעס און קרושעוואַנס — דאַרף מען פון זיי פּטור ווערן! דאָס קאָן אָבער געשען נאָר דאַן, ווען מיר זאָלן אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג, אַראָפּשליידערן דעם צאַריזם מיט ניקאָלאַיען בראש...

— פאַרשטייסט, מאַמע, מען מוז פּטור ווערן פון ניקאָלאַיען, ימח שמו, און נאָכדעם...

די מאַמע מיינע, לאָזט זיך אויס, האָט אָבער נישט איינגאַנצן באַנומען נישט מיינע ספקות אין טעריטאָריאַליזם, און נישט מיין רציחה קעגן דער זעלבסטהערשונג. זי איז נאָר געווען פאַרטיפט אין אירע אייגענע עכט־מאַמישע מחשבות, וועלכע זי האָט אַלץ קיין מוט נישט געהאַט זיי אויסצוזלייגן פאַר מיר.

איך האָב שוין אייגנטלעך, גלייך ביי מיין אָנקום, געהאַט באַמערקט, אַז די מאַמע מיינע טראָגט זיך אַרום מיט מחשבות אַזעלכע, וואָס מאַכן זיך יענוועלטיק־וויַיט פון אונז אַלעמען, ווי זי וואָלט גרייט געווען יעדע רגע געבן זיך אַ הויב אויף אין דערהויך, און אַוועקפליען פון אונז אַלעמען וויַיט, וויַיט...

ערשט בין מנחה למעריב, ווען דער שטיף־טאַטע איז געווען אַוועקגעגאַנגען אין בית־המדרש, האָט זיך די מאַמע אַריינגערוקט צו מיר אין צימער, אָנגעהויבן גלעטן די האָר מיינע מיט אירע קורצע, אָבער ווייכע, און וואַרעמע פינגער, און אַרונטערלאָזנדיק צניעותדיק די ברעמען, ווי שבת צום ליכט־בענטשן — האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן:

— ווייסטו, דאָניע, כ׳מוז דיר עפּעס זאָגן... מאַלע־וואָס עס מאַכט זיך...

— זאָג, מאַמעלע, זאָג אַלץ! — בין איך צו איר צוגעפאַלן מיט מיין גאַנצן מיזיניק־אימפּעט.

— איך מיין, וועגן דער — כתובה מיינער, מיין איך, אָט זעסט...

די מאַמע מיינע האָט געגעבן אַ הויב אויף אירע גרויסע ברוינע אויגן צו דער סטעליע, וווּ פון הינטער איינער אַ בעלקע האָט קוים־קוים אַרויסגעקוקט אַן עק פון אַ צונויפגעלייגטן פּאַפּירל.

— אָט דאָרטן, זעסט, ליגט די כתובה, וואָס „ער", זאָל געזונט

זיין, האָט מיר אַרויסגעגעבן... נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר מוזן מיר די יורשים „זיינע" אויסצאָלן צוויי הונדערט רובל... אָבער ווו איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז איך זאָל ווידעראַמאָל, חלילה, פאַרבלייבן אַן אַלמנה? דעריבער, דאַניעלע, זאָג איך דיר, זאָלסט וויסן זיין, אַז עס איז דיינע... מאַלע וואָס עס מאַכט זיך...

די מאַמע האָט ווידער אַמאָל אַרונטערגעלאָזט די שוואַרצע ברעמען אירע, ווי צום „גאָט פון אַברהם פון יצחק, און פון יעקב", און עס האָט מיך פאַרכאַפּט אַזאַ קלעמעניש אָט ווי דאַמאָלט, ווען דער דאָקטאָר שאַפּיראָ אין מינסק האָט מיר פאַר דער אָפּעראַציע געהייסן אונטער דעם כלאָראָפאָרם ציילן: איינס — צוויי — דריי — פיר — פינף — זעקס, איבערוואַרפנדיק מיך אין אַ גאַנץ נייער וועלט, ווו מען פילט שוין גאָרנישט... האָב איך אָנגעהויבן פּלוצים וויינען, ווי איך וואָלט אָקאָרשט ווידעראַמאָל געוואָרן אַ יתום.

אַ ליאַמע

ווען איך בין שוין געווען כמעט אויפן וואָגן — האָט מיך די מאַמע אָפּגערופן אָן אַ זייט און געבעטן איבערגעבן די קינדער (דאָס הייסט די עלטערע ברידער מיינע), אַז זיי זאָלן זיך נישט באַגיין מיט איר כנגד הטבע...

— וואָס הייסט, מאַמע, כנגד הטבע? — בין איך געוואָרן נייגעריק אויסצוהערן דער מאַמעס אַ שטיקל תורה, וועלכע זי פּלעגט בטבע ביי יעדן געזעגענען זיך מיט מיר איינקנעלן.

— פאַרשטייסטו מיך, זון מיינער, — האָט די מאַמע געלאַסן אָנגעהויבן, ווי זי וואָלט זיך געווען אָנגעשטרענגט אַרויסצושיילן פון זיך גופא דעם געדאַנק, וועלכן זי וויל מיר דאָ איבערגעבן — פאַרשטייסטו מיך, אַלע טייכן פון דער וועלט ציען זיך דאָך צום ים, און וואָס-נעענטער די טייכן קומען צום ים, אַלץ-נעענטער ווערן זיי דאָך איינע צו די אַנדערע, און אָט האָב איך פון זיך אַרויסגעלאָזט פינף זין, ווי פינף גאָלדענע טייכן, אָבער פון יאָר צו יאָר ווערן זיי אַלץ ווייטער פון זייער ים, און במילא אויך — איינער פון די אַנדערע... שרייבט כאָטש אָפטערע בריוו, און זעט האַלט זיך איינע נעבן די אַנדערע, ווייל די וועלט איז זייער גרויס און סומנע...

— גוט, מאַמע, מירן דיר שרייבן אָפטע בריוו און זען האַלטן

זיך איינע אָן די אַנדערע—האָב איך קוים באַוויזן אַרויסצורעדן מעשה־מענטש, ווייל איך האָב דערשפּירט, אַז עס ווערט מיר אַלץ־ענגער אין האַלז ביז דערשטיקט צו ווערן. נאָך גוט, וואָס דער באַלעגאָלע האָט אַ שמיץ געטאָן זיין פערדל, און איך האָב געקאָנט הינטער זיין אָנגעפּעלצטער פּלייצע אויסוויינען זיך, ווי עס באַדאַרפט צו זיין. איך האָב שוין, אַגב, אויך אויסגעוויינט זיך אויף אַלע מיינע אַכצן יאָר, וואָס האָבן מיך אַריבערגעיאָגט אויף אַ גאַנצן יאָרצענדליק, ווייל כ׳האָב מיך דערנסטמאָל דערשפּירט, ווי אַן אַכט־יאָריק חדר־ייִנגל, וואָס האָט ביי אַ שבתדיקן פאַרהער פּלוצים פאַרגעסן, וועלכע סדרה מ׳האָלט, און וועלכן מפטיר מען זאָגט.

ערשט אין מינסק איז מיר אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ. איך האָב דאָרטן געטראָפן מיין ברודער ברוך (דעם „צווייטן לאַסאַל״), וואָס איז געווען אָקאָרשט אַרויס פון אַ טורמע, און כ׳האָב דערזען, אַז כ׳בין שוין נישט מער איינזאַם אין דער „סומנער״ וועלט.

ס׳האָט זיך מיר געחלשט בלייבן מיטן ברודער אויג אויף אויג, און אים אויסדערציילן אַלץ, וואָס כ׳האָב געהאַט דורכגעמאַכט פאַר די לעצטע פאַר יאָר, און צו וואָס כ׳האָב אייגנטלעך קיין שום דירעקטע שייכות נישט געהאַט.

מיר איז אָבער בשום־אופן נישט געלונגען צו בלייבן מיטן ברודער אויג אויף אויג. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט חברים און חברטעס, וועלכע האָבן אים באַגעגנט מיט אַ ליאַמע, פרייענדיק זיך נישט ווינציקער פון מיר, וואָס ער איז ווידער אין מינסק. דאָס קאָנס־פּיראַטיווע צימער איז געווען געפּאַקט מיט אייגענע מענטשן, וועלכע איך האָב נאָך געקאָנט פון די פריערדיקע פּועלי־ציוניסטישע יאָרן אין מינסק. אַ סך פון זיי זענען שוין פאַר דער צייט געוואָרן מסתמא עסעסן, אָדער גאָר בונדיסטן. די דאָזיקע בונטע חבריא האָט מיך דערמאָנט אָן אונזער בערעזינער אַנדריגנוס־פּראָקלאַמאַציע, מיט די לאָזונגען פון צוויי פאַרשידענע פּאַרטייען. מען האָט זיך געפילט, כלומרשט, גאַנץ־משפּחהדיק, אָבער דאָך האָט זיך געשפּירט אַן אָנגעבראָכנקייט אין יעטווידנס שטימע, אין יעטווידנס שטימונג. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז אָט־אָט און אַלע וועלן פּלוצים זיך פאַנאַנדערוויינען, פּונקט ווי מען וואָלט געקומען אַהער מספּיד זיין אַ מת, צי וואָס? כ׳האָב זיך ווי עס איז דערשלאָגן צו מיין ברודער, כ׳האָב אויסגעזוכט זיינע לאַנגע, דאַרע פינגער, און געוואָלט אים איבערגעבן כאָטשבי דער

מאַמעס לעצטן משל מיט די טייכן, וואָס ציען זיך אַלע צום ים. אָבער פּלוצלונג האָט איינע אַ חברטע מיטן נאָמען שוליע כייפעץ געגעבן אַ געשריי אויס איבער אונזערע אַלעמענס קעפּ:

— אַך, ווען חיים־שמעון וואָלט איצטער געווען מיט אונז!...

— אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס חיים־שמעון איז נישטאָ מיט אונז איצטער — האָבן אַלע אויפגעכאַפּט.

אויך איך האָב געקאָנט אָט דעם חיים־שמעון זעליקסאָן, וועלכער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין דער בין־השמשות־תקופה צווישן „זובאַטאָוושטשינע" און „פּאָליטישן קאַמף", זיך געהאַט דערשאָסן אין מינסק.

די חברטע שוליע, דערזעענדיק, אַז איר אויסגעשריי איז פון אונז אַלעמען געוואָרן אויפגעכאַפּט, און מיר אַלע האָבן זיך געגעבן אַ צי צו די ביר־גלעזער, ווי מיר וואָלטן וועלן וואָס־גיכער פאַרטרינקען אַ האַרטן ביסן, וואָס האָט זיך פּלוצים געשטעלט אין האַלז — האָט זי, איך ווייס נישט פון וואָס פאַר אַ קעשענע אירער — אַרויסגעשלעפּט אַ שטיקל צונויפגעלייגט פּאַפּיר, וואָס האָט מיר דערמאָנט אין מיין מאַמעס ירושה־כתובה. שוליע האָט עס פּאַוואָלי פאַנאַנדערגענומען און פאָרגעלייגט עפּעס וואָס פאָרצולייענען, אויב דער עולם איז מסכים.

— אדרבא, אדרבא! — האָבן אַלע האַפּעדיק אויסגעשריען.

מער נישט איך איינער האָב זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל, אַרויסלאָזנדיק מיין ברודערס האַנט פון דער מייניקער. די פּאָר גלעזער ביר האָבן מיר אַ האַק געטאָן אין די שלייפן. עס האָט מיר אָנגעהויבן צו שווינדלען, און עס וואָלט געווען גוט, ווען איך קאָן איצטער מאַכן אַ געוואַלד, ווי דענסטמאָל, ווען די דריי וועלף האָבן מיר איבערגעשניטן דעם וועג...

אַ בריוו פון אַ זעלבסטמערדער

„טייל מאָל דאַכט זיך מיר,
אַז מיר זענען טויט,
און אונז חלומט זיך
נאָר די לעבנס־נויט!
און מיר זענען זיך

אייביק טרויעריק, באַנג,
כאָטש מיר זענען טויט,
און באַגראָבן לאַנג״.

(פ ר ק)

„טייערע חיהלע, רחל, שולע, ברוך, יאַנקל, גבריאל, רבקה, יידל!

„אַזוי איז עס. טויט און באַגראָבן לאַנג! אייגנטלעך, דאָס איז נישט גאָר אַקוראַט; באַגראָבן דאָך נאָך נישט. נאָר אין מוקדם ומאוחר בתורה — אַלצאיינס, די נאַכט איז נאָך גרויס, עס וועט זיין באַגראָבן אויך מיט גאָטס הילף. די לעבעדיקע זענען עגאָאיסטן: נאָר זיך, פאַר אונז גאָרנישט! זאָל איך אַזוי לעבן (ביי מיר איז געווען אַמאָל אַ מאַמע, פלעגט זי זיך אַזוי שווערן: „זאָל איך אַזוי לעבן, ווי איך וויל שטאַרבן!״) ס'איז אַ סקאַנדאַל! אַלץ נאָר — עס לעבע דאָס לעבן — לאָזט אַביסל פאַר אונז אויך. ניין, מען דאַרף זיך שטעלן אויף אַ העכערן, מער אָביעקטיוון שטאַנדפונקט, און דאַן וועט זיין „אור החמה כאור הלבנה״ — גלייכע מיוחסים דאָס לעבן מיטן טויט. אַמאָל פלעגט עס טאָן דער „אל מלא רחמים״, אָבער איצטער, אין דער צייט פון אָרגאַניזאַציעס און חברות, ווען עס הויבט שוין אָן צו שפילן אַ ראָלע דער באַוווסטזיין, ווען מענטשן נעמען אַליין דאָס מזל אין זייערע הענט. (דאָס לייענען, געוויינלעך, אויף אַ הויכער אָקטאַווע) — איצט דאַרף מען אויך פון דעם „לעבן און טויט״ אַראָפּוואַרפן די אַלטע זאַבאָבאָנע, וויל: „אם אין אני לי—מי לי?״ און אינדעראמתן, וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַראָנדקעס?

„ער, דער אַלטער, האָט זיך, קענטיק, גאָר פאַרגעסן, אַז מיר זענען עפּעס אויך, ווי זאָגט מען דאָס „קאָטאָרי״-וועלכער! ניין, גאָטעניו, „שאַליש״, וואָס איז דאָס פאַראַ זעלבסטהערשונג?! פאַרשטייט איר איצטער, טייערע, אָט פיר איך אויך אַ קאַמף, און איר מאַכט זייערע מינעס! קענטיק, נאָך אַלץ צוגעוווינט צו די אַלטע פאָרמען פון דענקען און קלערן: „ה׳ נתן וה׳ לקח״, אַלץ גאָט, און אָן אים נישט קיין טראָט. מיאוס! נאָר מילא, וואָס זאָלן מיר זיך איצטער קריגן? בעסער זיך צו געזעגענען פריינדלעך. נו, טייערע, זייט געזונט, זייט געזונט, שרה-מלכה, חנה, מענדל, שמחה, בערל, (בע!) גרישע, שלום, דוד-אייזיק. זייט געזונט אַלע, אַלע. זאָל אייך דער אויבערשטער צושיקן אַ ברכה והצלחה בכל מעשי ידיכם, אָמן, ווי עס ווינטשט אייך אייער חיים-שמעון״.

און צום סוף — אַ צושריפטל:

„יאַנקל! אַט וואָס: אַלע מיינע בעלי־חובות, פאַרשטייט זיך, זאָג איך דעם אַנדערן פסוק פון שיר־השירים. נאָר איך מאַך דיך פאַר אַן אַפּוטרופּוס, און דו וועסט פאַרקויפן מיין גאַרדעראָבע און אָוועקגעבן: דעם באַלעבאָס פינף רובל און חזנען צוויי רובל. דעם בריוו אין באָריסאָוו וועסטו זען אַוועקגעבן דער שוועסטער אין האַנט, און, געוויינלעך, נישט ביי אונז אין שטוב. — נו, ברודער, שווער, ביטער, שטענדיק בין איך געווען קעגן דעם „נאַיען", און איצטער „כניקע" איך אַליין. אוי, וואָס־גיכער פּטור ווערן שוין פון מיין פאַרשאָלטענעם... איך!

„נו, זייט געזונט, טייערע, זייט געזונט!" — האָט חברטע שוליע אויסגעשריען די לעצטע פראַזע פון זעליקסאָנס בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן אַ מינוט פאַרן טויט. עס האָט אויסגעזען, ווי אויך זי, די חברטע שוליע, וואָלט זיך איצטער געזעגנט מיט אונז אויף אייביקע יאָרן.

דער פאַרגליווערטער עולם האָט זיך פלוצים אַ ריס געטאָן צו די פרישע גלעזער ביר, און מיר אַלע האָבן ווידעראַמאָל אָנגעהויבן זופן דעם ביטערן געטראַנק, וואָס האָט געביסן דעם האַלז ביז טיף אין האַרצן אַריין.

די שטראָף־עקספּעדיציע

לאָזט זיך אויס, אַז היינטיקס מאָל איז מיין ברודער ברוך געקומען קיין מינסק נישט צוליב וועלכע נישט איז פאַרטיי־ענינים, נאָר פּראָסט און פּשוט — שטעלן זיך צום פּריזיוו אינאיינעם מיט מיין צווייטן ברודער שמואלן, אַלס אַ צווילינג...

די מאַמע אונזערע האָט עס געמאַכט אַזוי, אַז שמואל מיט ברוכן זאָלן איינגערופן ווערן אין איין יאָר, און דאַן מוז דאָך איינער פון זיי אָן ספק באַפרייט ווערן — אַזוי־אַרום וואָלטן זיך ביידע ברידער ערשטנס לעגאַליזירט, און צווייטנס — וואָלט דער באַפרייטער זיך שוין געקענט זאָרגן, אַז דער „אָפּגעגעבענער" זאָל זיך אויך באַפרייען... האָבן מיר ביידע מיט אומגעדולד געוואַרט אויף שמואלס אָנקום. מאַכט זיך אָבער אַ סיבה מיט שמואלן, און ער קומט נישט. כאָטש מיט אַ וואָך צוריק איז פון אים געווען אַ דעפּעשע, אַז ער איז שוין אַרויס־

געפאָרן פון ריגע קיין מינסק. מיין ברודער ברוך איז געוואָרן אויסער זיך, ווייל דער פריזיוו-טערמין גייט שוין פאַרביי.

האָט ברוך אָנגעהויבן דעפּעשירן אויף אַלע עסעסישע אַדרעסן אין ריגע, דווינסק און ווילנע, צי ווייסט נישט ווער פון שמואלן? ערשט פּלוצים דערוויסן מיר זיך פון דער צייטונג „פריינד", אַז שמואל איז דורך דער באַלטישער שטראָף-עקספּעדיציע פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער באַן-סטאַנציע קרייצבורג, נעבן דווינסק, און אַז מען האַלט אים געפאַנגען אין אַ פראַכט-וואַגאָן. שוין פינף מעת-לעת, אַז ער ווערט דאָרט שרעקלעך געפּייניקט, און אַז ער האָט שוין צוויי מאָל פרובירט זיך אויפהענגען אויף אַ האַנטוך, נאָר מ'האָט אים אָפּגעראַטעוועט... אַזוי האָט דערציילט דער קרייצבורגער קאָרעספּאָנדענט פון „פריינד".

נאָך דער דאָזיקער נאָטיץ אין „פריינד", האָט זיך גאַנץ ס. ס. געשטעלט אויף די פיס. ס'האָבן אָנגעהויבן לויפן שטאַפעטן פון דווינסק אין ווילנע, פון ווילנע אין מינסק, און צוריק. מ'האָט פרובירט אַלע מיטלען אַרויסצוראַטעווען שמואלן פון זיכערן טויט, אָבער ס. ס. האָט בשום-אופן נישט געקאָנט איינברעכן די פעסטונג פון דער שטראָף-עקספּעדיציע, וואָס האָט דענסטמאָל געבושעוועט איבער לעטלאַנד. פלעגט זיך מעלדן אַהין אַ יונגערמאַן — פלעגט מען אים גלייך אַרעסטירן, האָט מען אונז אָנגעזאָגט, אַז מען מוז וואָס גיכער אַרויס-פאָדערן אַהין אַן עלטערן מענטשן, דאָס בעסטע וואָלט געווען — אַ מאַמע. האָב איך דעפּעשירט אין זעמבין צו דער מאַמען, אַז זי זאָל גלייך אַרויספאָרן קיין מינסק, ווייל שמואל איז נישט געזונט. קומט אָן פון דער מאַמען אַן ענטפער, אַז מ'זאָל איר גלייך טעלע-גראַפירן, וואָס מאַכט דאָניע, וואָרום אויב נישט געזונט, איז דאָך געוויס איך... דעפּעשיר איך ווידער, אַז דאָניע איז געזונט, אָבער שמואל איז קראַנק, און זי זאָל זען תיכף אַרויספאָרן. קומט אָן ווי-דער אַ טעלעגראַמע, אַז ס'איז היינט פרייטיק. דעפּעשיר איך ווידער, אַז נישט געקוקט אויף שבת — מוז זי תיכף-ומיד אַרויספאָרן. קומט ענדלעך אָן אַן ענטפער, אַז מ'פאָרט אַרויס! שטעלט זיך אָבער פאָר מיין איבעראַשונג, ווען איך האָב דערזען אויפן „באָריסאָווער" וואָק-זאַל אין מינסק נישט נאָר די מאַמע מיינע, נאָר אויך דעם פעטער קליאָנסקי — דעם אָנגעזעענסטן באַלעבאָס פון שטעטל, וואָס האָט מחלל-שבת געווען צוליב אַ שטיף-זון... ער איז, נעבעך, נאָכגעפאָרן דער מאַמען ביז מינסק, ווו זיי ביידע האָבן זיך דערוווּסט, אַז שמואל

איז נישט קראַנק, חלילה, נאָר אַרעסטירט, און די מאַמע אַליין מוז אים ראַטעווען! ווי אַזוי אָבער וועט מען דאָרטן וויסן, אַז די פרוי ברכה קליאָנסקי איז די מוטער פון שמואל טשאַרני, וויבאַלד זי האָט מיט זיך קיינע שום פּאַפּירן? האָב איך דעם זעלביקן אָוונט געמוזט אוועקלאָזן זיך אין זעמבין, און נאָך אַמאָל אויף טויט איבערשרעקן דאָס אַזוי אויך שוין איבערגעשראָקענע שטעטל פון דער שבתדיקער פּאַסירונג, און דורך געלט און סטראַשונקעס איז מיר דאָך געלונגען אַרויסצובאַקומען ביים אָרטיקן סטאַראָסטע אַ פּאַפּירל, אַז מיין מאַמע, כאָטש זי איז איצטער אַ קליאָנסקאַיאַ, איז זי דאָך געווען אַמאָל אַ טשאַרנאַיאַ, און מיט אָט דעם פּאַפּירל בין איך, ווי אַן אונטער־געשאָסענער וואָלף, געפלויגן צוריק אין מינסק, און דעם זעלבן טאָג נאָך אַריינגעזעצט די מאַמען אין אַ צוג, וואָס פירט צו קרייצבורג... אונטערוועגס, אויף די גרעסערע סטאַנציעס, ווי סמאַרגאָן, ווילנע און דווינסק, האָבן די עסעסישע שטאָפּעטן באַגעגנט די מאַמע, ווי אַ „קייסערינע”, און זי אַרויסבאַגלייט אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז זי איז מיט מזל אָנגעקומען צום געווינטשטן פּונקט, צו דער סטאַנציע קרייצבורג. צוערשט האָט זי דאָרטן אויסגעליידיקט איר פאַרביטערט מאַמע-האַרץ, און נאָכדעם ערשט — דעם אָנגעשטאָפּטן געלט-טייסטער. אַזוי-אַרום האָט מען מיין ברודער אַרויסגעראַטעוועט פונם פראַכט-וואַגאָן, וווּ די שטראָף-עקספּעדיציע האָט אים געפּייניקט צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד.

דער תמיד-שווייגנדיקער ברודער מיינער האָט אונז נישט דערציילט, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעלעבט פאַר די צוויי וואָכן אין דער שטראָף-עקספּעדיציע. אָבער די מאַמע אונזערע האָט זיך שוין דערוווּסט, אַז ער האָט געקאָנט יעדן טאָג דערשאָסן ווערן, און אַז ער האָט שוין אַפילו אויף זיך אַליין גערופן דעם טויט. דער עיקר, האָט ער נישט געקאָנט צוזען, שמואל, ווי מען פירט אַרויס יעטוועדן אָוונט פון זיין וואַגאָן די שכנים זיינע, די לעטישע „וואַלד-ברידער”, און מען צעשיסט זיי, ווי משוגענע הינט, נישט פאַרבינדנדיק זיי אַפילו די אויגן. ער אַליין, שמואל, איז געווען געשוואָלן און צעביילט פון די קלעפּ, וואָס ער פלעגט באַקומען עטלעכע מאָל אין טאָג דורך דעם צעיושעטן אייגנהענטיקן באַראָן — דעם הויפּט-אינקוויזיטאָר פון דער שטראָף-עקספּעדיציע. אָבער נישט די פיזישע ליידן אַליין האָבן דעם ברודער מיינעם געצווּנגען אַ פּאָר מאָל הענגען זיך אויף זיין האַנטוך. דאָס ערגסטע איז געווען דאָס מאָראַלישע איזדעקעווען זיך

איבער אים. אזוי, למשל, פלעגט אים דער איינהענטיקער באַראָן מי־לער, וואָס איז געווען אַ שרעקלעכער סאַדיסט, שטופּן אים חזיר אין מויל, העצנדיק: „נאַ, זשידיקל, עס, ביסט דאָך, געבעך, הונגעריק". און נאָך און נאָך אַזעלכע עינויים קשים, וואָס האָבן געשמעקט מיט דער שפּאַנישער אינקוויזיציע...

די דווינסקער טורמע, וווהין מען האָט שמואלן געהאַט אַרי־בערגעפירט, האָט שוין פאַר אים אויסגעזען, ווי אַ גן־עדן. ער האָט זיך דאָך אָבער געמוזט שטעלן צום פּריזיוו — האָט די זשאַנדאַרמעריע באַשלאָסן צוצושטעלן אים מיטן עטאַפּ צו אונזער אויעזדנער שטאָט הומען, כאָטש דער פּריזיוו איז געווען שוין לאַנג פאַרביי. פאַרשטייט זיך, אַז דער מאַמעס צווילינג־קאָמבינאַציע איז שוין בטל געוואָרן. מיין ברודער ברוך האָט זיך שוין געמוזט אָפּטראָגן פון מינסק צוריק קיין פּוילן אויף אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט, און אַזוי־אַרום איז דער דאָזיקער ברודער מיינער געוואָרן אַ „נעלם". דער פּוילישער „בונד" האָט אים דערפאַר געקרוינט מיט דער צונעמעניש „וולאַדעק", וועלכער איז אין יאָרן אַרום געוואָרן אין אַמעריקע זיין צווייטע פאַמיליע.

שמואלס פּריזיוו

ס'האָט געדויערט אַ גאַנצער חודש ביז מען האָט שמואלן גע־בראַכט מיטן עטאַפּ קיין מינסק. מיר אַלע — חברים, פריינט און קרובים, האָבן פון וואָקזאַל צוגעקוקט, ווי מ'נעמט אים אַרונטער פון וואַגאָן, ווי מען שטעלט אים אויס אין דער ריי צוזאַמען מיט אַ באַנדע לאָבוסעס און באַנדיטן, און, ווי מ'טרייבט זיי אַלעמען אַוועק אין מינסקער טורמע, כדי זיי מאָרגן ווייטער צו טרייבן, יעדערן צו זיין ענדציל.

מיר אַלע האָבן באַמערקט, ווי שמואלס געזיכט איז נאָך אַלץ געווען געשוואָלן און בלוי פון די קלעפּ, וואָס ער האָט געהאַט באַ־קומען פון דער שטראָף־עקספּעדיציע. מיר אַלע האָבן דערזען, ווי ער האָט זיך געסטאַרעט אונז אַ שמייכל צו טאָן דורך די אויפגעלאָפענע ליפּן. מיר אַלע האָבן דערפילט, אַז דאָס הארץ ווערט אונז צעשפּרונגען פאַר ווייטיק, וואָס מען שטעלט אים אויס אין איין ריי מיט דער גאַנצער באַנדע לאָבוסעס און באַנדיטן, געשמידטע אין קייטן. אָבער צוגיין צו אים האָט קיינער פון אונז נישט געקענט, ווייל די סאָלדאַטן מיט די

אַנגעשטעלטע ביקסן האָבן שטרענג און בייז זיי אָפּגעצוימט פון דעם זייטיקן עולם. מיר אַלע זענען דאָך אָבער געווען גליקלעך, וואָס אונזער „אַרעסטאַנט" האָט אונז באַלד באַמערקט, און וואָס ער פילט זיך שוין נישט אַזוי איינזאַם און הפקר...

אויף מאָרגן פאַרטאָג בין איך שוין, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען ביים טויער פון מינסקער טורמע, און געוואַרט, ביז מען וועט מיין ברודער אַרויספירן מיטן עטאַפּ צו הומען. ווען ער האָט מיך פון טורמע-טויער אַרויסגייענדיק געהאַט דערזען — זענען זיינע אויפגעלאָפענע באַקן נאָס געוואָרן פון טרערן. ער איז שוין, הייסט עס, נישט אַליין, מ'שפּירט אים נאָך, מ'גייט מיט אים פוס-טריט. זיין יינגסטער ברודער, דאָניע, איז הינטער אים.

ערשט אויף דער לעצטער באַן-סטאַנציע, מאַרינע גאָרקי, פון וואַנען מ'דאַרף שוין גיין צופוס ביז הומען, האָב איך זיך קוים איינגעבעטן ביי די קאָנוואָי-סאָלדאַטן, זיי זאָלן מיר דערלויבן צו צעקושן זיך מיט מיין ברודער. דער גאַנצער וואָקזאַל נייגעריקע יידן און יידענעס האָבן אָנגעהויבן ווישן די אויגן, דערזעענדיק דאָס בילד, ווי דער קאָנוואָי נעמט מיך אַריין אין זיין אייזערנעם רינג, און צוויי ברידער פאַלן זיך אין די אָרעמס.

ווען דער קאָנוואָי האָט מיך אַרויסגעלאָזט — האָב איך ערשט דענסטמאָל געהאַט דערשפּירט די צוויי וואַרעמע אויגן-רינעלעך אויף מיינע פאַרפרוירענע באַקן...

אין הומען האָבן זיך שוין אונזערע געהאַט באַצייטנס געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די אָרטיקע „מאַכערס", און ס'איז געווען אַ האָפנונג, אַז אונז וועט געלונגען ווידעראַמאָל אַרויסצוראַטעווען דעם ברודער פון די „גויאישע" הענט.

ביי אַ וואָך צייט איז שמואל אָפּגעזעסן אינם אָרטיקן קאַרצער, וווהין איך פלעג אים טראָגן עסן, בעטגעוואַנט און פּאַפּיראָסן, כאָטש ער האָט נישט גערויכערט. די פּאַפּיראָסן אָבער זענען געשטאָפּט געוואָרן לויט די רעצעפּטן פון דעם „מאַכער" (טאַבאַק מיט טיי), און שמואל האָט געמוזט יעדן טאָג צוויי-דריי אַזעלכע פּאַפּירעסלעך אויסרויכערן. כ'האָב איינמאָל איינעם פון זיי פאַרזוכט, און ס'האָט מיך אַזוי פאַרכאַפּט פאַרן הארצן, אַז כ'האָב באַשלאָסן די דאָזיקע פּאַפּיראָסן דעם ברודער מיינעם מער נישט איבערצוגעבן.

ס'האָט געקאָסט גענוג געלט — מען זאָל אים באַפרייען, אָן די

פּאַפּיראָסן — האָב איך זיך געטראַכט. אַזוי איז טאַקע געווען. מ'האָט דעם ברודער באַפרייט, און כ'האָב תּיכּף צעשיקט ביי אַ צענדליק טעלעגראַמעס צו די קרובים און פּאַרטיי-חברים, אַז שמואל איז פריי! מזל-טוב, מזל-טוב!

דער פּאַרטיי-ראַדיד אין ווילנע

אומקערנדיק זיך מיט מיין באַפרייטן ברודער קיין מינסק — האָב איך זיך אויף דער עסעסישער בירזשע דערוווּסט, אַז מיין ברודער הייסט שוין נישט מער שמואל, נאָר „אַברהמל”, ער איז, לאָזט זיך אויס, איינער פון די גרינדער און באַגרינדער פון דער עסעסישער טעאָריע, און ער מוז איצטער פאָרן קיין ווילנע, ווו עס געפינט זיך דער הויפּט-זיץ פון דעם עסעסישן צעקאַ. זענען מירביידע אָפּגעפאָרן קיין ווילנע.

צו יענער צייט איז בכלל ווילנע געוואָרן די וויג פון אַלע יידישע סאָציאַליסטישע און בירגערלעכע פּאַרטייען. עס איז דורכגעגאַנגען די כוואַליע שרעקלעכע פּאָגראָמען פון די יאָרן 1905—1906, די יידישע פּראָלעטאַרישע גזשעלשאַפטלעכקייט האָט, ווי אַ טשערעדע שעפּסן זיך געהאַט צונויפגעקנוילט אין ווילנע, און גענומען דאָרטן איינע נעבן די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע, און איינע צוליב די אַנדערע שלייפן און שאַרפן די פּאַרטיי-פּראָגראַמען, און קריסטאַליזירן דאָס לעצטע וואָרט פאַר דער גאולה פון דער מענטשהייט בכלל, און פון דעם יידישן פאָלק בפרט. ווילנע האָט דענסטמאָל פאַרמאָגט ביז 5—6 פּאַרטיי-אָרגאַנען: בונד, ס. ס., סיימיסטן, פּ. צ., און אַפילו די „איסקראַ” האָבן געפּרוּווט אַרויסגעבן יידישע אָרגאַנען. די פּועלי-ציוניקעס פון דער „מינסקער שיטה”, האָבן זיך שוין גאָר אינגאַנצן צעשפּאָלטן, און זיי האָבן זיך „דיפערענצירט” ווער מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן, ווער מיט די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אַפילו דער גענעראַל-שטאַב פון די מינסקער פּ. צ., אַבא רובענטשיק און חייקע כהן, האָבן דערפילט, אַז זיי האָבן נישט מער וואָס צו טאָן אין קורלאָוס מינסק, און זיי האָבן זיך אויך אַריבערגעפּעקלט אין ווילנע, מיט זייער גאַנצן פּאַרטיי-באַגאַזש. דער דאָזיקער באַגאַזש איז באַשטאַנען סך-הכּל פון אַ משונהדיקן ברייטן פּנקס, און אַ בלעכענעם טשייניק — וואָס איז געווען די גאַנצע ממשותדיקע ירושה פון

מינסקער פּועלי-ציוניזם. אין ווילנע האָבן חייקע כהן מיט רובענטשיק אָנגעהויבן „פלירטעווען" מיט די צעקיסטן פון ס. ס. — אַ סימן, אַז זיי האָבן זיך געוואָלט פּאַרייניקן.

פון די ערשטע, זייער וויכטיקע עסעסאָווצעס, וואָס איך האָב געהאַט דענסטמאָל באַגעגנט אין ווילנע, זענען געווען פון איין זייט דאַווע (דאַווידאָוויטש-לוואָוויטש), און פון דער צווייטער זייט — ליטוואַקאָוו. דער ערשטער — ביז גאָר אַ געוויקסיקער און ברייט-פּלייציקער, דער צווייטער — ביז גאָר אַ קליינער און דאַרער. האָב איך נישט געקענט קלוג ווערן, צי די עסעסישע טעאָריע, וועלכע האַלט זיך אויף אָט די צוויי זיילן, גייט באַרג אַרויף (פון ליטוואַקאָוון צו דאַווידאָוויטשן), אָדער גאָר באַרג-אַראָפּ (פון דאַווידאָוויטשן צו ליטוואַקאָוון).

אַ חוץ אָט די צוויי אַלכסונדיקע פּאַרשוינען, האָב איך נאָך שפּעטער אַביסל געטראָפן אויף ווענגערסקי געסל נומער 12 ביי דער חברטע אַננאַ זיבעל, דעם דעמאָלסדיקן זיץ-רעדאַקטאָר פון דעם עסעסישן ,,נייעם וועג", אויך די אַנדערע אָנגעזעענסטע רעדל-פירער און טאָן-געבער פון ס. ס. און נעמלעך: ווילהעלם (בערטאָלדי), אַ יונגערמאַן מיט ברייטע געזונטע פּלייצעס, אָבער מיט אַ שאַרפן מוח, דאַניעלי, — אַ פאַרחלומטער באַבערדלדיקער יונגערמאַנטשיק, „מיט אַ פּנים פון יעזוס, און אַ טעמפּעראַמענט פון ועזוווי", ווי מיין ברודער „לאַסאַל" האָט אים איינמאָל געהאַט כאַראַקטעריזירט. צווישן זיי אַלעמען, און מיט זיי אַלעמען—האָט זיך אַרומגעדרייט מיין שטילער און באַשיידענער ברודער „אַברהמל", ד. ה. ש. ניגער, וועלכער האָט שוין אונטער דעם דאָזיקן פּסיידאָנים געהאַט אָפּגעדרוקט אייניקע ליטעראַרישע אַרטיקלען, ווי אויך נאָך אַ באַזונדער ביכל „וועגן דעם יידישן אַרבעטער".

די דאָזיקע אַלע אָנגעזעענע טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון עסעס, האָבן זייער גייסטיקער יניקה געצויגן פון נחמן סירקינען, וואָס פלעגט זיצן אָפּגעזונדערט אין דעם אַנטאָקאָלער וואַלד הינטער ווילנע. מאַטעריעל זענען זיי אַלע געווען אָנגעוויזן אויפן געשעפטפירער פון עסעסישן פאַרלאַג — אויף ז. מייזנערן, וואָס צוליב דער ברוינער סאַמעטענער קורטקע זיינער האָט מען אים אָנגערופן „זלמן בורזשוי". פלעגט דער פעסט-געבויטער זלמן בורזשוי אויסטיילן פאַר יעדן באַזונדער צו פינפאונצוואַנציק קאָפּיקעס אַ טאָג —

זיי זאָלן ווינציקסטנס קענען אַריינכאַפּן אַ מיטאָג אינם פּוילישן רעסטאָראַן, וואָס אויף גרויס-פּאַהולאַנקע.

איך געדענק, אַז מיין ברודער „אַברהמל" פלעגט אָפטמאָל בלייבן אָן די פינפאונצוואַנציק קאָפּיקעס, און ער פלעגט פאַרשפּאָרן דעם באַרג-אַרויף, וואָס פירט צו דער גרויס-פּאַהולאַנקע...

צו יענער צייט פלעגט אָפט באַזוכן ווילנע אויך מיין אַנדערער ברודער, ברוך, אָדער „לאַסאַל". איך מוז זיך מודה זיין, אַז „לאַסאַלס" אָנקום אין ווילנע פלעגט פאַר מיר תמיד זיין אַ שטיקל יום-טוב. ער פלעגט זיך נישט נויטיקן אַזוי אין אַ גראָשן, ווי שמואל, און מיט אים אינאיינעם פלעגן מיר אָפטמאָל אָפּעסן ערגעץ-ווו אַ געשמאַקן מיטאָג. דערפאַר, אמת, פלעג איך אים פאָלגן אָפטמאָל אַ קאָנספּיראַטיוון גאַנג, וואָס נאָר איך, דער אומשולדיקסטער, פלעג קאָנען אויספירן, קיינעם נישט צו פאַרשיטן. אַזוי-אַרום האָב איך זיך צוביסלעך געהאַט באַקענט אויך מיט די צעקיסטן פון „בונד", ווי ליבער, גאָזשאַנסקי-לנו, ליטוואַק, ראַפּעס און אַבראַמאָוויטש.

די לעצטע פלעגן מיך זייער פיין אויפנעמען, און מיך רעקאָמענדירן אַלס „לאַסאַלס" ברודערל. אַזוי-אַרום בין איך געוואָרן אַ היימישער מענטש סיי ביי די צעקיסטן פון „בונד", סיי ביי די צעקיסטן פון ס. ס.

אָבער דאָך האָבן מיר די עסעסישע גענערעלער מער אימפּאָנירט, ווייל כ'האָב געפילט, אַז זיי זענען עפּעס אָנגעפּיקעוועט מיט תורה און חכמה, בעת די גענערעלער פון „בונד" זענען תמיד געווען פאַרהאַוועט מיט פּראַקטישע ענינים, ווי דורכפירן שטרייקן, אָרגאַניזירן זעלבסט-שוצן, פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, וכדומה טאָג-טעגלעכע קאַמפס-אויפגאַבן.

פונדעסטוועגן האָב איך איינמאָל דערשפּירט, אַז עסעס גייט באַרג-אַראָפּ, אַז די ליניע צווישן דעם הויכוווקסיקן דאַווידאָוויטשן און דעם מיניאַטורנעם ליטוואַקאָוון איז צו אַלכסונדיק, און אַז ביי די עסעסישע צעקיסטן איז ערגעץ-ווו נישט אַלץ אין אָרדנונג.

אָט, למשל, האָט מיין ברודער „אַברהמל" זיך פלוצלונג פאַרעקשנט אַרום דער טעריטאָריאַלער פראַגע — האָט ער אויפגעהערט צו שרייבן אין „נייעם וועג" פּאָליטישע אַרטיקלען, און ער האָט זיך גאָר איינגאַנצן אַרויפגעוואָרפן אויף דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. זיין ערשטער קריטישער אַרטיקל וועגן שלום אַשס „משיחס צייטן",

אונטערן נאָמען — „די טראַגעדיע פון יידישן גלות״, האָט געמאַכט אַ רושם נישט נאָר אין די פּאַרטייאישע קרייזן אַליין. אויך אַפילו אין די ליטעראַרישע קרייזן האָט ניגערס ערשטער אַרויספאָר אין דעם עסעסישן פּאַרטיי-אָרגאַן מיט אַ ליטעראַריש-קריטישן אַרטיקל געמאַכט אַ גאָר-גרויסן איינדרוק. אַזוי-אַרום איז מיין ברודער „אברהמל״ פון דעמאָלט אָן פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר דעם מאָדערנעם ליטעראַטור-קריטיקער, כאָטש איבער אים איז נאָך געשטאַנען בעל-מחשבות.

פון די ברייטע עסעסישע מאַסן אין דער פּראָווינץ האָט מען, נאַטירלעך, אויסבאַהאַלטן דעם טרויעריקן סוד, אַז ש. ניגער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט, און אַז ער נעמט נישט מער קיין אַקטיוון אָנטייל אין דעם טאָג-טעגלעכן פּאָליטישן קאַמף. אַפילו אין ווילנע גופא האָבן די עסעסישע מאַסן נישט געוווּסט, אַז ניגער איז שוין מער נישט זייער טעאָרעטיקער און רעדל-פירער. אויך מיין נאָמען אַלס „ניגערס ברודער״ האָט זיך נאָך אין די עסעסישע פּאַרטיי-קרייזן געהאַלטן גאַנץ פעסט...

כ׳הויב אָן דיכטן

ביי אַננאַ זיבעל, אויף דעם וועגגערסקי געסל, וואָס פאַרייניקט די פּראָלעטאַרישע נאָווגאָראָדער גאַס מיט דער אַריסטאָקראַטישער גרויס-פּאָהולאַנקע, איז געווען די שטאַב-קוואַרטיר נישט נאָר פון עסעסישן צ. ק., נאָר אויך אַפילו — פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

די דאַמאָלסטיקע פּאַרטיי-אָרגאַנען האָבן אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ בכבודיקן פּלאַץ פאַר די שאַפונגען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, און צו ווילנע האָבן זיך אָנגעהויבן ציען אַלע יונגע יידישע שרייבער.

אַזוי-אַרום האָב איך זיך ביי אַננאַ זיבעל געהאַט באַקאַנט מיט פּרץ הירשביין, וואָס איז געקומען קיין ווילנע פאָרלעזן זיין נייע דראַמע „די נבלה״. שפּעטער אַביסל האָב איך זיך אויך באַקאַנט מיט נאָמבערגן, וואָס האָט איבערגעוואַנדערט פון וואַרשע קיין ווילנע, ווו ער האָט געפּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל. כ׳האָב זיך אויך באַקאַנט מיטן רבניש-משפּילישן יונגנמאַן ז. י. אָנכי, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דענסטמאָל אָפּט דרוקן אין ד״ר לוריעס ציוניסטישן „יידישע פאָלק״. די דאָזיקע אַלע שרייבער פלעגן אָפּט אַריינקומען צו מיין ברודער

פון רעכטס: ש. ניגער, ב. וולאדעק, ד. טשארני
ווילנע, 1906

שמואלן, מיט וועלכן איך האָב אינאײנעם געלעבט. אַזוי־אַרום בין איך אָרגאַניש פאַרקניפּט געוואָרן מיט דער אויפגײענדיקער ײדישער ליטעראַטור, און מײן אַנוועזנהײט פלעגט קײנעם נישט שטערן אַפילו אין די סאַמע ליטעראַטור־„קריטישע" מאָמענטן.

כ'האָב זיך אויך באַקאַנט מיט אַ גאַנצער רײ אויפקומענדיקע דיכטער, וואָס פלעגן קומען צו ניגערן פרעגן מבינות אויף זײערע שאַפונגען. באַזונדערס פיל פלעגט זיך ניגער אָפּגעבן מיט דוד אײנהאָרן און בערל לאַפּין. די בײדע האָבן אויך אויף מיר געמאַכט אַ גאָרשטאַרקן אײנדרוק. אַזוי־אַרום בין איך געוואָרן נישט נאָר אַ פּאַסיווער צוקוקער, נאָר אַ דירעקטער אָנטײלנעמער אין אָט דעם דראַנג צו דער אײביקײט. דורך מיר פלעגט חברה יונגוואַרג וועלן דערגײן אָפּטמאָל די ליטעראַרישע פאָדערונגען און דעם געשמאַק פון מײן ברודער. סוף־כל־סוף האָב איך זיך אָנגעשטעקט מיט מאַסן־געדראַנג צו דער אײביקײט. כ'האָב פאַר גרויס התפעלות אָנגעהויבן דיכטן, נאָכמאַכנדיק גאַנץ־בולט דאָ רײזענען, דאָ פּרצן, און אָפּטמאָל אַפילו — די נאָך נישט געדרוקטע לידער פון אומבאַקאַנטע דיכטער, וואָס פלעגן פאָרלײענען בײ אונז אין שטוב.

אַזוי־אַרום פלעגן פון ניגערס שרײב־טיש אָנהויבן פאַרשווינדן יעדן טאָג אַ פּאָר בויגן פּאַפּיר, וואָס ער פלעגט האָבן געהאַט צוגעגרײט פאַר זײנע ליטעראַרישע אַרטיקלען...

— אַ נפקא־מינה — פלעג איך טראַכטן — ווער פון אונז בײדן וועט דאָס פּאַפּיר גיכער פאַרשרײבן. דער עיקר איז דאָך, אַז דאָס פּאַפּיר זאָל פאַרשריבן ווערן...

איך רעאַביליטיר זיך

שוין אין עטלעכע חדשים אַרום נאָכדעם, ווי איך האָב אָנגעהויבן שרײבן לידער, האָב איך געקריגן מוט צו ווײזן אײניקע פון זײ דעם קלײנוווּקסיקן בר־דעת נאָמבערגן, וואָס האָט זיך געהאַט געקליבן אַרויסצוגעבן לכבוד חנוכה (1907) אַ זשורנאַל „ווינטער־בלעטער". אײנס פון מײנע לידער האָט דווקא געפונען חן אין זײנע אויגן, און איז טאַקע אָפּגעדרוקט געוואָרן אין נאָמבערגס „ווינטער־בלעטער".

ס'איז פאָרגעקומען אַ שטיקל ויכוח צווישן מיר און ניגערן, ווי אַזוי כ'זאָל זיך אונטערשרײבן אויף מײן ערשטן אַרויספאָר, אָדער

ריכטיקער — אַריינפּאַר אין דער יידישער ליטעראַטור. שמואל איז געווען מיט דער מיינונג, כ'זאָל זיך אונטערשרייבן דניאל ניגער. איך האָב אָבער געטענהט, אַז כ'וויל בלייבן טריי מיין פאַמיליע פון אונזער טאַטן און זיידן, וואָס די עלטערע ברידער האָבן געמוזט, צוליב פּאָליטישע טעמים, פאַרשטעקן. האָב איך אָפּגעדרוקט מיין ערשטן ליד אונטער מיין פולן נאָמען דניאל טשאַרני. ס'איז געווען די בעסטע רעאַביליטאַציע קעגן אַלע מיינע חברים און חברטעס, ווען איך האָב גלייך איבערצייגט, אַז כ'בין אַ מענטש פאַר זיך, און אַז איך קאָן שוין אויך האַלטן אַ פען אין דער האַנט. אַגב, זענען אין דעם זעלביקן זשורנאַל געדרוקט געוואָרן אַרטיקלען אויך נאָך פון מיינע צוויי עלטערע ברידער, פון ש. ניגער און „באַניע ברכות". כ'האָב באַשלאָסן איבערצושיקן דעם דאָזיקן זשורנאַל צו דער מאַמען — זאָל זי הנאה האָבן פון אירע דריי קינדער. זאָל זי, אַדרבא, זען, אַז מיר האַלטן זיך אַלע אינאיינעם, ווי דריי טייכן, וואָס ציען זיך צו דעם זעלבן ים.

אָבער די מאַמע אונזערע האָט רעאַגירט אויף איר אייגענעם שטייגער. בנוגע די עלטערע צוויי ברידער האָט זי גלייך מסכים געווען, אַז זיי זענען טאַקע שרייבער, ווייל שמואל — האָט זי מיר געשריבן — איז זי נאָך פון קינדווייז אויף געווען אַ „פילאָזאָף", און ברוך — „וואָס קאָן נישט אונזער ברוך", בנוגע מיר אָבער, איז זי אַריינגעפאַלן אין ספקות. זי האָט מיך פשוט חושד געווען, אַז דאָס האָב איך געוויס אָנגעבעטן שמואלן, ער זאָל דאָס אָנשרייבן פאַר מיר, ווייל ווי קום איך, דער מיזיניק און דער „פליאַגע", צו אַזעלכע הויכע ענינים?

די דאָזיקע מיינונג פון דער מאַמען וועגן מיינע דיכטונגען איז, ליידער, געווען אויך די מיינונג פון אייניקע פריינט און קאָלעגן מיינע, וועלכע האָבן מיך אויך חושד געווען, אַז ניגער העלפט מיר אונטער... האָב איך באַשלאָסן זיך ווייטער צו רעאַביליטירן, און ווערן גאָר אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון ניגערן, דאָס הייסט, אָנהויבן צו דרוקן מיינע לידער אין אַנדערע פאַרטיי-זשורנאַלן, וואָס זענען פּאָליטישע קעגנער פון מיין ברודער...

האָב איך אַוועקגעשיקט אַ פּאָר לידער אין דעם בונדישן זשורנאַל „נייע צייט", ווי אויך אין פּ. צ.-זאַמלבוך „יוגנט", וואָס איז געווען אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון זרובבל. און — וווּנדער

איבער וואנדער — אויך זיי — ניגערס פּאַרטיי-קעגנער — האָבן אויף אַ בכבודיקן אָרט אָפּגעדרוקט מיינע לידער, און פון דענסטמאָל אָן האָט שוין קיינער נישט געקאָנט זאָגן, אַז איך שרייב און דרוק זיך אין זכות פון ש. ניגער.

די פּליטה פון דער רעוואָלוציע

די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן אַלץ מער און מער אויס-צושטרעקן איר דראַקאָנישן קאָפּ. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ערגעץ ווו אין פּעטערבורג איז שוין געזעסן אַ „גאָסודאַרסטווענע דומע" מיט „אויסדערוויילטע" פון פאָלק — האָבן די צאַרישע סאַטראַפּן נישט אויפגעהערט צו „ליקווידירן" אויף זייער אייגענעם אופן די רעשט-לעך פון דעם 1905-טן יאָר.

צום שווערסטן האָט זיך די צאַרישע רעאַקציע אָפּגערופן אין די שטעט און שטעטלעך פון דעם יידישן תחום. ווער רעדט נאָך — אין ווילנע, ווו די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט זיך נאָך נישט גע-וואָלט אַזוי גיך אונטערגעבן, האָבנדיק פאַר זיך דאָס פאָרבילד פון דעם העלדישן הירשקע לעקערט, וועלכער האָט שוין געוווּסט, ווי אַזוי צו ענטפערן אויף די רדיפות און אכזריותן מצד דער דעספּאָטישער רעגירונג.

דאָ און דאָרט פלעגט געשטרייקט ווערן, דאָ און דאָרט פלעגט מען „אָפּלייגן אויף קאַלט" אַ פּריסטאַוו אָדער אַ „שפּיק", דאָ און דאָרט פלעגט ווי אַ פייער-צונג פון אַ האַלב-איינגעלאָשענער שרפה, געבן אַ פלאַטער אויף אַ רויטע פאָן, און — נישט ווערן...

אָבער די „רעאַקציע", וואָס האָט אָנגעהויבן שטראָמען פון אונטן אַרויף, פון די פּאַרטייען גופא, איז געווען אפשר נישט ווייניקער שרעקלעך פאַר דער דרויסנדיקער — דער צאַרישער רעאַקציע.

די אַרבעטערשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אַרומזען, אַז זי פאַר-לירט איר אינטעליגענץ, אירע רעדל-פירער, אירע „פּראָפעסיאָנאַלן"... איינציקווייז און אַליין האָבן די יידישע אינטעליגענטן אָנגעהויבן פאַר-לאָזן די פּאָזיציעס פון סאָציאַל-פּאָליטישן פראָנט, און זיך פאַרשטעקן אין די פאַרשידענע טעמפּע ווינקלען פון יחידישע גריבלענישן...

ס'האָט אַפּנים אָנגעהויבן אויסרינען פון זייערע הערצער דער גרויסער גלויבן, דער גלויבן אין דער רעוואָלוציע, דער גלויבן אין

דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג. דער יידישער אינטעליגענט האָט פּיבערנדיק אָנגעהויבן זוכן נייע אידייען, נייע לאָזונגען, מיט וועלכע ער זאָל קאָנען פאַרשטאָפּן דעם שרייענדיקן בלויז אין זיין נשמה. אָט אַזוי בהפזונדיק פאַרשטאָפּט מען ווינטער-צייט אַ פּלוצים-אויסגעשלאָגענע שויב מיט די ערשטע בעסטע שמאַטעס—עס זאָל נישט בלאָזן, חלילה, קיין צוג-ווינט. האָבן זיך אייניקע מער „אינטעלעקטועלע״ רעדל-פירער פון די יידישע פאַרטייען, אַ וואָרף געטאָן צו דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז נאָך געלעגן אין די וויקעלעך. זיי האָבן בהדרגה זיך גענומען „איבערבויען״ פון פּראָקלאַמאַציע-שרייבער אויף בעלעטריסטן און קולטור-טוער. מען איז פּלוצים געוואָרן פיינשמעקעריש און סאָלאָנאַרטיק, מען האָט פּלוצים אַנטדעקט אין זיך שפּרודלדיקע קוואַלן פון גייסטיקער יצירה. די עטלעכע פאַרטיי-אינטעליגענטן, וואָס האָבן נאָך לויט דער אינערציע געהאַט געבאַלעבאַטעוועט איבער די עטלעכע צאַנקנדיקע פאַרטיי-זשורנאַלן אָדער פאַרטיי-אַלמאַנאַכן — האָבן פּלוצים אָנגעהויבן אַרויסווייזן גרויסע בקיאות אין דער יידישער ליטעראַטור און וויסנשאַפט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט אַרויסגעבן סמיכות, דעם אָדער יענעם אָנהייבער, פּילנדיק דערביי, אַז זיי זענען דאָך די איינציקע, וואָס זענען באַרופן דערצו, ווייל זיי קומען דאָך דירעקט פון דער יידישער גאַס, דירעקט פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

דערביי אָבער, פלעגן זיי אַליין נישט באַמערקן, ווי אַן אָקאָרשט-דערשינען לידער-ביכל, פול מיט ירידה-שטימונגען, פלעגט זיי פאַרכאַפּן אַ סך מער, איידער אַ וועלכער ס׳איז שטרייק ביי די זאָקנמאַכערינס, צי ביי די בערשטער...

קורץ און גוט: געשטאָרבן די רעוואָלוציע — זאָל לעבן דער יידישיזם!

די אַנדערע, ווינציקער „אינטעלעקטועלע״ פאַרטיי-טוער, די אַזוי נערופענע האַלב-אינטעליגענטן, אָדער פשוטער געזאָגט — די האָרעפּאַשניקעס פון דער רעוואָלוציע, אָט די, וואָס פלעגן מעשה-פּראָפּעסיאָנאַלן אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ צוגרייטן דעם ערשטן מאַי, פאַרשפּרייטן אַ נייע פּראָקלאַמאַציע, אָדער אָרגאַניזירן אַ „בעאָ״ („באָיעוואָי אָטריאַד״), אַ זעלבסט-שוץ אין פאַל פון אַ פּאָגראָם — אָט די אַלע האָבן זיך אין דער צייט פון דער שווערער רעאַקציע, פאַרלירנדיק זייערע פאַרטיי-שליחותן און פאַרטיי-אויפגאַבעס, זיך פאַר

בענקט נאָך אַ תּכלית, נאָך פּשוטער חיונה, און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן ראַטעווען: ווער קיין אַמעריקע, און ווער צוריק צום „זיידנס מיטוואָך״, צו טאַטע-מאַמעס קרעמלעך, ווערנדיק ביסלעכווייז פּשוטע באַלעבעסלעך, מיטן גאַנצן קליינבירגערלעכן קלאַפּערגעצייג. אָנגעהויבן האָט זיך עס צוערשט פון אַ פּאַפּירענעם קראַגן אָנשטאָט דעם פריער-געווענעם בונטאַרישן העמדל מיטן קוטאַוש, און אויסגעלאָזן האָט זיך עס מיט אַ גוטן שידוך, און מיט אַ באַגילדעט קייטעלע, וואָס ציט זיך פון איין וועסטל-קעשענע ביז צו דער צווייטער...

אַזוי-אַרום איז די יידישע אַרבעטערשאַפט, פאַרלירנדיט כמעט, אַלע אירע רעדל-פירער, אין וועלכע זי האָט אַזוי שטאַרק געהאַט גע-גלויבט — איז זי פאַרבליבן כמעט אייגינקע אַליין אין איר שווערן, ביטערן קאַמף, נישט נאָר פאַר אירע פּאָליטישע אָדער נאַציאָנאַלע פרייהייטן, נאָר אויך טאַקע אין איר קאַמף פאַר דעם טאָג-טעגלעכן ביסן ברויט.

עס האָבן אָנגעהויבן צייטיקן און זיך אַרויסווייזן אין דער יידי-שער מאַסע פיינטלעכע שטימונגען צו דעם עצם מין אינטעליגענט. מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו אים באַציִען מיט אומצוטרוי און חשד.

דערצו איז נאָך דעמאָלט צוגעקומען די ביטערע שפּיאָנאַזש-מאַניע. אין די רייען פון פאַרשידענע פּאַרטייען האָט מען אָנגעהויבן אַנטדעקן פּראָוואָקאַטאָרן. מען האָט ׳גענומען ציטערן איינע פאַר די אַנדערע. מען האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר די אייגענע שאָטנס. ס׳איז גענוג געווען, ווען איין חבר זאָל דעם צווייטן אַ פרעג טאָן, צי ווייסט ער נישט, ווען און ווו עס וועט פּאָרקומען די אָדער יענע „סכאָדקע״ — אַז ס׳זאָל באַלד פאַלן דער חשד, צי איז ער נישט דער חבר פון אַזעפל, אַ געהיימער אַגענט פון דער זשאַנדאַרמעריע...

צוליב אָט די באַרעכטיקטע און אומבאַרעכטיקטע חשדים איז נישט איינער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. נישט אייגער איז אומגעקומען דורך פאַנאַטישע נקמה-נעמער.

ווער ווייסט דען, וויפיל אומשולדיקע קרבנות, עס זענען צוליב דער אַזעפאָמאַניע געפאַלן אין די פּליטה-יאָרן פון דער ערשטער רו-סישער רעוואָלוציע?

פּאַרטיי-עגונות

איך האַלט פאַר מיין חוב צו פאַרנאָטירן אין דער „פּאַרטיי-כראָניק" אויך נאָך די פּאַרטיי-עגונות, ד. ה. — די הונדערטער יידישע טעכטער, וואָס זענען אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג נישט דורך די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, נאָר דורך ריין-פערזענלעכע מאָטיוון און סימפּאַטיעס, וועלכע האָבן לחלוטין נישט געהאַט צו טאָן מיט וועלכער עס איז „פּראָלעטאַרישער" וועלט-אָנשויונג.

אייניקע יידישע טעכטער האָבן זיך דערפילט עלנט און דערשלאָגן אין די ד' אמות פון זייערע טאַטע-מאַמעס, פון די היימען, פון וועלכע עס האָט תמיד געהאַקט מיט פוילן הערינג און געפּגרטע פליגן — זענען זיי געלאָפן, די יידישע טעכטער, צו די בונדישע אָדער עסעסישע בירזשעס, ווי עס פליען פאַרנאַכט שמעטערלינגען צו אַ פלאַקער אויף אַ מיטן גאַס.

אַנדערע האָבן געהאַט געוויסע סימפּאַטיעס צו דעם אָדער יענעם פּאַרטיי-פּראָפעסיאָנאַל, וואָס איז געווען באַרימט אין דער באַוועגונג — האָבן זיי, די באַלעבאַטישע טעכטער,—אָנגעהויבן באַזוכן די סכאָדקעס און וואַלד-פאַרזאַמלונגען אַבי נאָר צו האָבן די געלעגנהייט זיין וואָס-נענטער צום „העלד" פון זייערע באַנאַכטיקע טרוימען און חלומות. — אַנדערע האָבן נישט געוואָלט אָפּשטיין פון דער מאָדע, האָבן נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק לגבי דער צייט, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט קאַמף און בונטאַרישקייט, און זיי האָבן זיך אויך אָוועקגעלאָזט אויפן יאַריד פון פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי עס איז געווען אַזוי פריילעך און געהיימניספול.

אָט די אַלע הונדערטער און הונדערטער יידישע טעכטער, וואָס זענען געווען געקומען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דורך די פאַרשידענע טירן און הינטער-טירן, האָבן שפּעטער אַביסל זיך מער אָדער ווייניקער פאַרשמאָלצן מיט דער מאַסע, אַריינטראָגנדיק אין איר אַ שטיק יום-טובדיקע געשפּאַנטקייט, וואָס האָט נישט איינעם פון די פּאַרטיי-פּראָפעסיאָנאַלן לייכטער געמאַכט זייער הפקר-לעבן, און אָפט-מאָל אויך לעגאַליזירט די אומלעגאַלקייט זייערע.

נישט איינע פון זיי פלעגט לויטן באַפעל פון דער פּאַרטיי שעהן-לאַנג אָפּשטיין אַ דערפרוירענע ביי די טויערן פון אַ וועלכער עס איז טורמע, ווו זי פלעגט מעשה-„כלה" פאָדערן אַ „סווידאַניע" (זעונג

מיט איר „חתן״, וועלכער האָט זיך „פאַרשאָטן״ אויף אַ סקאָדקע, און אים איבערגעגעבן אַ פּעקעלע עסנוואַרג, פּאַפּיראָסן, ווי אויך — אַ געהיים בריוועלע פון פּאַרטיי-קאָמיטעט.

אין דער אמתן אָבער האָט זי, די חברטע, איר „חתן״ קיינמאָל אין די אויגן נישט געהאַט געזען. דאָך אָבער האָט עס איר נישט געשטערט צו קושן זיך הייס און משפּחהדיק מיט דעם אומבאַקאַנטן יאַט, וואָס האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אין דעם עסנוואַרג און פּאַפּיראָסן, וואָס זי האָט געבראַכט, וועט ער געוויס געפינען אַ צעטעלע מיט אינסטרוקציעס, ווי אַזוי צו האַלטן זיך ביים „דאָפּראָס״ (אויספאָרשונג) און אַזוי-אַרום נאָך מער פאַרפּלאָנטערן די זשאַנדאַרמעריע מיט די שפּיקעס.

נישט איינע פון די פּאַרטיי-חברטעס פלעגט אָפּטמאָל אויסבאַהאַלטן אין די ספרים-אַלמערס פון די טאַטעס און זיידעס פריש-געבאַקענע „מאַצעס״ (פּראָקלאַמאַציעס), „שפּייערס״ (רעוואָלווערן) און אַנדערע געפערלעכע „טריף-פּסולן״. נישט איינע פון זיי פלעגט אָפּטמאָל ביי זיך אין שלאָף-צימערל פאַרשטעקן איינעם אַ יאַט, וואָס ווערט פאַרפאָלגט פון דער זשאַנדאַרמעריע, און אַזוי-אַרום פאַרוואַנדלען אַן „אומלעגאַלע״ נאַכט אין אַ נאַכט פול פרייד און ליבע.

דאָס אַלץ פלעגט געטאָן ווערן מצד די פרומע יידישע טעכטער מיט אַזוי פיל ערנסטקייט און תמימות, ווי זיי וואָלטן געוועזן אויסגעפירט אַ גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי-שליחות, וואָס נאָר זיי, די באַלעבאַטישע טעכטער, זענען באַרופן דאָס אויסצופירן.

„ביים פּראָלעטאַריאַט עקזיסטירט נישט קיין שום געשלעכטס-פראַגע״ — האָט שימקע דער מעכאַנישער שוסטער אונז פאַרגעלייגט אַזאַ מין „רעזאָלוציע״. ער איז דעמאָלט געווען פולשטענדיק גערעכט. אין די יאָרן פון רעוואָלוציאָנערן אויפשוווּנג איז טאַקע נישט געווען קיין פּלאַץ און קיין צייט אויף צו פירן ליבעס, אויף צו פאַרנעמען זיך מיט עראָטיק. די ליבע און די עראָטיק פלעגן אויפגעלייזט ווערן אין דעם אימפּעט און ברען פון רעוואָלוציאָנערע מעשים.

אָבער שפּעטער אַביסל, ווען ס׳האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן די פּליטה פון דער רעוואָלוציע, ווען די יידישע אינטעליגענטן און האַלב-אינטעליגענטן האָבן זיך אָנגעהויבן ראַטעווען פון פיזישן און גייסטיקן אומקום — אָט דעמאָלט ערשט זענען די פּאַרטיי-חברטעס גע-

בליבן זיצן עלנט און הילפלאָז, ווי כלות, וואָס די חתנים זייערע זענען אנטלאָפן באַלד נאָך דער חופה-וועטשערע.

עפּעס האָט זיך זיי אַלעמען געדוכט, אַז עס דאַרף נאָך קומען אַ נייער אַקט, אַז דאָס שפּיל איז נאָך נישט אויס, אַז עס איז נאָר אַ צייטווייליקע פאַרפינסטערניש, אָט, ווי אַ ליקוי-חמה, אָדער אַ ליקוי-לבנה. אָבער וואָס-ווייטער איז די פינסטערניש געוואָרן אַלץ שוואַרצער און געדיכטער, און ס׳איז נישט געווען ווו אהינצוטאָן זיך פון דער אייגענער קליינקייט.

די פּאַרטיי-חברטעס, וואָס זענען געווען געקומען צו דער רעוואָלוציע נישט דורך די פאַבריקן און ווערקשטאַטן, האָבן זיך פלוצים געהאַט אַרומגעזען, אַז די רעוואָלוציע האָט, קאָנטיק, אַלץ מגזם געווען. די רעוואָלוציע האָט גענומען גאַנצע מענגעס האַלב-גראַמאָטנע מענטשן און זיי פאַרוואַנדלט אין העלדן. די רעוואָלוציע האָט מיט איר הייליקן שיין באַשטראַלט יעטווידן עקסטערן און האַלב-אינטעליגענט, און זיי פאַרוואַנדלט אין קדושים. זייער יעטווידעס וואָרט האָט געהאַט געקלונגען, ווי אַ באַפעל. זייער יעטווידע טאַט האָט געהאַט גערייצט, געכישופט. אָבער פלוצלונג זענען די נעכטיקע פּרינצן און אַפּאָסטאָלן פון דער רעוואָלוציע געוואָרן פשוטע חי-וקימס מיט אַלע זייערע קליינע און קליינלעכע השגות. ס׳איז געוואָרן מיאוס פאַר זיך אַליין, וואָס אָט אַזעלכע האָבן דאָס אַזוי הייס און בונטאַריש געקאָנט רייצן זייער פאַנטאַזיע און זייערע נישט-געשטילטע ליידנשאַפטן.

די פּאַרטיי-חברטעס האָבן זיך פלוצים געכאַפּט, אַז זיי זענען, נעבעך, באַשווינדלט געוואָרן, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שעמען פאַר זיך אַליין, וואָס זיי האָבן אויף אַזויפיל זיך געהאַט מקריב געווען פאַר די וואַיאַזשאָרן פון דער רעוואָלוציע.

אַזוי־אַרום זענען פאַרבליבן הונדערטער און הונדערטער פּאַרטיי-עגונות, וואָס אייניקע פון זיי האָבן דער רעוואָלוציע אויף צו להכעיס זיך געלאָזט חתונה מאַכן דורך טאַטע-מאַמע מיט דעם ערשטן בעסטן קרעמערל. אייניקע האָבן זיך געטרונקען און געסמט אייניציקווייז און פאַרלעכווייז, מיטנעמענדיק אָפּטמאָל אויף יענער וועלט יענעם גרויזאַמען סוד, וואָס האָט שוין געהאַט געצייטיקט אין זייער איינגעווייד. אייניקע האָבן שטאַרק אָנגעהויבן מקנא זיין די גויים, הלמאי יענע האָבן אַזאַ פיינע אינסטיטוציע, ווי מאָנאַסטירן, און מערערע פון זיי האָבן טאַקע אָנגעהויבן שטאַרק בענקען נאָך ארץ-ישראל, ווו ס׳איז

דאָ כאָטש אַ כּותל־המערבי, און קבוצות אַזעלכע, ווו אַ יידישע אינטעליגענטקע קאָן אָנהויבן מעלקן ציגן און שיילן קאַרטאָפל, זיך אָפּשליסנדיק פון דער גרויסער, זינדיקער וועלט. גאָר אַנדערע, די מערבאַלעבאַטישערע, האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּטראָגן קיין אויסלאַנד, ווו מען קאָן קריגן אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם, און ווו מען קאָן אויך, אַגב, ווייטער פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטישער אַרבעט. די לעבעדיקע רעשטלעך פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן זיך געהאַט דענסטמאָל אַריבערגעוואָרפן אין די סטודענטן־קאָלאָניעס פון בערן, גענף, היידעלבערג א. אַ. וו. און נישט איין פּאַרטיי־עגונה פון די יידישע שטעט און שטעטלעך איז טאַקע דאָרטן, זאָגט מען, ווידעראַמאָל געהאָלפן געוואָרן...

„יידישזם"

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע זענען אַזוי פּחדנותדיק געלאָפן פון דער רעוואָלוציע.

אַ געוויסער טייל פון די פריער־געוועזענע פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס זענען נישט געווען געצוווּנגען זיך אָפּצוטראָגן קיין אויסלאַנד (הויפּטזעכלעך קיין אַמעריקע), איז פאַרבליבן אויף די פּאָסטנס, און פאַרגעזעצט די אַרבעט. עס האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלירן יענעם ווירקונגס־קרייז, וואָס זיי איז געלונגען צו באַקומען אין די יאָרן פון די גרויסע דערוואַרטונגען און פלומרשטע דערגרייכונגען.

מען האָט געמוזט אונטערטראָגן די מאַסן עפּעס אַ נייעם לאָזונג. אַ לאָזונג אַזאַ, וואָס זאָל די מאַסן מונטערן און באַגייסטערן.

האָט מען אָנשטאָט דעם סאָציאַליזם אָנגעהויבן פּריידיקן נאַציאָנאַליזם, — אָבער נאַציאָנאַליזם וועלטלעכן, דעמאָקראַטישן, „לייטישן". אַזוי אַרום האָט זיך אויסגעוויקלט פון די סאָציאַליסטישע וויקעלעך און זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיסלעך אַ ניי־געבוירן עופהלע, וועלכן מען האָט באַלד אָנגעהויבן באַזינגען אַלס וווּנדער־קינד פון דער רעוואָלוציע, און דאָס איז געווען — דער יידישיזם.

געשטאָרבן דער קלאַסנקאַמף, זאָל לעבן דער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין!

האָט מען מיט דעם גאַנצן נישט־אויסגעלעבטן „פּראָלעטאַרישן" אימפּעט זיך אַ קער געטאָן צום דעמאָקראַטישן יידישיזם, און עס האָבן אָנגעהויבן אויפקומען איינע נאָך די אַנדערע, פאַרשידענע קלובן

און קולטור-פאַריינען אונטער פאַרשידענע פאַרעווע און נישט-פאַרעווע נעמען.

אַנשטאָט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-לידער האָט מען אָנגעהויבן זינגען מיט גרויס געשמאַק פאָלקס-לידער און פאָלקס-נגונים.

אַנשטאָט די פאַרטיי-דיסקוסיעס און קרייזלעך-רעפעראַטן, האָט מען אָנגעהויבן דערציילן וועגן יידישע דיכטער און שרייבער, וואָס שמידן דאָס נייע וואָרט פאַר דער נײַ-יידישער קולטור.

אַזוי אַרום זענען די נעמען פון אַ דוד איינהאָרן, אָדער ש. ניגער געוואָרן פאָפולערער אין דער יידישער וועלט, איידער די נעמען פון די פריער-געוועזענע „וועלט-באַפרייער". עס איז נישט געווען קיין צופאַל, וואָס אויך אַפילו די פּראָלעטאַרישע פאַרלאַגן פון „בונד" און „פּועלי-ציון" האָבן אָנגעהויבן אין זייערע זשורנאַלן אָפּגעבן אַ סך פּלאַץ פאַר און וועגן יידישער ליטעראַטור, כאָטש דאָס רוב לידער און דערציילונגען, וואָס זענען געווען פול מיט ירידה-שטימונגען זענען להלוטין נישט געווען אין איינקלאַנג מיט די אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען אין די זעלביקע זאַמלביכער.

דער מאַרקסיסטישער צוגאַנג צו נאַציאָנאַלע פראַגן איז איבערגעאַרבעט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן צוגאַנג צום מאַרקסיזם.

דער תהום צווישן די בונדיסטן און עסעסן איז געוואָרן פונקט אַזוי נישט מוראדיק טיף, ווי דער תהום צווישן די עסעסן און די פּועלי-ציוניקעס.

ווײַבאַלד עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן נאַציאָנאַלער קעגנוואַרט-אַרבעט דאָ אויף די ערטער — האָט מען שוין געקאָנט געפינען אַ געמיינזאַמע ליניע — האָט מען שוין געקאָנט צונויפרעדן זיך.

האָט טאַקע קיינעם נישט געוווּנדערט, ווען אין אַ וועלכן עס קולטור-פאַריין „הזמיר", צי „השחר", פלעגן שלום-ביתדיק אויפטרעטן רעדנער, וואָס דאָ נישט לאַנג נאָך האָבן זיי געהאָט געהערט צו פאַרשידענע פאַרטייען, און זענען נאָך געווען, ווי מען זאָגט, „אויף מעסערס".

זיי האָבן איצט זשאָנגלירט אויף איין און דעם זעלבן נאַציאָנאַלן שטריק. פרץ האָט עס אָנגערופן: „די גאָלדענע קייט".

נאָך אַ פּאָר פייערדיקע רעדעס וועגן יידישיזם און וועלטלעכער קולטור — פלעגט דער „כאָר" פון „השחר", צי „הזמיר" אויסדונערן איבערן גאַנצן זאַל:

... דער מלך איז געשטאָרבן,
די מלכּה איז פאַרדאָרבן,
דער נעסט איז צעבראָכן,
דאָס פייגעלע ז'אַנטלאָפן...
ליוליִנקע, מיין פייגעלע,
ליוליִנקע, מיין קינד, —
כ'האָב אָנגעוואָרן אַזאַ ליבע —
ווי איז מיר און ווינד...

„סאַלאָן דע־קרוטשע"

די דירה פון דעם ווילנער לערער פאַר גימנאַסטיק, מאזאַ, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער אָנפירער פון דער באַרימט-געוואָרענער „ווילנער טרופּע", האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן „סאַלאָן דע קרוטשע".

די דאָזיקע דירה, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם ראָג שלאָסגאַס און טראָקער איז געוואָרן דער „סאַלאָן", פּשוטער געזאָגט — די קרעטשמע פאַר אַלע יידישיסטישע שרייבער און קולטור-טוער פון יענער תקופה.

די הויפּט-באַלעבאָסטע פון דער דאָזיקער דירה איז געווען די פרוי מאזא. זי האָט געשטאַמט פון דער יחוסדיקער משפחה סטראַשון, אויף וועמענס נאָמען עס פונקציאָנירט נאָך עד-היום די וועלט-באַרימטע יידישע ביבליאָטעק אין ווילנע אונטער דער השגחה פון חייקל לונסקי.

דער אַנטדעקער פון דער דאָזיקער דירה איז געווען, אַ סברא, זלמן-איטשע אנכי, וועלכער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דעם שטעטל קרוטשע, און ער האָט געהאַט, אַ סברא, גוטע רעקאָמענדאַציעס צו די סטראַשונס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיינע לאַנדסלייט.

אַזוי אַרום האָט זיך באַלד צעטראָגן אַ קלאַנג איבער די שרייבערישע קרייזן פון ווילנע, אַז אין דער דירה פון ה' מאַזאַ (לייען: פון די סטראַשונס), נעמט מען אויף זייער פריינטלעך אַלע יידישע שרייבער און קולטור-טוער, וואָס שטייען ביים שוועל פון דעם יידישן רענעסאַנס (לייען יידישיזם).

האָבן מיר, יונגוואַרג, שטילערהייט אַ'נאָמען געגעבן די דאָזיקע דירה „סאַלאָן דע קרוטשע", און אָנגעהויבן זי עפטערס צו באַזוכן.

אָבער ווייט נישט אַלע אויפגעקומענע שטערן האָבן געהאַט זוכה געווען, ריכטיקער געזאָגט — האָבן געהאַט מזל אַריינצוקומען אין אָט דעם ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכן „סאַלאָן". מען האָט שוין געמוזט האָבן הינטער זיך געוויסע ליטעראַריש-קינסטלערישע פאַרדינסטן, אָדער לכל הפחות — אויסזיכטן אויף להבא...

אַזאַ איינער, ווי איך, האָט פאַרשטייט זיך, נאָך נישט געהאַט נישט דאָס ערשטע, און נישט דאָס צווייטע. ווייל צו יענער צייט האָב איך ערשט געהאַט באַוויזן אָפּצודרוקן נישט מער, ווי צוויי-דריי לי-דער אין פאַרשידענע אויסגאַבעס, און די „קריטיק" האָט נאָך נישט באַוויזן זיי אָפּצושאַצן פון דעם „אייביקייטס-שטאַנדפּונקט". דאָך אָבער האָב איך, אַלס ברודער פון ש. ניגער און ב. וולאַדעק, פון אָנהויב אָן באַקומען אַ סך ליטעראַרישן קרעדיט, און אַזוי-אַרום בין איך אויך געוואָרן אַ פולבאַרעכטיקטער שטאַם-גאַסט פון „סאַלאָן דע קרוטשע".

ערשט דאָ האָב איך זיך אָנגעהויבן ריכטיק צו באַקאָנען מיט די געגנערעלער און אָפיצירן פון דער יידיש-שרייבנדיקער אַרמיי.

ס'האָט מיר אָבער אויסגעזען טשעקאָווע, וואָס סיי די „גענע-רעלער", סיי די „אָפיצירן" פון דעם יידישן רענעסאַנס האָבן געהאַט דענסטמאָל אויסגעזען איבערגעשראָקן און צעטומלט, ווי זיי וואָלטן געווען געלאָפן פון ערגעץ אַ שלאַכט, נישט וויסנדיק אַליין ווי-לאַנג און ווי-ווייט זיי וועט נאָך אויסקומען אָט אַזוי צו לויפן.

א. ווייטער האָט, מעשה-פרוש, געהאַט פעסט פאַרקוועטשט זיינע שנירלדיקע ליפן, אָבער די קלוגע אַלצזעעוודיקע אויגן זיינע פלעגן צו אונז יענוועלטיק שמייכלען:

— אַהאַ, וואָס האָב איך אייך געזאָגט!

ז. י. אָנכי, זייענדיק תמיד „רב אַבא"-דיק-פאַרדבקהט, פלעגט רעדן יידיש, ווי אַ פרומער ייד רעדט אום שבת לשון-קודש:

— נו יע, אַהאַ, פשש... אי-אי-אי?

פאַלק האַלפּערן פלעגט תמיד קנעטן נערוועז אַ שטיקל קלעפּיקן ברויט, נישט וויסנדיק אַליין, צי ס'וועט אַרויסקומען דערפון אַ לידל אָדער אפשר גאָר אַ נאָוועלע...

ז. קאַלמאַנאָוויטש פלעגט זיך בכיוון פאַרגרונטעווען אין שאַך-ברעט, כדי כלומרשט נישט אָנטייל צו נעמען אין די אַרומיקע סאַלאָן-געשפּרעכן, אָבער פלוצלונג פלעגט ער וויטאָקדיק געבן אַ געשריי אויס צו די שאַך-פיגורן עפּעס אַ פּראַזע אַזאַ, וואָס האָט אונז אַלעמען

איבערצייגט, אַז די ליטעראַרישע דיסקוסיע קאָסט אים שטיקער געזונט.

מער נישט, איין גרויסן אומרו האָט פאַרמאָגט דער „סאַלאָן דע־קרוטשע", — דאָס איז געווען דוד איינהאָרן, ער פלעגט קיינמאָל נישט זיצן און קיינמאָל נישט שטיין. ער פלעגט מיט זיין אויסגעמאָ־גערטן בלוי־באַאָדערטן געזיכט און פאַרשפיצטע אויגן האַלטן אין איין אַרומלויפן הין און צוריק, זוכנדיק עמעצן, וואָס זאָל אים, ווי עס באַדאַרף צו זיין, אויסהערן.

דער היפך פון אים, איינהאָרנען, איז געווען דער שווערלייבי־קער א. ליטוואַק, וואָס פלעגט זיך בטבע אָוועקזעצן אין „סאַלאָן דע קרוטשע" אויף בלייבן שוין זיצן. ער איז געווען זייער באַרעדעוודיק, כאָטש אויסערלעך פלעגט ער כלומרשט מאַכן דעם איינדרוק, אַז אָסור, אויב ער האָט וואָס צו דערציילן...

מען קאָן נישט זאָגן, אַז אין „סאַלאָן" זאָל שטענדיק זיין געווען זייער פריילעך, דאָך אָבער פלעגט יעדן איינעם פון אונז ציען אַהין, ווייל די באַלעבאָסטע און די קרובים אירע פלעגן זיין צו אונז ביז גאָר פריינטלעך און מוטערלעך, און נישט איינער פון אונז פלעגט אַוועקגיין פון דאָרטן יום־טובדיק געשטימט, דערפילנדיק, אַז מען איז דאָך נישט אַליין, און אַז עס טוט זיך וואָס אויף דער וועלט...

יידישער רענעסאַנס

פלוצלונג האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג איבער ווילנע, און שפעטער אַביסל — איבער אַלע אַנדערע יידישע ישובים, אַז אין ווילנע הויבט אָן אַרויסצוגיין אַ חודש־זשורנאַל, אונטערן נאָמען: „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", און אַז די רעדאַקציע באַשטייט פון די דריי גאַנץ־פאַרשידנאַרטיקע יידישע שרייבער, ווי ש. גאָרעליק, א. ווייטער און ש. ניגער.

דער ערשטער, — ש. גאָרעליק, — איז צו יענער צייט נאָך געווען אַ באַקאַנטער מיטאַרבעטער פון יוסף לוריאס ציוניסטישן וואָכנ־בלאַט „דאָס יידישע פאָלק". ער פלעגט דאָרטן דרוקן זיינע באַקאַנטע „בריוו צו אַ פריינד", וואָס זענען געווען כמו־פילאָזאָפישע ליריק וועגן די ירידה־שטימונגען ביי דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געהאַט אַנטוישט אין דער רעוואָלוציע, און געמוזט דעריבער

זוכן שוץ און טרייסט אונטער די פליגלען פונם ציוניזם... אָבער דאָך האָט זיך ש. גאָרעליק געהאַלטן פאַר אַ יידישיסט.

דער צווייטער רעדאַקטאָר — א. ווייטער — האָט זיך צו יענער צייט שוין געהאַט קונה-שם געווען אַלס דראַמאַטורג. זיין דראַמע „פאַר-טאָג" איז שוין געווען פּאָפּולער אין אַלע יידישיסטישע קרייזן. מיט דער דאָזיקער דראַמע האָט א. ווייטער, קאָנטיק, געוואָלט אונטערפירן אַ שווארצן שטריך אונטער זיין פריער-געוועזענער העלדישער רעוואָ-לוציאָנערער טעטיקייט, וועלכע האָט אים איינמאָל געהאַט דערהויבן אַפילו צו ווערן דער אַזוי-גערופענער „גובערנאַטאָר פון ווילנע".

דער דריטער פון זיי — ש. ניגער — האָט שוין צו יענער צייט געהאַט באַקומען סמיכה אויף קריטיק אַפילו פון בעל-מחשבותן אַליין, און ס'איז, אייגנטלעך, פאַר קיינעם קיין וווּנדער נישט געווען, וואָס דווקא אָט די דריי פאַרשידענע מינים שרייבער האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין איין יאָך אַריין, כדי צו שאַפן אַ חודשדיקע ליטעראַריש-קינסטלע-רישע טריבונע, וועלכע האָט געדאַרפט אָנזאָגן און פאַרבאַוווסטזיניקן דעם קולטור-רענעסאַנס אויף דער יידישער גאַס.

אדרבא, דאָס, וואָס אַ געוועזענער ציוניסט, אַ געוועזענער בונ-דיסט און אַ געוועזענער עסעסאָוועץ האָבן זיך געהאַט צוזאַמענגענומען צוליב איין און דערזעלבער אידייע, איז דאָך געווען אַ שטיקל גאַ-ראַנטיע דערפאַר, אַז דער נייער אומפּאַרטייאישער און איבערפּאַרטיי-אישער זשורנאַל זאָל באַקומען דעם געהעריקן דערפאָלג. אָבער ווי האָט מען דענסטמאָל געקאָנט שאַפן די בויטיקע געלט-מיטלען פאַר אַזאַ מין ליטעראַרישער אונטערנעמונג? דאָס ביסל יידישע אינטעלי-גענץ, וואָס האָט צו יענער צייט שוין געהאַט באַקומען אַ שטיקל אינטערעס צום פאָלקס-„זשאַרגאָן", צו יידיש, און צו דער יידישער פאָלקס-קולטור, האָט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן פון דער צאַרישער רעאַקציע אין די פאַרשידענע אויסלאַנדן, און די יידישע אַרבעטער-שאַפט, וואָס איז צעשלאָגן געוואָרן מאָראַליש און מאַטעריעל, איז פשוט נישט געווען בכּוח אויסצוטראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס אַזאַ מין לוקסוס-זשורנאַל פון ריינער קונסט, מיט דריי רעדאַקטאָרן בראש.

איז טאַקע דער זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" אויסגעגאַנגען אויפן פערטן בוך. דאָך אָבער האָט ער פאַר דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ באַוויזן אָנצוגיסן מיטן נייעם אינהאַלט די פּוסט-געוואָרענע לאָגלען פון דער יידיש-בענקענדיקער אינטעליגענץ, און

דער זשורנאַל האָט אויך אונטערגעפּירט אַ שטיקל סך-הכּל אונטער די געוויסע דערגרייכונגען פון דער יידישער ליטעראַטור ביז צום יאָר ניינצנהונדערט אכט.

דער זשורנאַל האָט אויך אַנטדעקט אייניקע נייע טאַלאַנטן, ווי אויך אַרויסגעגעבן „סמיכה" צו אייניקע אָנפאַנגער, וואָס ווען נישט די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" — וואָלטן זיי אפשר נישט געהאַט אַזוי גיך געשטיגן אויפן ליטעראַרישן לייטער.

צווישן די לעצטע זענען אויך געווען מנחם, משה זילבורג און דער נסתּר.

י. מ. ווייסנבערג, געדענק איך, איז דענסטמאָל עקסטרע געווען אַראָפּגעקומען פון וואַרשע קיין ווילנע צו די „טריפהנע" ליטוואַקעס „אָפּזוצן" אַביסל מאַנוסקריפּטן. דער עיקר האָט ער געוואָלט אויסברענגען אַ פּאָעמע פון עטלעכע הונדערט שורות... ער, ווייסנבערג, איז געווען זיכער, אַז אָט די דאָזיקע פּאָעמע זיינע איז טויזנט מאָל שטאַרקער פאַר זיין דערציילונג: „דער טאַטע מיט די בנים", וואָס ניגער האָט מיטביידע הענט געהאַט אָנגענומען פאַר די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן". — די פּאָעמע — האָט ווייסנבערג געטענהט — איז דאָך היילע „פּאָעזיע", בעת די דערציילונג איז דאָך נישט מער, ווי פּראָזע... אָבער די רעדאַקציע האָט זיך דווקא אָפּגעשטעלט אויף דער פּולבלוטיקער דערציילונג „דער טאַטע מיט די בנים", וועלכע איז טאַקע געווען אָפּגעדרוקט אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", און אים — ווייסנבערגן — געהאַט באַלד אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט די דאַמאָלסטדיקע עלטערע שרייבער אונזערע פון וואַרשע.

די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" האָבן אויך ווילנע גופא געהאַט דענסטמאָל אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פונם מאָדערנעם יידישן שאַפן און ווירקן. אַזוי-אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ שטיקל „קאָנקורענץ" דער ליטעראַרישער שול פון פּרצעס וואַרשע...

פון דענסטמאָל אָן האָבן טאַקע די „וואַרשעווער", באָמבערג, אַש, ווי אויך אַפילו פּרץ זיך אָנגעהויבן ציען קיין ווילנע, און ווערן צו איר נייגעריקער און אייפערזיכטיקער.

תורה שבעל-פה

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן" האָבן אויסגעהאַלטן נישט מער, ווי פיר נומערן, און אַ סך לייענער וואַרטן נאָך געוויס עד-היום אויף דעם המשך פון משה זילבורגס ראָמאַן: „איינער אַ מענטש" און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אָקאָרשט-אויפוואַכנדיקע יידישיסטישע באַוועגונג איז נאָך דענסטמאָל נישט געווען בכּוח אויסצוהאַלטן אַ ריין-ליטעראַרישע אויסגאַבע, וועלכע האָט געמוזט פלאַצן צום פינפטן נומער — דאָך אָבער האָט דער דאָזיקער געוואַגטער פאַרזוך אויפגעמונטערט די פאַרחלשט-פאַרבליבענע יידישע אינטעליגענץ, און ס'האָבן זיך אין אַלע גרעסערע יידישע צענטרען אָנגעהויבן אָרגאַניזירן קולטור-קעמערלעך. ס'איז געוואָרן אַן אמתע עפּידעמיע פון „הזמירס", „השחרס" און פאַרשידענע אַנדערע געזאַנג-פאַריינען, קולטור-קלובן א. ד. גל. אונטער פאַרשידענע העברעאישע אָדער יידישע נעמען.

אומעטום האָבן זיך געהאַט געפאָדערט רעדנער, פאָרלעזער, אַרטיסטן, און אַזוי-אַרום האָבן מערערע יידישע שרייבער און קולטורטוער אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער דער יידישער פּראָווינץ מיט לעקציעס אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע און קולטור-געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

צווישן די דאַמאָלסטיקע לעקטאָרן איז ש. ניגער שוין געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע.

מ'פלעגט אים פאַרשיטן מיט בריוו, טעלעגראַמעס, און אָפטמאָל אַפילו פלעגן זיך מעלדן ספּעציעלע דעלעגאַציעס מיט תּחנונים, ער זאָל זען אומבאַדינגט קומען אין דער אָדער יענער שטאָט צו דער אָדער יענער דאַטע.

גראָד פלעגן אַלע שטעט און שטעטלעך אויסקלויבן דווקא איין און די זעלבע דאַטע: חול-המועד פּסח אָדער חול-המועד סוכּות. נאַטירלעך, אַז דער ברודער פלעגט שוין מוזן אויסקלויבן די מער-וויכטיקערע פּונקטן.

איך געדענק, ווי איינמאָל איז געווען געקומען אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע צו ניגערן פון דער שטאָט קאָוונע. ניגער אַליין האָט זיי געהאַט די טיר געעפנט, און די צוויי מיט דרך-ארץ אָנגעפּאָמפּעטע און שטאַרק-ביינגעריקע דעלעגאַטן האָבן אָנגעהויבן ביי ניגערן שטאַרק באַכפּרעגן זיך אויף ניגערן... זיי וואָלטן וועלן, האָבן זיי געזאָגט,

רעדן מיט „אים" אַליין — מיט ניגערן... האָט זיי מיין ברודער דער־קלערט, אַז ער אַליין איז טאַקע ניגער. די צוויי דעלעגאַטן זענען אָבער געווען זיכער, אַז דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיי געעפנט די טיר, לצעוועט איבער זיי, וואָרום די קאָוונער יידן האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ניגער זאָל זיין אַזוי יונג און קליינוווקסיק. דאָס האָט אָבער ניגערן להלוטין גישט געהאַט געשטערט אַלץ מער און מער צו פאַרוואָרצלען זיך און פאַרצווייגן זיך אויף דעם פריש-אויפגעאַקערטן פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער די תורה שבעל-פה פלעגט ווערן אויסגענוצט נישט נאָר צוליב ריין-ליטעראַרישע צוועקן אַליין.

די אַלע קולטור-קלובן, געזאַנג-פאַריינען, און די אַפילו כלומרשטע טאַנץ-לאָקאַלן זענען דאָך געוואָרן דענסטמאָל דער עיר-מקלט פאַר דער גאַנצער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ.

די אַלע פריער-געוועזענע טריבונען, וואָס האָבן געהאַט אַראָפּגעשריען צו די יידישע מאַסן פון די פאַרשידענע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און דורך די פאַרשידענע פאַרטיי-אָרגאַנען — האָבן איצטער זיך אַ וואָרף געטאָן צו די כלערליי קולטור-אַנשטאַלטן, און פון דאָרט האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינשמוגלען צו די מאַסן די אונטערדריקטע פאַרטיי-אויפגאַבן און פאַרטיי-לאָזונגען.

אונטער דעם לאָזונג „יידישיזם", האָט מען געדאַרפט פאַרשטיין — קאַמף פאַר סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע; אונטערן באַגריף „וועלטלעכע קולטור", האָט מען געמיינט קאַמף מיטן קלעריקאַליזם א. ד. גל.

אַזוי-אַרום זענען טאַקע אַ סך פריער-געוועזענע רעדל-פירער פון די יידישע פאַרטייען געהאָלפן געוואָרן דורך דעם אויפשוווּנג פון דער יידישיסטישער באַוועגונג. זיי האָבן געהאַט באַקומען די מעגלעכקייט צו קענען אויסגיסן זייערע דערשטיקטע פאַרטיי-ליידנשאַפטן.

אמת, די ברייטערע יידישע מאַסן פלעגן אָפטמאָל נישט תמיד בלייבן צופרידן פון אָט די האַלב-פאַרמאַסקירטע פאַרטיי-רעדנער. ס'איז זיי שוין, קאָנטיק, דערעסן געוואָרן דער גאַנצער פרוכטלאָזער פאַרטיי-קאַמף, וואָס די „גענערעלער" פון די צעשלאָגענע רעוואָלוציאָנערע אַרמייען האָבן ווידעראַמאָל געוואָלט פאָרזעצן אויף די גאַנץ-נייע „פּאָזיציעס".

די דערשלאָגענע אַרבעטער האָבן, אַפּנים, נישט געוואָלט מער

הערן וועגן „פּאָליטישן קאַמף" אין די פאַרעווע געזאַנג- און קולטור-פאַריינען.

אַרום און אַרום האָט געבושעוועט די רעאַקציע, און ס'האָט גע-בלאָזן אַ בית-עלמין-עלנט פון אַלע פריער-געוועזענע בירזשעס, קלייזלעך און פאַרטיי-רעדאַקציעס. ס'פלעגט זיך אָפטמאָל אַפילו מערקן ביי די אַרבעטער נישט נאָר אַ ביטול, נאָר אויך אַפילו אַן אינסטינקטיווע שנאָה צום באַברילטן אינטעליגענט, וואָס מאָנט נאָך פון זיי אויסגאָב פון אַ קנעפּל...

מיין ברודער „וואָלאַדעק", וואָס האָט זיך שוין געהאַט דענסטמאָל קונה-שם געווען אַפילו ביי פּרצן אַליין מיט זיינע „בלייפעדער-נאָטיצן" וועגן פאַרשידענע יידישע דיכטער, פּובליקירנדיק זיי אונטער פאַר-שידענע פסיידאָנימען, ווי „באָניע ברכות", „באָנטשע שווייגס איי-ניקל", „ב. שוואַרץ" א. אַנד. האָט שוין נישט געקאָנט מער אַריבער-טראָגן די רדיפות מצד דער זשאַנדאַרמעריע און ער האָט זיך אָפּגע-טראָגן קיין אַמעריקע, נישט האָבנדיק אַפילו די מעגלעכקייט צו זאָגן מיר אַ זיי-געזונט, ווי די עלטערע ברידער מיינע האָבן דאָס געהאַט געמאַכט.

איז מיר פאַרבליבן אין רוסלאַנד דער איינציקער ברודער מיי-נער ש. ניגער, וועלכן איך פלעג נאָכגיין פוסטריט און שטומערהייט דורכמאַכן מיט אים אַלע זיינע פרייד און לייד.

„ליטעראַרישע ביילאַגעס"

מיטן נאָמען „ליטעראַרישע ביילאַגעס" האָבן מיר געהאַט גע-קרוינט יענע מיידלעך און פרויען, וואָס פלעגן פלוצלונג קריגן אַ שוואַכקייט צו דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, צו דער נייער יידיש-יידישיסטישער געזעלשאַפטלעכקייט, און זיי פלעגן זיך אַריינ-וואַרפן אין די ליטעראַרישע קרייזן מיט דעם זעלבן אימפעט און מיט דער זעלבער נייגעריקייט, ווי אַמאָל — אין די פאַרשידענע פאַרטיי-קרייזן, נישט וויסנדיק דענסטמאָל אַליין צוליב וואָס און פאַרוואָס זיי גייען אייגנטלעך „קעמפן" פאַר דעם אַרבעטער-קלאַס...

אויך די „ליטעראַרישע ביילאַגעס" האָבן נאָך נישט געהאַט גענוי געוווסט, פאַרוואָס די יידישע אינטעליגענץ האָט זיך פלוצים אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיט די „שטילע געזאַנגען" פון דוד איינהאָרן, צי מיט די

„פאָלקסטימלעכע געשיכטן” פון פרצן, בעת איגאָר סעוועריאַנינס „אַנאַנאַסן אין שאַמפּאַניער”, אַרציבאַשעווס „סאַנין”, אָדער אפילו אָטאָ ווייַנינגערס „געשלעכט און כאַראַקטער” זענען דאָך געווען פאַר זיי אַ סך טשעקאַווער און באַלערנדיקער.

אָבער אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס זיי, די באַלעבאַטישע טעכטער, האָבן זיך געווען אָנגעלייענט מיט די אויבנדערמאָנטע ווערק, האָבן זיך געווען אָנגעשטעקט מיט די ירידה-שטימונגען אין דער דאַמאָלסטדיקער רוסישער ליטעראַטור — האָבן זיי, די „ליטעראַרישע ביילאַגעס”, זיך געהאַט שטאַרק פאַרבענקט נאָך דעם מאָדערן-געוואָרענעם באָהעמע-לעבן. און ווו קאָן מען אַזאַ איינעם אין ווילנע געפינען, — אויב נישט אין די קרייזן פון דער יידישער ליטעראַטור, אויב נישט אין „סאַלאָן דע קרוטשע”?

האָבן זיך אָנגעהויבן מעלדן צו אונז פאַרשידענע יידישע טעכטער, וואָס אין די היימען זייערע פלעגן זיי מיט טאַטע-מאַמע, מיט פריינט און חברים רעדן שטרענג רוסיש, כדי די „אינטעליגענטישקייט” זייערע זאָל פון זיי, חלילה, נישט אָפּגעטאָן ווערן, אָבער ביי אונז אין „סאַלאָן דע-קרוטשע”, צי אין „געזאַנג-פאַריין”, פלעגן זיי אָנהויבן רעדן אַ געשמאַקן ווילנער יידיש, און זיי פלעגן אַפילו נישט פויל זיין צו געבן דיר פלוצלונג אַ דעקלאַמיר אויס איינהאָרנס אַ ניי ליד. נישט איינער פון אונז, יונגע דיכטער, פלעגט, פאַרשטייט זיך, באַקומען חשק צו ווערן פּאָפּולער דורך אָט די דאָזיקע „ליטעראַרישע ביילאַגעס”, און נישט איינער פון אונז פלעגט זיי שווערן אייביקע ליבע, ווייל וואָס טוט מען נישט צוליב דער אייביקייט!

— „זיי-זשע, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר!”

אמת, מיר, יונגע „באָהעמיקער”, מ׳שטיינס געזאָגט, האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אַז די יידישע „סאַניניסטקעס” פירן טיף אין האַרצן אַ גאַנץ-אַנדערן חשבון, אַ חשבון אַ ניכטערן, אַ טאַטע-מאַמישן... מיר האָבן שוין געוווסט, אַז אַ „ליטעראַרישע ביילאַגע” וועט דיר צאָלן האָנאָראַר אין נאַטור נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל דיין ביי ליד וועט געפינען חן אין די אויגן פון דער קריטיק, און וועט האָבן דעם געהעריקן רעזאָנאַנס. באַזונדערס שטאַרק פלעגן „האָנאָרירט” ווערן אין נאַטור יענע לידער, וואָס פלעגן זיין ספּעציעל געווידמעט דער אָדער יענער ליטעראַרישער ביילאַגע.

אמת, שטילערהייט, פלעגן מיר, יונגע, מבטל זיין, און אַפילו

לצעווען איבער די „ליטעראַרישע ביילאַגעס", כאָטש אונז פלעגט אָפט־מאָל שטאַרק פאַרדריסן, ווען איינע פון זיי פלעגט אַוועק צו אַ מער באַרימטן און באַקאַנטן, פאַר וועמען די אַליין האָסט זי טאַקע געהאַט פאַרגעשטעלט...

אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געשפּירט, אַז דער עצם ענין פון פאַרמאָגן אַ „ליטעראַרישע ביילאַגע" איז שוין געווען אַ שטיקל גאַראַנטיע, אַז מען פאַרמאָגט טאַלאַנט, און אַז מ'האָט שוין, הייסט עס, אַ שטיקל נאָמען אויף דער וועלט.

אויך איך פלעג אָפטמאָל שטאָלצירן מיט מיינע „ביילאַגעס", ווייל איך האָב זיי שוין געהאַט פאַרמאָגט נישט נאָר אַלס „ניגערס ברו־דער", נאָר אויך שוין — פאַר מיין אייגענעם דיכטערישן יחוס.

טיף אין האַרצן פלעג איך אָבער אָפטמאָל אונטערבענקען נאָך סאָניען, נאָך דער שטילער, פאַרקלעמטער סאָניע, וואָס זיצט ערגעץ אין דער טיפער פּראָווינץ איבער פרעמדע תפילין־ און טליתים־זעק־לעך, וועלכע זי נייט אויס מיט צאינה־וראינהדיקער צניעות, און אין די איינזאַמע וועלפּישע נעכט — שרייבט זי בריוו און לידער צו מיר און וועגן מיר.

איך האָב שוין גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אָט די סאָניע, מיטן וועל־פישן שרעק איבער זיך און אין זיך, איז אויסן געווען טאַקע מיך אַליין, מיך, דעם „פּליאַגע" און דעם „געטשקע", אָט, ווי איך שטיי און גיי. זי האָט נעבעך, נישט געוווּסט, סאָניע, אַז די אויסגעגייטע העמדלעך אירע, וועלכע זי פלעגט מיר שיקן קיין ווילנע, ווי אַ מאַמע שיקט דעם זון אירן אַ פאַר וועש אין קאַזאַרמע, אַז אָט די אויסגעגייטע העמדלעך אירע מיט די אויסטערלישע פּרוכות־קווייטן האָבן געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג ביי די „ליטעראַרישע ביילאַגעס", אַרום וועלכע זיי פלעגן אָפטמאָל שטאַרק צעקנייטשט ווערן...

דאָס איינציקע, מיט וואָס איך האָב געקאָנט סאָניען אָפּדאַנקען פאַר איר מי און ליבע צו מיר — איז געווען אויסצוקלויבן איינס אַ לידל פון אירע לידער, וואָס פלעגן ביי מיר ליגן אין די צענדליקער און עס אָפּדרוקן אין איינעם אַ זשורנאַל.

עס איז גראָד געווען ערב שבועות. ליפּמאַן־לעווין, וואָס האָט דענסטמאָל אין דער יידישער ליטעראַטור שוין געהאַט אַ גאַר גרויסן נאָמען, האָט ווי אַלע אַנדערע ערב יום־טובים, געהאַט געזאַמלט בחנם־דיקן מאַטעריאַל פאַר אַ שבועות־בלאַט, פון וועלכן ס'פלעגט אים בלייבן

בטבע א ריינער פינפאונצוואַנציקער אויף יום-טוב, — איז צו אַט דעם גוטמוטיקן מקיל-רעדאַקטאָר ליפמאַן-לעווין האָב איך געהאַט געבראַכט דענסטמאָל לכּבוד שבועות אַ בחנמדיק לידל, אָבער נישט אַן אייגנס, נאָר טאַקע סאָניעס, וועלכן כ'האָב געהאַט פריער ליטעראַריש „באַאַר-בעט", אַרויסוואַרפנדיק די ריין-פּערזענלעכע ווענדונגען צו מיר.

דאָס ליד האָט זיך געלייענט אַט ווי:

„ס'רוט די מידע וועלט פאַרחלומט
אונטער שוואַרצן צויבער-פליגל.
איבער וואַלד און פעלד און פויגל
האָט די נאַכט געלייגט איר זיגל.

שלאָפן זאַנפט די יונגעביימער,
און די נעסטן רויק שווייגן,
די לבנה שווימט געלאַסן
דורך די שטיל-פאַרוויגטע צווייגן.

ערגעץ-טיף אין שוואַרצן הימל
גליט אַ שטערנדל אַ בלאַסער.
ווינטלעך באָדן אים און וויגן
אין דעם שטילן, קילן וואַסער.

מיין געליבטן ביי דעם וועלדל
זע איך, ווי אין חלום זיצן.
זיינע אויגן — צוויי בריליאַנטן —
דורך די שאָטנס טוען בליצן.

באַלד דערהער איך — ס'רופט אַ שטימע:
„קום, געליבטע, זיי מיין שטערן,
קום צום וועלדל דורך די גראָזן —
קיינער זאָל די טריט נישט הערן...

די אונטערשריפט איז געווען: „סאָניאַ ליפשיץ".

*

ליפמאַן-לעווין איז פון דעם ליד געוואָרן זייער באַגייסטערט, כאָטש ער האָט מיך געהאַט חושד געווען, אַז „סאָניאַ ליפשיץ" איז מיין אייגענער פּסייד אָנים.

אין אַ וואָך אַרום איז שוין דאָס ליד געווען אָפּגעדרוקט אויף

אַ בכבודיקן אָרט אינם „שבועות-בלאַט״ פונם יאָר 1908, און כ׳האָב מיך דערנסטמאָל דערפילט, ווי איך וואָלט געהאַט ענדלעך אָפּגעצאָלט עמעצן אַ גרויסן פאַרלעגענעם חוב...

איך לייג תפילין

כ׳בין ווידעראַמאָל זומער-צייט אַוועק קיין זעמבין צו דער מאַמען. די מאַמע האָט מיר אַרויסגערופן „זעען זיך״. כאָטש איינמאָל אין יאָר, שרייבט זי, מוז זי מיך זען, אַנישט מיינט זי גאָר, אַז זי איז, חלילה, פון אַ שטיין...

איך פלעג פאָרן צו דער מאַמען זייער גערן. בפרט נאָך, ווען אויך מיין שטיף-טאַטע (פעטער קליאַנסקי) האָט זיך מיר אויך איינגעבאַקן אין הארצן, זינט ער האָט מחלל-שבת געווען, כדי צו קאָנען ראַטעווען דעם שטיף-זון זיינעם שמואלן, פון דער שטראָף-עקספּעדיציע.

אמת, פון דענסטמאָל אָן האָט מען אין זעמבין אָנגעהויבן באַרעדן מיין פעטער, אַז ער טרעט שוין צופיל איבער דעם גדר צוליב דער מאַמען מיינער. ס׳איז בכלל אַ זינד — האָבן שטעטלדיקע פרומאַקעס געטענהט — אַזויפיל זיך מוסר-נפש צו זיין צוליב שטיף-זין „סאָציאַליסטן״, אָבער דער פעטער מיינער איז דאָך פאַרבליבן געטריי דער מאַמען מיינער, ווי אויך די קינדער אירע.

ער איז געווען, דער פעטער מיינער, גאַנץ זיכער, אַז ס׳איז אַלץ פון גאָט, און אַז מען טאָר אויף קיינעם קיין תרעומות נישט האָבן. פלעג איך שטילערהייט מקנא זיין דעם פעטער מיינעם, הלמאי ער לעבט זיך אָט אַזוי אַ גאַנצן לעבן אָן קיינע שום ספקות און איז אויסגעהאַלטן אַלע פיראונצוואַנציק שעה פון זיין מעת-לעת.

האָב איך אָנגעהויבן זוכן וועגן און מיטלען, ווי אַזוי זיך אויסצוגלייכן מיטן פעטער, און אָנהויבן לעבן פונקט אַזוי רואיק און זיכער, ווי ער.

ווי גוט וואָלט געווען — האָב איך דענסטמאָל געטראַכט, ווען איך קאָן פאַרבלייבן אין שטעטל אַ גאַנצענעם לעבן, ווען איך קאָן מיך פאַרשטעקן הינטערן אָרון-קודש פון דער געמויערטער שול און לאָזן דאָרטן אויסלייטערן זיך אַלע מיינע וועלפּישע בלוטן, וואָס ברענען מיין לייב!

ווי גוט וואָלט געווען — האָב איך דענסטמאָל געטראַכט, ווען איך קאָן פון זיך אַרויסטרייבן דאָס משוגעת, אַז איך בין פּלומרשט באַשאָפן געוואָרן צוליב העכערע צוועקן, און אַז איך מוז פּלומרשט באַפרייען אַ וועלט, וועלכע וויל, אפשר, גאָרנישט באַפרייט ווערן?

איך ווייס, דאָס האָב איך דענסטמאָל זיך געהאַט אָנגעשטעקט מיט ד. איינהאָרנס „שטילע געזאַנגען״, מיט ז. סעגאַלאָוויטשעס „שטילע טרוימען״, מיט ב. לאַפּינס „אומעטיקע וועגן״, מיט מנחמס „שוואַרצע רויזן״, אָדער „תּפילות פון אַ שוואַכן״, און מיט נאָך און נאָך אַט אַזעלכע ירידה-שטימונגען ביי מיינע פריינט און קאָלעגן.

צי אפשר גאָר האָב איך זיך געהאַט אָנגעשטעקט מיט רעליגיעזן עקסטאַז פון סאָניעס געשענקטע העמדלעך, וועלכע זי פלעגט געוויס אויסנייען מיט די זעלבע וואָטשקע און זייד-פעדים, מיט וועלכע זי פלעגט אויסנייען אירע פּרוכתן און טלית- און תּפילין-זעקלעך. — ווער ווייס דען, פון וואַנען ס׳האָט זיך אין מיר אַריינגעכאַפּט דער דבוק פון יענוועלטיקייט, דער דבוק פון פאַרצייטיקע, אָבער דאָך נאָך נישט פאַרגאַנגענע דורות.

האָב איך אָנגעהויבן לייגן תּפילין. כ׳האָב אויך אָנגעהויבן גיין אין שול אַריין, און נאָכדעם זיך מתיחד זיין מיט דער מאַמען און פעטער, פונקט איך וואָלט דאָ, אין זעמבין, ווו איך האָב מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געהאַט דורכגעפירט דעם ערשטן שטרייק ביי יאַנקל דעם שטעפער, נישט געהאַט קיין שום בונטאַרישע פאַרגאַנגענהייט.

דעם פעטער איז מיין אויפפירונג, פאַרשטייט זיך, שטאַרק געפעלן געוואָרן. די מאַמע אָבער האָט דערשפּירט, אַז איך בין עפּעס „נישט מיט אַלעמען״, אַז איך באַהאַלט וואָס פון איר, און זי האָט מיך אָנגעהויבן צו באַרויִקן, אַז אויב איך טו דאָס צוליב דעם פעטער — איז דאָס לאו דווקא. דער פעטער איז נישט גאָטס סטראַפּטשע, און כ׳האָב נישט פאַר אים וואָס צו סטאַרען זיך אַזוי, — וויבאַלד עס קוועטשט מיך.

גיי דערצייל דער מאַמען, אַז ס׳קוועטשן מיך דווקא נישט די רצועות פונעם של-יד, נאָר די ביינצן, צוואַנציק יאָר מיינע, וועלכע איך האָב נישט לחלוטין ווו אַהינצוטאָן.

— נו, אדרבא, ווו זאָל איך זיי אַהינטאָן? — האָב איך אָנגעהויבן צושטיין צו דער מאַמען, ווי זי איינע וואָלט געווען שולדיק אין דעם,

וואָס איך בין אַריינגעוואַקסן אין די נײַנצן, צוואַנציק יאָר, און וואָס איך האָב זיי נישט ווי אַהינצוטאָן.

— דו שרײַבסט דאָך עפּעס... — האָט די מאַמע, קענטיק, מיך געוואָלט באַרויִקן.

— שמואל שרײַבט בעסער פֿאַר מיר, און דאָך האָט ער אויך נישט אויף חיונה — האָב איך זי יאוּשדיק איבערגעשלאָגן.

— אויב אַזוי — האָט די מאַמע צו מיר פֿאַרזיכטיק אַ זאָג געטאָן — אויב אַזוי, איז אפֿשר כּדאַי אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ תּכלית פֿאַר דיר...

קענטיק, אַז דער פֿעטער האָט שוין מיט דער מאַמען מײַנער געכאַפּט אַ שטיקל שמועס, וועגן עפּעס אַ „תּכלית" פֿאַר מיר. די מאַמע אָבער האָט דאָך קיין מוט נישט געהאַט מיר אָפֿן צו דערציילן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך — האָט זי עס גענומען איבערלייגן אויף איר געוויינלעכער רמזים-שפּראַך, ווי זי איז עס פֿון תּמיד אָן געוווינט געווען ביי די שמועסן מיט מיר.

אָט דער פֿאַרשטעלטער שמועס וועגן עפּעס אַ תּכלית פֿאַר מיר האָט שוין געהאַט איבערגעדרייט אַלע מײַנע רעיונות, האָט מיך אַרויסגעשלאָגן פֿון מײַן פּלומרשט-רעליגיעזן גלייכגעוויכט, און נאָך אין דעם זעלביקן אָוונט בין איך אַוועק צו מײַן פֿאַרגוישטן חבר זלמן פּאַדנאָס, וואָס איז געווען אַזאַ בריה ביים פֿונאַנדערקלויבן זיך אין אַלע פּאַראַגראַפֿן פֿונם שווער-לייביקן „סוואָד זאַקאָנאָוו", נאָר איז געווען, נעבעך, אַזוי אומבאַהאָלפֿן ביים אונטערהאַלטן די ליבע-קאָרעספּאָנדענץ מיט זײַן מיידל פֿון כאָלאָפּעניטש, מיט וועלכער ער האָט יאָרנלאַנג זיך געהאַט איבערגעשריבן, און נאָך עד-היום נישט געקאָנט מיט איר צונויפֿרעדן זיך וועגן „תּכלית".

האָב איך געמוזט אויפֿדאָסנײַ אים אָנהויבן דיקטירן אַ הייסן טיף-פּאָעטישן ליבע-בריוו צו דער כּלה זײַנער, אַ בריוו, וועלכן איך האָב שוין, אַגבֿ, אים געהאַט דיקטירט נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק.

אַרײַנקומענדיק אין שטימונג פֿון דעם באַשטעלטן ליבע-בריוו צו איינער, אַן אומבאַקאַנט מיידל אין כאָלאָפּעניטש — האָב איך שוין פֿאַראייינוועגס באַשלאָסן אָנצושרײַבן אַ ריפֿמירטן ענטפֿער אויף סאָניעס ליד צו מיר.

דער ענטפֿער מײַנער צו סאָניען האָט זיך געלייענט אָט ווי:

„קום צו גיין, קום צו גיין היינט ביינאַכט,
ווען דאָס אויג פון דער וועלט איז פאַרמאַכט,
ווען אויף אַלץ רוט אַ בלאַסלעכער שיין,
וואָס באַצויבערט און שלעפערט דיך איין.
קום צו גיין היינט ביינאַכט אין דער שטיל,
און נישט פרעג, צוליב וואָס פאַר אַ ציל,
ווי עס פרעגט נישט דער פויגל ביים בוים,
צוליב וואָס קלויבט ער אויס דאָ זיין היים.
קום צו גיין און פאַרלעש מיין געדאַנק.
כ'בין פון לעבן פאַרסמט, איך בין קראַנק —
וויג מיך איין אין דיין שויס, ווי אַ קינד,
מיט דיין שיין מאַך מיך בלינד, מאַך מיך בלינד."

איך זע זיך מיט אַ כּלה

אַ פאָר וויאָרסט הינטער זעמבין האָט געוווינט איינער אַ רויטער ייד, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע ציגעלניע, און דריי טעכטער, ווי דריי מויערן.

אָט דער ציגעלניק, דעם פעטער קליאָנסקיס אַ שטיקל קרוב, האָט אויסגעזען, ווי ער אַליין וואָלט געווען אויסגעקנאָטן פון ציגל־ליים, און דורכגעברענט אויף אַלע פייערן פון יידישע צרות.

האָט אָט דער פאַרהאַרטעוועטער ציגעלנער ייד, דערזעענדיק מיך ביי איינעם אַ שבתדיקן דאַוונען, געוואָרפן אויף מיר אַן אויג. נאָך „אויסשפּייעניש" האָט ער עפּעס בלחש אַ זאָג געטאָן צו דעם פעטער מיינעם אין שטאַרק־פאַרוואַקסענעם אויער אַריין. דער פעטער מיינער האָט שוין נאָך דעם שבתדיקן דרימל איבערגעגעבן דעם ציגעלניקס סוד דער מאַמען מיינער. בין מנחה־למעריב האָט די מאַמע מיינע אַריבערגעוואָרפן אָט דעם סוד צו מיר — דעם מיזיניק אירן — ווי זי וואָלט וועלן פון דעם דאָזיקן סוד וואָס־גיכער פּטור צו ווערן.

— וואָס אַ ישובניק פאַרגלוסט זיך! — האָט די מאַמע פון זיך אַליין געהאַט צוגעגעבן, ווי זי וואָלט שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז ס'איז נישט פאַר מיר קיין גלייכע פּאָר.

— און צוריק גערעדט, — האָט זיך די מאַמע באַלד פאַרכאַפּט, ווי זי וואָלט זיך אָנגעהויבן מיישב זיין מיט זיך אַליין, — און צוריק

נערעדט, וואָלסטו זיך דאָך מחיה געווען, ווען דו האָסט אַ שטיקל היים, און טאַקע דאָ, נאָענט נעבן אונז...

— האַ, דאַניע, וואָס זאָגסטו צו אָט דעם איינפאַל? — האָט שוין די מאַמע אָנגעשטעלט אויף מיר אירע צוויי סאַמעט־ווייכע אויגן, נישט וואַרטנדיק, אייגנטלעך, קיין שום ענטפער פון מיר...

— איך מיין, אַז מען דאַרף זיך פונדעסטוועגן זען מיט איר...

— האָב איך אומגעריכט פאַר דער מאַמען און פאַר זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, נישט ווּיסנדיק אַליין, ווו אַן ערך שטעקט דאָ דער וויץ, און וואָס אַן ערך בין איך אויסן געווען מיט אָט דעם „זען זיך" גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין.

איך בין דענסטמאָל, אַפּנים, געווען זיכער, אַז אַ „דיכטער" מעג זיך אַלץ דערלויבן, און מיין דיכטערישע נייגעריקייט האָט געהאַט גובר געווען דענסטמאָל די לאָגיק, און אפשר אויך דאָס געוויסן מיינס.

כ׳בין זיך מודה, אַז די קינדערשע נייגעריקייט מיינע איז נאָך עד־היום מיין גרעסטע ליידנשאַפט.

די זעאונג איז פאָרגעקומען. די ישובישע שטוב הינטער זעמבין איז אין אַ מיטן מיטוואָך געוואָרן יום־טובדיק פאַרפּוצט. אויפן טיש האָט אַ געלער, גוט אויסגעשייערטער סאַמאָוואַר געדרויכערט צוויי פּיפּקעס מיטאַמאָל. די היץ אין שטוב איז דורך דעם נאָך גרעסער געוואָרן.

ביים טיש זענען געזעסן דריי פאַרברוינטע מוידן, ווי גוט־געפּיטערטע גענז. זיי האָבן, נעבעך, נישט געוווּסט ווו אַהינצוטאָן די דריי פּאָר שמאַלציקע הענט און אויגן זייערע. ביי דער עלטסטער האָבן זיך פלוצלונג די חן־גריבלעך געהאַט אָנגעגאָסן מיט אַזאַ מין נישט־געשטילטער תאווה, אַז זי וואָלט געווען גליקלעך, ווען די מאַמע שיקט זי איצט אַוועק ערגעץ אין אַ גאַנג...

האָט מען טאַקע באַלד דיביידע יינגערע שוועסטער צוגענומען פונם גאַסט־צימער. ס׳איז פאַרבליבן נאָר די עלטערע אַליין, די כלה־מויד, וואָס וואָלט געווען גליקלעך, ווען אויך זי שיקט מען איצטער אַרויס פון דאַנען...

מען האָט זי אָבער נישט אַרויסגעשיקט. פאַרקערט, מען האָט איר אָנגעהויבן שטעלן פראַגעס — וועגן באַלעבאַטישקייט און מסחר, כדי מיר, חתנס צד, זאָלן זען, סאַראַ בר־דעת זי איז. „שפּעטער אַביסל

האָבן זיך אויך די עלטערן אַרויסגערוקט פאַוואָליע פון צימער, כלומרשט ווייזן פאָטאָגראַפיעס פון די אַמעריקאַנער קרובים, — איבערלאָזנדיק מיך אויג אויף אויג מיט דער פאַרגוויאישטער, קלעצלדיקער, אָבער דאָך גאַנץ גאַנץ באַוועגלעכער כלה־מויד, מיט וועמען איך האָב, הייסט עס, געדאַרפט כאַפּן אַן אינטימען און זאַכלעכן שמועס.

— איך מיין, אַז ווען מיר זאָלן מיט מזל חתונה האָבן — וועט דאָ אונז זיין גאַנץ ענגלעך — האָב איך מעשה געניטער אַרטיסט אָנגעהויבן אָן אַ סופּליאָר שפּילן מיין ראָלע.

די כלה איז פון מיין אומגעריכטער פאַמיליערקייט געוואָרן רויט, ווי צונטער, און, פעטנדיק די קלעצלדיקע פינגער אין די פרענז פון טישטוך — האָט זי באַלד מעכאַניש אַ זאָג געטאָן, ווי טאַטע־מאַמע הינטער דער טיר וואָלטן איר אונטערגעזאָגט:

— טאַטע קלויבט זיך צו אויסבויען אַ שטיבל הינטער דער ציגעלנע, קלויבט ער זיך...

— אָבער ווינטער־צייט מוז דאָ זיין זייער סומנע... — האָב איך זיך שוין גענומען ציען אויף צוריק.

— יאָ, ווינטער־צייט איז דאָ אומעטיקלעך, — האָט שוין די כלה־מויד זעלבסשטענדיק אַ זאָג געטאָן, זייענדיק, קענטיק, צופרידן, וואָס איך בין אַריבער אויף אַן אַנדער שמועס.

— און וועלף ווייזן זיך נישט פון וואַלד? — האָב איך פּלוצים אַ פרעג געטאָן, דערמאָנענדיק זיך גראָד איצטער אָן דער אומגליקלעכער סאָניען, וואָס בענקט געוויס נאָך איר משוגע־געוואָרענעם וואָלף.

— ווינטער־צייט זעט מען דאָ נישט אַפילו קיין משוגענעם הונט...

— איז די מויד פּלוצים געוואָרן רעדעוודיק און היימיש.

— אָבער זומער־צייט זענען זיי דאָ גענוג.

— ווער? — האָט די מויד דערשראָקן מיך אָנגעקוקט.

— די הינט, די משוגענע הינט מיין איך! — האָבן שוין אָנגעהויבן ווידעראַמאָל שפּילן אין מיר די „טריפהנע בלוטן", און איך וואָלט דענסטמאָל אין אַ מיטן דערינען זיך געהאַט געוויס פונאַנדערגעסקאַוועטשעט, ווי אַ הונט אויף דער לבנה, ווען איך כאַפּ זיך נישט, אַז אינם צווייטן צימער זיצן דאָך די מאַמע מיינע און דער פעטער, און דער מוידס עלטערן, און וועלנדיק זיך אליין ווי עס איז באַצווינגען — האָב איך שוין מיט אַ פּאָר אָקטאַוועס נידעריקער אָנגעהויבן אַריינטענהן צו דער צעטומלטער כלה־מויד, אַז איך מיין דאָס

די אינטעליגענטן, מיין איך דאָס — די יידישע אינטעליגענטן, וואָס לויפן זיך אָן זומער־צייט אין די אַלע יידישע ישובים, און פּראַוועון דאָרט הינטישע שטיק, מיינענדיק, אַז זיי איז אַלץ דערלויבט, און אַז מ'וועט זיי מוחל זיין אַלע זייערע משוגעתן.

— אַט, למשל, איז אָנגעקומען איינער אַ באַקאַנטער מיינער אין אַ שטעטל, — האָב איך אָנגעהויבן אילוסטרירן מיין געדאַנק, איז ער געקומען אין זיין היימאַט־שטעטל, און ער האָט אָנגעהויבן דאָרטן אָרגאַניזירן אַ קרייז פאַר „פרייער ליבע".

— הלמאַי, זאָגט ער, איז אין מינסק שוין לאַנג פאַראַן אַזאַ מין קרייז — מוז מען, זאָגט ער, אויך אין דער פּראָווינץ עפענען אָפּטיילונגען פאַר פרייער ליבע... דאָס גאַנצע שטעטל איז, פאַרשטייט זיך, אַוועק כאַדאָראָם, נו, נו...

מיין כלה־מויד האָט אָבער, לאָזט זיך אויס, אַפילו נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וועגן וואָס איך דערצייל איר דאָ. זי האָט אָנגעהויבן צוקן מיט די אַקסלען, און אַריינקוקן אין שוואַרצן קוימענדל פון סאַמאָוואַר, ווי זי וואָלט דאָרטן געזוכט אַ פּאָר גליענדיקע קוילן, וואָס זאָלן כאָטש דעם סאַמאָוואַר מאַכן זינגעוודיק, נאָר נישט געפינענדיק אַפילו קיין איין פונק אויף דער דעק פונם שוואַרצן קוימענדל— האָט די כלה־מויד פלוצים אָנגעבלאָזן די באַקן, און כ'האָב אַליין נישט געוווסט, צי האָט זי מיט דעם געוואָלט פאַנאַנדערבלאָזן די איינגעשלאָפענע קוילן אין סאַמאָוואַר, צי אפשר גאָר זיך פונאַנדערוויינען אויפן אומגליק פון אירע ביז איצט נאָך נישט־געשטילטע ליידנשאַפטן.

ערשט שפּעטער אַביסל, ווען די גאַנצע ישובישע משפּחה האָט אונז געהאַט אַרויסבאַגלייט אויפן שמאָלן, זאַמדיקן טראַקט, וואָס האָט געפירט צום שטעטל — פילנדיק, אַז מיר לאָזן זיי איבער מיט „גאָר נישט" — האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו קלעמען פאַר אָט דער אומשולדיקער יידישער טאָכטער, מיט וועלכער איך האָב אַ שפּיל געטאָן טעאַטער, און כ'האָב מיך אָנגעהויבן שעמען צו קוקן דער מאַמען גלייך אין די אויגן אַריין.

אין אַ פאָר טעג אַרום בין איך שוין געווען אָפּגעפאָרן קיין בערעזין „זעען זיך" מיט מיינע פאַרטיי־חברים, און אפשר אויך מיט סאָניען...

דאָס בונטאַרישע טלית־זעקל

די בערעזינער אינטעליגענץ, אָן אונטערשיד פון פריער־געוועזענער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט האָט מיך היינטיקס מאָל אויפגענומען זייער גאַסטפריינטלעך. מען האָט שוין אין שטעטל געוווּסט, אַז פאַר די פאַר יאָר, זינט איך האָב געהאַט פאַרלאָזן בערעזין, האָב איך זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ דיכטער. מען האָט מיך אָנגעהויבן איינלאַדן אין אַלע באַלעבאַטישע הייזער פון שטעטל, און דאָס ביסל אינטעליגענץ האָט אַפילו אָנגעהויבן צו מיר צושטיין — כ׳זאָל פאַר זיי פאָרלייענען מיינע לידער, אָדער גאָר האַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

אָבער היינטיקס מאָל בין איך דאָך געווען געקומען קיין בערעזין צוליב ריין־אינטימע אָנגעלעגנהייטן. איך האָב פשוט געוואָלט זעען זיך מיט סאָניען, און אַ קוק טאָן, צי איז זי צופרידן, וואָס איך האָב אָן איר דערלויבניש געהאַט פּובליקירט אירס אָן אינטים לידל צו מיר? איך האָב געוואָלט זעען, צי פאַרשטייט זי כאָטש, אַז דורך דעם האָב איך, אייגנטלעך, זיך געוואָלט אויסקוויטעווען מיט איר פאַר איר אויסערגעוויינלעכער ליבע צו מיר?

סאָניע אָבער האָט מיין באַהאַלטענע כוונה נישט געהאַט באַגריפן. אַדרבא, זי איז דורך דעם פּובליקירטן ליד אירן געוואָרן צו מיר נאָכמער צוגעבונדן. זי האָט עס געהאַט אויסגעטייטשט אויף איר אייגענעם ווייבערשן שטייגער. זי איז געוואָרן זיכער, אַז דורך דעם, וואָס איך האָב אָפּגעדרוקט אירס אַ ליד צו מיר — האָב איך שוין במילא לעגאַליזירט איר ליבע צו מיר, האָב איך שוין במילא אויך אָנגענומען איר ליבע צו מיר...

צוליב דעם טאַקע איז זי נישט פויל געווען, סאָניע, און זי האָט איבערגעגעבן די עסעסישע פאָן, וואָס איך האָב געהאַט ביי איר באַהאַלטן, אין אַ טלית־זעקל. אויף אָט דעם דאָזיקן טלית־זעקל האָט זי אויסגענייט מיין פולן נאָמען מיט דער פאַמיליע. ס׳האָט זיך באַקומען, אַז דער נאָמען מיינער איז פאַר איר פונקט אַזאַ הייסער בונטאַרישער לאָזונג, ווי די פריער־געוועזענע בונטאַרישע לאָזונגען, וואָס זי אַליין האָט ערשט מיט אַ פאַר יאָר צוריק געהאַט אויסגענייט אויף דעמזעלבן שטיק רויטן געוואַנט.

דער איינפאַל אירער פון פאַרוואַנדלען אַן ערשט־מאַיאיקע רויטע

פאַן אין אַ טלית-זעקל — האָט מיך שטאַרק איבעראַשט און צעטומלט. ס'האָט זיך באַקומען, אַז סאָניע האָט דורך דעם מיט מיר סימבאָליש חתונה געהאַט, און ס'איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז סאָניע וועט, נעבעך, האָבן דעמזעלבן סוף, ווי רבקה לאה מערעס, וועלכע האָט צו מיין בר-מצווה אויסגענייט פאַר מיר אַ תפילין-זעקל, און זי איז, נעבעך, געשטאָרבן, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף מיין בר-מצווה.

האָט מיך פאַרכאַפּט אַ גרויס רחמנות אויף סאָניען, וואָס וועט, נעבעך, מוזן שטאַרבן פאַר דער צייט, און כ'האָב נישט געהאַט געפּו-נען פאַר איר דענסטמאָל קיין איין-איינציקן טרייסט-וואָרט. אַדרבא, איך האָב זי אַפילו פּרובירט מוסרן, וואָס זי האָט פאַרשוועכט די רעוואָלוציע. זי האָט פאַרשוועכט אַן עסעסישע פאָן, וועלכע האָט ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַזוי הייס און בונטאַריש געהאַט געפלאַטערט איבער די בערעזינער גאַסן. זי אַליין, סאָניע, האָט דאָך צוזאַמען מיט אונז געהאַט דעמאָנסטרירט אונטער דערזעלבער פאָן. ווי-זשע קאָן מען דאָס פאַרוואַנדלען אַ רעוואָלוציאָנערע פאָן אין אַ טלית-זעקל? און וואָס, אַן ערך, וועל איך טאָן, ווען מיינע פריער-געוועזענע פאַר-טיי-חברים, ווי נישע קאָנספּיראַטאָר, אָדער מייזל דער זייגערמאַכער וועלן באַלד קומען צו מיר מאָנען זייער פאָן, וואָס איך האָב געהאַט אויסבאַהאַלטן ביי סאָניען?

— וואָס וועל איך זיי קאָנען זאָגן, און מיט וואָס וועל איך זיך קאָנען פאַר זיי פאַרענטפערן?

זאָל איך אָנהויבן פאַר זיי דעקלאַמירן מיין ליד:

„קום צו גיין, קום צו גיין היינט ביינאַכט,
ווען דאָס אויג פון דער וועלט איז פאַרמאַכט,
ווען אויף אַלץ רוט אַ בלאַסלעכער שיין,
וואָס באַצויבערט און שלעפערט דיך איין".

וועלן זיי דען, די פריער-געוועזענע חברים מיינע, פאַרשטיין דעם אומזין פון דעם זין? וועלן זיי דען פאַרשטיין, אַז ווייבאַלד „דאָס אויג פון דער וועלט איז פאַרמאַכט" — מעג שוין סאָניע איבערמאַכן די רויטע פאָן אין אַ טלית-זעקל?

אָט די דאָזיקע שווערע געדאַנקען האָבן מיך אָנגעהויבן דענסט-מאָל שטאַרק פּלאָגן, און כ'האָב געהאַט באַשלאָסן צו פאַרשטעקן זיך אין מיין קרעמערשן קאָסטיום, וואָס איז נאָך געווען געלעגן גאַנץ ביי

מיין שוועסטער, און אַזוי־אַרום האָב איך ווידער באַקומען אַ צוטריט צו די פּויערים פון דאָרף, וועלכע איך האָב מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געוואָלט מאַכן פאַר עסעסאָווצעס...

איך בין געווען ביי־געריק צו וויסן, וואָס איז געוואָרן פון יענע עטלעכע גויאישע „עסעסן", וועלכע כ'האָב מיט אַ פּאָר יאָר צוריק גע־האַט צוגעקנעפּלט צו אונזער באַוועגונג, און זיי געהאַט דענסטמאָל צו־געזאָגט, אַז אָט־אָט גייט אַרויס אַ מאַניפעסט וועגן פאַרטיילן ערד צו די פּויערים, און וועגן פרייהייטן פאַר אַלע פעלקער פון רוסלאַנד.

זיי, די פּויערים, האָבן דאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק נאָך גע־האַט צו אונז, יידישע בחורימלעך, דעם גרעסטן צוטרוי. זיי, די פּויע־רים, פלעגן דאָך קומען צו אונזער „קאָמיטעט" משפּטן זיך, און זוכן יושר, וויסנדיק פאָרויס, אַז יושר און גערעכטיקייט קאָן מען געפינען נישט ביים זעמסקי נאַטשאַלניק, און נישט ביים שיכּורן ריכטער פון וואָלאָסט, נאָר ביי אונז — יידישע דעמאָקראַטן.

זייער אָפט פלעגן די פּויערים ברענגען פון דאָרף מתּנות, אַ פּאָר הינער, אָדער אַ פּאָר צענדליק אייער ספּעציעל פאַר דעם „קאָמיטעט".

ווי אַלץ אָבער האָט זיך געענדערט פאַר די לעצטע פּאָר יאָר. די פּויערים וואַרטן שוין נישט מער אויף „מאַניכוועסטן" וועגן פאַר־טיילן די פּריצישע נחלאות.

די פּויערים זוכן שוין נישט מער ביי די „קאָמיטעטן" שוץ און האָפענונג. די פּויערים פאַרטרינקען שוין ווידער די פּאָר גראָשנס זייערע אין דער מאָנאָפּאָלקע, און אַפילו די עטלעכע יונגע פּויערים, וואָס כ'האָב געהאַט אויסאַגיטירט, און וועלכע האָבן שוין ביי מיר גע־האַט געלערנט די בראָשורקעס „שפּינען און פליגן", „אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע" א. ד. גל., זענען געוואָרן פּשוטע מוזשיקעס, וואָס האָרעווען אונטערטעניק פאַר דעם קולאַק פון דאָרף און פאַר דעם גלח. האָב איך זיך אָנגעהויבן שעמען צו קוקן די פּויערים גלייך אין די אויגן אַריין, ווי כ'וואָלט געווען שולדיק אין דעם, וואָס די רעוואָ־לוציע איז דורכגעפאַלן.

נאָך גוט, וואָס די פּויערים האָבן נישט אָנגעהויבן מאָנען ביי מיר צוריק די הינער און די אייער, וואָס זיי פלעגן אין יענע גוטע יאָרן שענקען דעם יידישן „קאָמיטעט", שענקען, הייסט עס, דער רעוואָלוציע!

מײַן פּריזיװ

מײַן פּאַספּאָרט האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז כ׳בין שױן מיט מזל איבער צװאַנציק, און אַז ס׳שמעקט שױן מיטן פּריזיװ. איך בין געװען זיכער, אַז דער פּאַספּאָרט לצעװעט איבער מיר. װוּ, אַן ערך, זענען דאָס די צװאַנציק יאָר מײַנע, װעלכע ער האָט מיר באַװיזן? בין איך דען נאָך נישט פּונקט אַזױ אומבאַהאָלפן, פרײפֿױגלדיק און אומגעלערנט, װי מיט פינף, אָדער צען יאָר צוריק? אַפילו דער פּריזיװ, װאָס פלעגט בטבע אונטערפירן אַ שװאַרצן שטריך צו יעטװעדער ײנגלשקײט און לײכטזיניקײט, איז פאַר מיר אױך געװען נישט מער, װי אַ שפּיל. איך האָב געװוּסט, און אױך די אַלע מײַניקע האָבן געװוּסט, אַז כ׳װעל קײן סאָלדאַט נישט זײַן, דאָך אָבער האָט מיך צוליב פרײלעכקײט װעגן געצױגן דורכצומאַכן מיט מײַנע קאָלעגן־פּריזיװניקעס אַלע שבעה מדורי גיהנום, װי כ׳װאָלט געװען זײער גלײַכן.

כ׳האָב צוזאַמען מיט זײ נישט דערעסן, מיט זײ צוזאַמען נעכט נישט געשלאָפן, קאָרטן געשפּילט, געשיכּורט און גערעדט נבול־פּה.

דאָס האָט געהײסן „מאָרען זיך".

קײנער פון די אָרומיקע, פרעמדע און אײגענע, פלעגט זיך אױף דעם נישט ברוגזן, װײל אַלע האָבן שױן געװוּסט, אַז פּריזיװניקעס איז אַלץ דערלױבט, אַז פּריזיװניקעס דאַרפן הולטאַיעװען.

האָב איך זיך געפּילט גליקלעך און שטאָלץ, װאָס אױך איך בין אין אָט דער חברותא, װאָס אױך איך שלעפּ זיך אַרום שלינג און שלאַנג מיט מײַנע דוקאָרער לאַנדסלײט איבער די גאַסן פון הומען — אונזער אױעזדנע שטאָט — און װאָס זײ, די לאַנדסלײט מײַנע, זענען גאָרנישט חושד, אַז איך טראַכט גאָרנישט צו װערן אַ סאָלדאַט, און אַז איך קאָן גאָרנישט װערן אַ סאָלדאַט.

אײניקע פון מײַנע חברים, מיט װעלכע איך בין צוזאַמען אין חדר געגאַנגען, האָבן שױן גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז מיט אַ יאָר צען־צװעלף צוריק פלעגן זײ ס׳קראַנקע הענטל מײַנס שלעפּן פון קע־שענע, און אױף דער אָפּגעהײלטער הױט, װאָס האָט אױסגעזען, װי געלער פּאַרמעט — פלעגן זײ מיט רױטן טינט אױסכּתיבהן דעם פּסוק „מכשפה לא תחיה, לא תחיה מכשפה, מכשפה תחיה לא".

די חברים מײַנע האָבן דורך דעם זיכער געװאָלט פאַרטרײבן די

קרענק פון מיר, וועלכע פלעגט דורך דעם נאָך ווערן מער אויפ־געררייצט.

זענען זיי, אפנים, געווען זיכער, די פריזיוניקעס, אַז די קרענק איז פון מיר שוין לאַנג אָפּגעטאָן געוואָרן. אויב נישט — וואָס „מאָרע" איך זיך איצטער צוגלייך מיט זיי, און וואָס שרעק איך זיך אַזוי פאַר דער „פּריסוטסטווע", ווי איך וואָלט ווירקלעך געציטערט — מען זאָל מיך נישט אָפּגעבן, חלילה, פאַר אַ סאָלדאַט.

יאָ, געוויס, איך האָב זיך דענסטמאָל טאַקע געהאַט געשראָקן, אָבער נישט דערפאַר, וואָס איך קאָן ווערן אַ סאָלדאַט, נאָר פּונקט פאַרקערט. איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם „ווייסן בילעט" מיינעם. איך האָב מורא געהאַט צו דערזען שוואַרץ אויף ווייס באַשטעטיקט, אַז איך בין אַן אינוואַליד, אַז איך טויג נישט פאַר דער מלוכה — און במילא שוין — טויג איך נישט אויך פאַר דער וועלט. דער פּריזיוו, הייסט עס, האָט מיך געמאַכט הינטערשטעליק אויף גאַנצע צוואַנציק יאָר. אין משך פון די דאָזיקע צוואַנציק יאָר האָב איך דאָך נישט באַוויזן אַפילו צו אַנטוויקלען אין זיך וועלכע נישט איז אַנדערע אייגנשאַפטן, וואָס זאָלן מיר קאָנען געבן אַ וועלכע נישט איז עקזי־סטענץ און אַ וועלכע נישט איז עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

אַזוי־אַרום איז דער פּריזיוו געוואָרן פאַר מיר אַ שטיקל יום־הדין, אַ מין יום־כפור, און מיין „מאָרען זיך" צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פּריזיוויקעס האָט טאַקע אויסגעזען ביי מיר, ווי אַ יום־כפורדיקער תענית.

איך האָב פשוט זיך געהאַט דערשראָקן פאַר מיין אייגענער דער־וואַקסנקייט. איך האָב לחלוטין נישט געהאַט געוווּסט, ווו זאָל איך זיך אַהינטאָן נאָכן פּריזיוו? די עלטערע ברידער מיינע זענען שוין אין מיין עלטער געווען פאַרטיקע, זעלבסשטענדיקע מענטשן.

אָבער וואָס בין איך און ווער בין איך?

אחוץ מיין שטענדיקער ליבע און דאַנקבאַרקייט צו מענטשן, וואָס זענען גוט צו מיר — פאַרמאָג איך דאָך לחלוטין מער גאָרנישט.

קאָן מען דען אָפּלעבן אַ לעבן, נאָר מיט ליבע און דאַנקבאַר־קייט אַליין?

אָט די דאָזיקע שווערע געדאַנקען האָבן מיך פּריזיוו־צייט גע־האַט שטאַרק געפּייניקט, און צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָט זיך געהאַט דענסטמאָל פאַרגנבעט אין מיר דער געדאַנק פון זעלבסט־

מאָרד. איך וואָלט געוועזן דענסטמאָל גליקלעך, ווען דורך מיין מאָרען זיך ווער איך שטאַרק קראַנק, און איך שטאַרב אַוועק, נאָך איידער איך באַקום מיין ווייסן בילעט. כ׳וואָלט דענסטמאָל געהאַט באַפרייט די ברידער מיינע פון דער אייביקער הכבדה צו זאָרגן זיך וועגן מיר, און כ׳וואָלט צוגלייך מיט מיין טאַטן געוואָרן פאַר זיי אַ גוטער בעטער אויף יענער וועלט.

ס׳איז מיר אָבער אויך דענסטמאָל נישט באַשערט געווען צו שטאַרבן.

בין איך אַוועקגעפאָרן זיך האַלטן אַן עצה מיט ניגערן — אפשר וויים ער עפּעס אַ שטיקל תכלית פאַר מיר?

גראָד דענסטמאָל איז ניגער געווען אין באָברויסק. ער האָט זיך דאָרטן געקליבן חתונה צו האָבן, און באַלד נאָך דער חתונה — אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן.

האָב איך געמוזט דענסטמאָל „דורכשמועסן" זיך מיט ניגערן, וואָס אויף אונזער לשון האָט עס געהייסן — דורכשווייגן זיך אַ פּאָר שעה, און אַזוי־אַרום דערשפּירן איינע די אַנדערע.

צווישן ברודער און מאַמען

אויף ניגערס חתונה בין איך, פאַרשטייט זיך, געווען איינער פון די הויפּט־מחותנים. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן מיר אים דאָך קוים געראַטעוועט פון דער באַלטישער שטראָף־עקספּעדיציע, ווו ער איז שוין געווען מער אויף יענער וועלט, איידער אויף דער וועלט, און אָט פיר איך אים צו דער חופּה. ניין, נישט נאָר איך אַליין, נאָר אויך די מאַמע און דער שטיף־טאַטע זענען דערביי. זאָלן זיי, אַדרבא, האָבן אַ שטיקל באַפרידיקונג פאַר דעם גרויסן צער און שרעק, וואָס זיי האָבן געהאַט איבערגעלעבט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק.

די מאַמע איז געווען אויפן זיבעטן הימל. זי „גיט אויס" דעם זון אירן. דעם סאַמע מיטלסטן זון אירן גיט זי אויס אין לייטישע הענט.

מיין שטילער, באַשיידענער ברודער, וואָס האָט געמוזט אַרונטערשלינגען דעם חתונה־טומל און די חתונה־צערעמאָניע, ווי אַ בר־מצווה־יינגל שלינגט אַרונטער דעם ערשטן מפטיר — האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אַרום דער מאַמען און אַרום מיר, פּונקט ער

וואָלט באַגיין קעגן אונז אַ גרויסע עוולה, וואָס ער גייט חתונה האָבן, און אונז איבערלאָזן איינינקע אַליין אין רוסלאַנד.

דער שווייגערישער ברודער מיינער האָט געפּלאַנט באַלד נאָך דער חתונה אַוועקצופאָרן קיין דייטשלאַנד שטודירן. ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט איינזאַפּן אין זיך די מערב-אייראָפּעאישע קולטור.

— אַז איך וועל זיך איינאָרדנען אין אויסלאַנד — וועל איך זען „אים" אויך אַראָפּנעמען... — האָט מיין ברודער אַ זאָג געטאָן אין סאַמע רעכטן חתונה-ברען צו דער מאַמען, פון וואָס מיר ביידע (איך און די מאַמע) האָבן זיך שיר נישט פונאַנדערגעוויינט.

— זאָל ער נאָך אַביסל זיין מיט מיר, דער „פליאַגע" — האָט די מאַמע אויף מאָרגן ערשט אַן ענטפער געטאָן מיין ברודער, און דערביי האָט זי מיר מאַמעדיק-ווייך אַ גלעט געטאָן איבער מיין טשופּרינע האָר, ווי כ'וואָלט נאָך געווען אַ בר-מצווה-ייִנגל.

— גאָט, מיין גאָט, ביידע ווילן מיך האָבן נעבן זיך — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, — אָבער וועמענס פאָרט בין איך מער — ניגערס, אָדער דער מאַמעס?

איבער דער מאַמען, זע איך, לויערט „דער צער פון טויזנט דורות", בעת איבער דעם ברודער מיינעם לויכט די צוקונפט, לויכטן נייע מעגלעכקייטן און דערגרייכונגען, און געוויס מוז איך זיין מיט אים — דעם ברודער מיינעם!

ס'איז נאָר געווען איך זאָל זיין אין נאָענטסטער שכנות מיט אים, ווי איך דערפיל זיך אַזוי דערהויבן און גדלותדיק. אמת, מיר רעדן נישט צווישן זיך, מיר שווייגן צוזאַמען, מיר טיילן זיך נישט מיט אונזערע אינטימע פרייד און לייד, ווי אַנדערע ברידער טוען דאָס, אָבער מיר שפירן איינע די אַנדערע, און שפירן איינע די אַנדערע נאָך. ס'פלעגט מיך אָפטמאָל אַפילו שטאַרק פאַרדריסן, וואָס מיט יעטוועדן ליטעראַרישן אָנפאַנגער איז ניגער אַזוי באַרעדעוודיק און באַלערנדיק, בעת פאַר מיר, דעם דיכטערישן אָנפאַנגער, געפינט ער נישט קיין ווערטער צו זאָגן עפּעס גוטס, אָדער שלעכטס. פלעג איך בגנבה אַוועקלייגן אויף זיין שרייב-טיש מיינע פריש-אָנגעשריבענע לידער, און אַליין זיך אַוועקזעצן הינטער אים, אָפּצוּוואַרטן דעם אורטייל זיינעם.

נאָך זיין אַקסל-ציען און נאָך זיין אונטערהויבן זיך אויף דער שטול, ווען ער פלעגט איבערקוקן מיינע לידער — פלעג איך שוין,

זיצנדיק הינטער אים, שפירן, צי מיינע לעצטע לידער געפעלן אים, אָדער נישט.

וואָס אָפטער ער פלעגט זיך אונטערהויבן פון דער שטול — אַלץ רייפער, הייסט עס, פלעגן זיין מיינע פערזן.

שפעטער אַביסל, ווען ניגער פלעגט שוין זיין אַוועקגעגאַנגען פון שרייב-טיש — פלעג איך אויפקלייבן מיינע פאַרשריַבענע פּאַפּיר-לעך, און שלינגען די אויסבעסערונגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין זיי.

ווי פלעגט זיין צו יענעם לידל, וואָס ניגער האָט נישט געהאַט אויסגעבעסערט. כ׳פלעג עס אומברחמנותדיק פאַרניכטן, און זיך שעמען פאַר דעם ברודער מיינעם, וואָס איך האָב אים דאָס געהאַט געגעבן צום לייענען.

אָט אַזוי האָב איך זיך געלערנט פון מיין ברודער זיין וואָרט-קאַרג, און אפשר דערפאַר טאַקע זענען אַלע מיינע לידער די גרייס נישט מער פון פיר-פינף פערזן.

אין זעכצן-צוואַנציק שורות קאָן מען דאָך אַריינקנעטן די שטאַרק-סטע שטימונג, אויב נאָר דו געפינסט פאַר איר די געהעריקע ווערטער.

היינע און לערמאָנטאָוו האָבן מיר דענסטמאָל גאַנץ גוט צו-געהאָלפן.

אָבער מער פון זיי אַלעמען האָט געווירקט אויף מיר שטענדיק די מאַמע מיינע. איך האָב געוווּסט, אַז נישט נאָר איך אַליין, נאָר אויך אַפילו ניגער און וולאַדעק האָבן פון דער מאַמען זייער פיל געהאַט געלערנט. מיר האָבן פון איר געלערנט די קונסט צו קאָנען שטילערהייט ליידן. מיר האָבן אויך געלערנט פון איר די קונסט צו רעדן מיט משלים און רמזים.

איז געווען פאַר מיר אַ באַזונדערע פרייד צו קאָנען באַלד נאָך מיין פריזיוו פאַרברענגען אין אַ יום-טובדיקער שטימונג צוזאַמען מיט דער מאַמען און מיט ניגערן. דיביידע זענען אַפילו אויסערלעך אַזוי ענלעך איינע צו די אַנדערע.

און די ביידע האָבן מיך אַזוי ליב, כאָטש נעם און שענק זיי אַוועק אַלע מיינע יאָרן פון מיין ווייטערדיקן מיזיניק-לעבן!

די װעלפֿישע רביצין

צווישן מינסק און באָברויסק געפינט זיך די סטאַנציע אָסיפּאָוויטשי. אַ ווי־אָרסט צוואַנציק פון אָסיפּאָוויטשי ליגט איינס אַ שטעטל אַ יידיש, וואָס טראָגט אויף זיך אַ טשעקאַוון רוסישן נאָמען „כאָלוי". אין אָט דעם שטעטל האָבן געלעבט די קרובים פון מיין ניי־געוואָרענער שווערין, באַשע לוריע (ניגערס פרוי). חוץ דעם ליגט דאָס שטעטל ביי דעם טייך סוויסלאָטש. ביי דעם זעלבן טייך ליגט אויך מיין געבורט־שטעטל דוקאָר. האָב איך זיך דערפילט מעשה־מחותּן סיי מיטן שטעטל און סיי מיטן טייך...

אויף יענער זייט טייך איז געשטאַנען אַ טיפער, טונקעלער וואַלד, וואָס האָט שוין געהערט צו דעם הומענער אויעזד, ווו איך בין אַ נכתּב — בין איך, הייסט עס, שוין אַ גוטער ברודער אויך מיטן וואַלד.

פלעג איך זיך אָפט אַריבערשיפן פון באָברויסקער אויעזד, דאָס הייסט פון כאָלוי צום הומענער אויעזד, דאָס הייסט צום פינסטערן אורוואַלד, אָבער די כאָלויער פריינט מיינע פלעגן מיך וואָרענען — איך זאָל דאָרטן נישט בלייבן צו־שפּעט, ווייל ווי נאָר עס פאַלט צו די נאַכט — באַווייזט זיך פון וואַלד אַ וואָלף, און ער הויבט אָן סקאַווטשען אויפן גאַנצן שטעטל.

— איך האָב שוין גענוג וועלף געזען אין מיין לעבן — פלעג איך כּלומרשט מיט ביטול אַ זאָג טאָן, און דערביי נאָך מער נייגעריק ווערן צו אָט דעם וואַלד, וואָס פאַרמאָגט נאָך אַזעלכע חוצפּהדיקע וועלף.

— דאָס איז אָבער נישט קיין געוויינלעכער וואָלף — פלעגט מען שוין אָנהויבן צו מיר אַריינטענהן, זעענדיק, אַז די זאַך נעמט מיך נישט. — דער וואָלף איז אַ גלגול פון אונזער פאַרשטאָרבענער רביצין.

און אָט דאָ קומט די מעשה גופא: לאָזט זיך אויס, אַז כאָלוי האָט יאָרנלאַנג נישט געהאַט קיין אייגענעם בית־עולם. פלעגט זיך מאַכן, נישט פאַר אונז געדאַכט, אַ מת — פלעג מען אים אַוועקפירן צו דער סטאַנציע אָסיפּאָוויטשי.

אמת, דאָס שטעטל האָט געהאַט פאַרמאָגט אַ גאַנץ גרויסן פלאַץ, וואָס דער פּריץ האָט אויסגעטיילט ספּעציעל פאַר דעם יידישן בית־עלמין, אָבער קיינער פון די שטעטלדיקע איינוווינער האָט נישט גע-

וואָלט דער ערשטער זיך אָװעקלייגן אויף דעם פוסטן בית-עלמין. דער ערשטער מת אויף אַ נייעם בית-עלמין האָט אַ טבע, זאָגט מען, צוּ-ציִען צו זיך פון דער משפחה נאָך און נאָך...

איז צו וואָס זאָל מען זיך אַליין די יאָרן פאַרקירצן? — פלעגן טראַכטן די כאָלויער יידן, ווען עמעצער צווישן זיי פלעגט שטאַרבן.

האָט זיי אָבער איינמאָל גאָט צוגעשיקט אַן עלטערן יידן, וואָס פלעגט גיין פון שטעטל צו שטעטל קלויבן נדבות, און קיינער האָט נישט געהאַט געוווּסט, פון וואַנען ער קומט אָט דער בעטלער, און וווּהין ער גייט.

איז דעם רב פון שטעטל איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק, צו פאַרהאַלטן דעם יידן אין שטעטל, נעמען אים אויפן קהלשן חשבון, און האַלטן אים אַזוי לאַנג, ביז ער וועט מוזן די נשמה זיינע אומ-קערן צום רבונו-של-עולם. דענסטמאָל באַקומט דאָך דער כאָלויער בית-עלמין דעם ערשטן מת, וואָס האָט נישט אין שטעטל קיין קרוב און קיין גואל.

דער אַלטער בעטלער איז, פאַרשטייט זיך, גערן געבליבן אין שטעטל, נישט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס עפּעס איז אים דאָס שטעטל אַזוי פיין מכניס-אורח. האָט דער אַלטער נע-ונדיק אָנגעהויבן באַקו-מען אויף זיך אַ נייע הויט, און אָנגעהויבן ווערן אַלץ קרעפטיקער און מונטערער.

ער איז געוואָרן אַ בן-בית ביים אַלטן רב, און משמש געווען אַלע פיינע באַלעבאַטים.

גייט אָבער דער אַלטער רב פלוצלונג אַ שטאַרב, און דער בעט-לערישער זקן העלפט נאָך אַריבערצוברענגען דעם חשובן מת אַזש קיין באָברויסק.

האָט די אַלטע רביצין, וואָס איז שוין אַ לענגערע צייט געווען פאַראַליזירט, נאָך מער זיך צוגעבונדן צו דעם פרעמדן זקן, דעם בעטלער, וואָס פלעגט איר אָפטמאָל פאָלגן אַ גאַנג און טאָן איר פאַרשידענע טובות.

די יונגע רביצין, די שנור, הייסט עס, איז נאָך געווען צו-שטאַרק פאַרקאָכט אין דעם יונגן רב, וואָס האָט פאַרנומען דעם כסא-הרבנות פון זיין טאַטן — פלעגט זי קיין צייט נישט האָבן אומצוקוקן זיך אויף דער פאַראַליזירטער שוויגער אירער, פלעגט זי זיך גאָר אײַנ-

גאַנצן פאַרלאָזן אויף אָט דעם פרעמדן יידן, וואָס דאָס שטעטל האָ-
דעוועט בחינם, און קאָן זיך אַלץ נישט דערוואַרטן אויף זיין טויט.

האָט קיינער אין דער רבנישער שטוב נישט געהאַט געוווסט, וואָס פאַר אַ שווערע און זינדיקע געדאַנקען עס ווערן געבוירן אינם פאַראַליזירטן מוח פון דער אַלטער רביצין, אַפילו נישט דער זון אירער, דער יונגער רב, האָט עס נישט געוווסט.

האָט דאָס אומגליק פּאַסירט אַזוי אומגעריכט און איבעראַשנד.

די אַלטע רביצין האָט פאַר דער גסיסה באַוויזן איבערצוגעבן דעם זון אירן, אַז זי וויל מקובר ווערן דווקא דאָ אין שטעטל, אויפן נייעם בית-עלמין.

— וואָס אַ פאַראַליזירטער רביצין קאָן איינפאַלן! דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם, ס'שטעטל האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין אָפענע לוויה, ס'שטעטל האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט באַטראָכטן דאָס שטיק פעלד, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דעם בית-עלמין. אויך אַפילו דער אַלטער בעטלער, דער קאַנדידאַט אויפן דעם ערשטן מת, האָט זיך דערפילט צעטומלט און דערשראָקן, פונקט ווי מען וואָלט פון זיין בוזעם-קעשענע אַלע זיינע אָפגעשפּאָרטע גראָשנס געהאַט פלוצים אַרויסגעגנבעט.

און ס'האָט טאַקע פּאַסירט דאָס, וואָס עס האָט געמוזט פּאַסירן. עס זענען נאָך נישט געווען פאַרביי די שלשים נאָך דער אַלטער רביצין — ערשט די יונגע רביצין, די שנור, הייסט עס, האָט, נעבעך, מפיל געווען מיט איר ערשטלינג, און ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די אַלטע רביצין פון דעם ערשט-געעפנטן בית-עלמין אין כאָלוי האָט „צוגעצויגן" צו זיך דאָס ערשטע אייניקל אירס...

דעמזעלבן טאָג נאָך איז דער אַלטער בעטלער נעלם געוואָרן פון שטעטל.

פון דענסטמאָל אָן — דערציילט מען — האָט זיך פון יענער זייט טייך, פון וואַלד, וואָס אין הומענער אויעזד, זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַ וואָלף. ווי נאָר עס פאַלט צו די נאַכט — באַווייזט זיך פון יענער זייט טייך דער וואָלף, און ער הויבט אָן סקאַוווטשען אויף דעם שטעטל, אַז ס'פאַלט אָן אימת-מות.

אַ סברא, אַז דער וואָלף איז דאָס אַ גלגול פון דער רביצין. אויך זי, די רביצין, איז דאָך געווען פון הומענער אויעזד...

אמת, איך האָב אין דער דאָזיקער לעגענדע ווינציק וואָס גע-

גלויבט, אָבער דאָך פלעגט מיך אין די אָוונטן שרעקלעך אָנהויבן ציען צום טייך, ווו איך האָב באמת געוואָלט דערהערן, ווי אַזוי דער וואָלף סקאַוווטשעט אַ גאַנצע נאַכט אויף דעם שטעטל.

איינמאָל טאַקע האָב איך אים דערהערט, דעם וואָלף. ניין, נישט דערהערט, נאָר דערזען. שווימענדיק שפּעט ביינאַכט אויף אַ שיפל — האָב איך איינמאָל פּלוצים געהאַט דערזען, ווי עס בליצן אויף אין וואַלד צוויי שוועבעלעך-אויגן. יאָ, געוויס, דאָס איז ער טאַקע, דער וואָלף! איך דערקען דאָך אים! ער איז דאָך אַ לייבלעכער ברודער פון יענע דריי וועלף, וואָס האָבן מיר מיט סאָניען געהאַט איבער-געשניטן דעם וועג, ווען איך בין געווען געלאָפן פון בערעזין. און דער דאָזיקער וואָלף איז גאָרנישט קיין גלגול פון דער אַלטער רביצין, נאָר פון סאָניעס ליבע צו מיר. דאָס רופט מיך סאָניע צו זיך!

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ גרויסער זינדיקער, און אַז איך מוז זיך אָפּטראָגן וואָס-גיכער פון אָט דעם וועלפישן שטעטל, ווי עס האָט זיך אַמאָל אָפּגעטראָגן דער אַלטער בעטלער, נאָכדעם, ווי די פאַראַליזירטע רביצין האָט ביי אים אויסגעכאַפּט די בכורה פונם כאָלויער בית-עלמין.

און ס׳האָט זיך מיר אָנגעהויבן דוכטן, אַז סאָניע ליגט שוין, נעבעך, אייגנע אַליין אויף אַ נייעם בית-עלמין, און זי ציט שוין אויך מיך צו זיך, און זי וויל שוין אויך מיך האָבן נעבן זיך...

האָב איך זיך דענסטמאָל געהאַט אָפּגעטראָגן פון כאָלוי, ווי דער אַלטער בעטלער, ווען ער האָט געהאַט דערזען, אַז צוליב אים האָט די יונגע רביצין געמוזט מפּיל זיין...

דריטער טייל

(רייזע־בראָניק)

איך קלייב זיך קיין אויסלאַנד

ווען ניגער האָט באַלד נאָך דער חתונה פאַרלאָזט רוסלאַנד און ער איז אַוועק מיט זיין פרוי קיין בערלין — בין איך פאַרבליבן איינער אַליין אין ווילנע. די ערשטע צייט האָב איך, דעם אמת געזאָגט, זיך געהאַט שטאַרק דערפרייט, וואָס איך בין געוואָרן אינגאַנצן זעלבסשטענדיק. קיינער וועט דאָך מיך איצטער שוין נישט קענען חושד זיין, אַז ניגער העלפט מיר צו ווערן אַ פּאָעט. נאָך מערער, מיינע דיכטער־קאָלעגן אין ווילנע וועלן דאָך שוין מער נישט מורא האָבן צו דרוקן זייערע לידער אין דיזעלבע זשורנאַלן, וווּ ס'דרוקן זיך אויך מיינע לידער.

זיי פלעגן מורא האָבן, די קאָלעגן מיינע, צו דרוקן זיך אין דיזעלבע זשורנאַלן, ווו איך, ווייל ביים רעצענזירן די דאָזיקע זשורנאַלן, פלעגט ניגער האָבן אַ טבע כמעט גאָר אינגאַנצן איבערצוהיפּן די דיכטערישע אָפּטיילונג, ווו עס פיגורירט אויך מיינס אַ ליד.

זאָל ער, ניגער, זיך אָפּשטעלן געניגער וועגן יעטוועדן דיכטער באַזונדער — מוז ער דאָך שוין דענסטמאָל אויך וועגן מיר זאָגן אַ פּאָר גוטע אָדער שלעכטע ווערטער. אָבער שרייבן גוטס וועגן מיר — האָט ער זיך פּשוט געשעמט, און שרייבן שלעכטס וועגן מיר — האָט אים, פאַרשטייט זיך, דאָס האַרץ נישט געלאָזט (פּאָרט אַ ברודער!). פלעגט ער שוין בעסער ביים רעצענזירן אַזאַ מין זאַמלבוך נאָר אַגב אורחאדיק דערמאָנען, אַז אין דעם זאַמלבוך פיגורירן אויך די און די פּאָעטן מיט לידער און פּאָעמעס. איז קלאָר, אַז מיינע דיכטערישע קאָלעגן פלעגן בלייבן דערפון אומצופרידן. ס'פלעגט זיך באַקומען, אַז צוליב מיר מוזן זיי, נעבעך, אויך פאַרשוויגן ווערן, און נישט איינער פון זיי פלעגט זען אויסמיידן צו דרוקן זיך אין יענע זשורנאַלן, וווּ עס פיגורירט אויך מיין נאָמען.

אָבער ווען ניגער איז געווען אַוועקגעפאָרן קיין בערלין — האָבן מיר אַלע, יונגע דיכטער, פרייער אָפּגעעטעמט. מיר האָבן זיך דערפילט, ווי חדר־ייִנגלעך, ווען דער רבי פאָרט ערגעץ אַוועק אויף אַן אומבאַשטימטער צייט.

אָבער די דריי ברידער מיינע אין אַמעריקע,—באַזונדערס וולאַדעק, וואָס לויט דעם עלטער זיינעם איז ער צו מיר דער סאַמע־נאָענטסטער — האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק באַאומרויִקן וועגן מיין לאַגע. זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז פאַר מיר גאָר קיין תּכלית נישט צו וואַלגערן זיך אייגער אַליין אין ווילנע. אַז איך בין אַ פּאָעט — איז פאַר זיי נישט געווען קיין שום צווייפל. מיינע הויך־פּאָעטישע בריוו צו זיי פלעגן זיי אין דעם איבערצייגן. אָבער מיט דער פּאָעזיע אַליין, האָבן זיי געטראַכט, וועל איך זיכער נישט קענען היילן נישט מיין האַנט און נישט מיינע מאָגן־געשווירלעך, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן מיך שטאַרק צו באַאומרויִקן. איז זיי איינגעפאַלן, אַז אויך איך מוז אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד און טאַקע קיין ווין. ערשטנס איז אין ווין, זאָגט מען, פאַראַן אַזאַ מין הייל־אַנשטאַלט, ווו איך קען ברענגען אין אָרדענונג מיין האַנט, און, צווייטנס, לעבן אין ווין אייניקע אָנגעזעענע עסעסאָווצעס, וואָס וועלן קאָנען אויף מיר אַכטונג געבן.

צו יענער צייט האָבן זיך שוין געהאַט אַריבערגעפּעקלט קיין ווין די סאַמע וויכטיקסטע רעדל־פירער פון עסעס, ווי ווילהעלם בערטאָלדי מיט זיין פרוי בערטע, דאַווידאָוויטש (לוואָוויטש), דאַניעלי (טשערניכאָוו), ד״ר שאַץ־אַנין און נאָך אייניקע וויכטיקע פּערזענלעכקייטן.

ווי אַזוי אָבער קאָן איך אַרויספאָרן קיין ווין, ווייבאַלד מען גיט מיר נישט קיין אויסלענדישן פּאַס. די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַלטן אין איין מאָנען ביי מיר דרייהונדערט רובל פאַר וואָלאַדעקן, וואָס האָט זיך נישט געשטעלט צום פּריזיוו.

דער „פּריסטאַוו״ פלעגט זייער אָפט קומען מיך „אָפּיסעווען״, אָבער מיין גאַנצע באַלעבאַטישקייט איז דענסטמאָל געווען באַשטאַנען פון די צוויי קישנס, וואָס די מאַמע האָט געהאַט מיטגעגעבן, און פון עטלעכע אויסגענייטע העמדלעך, וואָס סאָניע האָט מיר געהאַט געשענקט. אמת, איך האָב שוין צו יענער צייט געהאַט פאַרמאָגט אַ היפּש פּעקל כּתבֿ־ידן, וואָס זענען זיכער ווערט געווען אַ סך מער, ווי

די דרייהונדערט רובל, אָבער דער אידיאָטישער פּריסטאַוו האָט פון מלוכה-שטאַנדפּונקט געפונען די כתב-ידן מיינע פאַר ווערטלאָז.

איז קלאָר, אַז איך מוז גנבענען די גרענעץ. גנבענען די גרענעץ איז דענסטמאָל בכלל געווען אַ זייער אָנגענומענע זאַך אין רוסלאַנד, אַפילו די-יעניקע יידן, וואָס וואָלטן יאָ געקאָנט באַקומען אויסלענדישע פּעסער, פלעגן בעסער גנבענען די גרענעץ, ווייל צו וואָס, אַן ערך, דאַרף אַ ייד זיך אָנהויבן מיט קאַזנאַ?

אמת, גנבענען די גרענעץ פלעגט אָפטמאָל קאָסטן אַ סך טייערער, ווי אַרויסצובאַקומען אַ גובערנאַטאָרסקן פּאַס, אָבער וואָס וואָלטן דענסטמאָל געטאָן די אַגענטן, וועלכע פלעגן זיך דערמיט ספּעציעל פאַרנעמען? ס'איז דאָך אַ סך באַקוועמער און היימישער צו גנבענען די גרענעץ, איידער פאָרן אין דער גובערנסקער שטאָט זיך משתדל זיין וועגן אַן אויסלענדישן פּאַס. אַזוי יעדנפאַלס פלעגן פאַרזיכערן די אַגענטן.

האָב איך זיך אויך אָוועקגעלאָזט אויף דעמזעלביקן וועג, אָבער נישט מיט די אַגענטן, וואָס פלעגן שינדן אַ הויט — נאָר דורך מיינע פּאַרטיי-פאַרבינדונגען. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ניגער איז שוין נישט געווען מער אין רוסלאַנד, און וואָס ער איז שוין בכלל געווען אָפּגעגאַנגען פון עסעס — איז דאָך נאָך מיין יחוס אַלס „ניגערס ברודער" געווען געוואַלדיק גרויס אין די עסעסישע קרייזן. האָב איך אין ווילנע באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע צו „זלמן בורזשוי" אין וואַרשע — דעם פריער-געוועזענעם „קאַזנאַטשיי" פון עסעס — און דער „זלמן בורזשוי" וועט מיך שוין, אם-ירצה-השם, טראַנספּאָרטירן ווייטער.

בכלל גענומען האָט יעטוועדע פּאַרטיי געהאַט דענסטמאָל גאָר גרויסע פאַרבינדונגען מיט אַלע גרענעצן, דורך וועלכע מען פלעגט אַריבערשמוגלען נישט נאָר זייער וויכטיקע פּערזאָנען, נאָר אויך — אומלעגאַלע ליטעראַטור און דאָקומענטן.

בין איך געוואָרן גליקלעך, וואָס מיר וועט אַזוי-אַרום אויסקומען סוף-כל-סוף צו זיין אין וואַרשע, וווּ עס לעבט דער גרעסטער דיכטער פון אונזער צייט און אונזער דור — י. ל. פּרץ.

זיין אַדרעס האָב איך שוין פון לאַנג געקענט אויף אויסווייניק. צעגליאַנע נומער איינס.

האָט מיר שוין באַצייטנס אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ, ווייל די שווערסטע גרענעץ מיינע, האָט זיך מיר דענסטמאָל געדוכט, ליגט גאָר-

בישט ערגעץ-ווו הינטער טשענסטאָכאָוו, נאָר טאַקע אין וואַרשע גופא, אויף צעגליאַנע נומער איינס.

דאָס איז געווען די גרענעץ צווישן דעם מקיל ליפּמאַן לעווין אין ווילנע, וועלכער פלעגט תמיד זוכן בחנמדיקן מאַטעריאַל פאַר זיינע יום-טובדיקע זשורנאַלכלעך, און דעם מחמיר י. ל. פּרץ אין וואַרשע.

ד ו אַ ר ש ע

„זלמן בורזשוי" האָט מיך אין וואַרשע זייער וואַרעם אויפגענומען. פאַר אים, דעם געוועזענעם עסעסאָוועץ, בין איך נאָך אַלץ געווען „ניגערס ברודער", כאָטש אין ווילנע איז שוין דניאל טשאַרני אויך געווען אַ שטיקל פירמע. „זלמן בורזשוי" האָט מיר געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע צו איינעם אַ יידן אין טשענסטאָכאָוו, וועלכער וועט מיך שוין בשלום אַריבערשמוגלען די גרענעץ. איך האָב זיך אָבער נישט געאיילט קיין טשענסטאָכאָוו, ווייל צוערשט מוז איך דאָך אָנקוקן וואַרשע. וואַרשע איז מיר דענסטמאָל זייער געפעלן געוואָרן. כ'האָב באַלד דערזען, אַז וואַרשע איז פיל גרעסער און אינטערעסאַנטער פאַר ווילנע. מיר איז גאָר קיינמאָל נישט געווען איינגעפאַלן, אַז וואַרשע זאָל פאַרמאָגן אַ „קאָנקע" (טראַמוויי), וואָס גייט שוין אָן פערד. איך האָב געהאַט געמיינט, אַז פערדלאָזע קאָנקעס גייען נאָר אין אויסלאַנד. איז שוין וואַרשע פאַר מיר, הייסט עס, אַ שטיקל אויסלאַנד.

האָב איך זיך דערפילט אין וואַרשע, ווי אַ ישובניק, וואָס קומט אַראָפּ אויף ימים-נוראים אין שטאָט אַריין. כ'האָב אָנגעהויבן זוכן זיך אַ שטיקל אָנהאַלט. איך האָב דאָך געמוזט געפינען אין וואַרשע אַ וועלכן-נישט-איז קאָלעגע, וואָס זאָל מיר ווייזן שטאָט, און דער עיקר — פּרצן!

האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין וואַרשע לעבט דאָך משה סטאַווסקי, וואָס האָט מיך שוין געהאַט געהאַלטן פאַר אַ דיכטער. דאָס האָט ער, משה סטאַווסקי, געהאַט פאַרמאָסטן זיך דענסטמאָל אויף אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַ חודש-זשורנאַל, אונטערן נאָמען פון יעגעם יידישן חודש, ווען דער זשורנאַל וועט דערשיינען. האָט ער זיך געווענדט אויך צו מיר, אין ווילנע — איך זאָל אים עפּעס צושיקן פאַר דעם „תשרי"-נומער. האָב איך אים דענסטמאָל געהאַט צוגעשיקט

אַ ליד וועגן שפּעט-זומער, ווי עס פּאַסט זיך פאַר דעם חודש „תּשרי״, און איך האָב דאָרט, געדענק איך, פאַרגליכן די שפּעט-זומערדיקע זון מיט אַן אַלמנה, וואָס גייט צו דער חופּה פאַרשלייערט אויפסניי. סטאַווסקין איז דאָס ליד געפעלן געוואָרן, אָבער ווען כ׳האָב דאָס דאָזיקע ליד געהאַט דערזען אָפּגעדרוקט — האָב איך זיך געכאַפּט, אַז פאַרגלייכן די סוף-זומער-זון מיט אַ יונגער אַלמנה, וואָס גייט צום צווייטן מאָל חתונה האָבן, איז נישט גאָר לאָגיש.

דער עיקר האָב איך מורא געהאַט, אַז אויך פּרץ זאָל עס מיר נישט זאָגן, ווייל איך בין געווען נאָכמער ווי זיכער, אַז פּרץ האָט געוויס געלייענט סטאַווסקיס „תּשרי״-זשורנאַל.

איך האָב שוין אַפילו געהאַט בדעה צו באַראַטן זיך מיט סטאַווסקין, צי זאָל איך גיין צו פּרצן אָדער נישט גיין?

סטאַווסקי איז מיר אָבער פאַרלאָפן דעם וועג און ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן, ווען האָב איך בדעה צו באַזוכן פּרצן?

די דאָזיקע פראַגע זיינע האָט מיך דערמאָנט אָן דער מאַמעס אַ בריוו צו ניגערן אין ווילנע, אַז ווײַבאַלד ער איז שוין אין ווילנע— זאָל ער זען אומבאַדינגט אַריינכאַפּן זיך צו אַ דאָקטאָר. די ווילנער דאָקטוירים — האָט די מאַמע געשריבן — האָבן דאָך אַ שם אויף דער וועלט!

אָבער צו וואָס האָט שמואל געדאַרפט אומבאַדינגט זיך אַריינכאַפּן צו אַ דאָקטאָר אין ווילנע, ווײַבאַלד ער איז דעמאָלט געווען, דאַנקען גאָט, געזונט אויף אַלע זיינע אברים?

איז צו וואָס, אייגנטלעך, מוז איך זיך אַריינכאַפּן צו פּרצן, ווײַבאַלד איך האָב אים נישט וואָס צו ווייזן?

האָב איך סטאַווסקין געזאָגט דעם אמת, אַז איך וואָלט זייער גערן באַזוכט פּרצן, ווען איך ווייס נאָר, אַז ער וועט אויפנעמען מיך פּערזענלעך, אָבער נישט ניגערס, אָדער וולאַדעקס אַ ברודער...

דער דאָזיקער חשד מיינער איז געווען אַ באַרעכטיקטער, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז פּרץ איז צו יענער צייט געווען באַזונדערס ביייגעריק סיי צו ניגערן און סיי צו וולאַדעקן. אויף ניגערן איז פּרץ געווען אַפילו עטוואָס אָנגעשטויסן, ווייל ס׳האָט אים געמוזט פאַרדריסן, וואָס דער „רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור״ איז פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען פון דער מתנגדישער ווילנע, און נישט פון „זיין״ וואַרשע.

יעדנפאַלס האָט „ווילנע", דאָס הייסט ניגער, געדאַרפט דענסט־מאָל קומען אין ענגערן קאָנטאַקט מיט „וואַרשע", דאָס הייסט, מיט פּרצן.

ווי ס'האָט אויסגעזען, איז פּרץ פּראָסט־פּשוט געוואָרן דענסטמאָל אַביסל אייפערזיכטיק צום ליטעראַרישן אויפקום פון ווילנע און במילא שוין — אויך צו ניגערן.

דערמיט אפשר לאָזט זיך דערקלערן פּרצעס באַגייסטערונג פאַר די „בליישטיפט־נאָטיצן" פון מיין צווייטן ברודער — פון וולאַדעקן. באַזונדערס שטאַרק איז פּרצן געפעלן געוואָרן איינע אַ „בליישטיפט־נאָטיץ", דאָס הייסט אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג וועגן מאָריס ראָזענפעלד, וואָס „באָניע ברכות" האָט געהאַט פּובליקירט אין דער דאַמאָלסדיקער ווילנער „פאָלקס־צייטונג".

— ווער איז דאָס דער „באָניע ברכות"? — האָט פּרץ מיט גרויס נייגעריקייט און באַגייסטערונג געהאַט דענסטמאָל אָנגעפרעגט די רע־דאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג" אין ווילנע.

דערביי האָט פּרץ אין דעמזעלבן קאַרטל מרמז געווען, אַז די „בליישטיפט־נאָטיצן" פון אָט דעם „באָניע ברכות" זענען אָפּטמאָל אינ־טערעסאַנטער און לעבעדיקער פאַר די אַרטיקלען פון דער „אָפיציע־לער קריטיק"...

בין איך געווען נאָכמער ווי זיכער, אַז די רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג" האָט געוויס אַנטדעקט פּרצן דעם סוד, אַז „באָניע ברכות", „באַנטשע שווייגס אייניקל" און וולאַדעק זענען איין און די זעלבע פּערזאָן.

איז דען נישט מיאוס פאַר מיר צו גיין איצטער בעטן סמיכה אויף פאָעזיע ביי פּרצן, ווייבאַלד איך האָב איבער זיך אַזעלכע צוויי גוט־געשוליטע קריטיקער!

און וואָס וועט זיין, ווען פּרץ גיט מיך פלוצים אַ פרעג, וואָס עס זאָגן אויף מיינע לידער די אייגענע צוויי ברידער מיינע?

איך ווייס דאָך, אַז די ביידע ברידער מיינע האָבן מיר קיינמאָל נישט געהאַט געזאָגט עפּעס־וואָס ממשותדיקס וועגן מיינע שאַפונגען.

— ניין, איך וועל נישט גיין צו פּרצן — האָב איך פלוצים מיט גרויס פאַרלייכטערונג געמאָלדן משה סטאַוווסקין, וועלכער איז שוין גרייט געווען מיך אַוועקצופירן אויף צעגלאַנע נומער איינס.

משה סטאַוווסקי, וואָס איז אַ גרויסער פּסיכאָלאָג אויף חיות און

עופות, האָט, קאַנטיק, אויך מיך דענסטמאָל געהאַט גוט פאַרשטאַנען און ער האָט מיך שוין מער נישט צוגערעדט.

דאָך אָבער פאַרדריסט מיך נאָך עד־היום, וואָס איך האָב געהאַט דורכגעלאָזט דענסטמאָל די גוטע געלעגנהייט, און נישט באַקענט זיך פערזענלעך מיט פּרצן.

אפשר וואָלט איך אונטער זיין איינפלוס געהאַט פאַרקערעוועט מיין דיכטערישע פען אין אַן אַנדער ריכטונג, און מיינע פערזן וואָלטן נישט געוואָרן אַזוי לייכט און לייכטזיניק!

— ווער ווייס?

איך גנבע די גרענעץ

צו דער שטאָט טשענסטאָכאָוו האָב איך געהאַט אַ באַזונדערס גוטן סענטימענט, ווייל כ׳האָב דאָך געהאַט פערזענלעך געקענט „אַראָנ־טשיק טשענסטאָכאָווער" (סינגאַלאָווסקי). אָט דער דאָזיקער אַראָנטשיק איז אין די יאָרן פונם עסעסישן אויפקום געווען איינער פון די בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן. ער פלעגט אָפט אַראָפּקומען קיין ווילנע, און די עסעסן, וואָס פלעגן אויסהערן זיינע אַ דרשה, פלעגן טענהן, אַז אַזאַ איינעם, ווי אַראָנטשיק טשענסטאָכאָווער קאָן מען רויִק אַרויסשטעלן אַפילו קעגן דעם „צווייטן לאַסאַל", דאָס הייסט קעגן וולאַדעקן.

אָבער ביי מיר פערזענלעך האָט אַראָנטשיק טשענסטאָכאָווער געהאַט דענסטמאָל אויסגענומען נישט אַזוי מיט זיינע פיין־ און שאַרף־געשליפענע רעדעס, ווי מיט איינעם אַ ליד זיינס, וואָס ער האָט געהאַט פּובליקירט אין דעם עסעסישן „נייעם וועג". מיר איז דענסט־מאָל געוואָרן קלאָר, אַז אַפילו פּאַרטיי־מענטשן האָבן אויך זייערע אייגענע אינטימע איבערלעבונגען און אַז אַפילו פּאַרטיי־מענטשן קאָנען זיין דיכטער.

דעריבער איז מיר שוין אויך די שטאָט טשענסטאָכאָוו געוואָרן ליב און היימיש, כאָטש ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט, שטאַמט גאָרנישט אַראָנטשיק טשענסטאָכאָווער פון טשענסטאָכאָוו.

איך האָב אָבער מורא געהאַט דענסטמאָל צו גיין זוכן אין טשענסטאָכאָוו וועלכע־נישט־איז עסעסישע פאַרבינדונגען. אַ מענטש, וואָס גייט גנבענען די גרענעץ, דאַרף זיך נישט פּלאָנטערן צווישן פּאַרטיי־לייט. בין איך אַוועק צו איינעם אַ געלן יידן, צו וועמען איך

האָב געהאַט אַ גוטע רעקאָמענדאַציע פון „זלמן בורזשוי". יענער ייִד האָט מיר טאַקע באַלד אויסגעשטעלט פאַר צוועלף רובל אַזאַ מין גרע-נעץ-קאַרטע, מיט וועלכער איך קאָן אַריבערפאָרן די גרענעץ כאָטש אין צווייטן קלאַס אַפילו.

אַזעלכע גרענעץ-קאַרטעס פאַרמאָגט יעדער איינער, וואָס וווינט אין דער נאָענטסטער שכנות מיט דער גרענעץ.

האָט מיך דער ייִד, הייסט עס, געמאַכט פאַר אַ טשענסטאָכאָ-ווער תושב, כאָטש איך אַליין בין אַ פאַרברענטער ליטוואַק.

בין איך טאַקע בשלום אַריבערגעפאָרן די גרענעץ, וואָס איז געלעגן צווישן די צוויי דערפער „רוסקיע גערבי" און „פּרוסקיע גערבי".

איך האָב זיך אַליין נישט געהאַט אַרומגעזען, ווי גיך איך האָב זיך אַריבערגעפעקלט פון רוסלאַנד קיין אויסלאַנד.

אָבער אויף יענער זייט גרענעץ האָט איינער אַן עסטרייכישער צאָל-באַאַמטער זיך געהאַט שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם באַגאַזש מיינעם, און כ'האָב געמוזט פאַר אים אויספּאַקן דיביידע קישנס, וואָס איך האָב מיטגענומען קיין ווין.

— ס'איז קאָמיש, — האָט דער באַאַמטער אָנגעהויבן טענהן, ווי צו זיך אַליין — ס'איז קאָמיש מיטצושלעפּן קישנס, ווען מען פאָרט אויף אַ גרענעץ-קאַרטע.

איך האָב דענסטמאָל נאָך נישט געהאַט געוווּסט, אַז מיין גרע-נעץ-קאַרטע גיט מיר נאָר דאָס רעכט צו באַוועגן זיך נאָר אַרום דער גרענעץ, אָבער בשום-אופן נישט צו מאַכן וועלכע-נישט-איז ווייטע רייזעס קיין אויסלאַנד.

די ביידע קישנס אָבער האָבן מיך פאַרמסרט, אַז איך קלויב זיך אין ערגעץ אַ ווייטער נסיעה.

איך וואָלט אָבער מיט דעם גוטמוטיקן באַאַמטן נאָך געוווען ווי עס איז דורכגעקומען, ווען עס מעלדט זיך נישט פּלוצים איינער אַ פאַרדעכטיקער ייִד, וואָס האָט אָנגעהויבן צו מיר צושטיין — איך זאָל שוין גיין מיט אים וואָס-גיכער אין באַראַק אַריין.

— אין וועלכן באַראַק? — האָב איך דעם ייִדן דערשראָקן אַ פרעג געטאָן.

— דעם עמיגראַנטן-באַראַק! — האָט דער ייִד באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן.

— איך בין דאָך אָבער נישט קיין עמיגראַנט!—האָב איך אָנ-געהויבן טענהן צו דעם בייזן ייִדן.

— געהערט אַביסל — האָט זיך שוין דער גרענעץ־ייד אַ ווענד געטאָן דירעקט צו דעם צאָל־באַאַמטן — געהערט אַביסל, אַ מענטש שלעפּט מיט זיך צוויי קישנס און ער איז נישט קיין עמיגראַנט, זאָגט ער.

— אָבער איך פאָר דאָך נישט קיין אַמעריקע! — האָב איך אָנגעהויבן די ביידן צו איבערצייגן.

— יונגערמאַן, מאַכט זיך נישט תמעוואַטע — האָט שוין דער ייד אויף מיר אָנגעשריען — מיט צוויי קישנס שפּאַצירט מען נישט אַרום ביי די גרענעצן!

— און אַז איך פאָר קיין אַמעריקע — איז וואָס? — האָב איך שוין פּרובירט ווערן תקיפער, דערמאָנענדיק זיך, אַז איך בין דאָך שוין עפּעס אין אויסלאַנד...

— אַז מען פאָרט קיין אַמעריקע — איז שוין דאָס יידל געוואָרן ווייכער — פאָרט מען מיט דער גאַנצער פּאַרטיע, פאָרט מען ווי אַלע יידן פאָרן...

— לאָזט מיך צורו! — האָב איך זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום יידל און כ'בין אַוועק מעשה־פּאַסאַזשיר פון צווייטן קלאַס אין בופעט אַריין פאַרזוכן דעם טעם פון אַן עכט דייטש גלאָז ביר.

— איר וועט חרטה האָבן, יונגערמאַן! — האָט מיר דאָס יידל צוגעוואָרפן, און ער איז נעלם געוואָרן.

איך האָב אָבער נישט באַוויזן אויסצוזופּן כאָטש דעם שוים פון דעם גלאָז ביר, ווי עס מעלדט זיך צו מיר דער זשאַנדאַרם פון דער סטאַנציע און ער פרעגט מיך מיינע פּאַפּירן. ווייז איך אים מיין גרענעץ־פּעסל.

— וווהין פאָרט איר? — גיט ער מיר שטרענג אַ פרעג.

— איך פאָר קיין ווין! — ענטפער איך אים גאַנץ יידישלעך.

— מיט אַזאַ מין גרענעץ־קאַרטע פאָרט מען נישט קיין ווין...

אָפּגעזאָגט דעם פּסוק, האָט זיך דער זשאַנדאַרם מיליטעריש אויסגעדרייט און איז פאַרשוווּנדן.

זיך איך שוין אין געהאַקטע ווונדן. איך זופּ דאָס ביטערע ביר, ווי עפּעס אַ מיתה־משונה־געטראַנק.

מעלדט זיך ווידעראַמאָל דאָס פריערדיקע יידל און גיט מיר איבער אין נאָמען פון דעם זשאַנדאַרם, אַז אויב איך גיי נישט מיט אים אין באַראַק אַריין צו די איבעריקע עמיגראַנטן, וואָס פאָרן אויך

קיין אַמעריקע, וועט ער (דער זשאַנדאַרם) מיך אַריבערוואַרפן צוריק אַהינצוצו (קיין רוסלאַנד הייסט עס).

— ס'איז אַ קנאַפּער פּאַרגעניגן אַריינצופאַלן צוריק צו ניקאָ-לאַיען אין די הענט אַריין — האָט שוין דאָס יידל מרמז געווען אויף מיין אומלעגאַלקייט.

— אַריינצופאַלן אין די הענט פון די יידישע אַגענטן איז דאָך טויזנט מאָל ערגער! — האָב איך שוין אָנגעהויבן פירן מיט אים אַ וויכוח, דערמאָנענדיק זיך, אַז איך בין דאָך אַן עסעסאָוועץ, וואָס מוז די יידישע עמיגראַציע רעגולירן און קאָנטראָלירן.

— וואָסי, מיר טוען עפּעס שלעכטס? — האָט שוין דאָס יידל אָנגעהויבן צו מיר אַריינטענהן — מיר העלפן אונזערע יידעלעך אַרויסראַטעווען זיך פונם רוסישן גיהנום און זיי אַריבערברענגען בשלום קיין אַמעריקע — זאָגט איר גאָר, אַז מיר זענען גזלנים.

— וואָס האָט איר זיך אויף מיר אָנגעזעצט! — האָב איך פאַר גרויס אויפרעגונג געוזמען שרייען צום גזלנישן יידן.

דער זשאַנדאַרם, וואָס איז, קאָנטיק, געווען יד-אחת מיטן גרע-נעץ-אַגענט, האָט זיך באַלד ווידעראַמאָל באַוויזן, און ער האָט אָנגע-הויבן אויף מיר שרייען — איך זאָל דאָ אין צווייטן קלאַס נישט מאַכן קיין קרעמל, און איך זאָל זיך וואָס-גיכער אָפּטראָגן אַהינצוצו — צום באַראַק, ווו די אַלע עמיגראַנטן זענען.

איז וואָס איז מיר אַנדערש געבליבן, אויב נישט פונאַנדערוויינען זיך אויף אַ מיטן פרעמדן וואָקזאַל, צווישן ווילד-פרעמדע און בייגעריק-געוואָרענע מענטשן, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען נישט מיין לשון און נישט דעם צער מיינעם.

אַ נס, וואָס איינער, אַ פּוילישער פּריץ, האָט זיך געהאַט פאַר-אינטערעסירט מיט מיין גורל, און וויינענדיקערהייט — האָב איך אים אויסגעדערציילט מיין ביטער האַרץ און אים פאַרטרויט דעם סוד, אַז אַגענטן ווילן מיך פאַרשלעפּן קיין אַמעריקע, בעת איך מוז גאָר פאָרן קיין ווין צו אַ פּראָפעסאָר היילן זיך.

— נאַט זעט! — האָב איך פאַר דעם פּריץ אַרויסגעשלעפּט מיין רעכטע האַנט פון דער קעשענע, ווי מען שלעפּט אַרויס אַ דערטרונ-קענעם פון אַ סאַזשעלקע, — נאַט זעט!

האָט זיך דער פּוילישער פּריץ פאַר מיר איינגעשטעלט. ער האָט

אויפגעזוכט דעם זשאַנדאַרם, האָט אים געצייגט עפּעס אַ וויזיט־קאַרטע זײַנע, און באַפוילן אים, ער זאָל מיך לאָזן קיין ווין.

האָט דער זשאַנדאַרם אַליין אונטערטעניק באַזאָרגט פאַר מיר אַ בילעט אין דער קאַסע און געהאָלפן מיר וואָס־גיכער זיך אַריבער־פּעקלען מיט מײַנע צוויי קישנס צו דער פּלאַטפאָרם, ווו עס דאַרף באַלד אָנקומען דער צוג קיין ווין.

— איר האָט גליק, יונגערמאַן! — האָט דער זשאַנדאַרם צו מיר אַרײַנגעטענהט. — אָבער וואַרפט זיך נישט אין די אויגן, ביז דער צוג קומט אָן. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען! — האָב איך מעכאַניש געענטפערט, נישט פאַרשטייענדיק אַליין, וואָס דאָ קומט פאָר מיט מיר.

ערשט שפּעטער אַביסל, ווען איך בין שוין געזעסן אין צוג און פון פענסטער אַרויס באַמערקט, ווי דאָס יידל לויפט משוגענערווייז איבער דער פּלאַטפאָרם, זוכנדיק געוויס דעם פאַרשווין זײַנעם מיט די צוויי קישנס, וואָס וויל בשום־אופן נישט פאָרן קיין אַמעריקע — האָב איך פון פענסטער אַרויס צו אים אַ געשריי געטאָן:

— זאָלסט אײַנגעזונקען ווערן מיט דער גאַנצער באַנדע דײַנער, פאַרפלוכטער הונט דו!

ס'איז געווען די ערשטע קללה, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט אַרויסגעבראַכט פון מײַן מויל...

איך ווער אַן אייראָפּייער

אין ווין האָבן מיך זייער גאַסטפרײַנדלעך אויפגענומען די ליב־האַרציקע לאַצקי־בערטאָלדי און זײַן פרוי בערטע. בערטאָלדי פלעגט אָפטמאָל זאָגן אין שפּאַס, אַז די פרוי זײַנע הייסט בערטע, ווייל זײַן פּסעוודאָנים איז בערטאָלדי. איך האָב שוין אָבער געוווּסט נאָך פון די ווילנער צײַטן, אַז בערטע איז אַ מענטש פאַר זיך, אַז בערטע איז גענוג שיין און אינטערעסאַנט צו קענען לעבן איר אייגן זעלבשטענ־דיק לעבן. מען קאָן אַפילו זאָגן, אַז בערטע איז געווען די נשמה־יתירה פון עסעס. נישט איין עסעסישער צעקיסט פלעגט שטילערהייט זיפצן און בענקען נאָך בערטעס אַ שמייכל און נאָך בערטעס אַ צערט־לעכקייט. אויך איך פלעג ווערן פיל שטאָלצער און מונטערער, ווען בערטע פלעגט אַרויסווייזן צו מיר איר אויפמערקזאַמקייט און צערט־

לעכקייט. איך פלעג אָפטמאָל פאַרגלייכן בערטען מיט דער חברטע אסתּר (פרומקין) פון „בונד”, און איך פלעג שטענדיק קומען צום אויספיר, אַז אין דער הינזיכט איז עסעס פיל שטאַרקער פאַר דעם „בונד”.

מיט בערטען פלעגט מען קאָנען שמועסן נישט נאָר וועגן פּאַר־טיי־געזעלשאַפטלעכע ענינים אַליין, נאָר אויך אַפילו—וועגן ליטעראַטור און קונסט און וועגן אַלע אַנדערע וועלטלעכע זאַכן.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז אויך איך האָב דענסטמאָל געשפּירט אין זיך שטאַרקע סענטימענטן צו אָט דער שלאַנקער גייסטרייכער בערטען, און איך בין ווירקלעך געוואָרן שטאָלץ, וואָס בערטע האָט מיך אויפגענומען אין ווין, ווי אַן אייגענע שוועסטער.

אמת, איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז איך געניס דערביי זייער פיל פון ניגערס זכות, אָבער דאָך האָב איך זיך געשפּירט גליקלעך, וואָס בערטע האָט מיך גענומען אונטער איר שוץ, און מיר געהאָלפן ווערן אין ווין אַן אייראָפּייער.

איך האָב זיך אַפילו אָנגעהויבן שעמען פאַר בערטען, וואָס איך בין געווען אָנגעקומען קיין ווין, ווי אַן אמתער ישובניק.

ערשטנס, די צוויי קישנס מיינע! צו וואָס, אַן ערך, האָב איך דאָס געדאַרפט מיטשלעפּן דיביידע קישנס, וויבאַלד ווין באָדט זיך אין בעטגעוואַנט? אמת, פאַר בערטען האָב איך באַלד אויסגעטראַכט אַ הויך-פּאָעטישן תּירוץ. איך האָב איר אויפגעקלערט, אַז אָט די צוויי קישנס מיינע האָבן דאָך איינגעזאַפּט אין זיך אַזויפיל אַלמנה-טרערן פון מיין מאַמען, אַז אין אָט די צוויי קישנס ליגן אויך פאַרשטעקט אַלע שיינע חלומות און טרוימען פון מיינע עלטערע ברידער, און אַז בכלל זענען אָט די צוויי קישנס די איינציקע טראָפּייען מיינע פון אונזער אָרעמער היימאַט, און איבערלאָזן אויף הפקר די דאָזיקע קישנס, וואָלט באַטייט פאַר מיר, זיך אָפּצוזאָגן פון מיין אייגענער פאַר־גאַנגענהייט.

איך האָב איר אויך דערציילט, וויפיל צרות איך האָב געהאַט אויסצושטיין צוליב אָט די צוויי קישנס אויף דער גרענעץ, ווו אַגענטן האָבן מיך צוליב זיי געוואָלט פאַרשלעפּן אַזש קיין אַמעריקע.

האָט שוין בערטע געמוזט מסכּים זיין, אַז איך האָב די קישנס געמוזט טאַקע מיטנעמען. ס'איז איר אָבער נישט געפעלן געוואָרן, וואָס איך טראָג נאָך אויף זיך אַ רוסיש העמדל.

— אין ווין טראָגט מען נישט אַזעלכע העמדלעך — האָט מיר בערטע דעליקאַט אָנגעוויזן. — אין ווין מוז מען אָנטאָן אַ קראַגן מיט אַ שניפּס.

דער רויט-בעקלדיקער און שטענדיק-איראָניזירנדיקער דאָקטאָר שאַץ-אַנין האָט באַלד מסכּים געווען מיט בערטען, אַז כ'מוז ווערן אַן אייראָפּייער. איך מוז, הייסט עס, אַריינקריכן אין אַ קראַגן מיט אַ שניפּס, און ווערן לייטן גלייך.

— מיר וועלן דאָך אייך נישט קאָנען מיטנעמען אין אַרקאַדן-קאַפע אין אַזאַ אָנטועכץ, ווי איר זייט אָנגעטון! — האָט מיך ד"ר שאַץ-אַנין אַ שרעק געטאָן.

האָב איך שוין נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו לאָזן זיך פירן דורך בערטען אין אַ גאַלאַנטעריע-געשעפט, ווו מען האָט מיר איינגעקויפט די ערשטע פּאָר אייראָפּעישע אויבערהעמדער מיט קראַגנס און דעם ערשטן שניפּס.

ווען איך האָב באַלד נאָכדעם, ווי איך בין געווען אַריינגעקראָכן אין אייראָפּעישן שפּאַן, אַ קוק געטאָן אויף זיך אַליין אין שפּיגל — האָב איך זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ס'האָט זיך מיר אָנגעהויבן דוכטן, אַז כ'האָב אָקאָרשט אָפּגעטאָן אַ גאָר מיאוסע זאַך. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך סאָניעס אויסגענייט העמדל, ווי מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך אַן אָפּגעטראָגענעם בגד. איך האָב דאָך גאַנץ גוט גע-ווּסט, אַז סאָניע האָט דאָך אין אירע אויסגענייטע העמדלעך אַריינ-געוועבט אַלע אירע שלאָפלאָזע נעכט און אומרויִקע טעג צוליב מיר און וועגן מיר. איך האָב נאָך געשפּירט אויף מיין לייב די וואַרעמקייט און היימישקייט פון אָט דעם העמדל אירן, וואָס וואַלגערט זיך איצ-טער, ווי אַ שמאַטע, אין אַ פרעמד לאַנד און אין אַ פרעמדער היים.

האָט זיך מיר דערנסטמאָל שטאַרק פאַרגלוסט אַוועקצוטראָגן דאָס דאָזיקע העמדל סאָניעס אויף אַ בית-עולם און עס מקבר צו זיין דאָרטן, ווו מען איז מקבר שמות פון הייליקע ספרים.

איך האָב זיך אָבער געהאַט געשעמט פאַר בערטען ווידעראַמאָל אַריינצופאַלן אין הויך-פּאַטעטישע סענטימענטן וועגן סאָניעס העמדלעך, ווי וועגן די קישנס מיינע, און כ'האָב שטילערהייט אַריינגעשטופּט סאָניעס העמדל צווישן די ביידע קישנס און זיי געלאָזט אַרויפטראָגן אויפן בוידעם, ווו מען טראָגט אַרויף באַלד נאָך פּסח די פּסחדיקע כּלים אויפן בוידעם — זיי זאָלן, חלילה, נישט חמצדיק ווערן.

די עסעסישע קאָמונע

די רעדלפֿירער פֿון עסעס (לאַצקי־בערטאָלדי, דאַווידאָוויטש־לוואָוויטש, דאַניעלי־טשערניכאָוו און ד״ר שאַץ־אַנין, וואָס האָבן דענסטמאָל געהאַט געלעבט אין ווין, זעגען, קאָנטיק, געווען שטאַרק פֿאַרטאָן מיט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דעם עסעסישן געדאַנקענגאַנג. עס האָט זיך גערעדט וועגן שאַפֿן אין ווין אַ זשורנאַל, וואָס זאָל קאָנען באַדינען די עסעסישע מאַסן אין רוסלאַנד. אויף צו שאַפֿן אַזאַ מין זשורנאַל איז קודם־כּל נויטיק געווען אַ גרעסערע סומע געלט. איך האָב זיך אָבער באַלד געקאָנט איבערצייגן, אַז דעם עסעסישן צענטער אין ווין פֿעלן אָפֿטמאָל אויס די עטלעכע קראָנען צו קאָנען אָפּעסן אַ זאַטן מיטאָג. מיר האָט זיך אַפֿילו אָנגעהויבן דוכטן, אַז די נויט פֿאַרייניקט זיי פֿיל מער, ווי דער עסעסישער געדאַנקענגאַנג. מען פֿלעגט פּראָסט־פּשוט זייער אָפֿט באַהאַנדלען גאַנץ ערנסט די פֿראַגע, ביי וועמען, אַן ערך, קאָן מען נאָך כאַפּן אַ גמילת־חסד?

צוליב אָט דער דאָזיקער געמיינזאַמער נויט — פֿלעגן זיי פֿון סאַמע פֿרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט זיך האַלטן צוזאַמען, און אַזוי־אַרום האָט זיך, ווי פֿון זיך אַליין, געשאַפֿן אַ שטיקל קאָמונע.

די שטאַב־קוואַרטיר פֿון דער עסעסישער קאָמונע איז געווען די וווינונג פֿון די בערטאָלדיס. אין דער דאָזיקער וווינונג פֿלעגן אויסגעאַרבעט ווערן אַלע פֿינאַנסיעלע און פּאַרטיי־געזעלשאַפֿטלעכע פּראָיעקטן. דער פֿירער פֿון דער קאָמונע איז געווען דער שטענדיק־צעטראָגענער און שטענדיק־באַגייסטערטער לאַצקי־בערטאָלדי. ער איז פֿעיִק געווען, דער דאָזיקער בערטאָלדי, אויפֿן ניכטערן מאָגן צו אַנטוויקלען די סאַמע פֿאַנטאַסטישע פּלענער וועגן דער גאולה פֿון דער מענטשהייט בכלל און פֿון דעם יידישן פֿאָלק בפֿרט. זיין תּורה שבעל־פּה פֿלעגט אונז אַלעמען אָפֿטמאָל שטאַרק באַגייסטערן, און אַזוי־אַרום איז אויך דער געדאַנקענגאַנג אונזערער געוואָרן אַ מין קאָמונאַלער. אמת, לוואָוויטש־דאַווידאָוויטש, ווי אויך אפילו — שאַץ־אַנין, וואָס זענען פֿון נאַטור־אויס רעאַלע פּאָליטיקער, פֿלעגן אָפֿטמאָל אַריינקומען אין אַ הייסער דיסקוסיע מיט בערטאָלדין, אָבער בערטאָלדי פֿלעגט סוף־כּל־סוף אַלעמען גובר־זיין מיט זיינע בליצאַרטיקע איינפֿאַלן און פּאַראַדאָקסן.

אַפֿילו בערטע פֿלעגט אָפֿטמאָל זייער נייגעריק זיך צוהערן צו איר מאַנס איינפֿאַלן און אַפּאָריזמען, ווייל זי האָט געוווּסט, בערטע,

אַז ריידנדיק אָט אַזוי מיט די חברים זיינע—שרייבט ער, אייגנטלעך, די אַרטיקלען זיינע.

דיסקוטירנדיק אָט אַזוי צווישן זיך און מיט זיך — פלעגט מען אָפטמאָל פאַרגעסן, אַז מען איז פאַרבליבן אָן אַ מיטאָג, און נאָך אַזעלכע הונגער-דיסקוסיעס פלעגט, דאַווידאָוויטש, געדענק איך, זייער געשמאַק אויסגיסן זיין האַרץ אויף דער באַנדורע, וואָס ער האָט דענסטמאָל געהאַט פאַרמאָגט.

ער האָט נאָך אויך געהאַט פאַרמאָגט, דאַווידאָוויטש, אַ האַלבן סמאָקינג (די הויזן פונם סמאָקינג האָט ער שוין, קענטיק, לאַנג פאַרנוצט), און כ'ווייס נישט, פאַרוואָס ער האָט מיך איינמאָל געהאַט איינגעשמועסט, איך זאָל ביי אים אָפקויפן דעם דאָזיקן האַלבן סמאָקינג פאַר סך-הכל פינף קראָן.

איך האָב אים אַפילו נישט פרובירט אָנמעסטן, דעם סמאָקינג זיינעם, ווייל איך וואָלט אין אים סיי-ווי-סיי פאַרלאָרן געגאַנגען, אָבער די פינף קראָן האָב איך אים גערן געגעבן.

שפּעטער אַביסל, ווען אויך מיר איז באַשערט געווען צו ווערן אַ מיטגליד פון דער עסעסישער הונגער-קאָמונע אין ווין — האָב איך זיך שוין נישט מער געוווּנדערט, וואָס אויך אַפילו די באַנדורע לוואָוויטשעס איז ערגעץ-ווו פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אָבער וועגן פאַרקויפן דער מאַמעס צוויי קישנס מיט סאָניעס העמדל, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן בוידעם — האָב איך נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן אַפילו אין די שווערסטע מינוטן פון אונזער הונגעריקן קאָמונע-לעבן.

אַרקאַדן-קאַפע

אַרקאַדן-קאַפע איז צו יענער צייט געווען אין ווין דאָס קאַפע פאַר דער באַהעמע פון אַלע אומות און פון אַלע קינסטלערישע בראַנזשעס. זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, קינסטלער און אַרטיסטן, פאַרלעגער און אימפּרעסאַריאָס, כלל-טוער, און גלאַט אַזוי פראָמינענטע ליידיקגייער פלעגן זיין די שטאַם-געסט פון אָט דעם עלעגאַנטן קאַפע אין סאַמע צענטער פון דער בליענדיקער שטאָט ווין.

אויך די יידישע שרייבערישע און נישט שרייבערישע אינטעליגענץ פלעגט האַלבע טעג און נעכט פאַרברענגען אין אָט דעם קאַפע, ווו

ס'פלעגן געבאָרן ווערן די סאַמע פאַנטאַסטישע פּלענער, ווו ס'פלעגן אויסגעאַרבעט ווערן די היציקסטע דעקלאַראַציעס, און ווו ס'פלעגט געשמידט ווערן דאָס נייע וואָרט פאַר דעם פאָלק-ישראל אין אַלע עקן וועלט.

האָב איך מיך געוווּנדערט, ווי אַזוי קען מען דאָס אין אַ קאַפע מאַכן אָט די אַלע זיבן זאַכן. ס'איז דאָך אַלצאיינס, ווי אַ סופר זאָל זיך צוועקזעצן, זאָגן מיר, אויפן מיטן מאַרק שרייבן אַ ספר תורה. לאָזט זיך אויס, אַז אין אויסלאַנד בכלל, און אין ווין בפרט, איז שוין אַ מנהג אַזאַ, אַז אויב מען וויל אַדורכלופטערן אַביסל דעם מאַרך, אויב מען וויל אויסשאַרפן דעם מוח אָדער קומען צו עפּעס אַ נייעם געדאַנק — מוז מען אומבאַדינגט אָפּזיצן שעהן לאַנג אין אָט אַזאַ מין געמיטלעכן רשות-הרבים, ווי אַרקאַדן-קאַפע. דאָרט טרעפט מען זיך מיט מענטשן פון כּלערליי שיטות און ריכטונגען, פון כּלערליי פּאַרטייען און קלייזלעך; דאָרט האַלט מען זיך איינע די אַנדערע פאַר די גיי-סטיקע טשופּרינעס אזוי לאַנג, ביז עס קומט דער צאָל-קעלנער, און מען מוז, נעבעך, צאָלן.

דאָס עסן און דאָס טרינקען איז אין קאַפע געווען אַ ביי-זאַך. אויב עמעצער פלעגט עס טאָן, פלעגט עס אויסזען, ווי ער טוט פּשוט אַ טובה דעם קעלנער, וואָס איז גרייט פון פולן האַרצן מכבד צו זיין דעם גאַסט זיינעם מכּל טוב.

אויך די קעלנער האָבן שוין אַפּנים גוט געוווּסט, אַז די געסט קומען אַהער נישט צוליב דעם עסן און טרינקען. ווי נאָר ס'פלעגט אַריינקומען אַ נייער גאַסט, פלעגט מען אים גאָר קודם-כּל דערלאַנגען אַ פּאַק מיט צייטונגען און זשורנאַלן, נישט פרעגנדיק אַפילו, צי ער דאַרף זיי אָדער נישט.

לאָזט זיך אויס, אַז דער צייטונג-קעלנער האָט שוין געוווּסט פון פריער, וועלכע צייטונגען און זשורנאַלן מען דאַרף אונטערטראָגן דעם אָדער יענעם שטאַם-גאַסט.

אויך מיך האָט דער קעלנער שוין ביי מיין ערשטן באַזוך, אַ פרעג געטאָן, צי איך וויל דעם „רעטש" אָדער דעם „פריינד", און איך בין געוואָרן איבערראַשט, נישט נאָר פון דעם, וואָס אין אַ גוי-אישן קאַפע פון אויסלאַנד באַקומט מען אַזעלכע היימישע צייטונגען, נאָר אויך טאַקע פון דעם, וואָס ער האָט גלייך געטראָפן, ווער איך בין, און וואָס פאַר אַ צייטונג איך לייען...

שפּעטער אַביסל איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס דער צייטונגס-מאַן איז אַזאַ טרעפער. לאָזט זיך אויס, אַז מ'ר, די עטלעכע עסעסישע „קאָמונאַרן", האָבן געהאַט אַ געמיינזאַמען שטאַם-טיש מיט מאַרק באָריסאָוויטש ראַטנער, דעם טעאָרעטיקער פון „סיים", און ביי אָט דעם דאָזיקן טיש ווערן געווײנלעך געלייענט די צייטונגען „רעטש" און „פריינד".

די קעלנער פּאַסן שוין אויף, אַז די „שטאַם"-טישן זאָלן נישט באַזעצט ווערן דורך סתם-געסט.

הייסט עס, אַז איך האָב אין אַרקאַדן-קאַפע פון סאַמע אָנהויב אָן באַקומען אַ פּלאַץ ביי אַ זייער אינטערעסאַנטן שטאַם-טיש.

נאָך מער, מען האָט מיך באַלד אַריינגעצויגן אין די וויכּוחים צווישן די עסעסאָווצעס מיט די סיימיסטן, און ס'איז אויסגעקומען, אַז איך, אַלס אָקאָרשט געקומענער פון רוסלאַנד, דאַרף פעסטשטעלן, צו וועמען די יידישע אַרבעטער-מאַסן פון רוסלאַנד זענען מער נוטה: צו די עסעסן, אָדער צו די סיימיסטן?

איך האָב, פאַרשטייט זיך, גאַנץ-קאַטעגאָריש באַשטעטיקט, אַז אויף וויפל מיר זענען באַקאַנט די שטימונגען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין רוסלאַנד, איז זי מער נוטה צו עסעס, פּשוט דערפאַר ווייל די דאָזיקע פּאַרטיי פאַרנעמט זיך שטאַרק מיט די אַקטועלע פראַגן פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, בעת די סיימיסטן אָדער „סערפּיסטן", ווי מיר איז באַקאַנט, ציען זיך פיל מער צו דער עסערישער ליניע, וואָס דעם יידישן אַרבעטער איז זי לחלוטין פרעמד.

אויסשפּייענדיק פון זיך אָט די דאָזיקע פראַזע, וועלכע איז צו מיר אָקאָרשט געוועזן אַריינגעפלויגן אין קאָפּ, ווי כ'וואָלט געהאַט אויסגעלייענט פון „רעטש", צי פון „פריינד" — בין איך געוואָרן צונטער-רויט און נישט געוווסט, ווו אַהינצוטאָן זיך פאַר בושה. איך האָב מיט ציטער באַמערקט, אַז דער האַלב-פּאַראַליזירטער מאַרק באָריסאָוויטש (ראַטנער) האָט מיט איין אויג זיינעם, מיט דעם גרעסערן, געגעבן אויף מיר אַזאַ מין טשעקאַוון קוק, וואָס בעסער וואָלט ער שוין אויף מיר אַזוי נישט אַ קוק געטאָן...

אַ נס, וואָס די זייער אויפמערקזאַמע און גאַסטפריינטלעכע בערטע האָט באַלד דערשפּירט מיין פאַרלעגנהייט, און זי האָט מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס וועגן די געסט פון אָט דעם קאַפע.

זי קאָן, לאָזט אויס, כמעט אַלע שטאַם-געסט, כאָטש זי אַליין

איז בטבע אַ קורצזיכטיקע. אָט, זאָגט זי, ביי יענעם טישל זיצט פּעטער אַלטענבערג, און אָן דאָרטן איז אַרטור שניצלער, און אָט דער, וואָס איז אָקאָרשט אַריין, איז דער באַרימטער אַרטיסט קאַינץ, און אָט יענע דאַמע, וואָס האָט זיך איצטער צוגעזעצט צו אַלטענבערגן, איז די חברטע מוסיע.

— ווער איז דאָס די חברטע מוסיע?

— איר קענט זי דען נישט? —האָט מיר בערטע אַ פרעג געטאָן— דאָס איז דאָך יעפּרויקינס שוועסטער, וואָס איז ראַטנערס סעקרעטאַרין.

— אַזוי גאָר? — איז מיר עפּעס געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. הייסט עס, אַז אונזערע מענטשן קענען זיין אַזוי היימיש מיט די פּאָפּולערסטע נעמען פון דער וועלט-ליטעראַטור. איז מיר געוואָרן אַזוי יום-טובדיק גוט, וואָס אויך איך זיץ אין אָט אַזאַ מין קאַפע, באַגאָסן מיט ליכט און לעבן, מיט ניין מאָס רייר און געלעכטער, מיט ציגאַרן-רויך און פּאַרפום, מיט „דאַנקע שיין" און „ביטע שיין", כאָטש נעם און דעקלאַמיר אויס אין מיטן דערינען מיין לעצט ליד, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין וואגאָן באַלד נאָכדעם, ווי כ'האָב זיך אַרויסגע-ראַטעוועט פון די גרענעץ-אַגענטן.

ס'איז אָבער געקומען דער מאָמענט פון פאַנאַנדערצאָלן זיך מיט דעם קעלנער, וואָס טראָגט דעם פיינעם נאָמען סטעפאַן.

איז אָט דער סטעפאַן, כאָטש ער אַליין דערלאַנגט גאָרנישט צום טיש — ווייס ער אָבער גאַנץ גענוי, וואָס יעדערער פון אונז האָט פאַר דעם אָוונט געהאַט אויפגעגעסן און אויסגעטרונקען. ער ווייס אַפילו די צאָל זייער געשמאַקע און גוט-פאַברוינטע בולקעלעך, וואָס זענען דערלאַנגט געוואָרן צום טיש. ער ווייס אָבער נישט, וויפל ווער פון די געסט האָט זיי אויפגעגעסן?

האָט שוין יעטוועדער גאַסט באַזונדער געדאַרפט מיט אַ ריינעם געוויסן און מיט נאָך אַ ריינערן זכרון פעסטשטעלן, וויפל אַן ערך בולקעלעך ער האָט פאַרצערט.

דער צאָל-קעלנער סטעפאַן האָט שוין אָבער געוווסט, אַז די גרעסטע צאָל בולקעלעך האָט פאַרצערט דער ה'. בערטאָלדי, און ער האָט טאַקע געהאַט פעסטגעשטעלט, אַז היינטיקס מאָל האָט בערטאָלדי דיסקוטירניק מיט ראַטנערן וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ פאַרייני-קונג צווישן עסעס און סיים, פאַרשלינגען נישט מער און נישט ווינ-ציקער, ווי צען בולקעלעך.

בערטע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די דאָזיקע דיסקוסיע האָט דער עסעסישער קאָמונע געקאָסט צו טייער, און מען האָט שוין געמוזט אָנקומען צו אַ קורצטערמיניקן גמילת־חסד ביי ראָטנערן גופא.

מאַרק באָריסאָוויטש האָט מיר ביים געזעגענען זיך דאָך פריינטלעך אַ דריק געטאָן די האַנט און אַפילו פאָרגעשטעלט פאַר מיר די חברטע מוסיע, וואָס האָט אים געהאָלפן אָנטאָן דעם מאַנטל. דאָס האָט באַדייט, אַז ער איז מיר מוחל מיין פריערדיקע נאַרישקייט...

די לופוס־קאָמונע

איך האָב נאָך ניט באַוויזן צו ווערן אַ פולבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער עסעסישער קאָמונע און זיך אַריינפלעכטן אין דער דאַמאָלסטיקער פאָליטישער עמיגראַציע פון ווין. איך האָב נאָך נישט באַוויזן אָנצוזעטיקן זיך מיט דער ליכטיקער, ציכטיקער און דורכזיכטיקער שטאָט ווין, ווו אַפילו אויף די טשוגונענע לאַמטערנעס־שטאַנגען שלענגלען זיך בלומען, און ווו די דייטשע שפּראַך קלינגט אַזוי יידישלעך, ווייל אַ סך דייטשע פּתחן האָבן די ווינער פאַרקמצט — ערשט איך בין שוין צריינגעפאַלן אין אַ קאָמונע נומער צוויי — אין אַ קאָמונע פון מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען אויף אייביק פאַרמשפּט צו לעבן איזאָלירט פון דער גרויסער וועלט, ווייל זיי האָבן פאַרלוירן דעם צלם־אלהים זייערן.

דאָס איז די אַזויגערופענע „היים" פאַר לופוס־קראַנקע, די היים פאַר עטלעכע הונדערט מענטשן פון פאַרשידענע שטעט און לענדער. פאַר מענטשן, וואָס קומען אַהער מיט דער ליכטיקער האָפענונג געגעזן צו ווערן, ביז אויך די האָפענונג זייערע ווערט צעקאַליעטשעט, ווי דער צלם־אלהים זייערער.

קיינע פון אַלע מענטשלעכע מחלות, טראָגט נישט אַזא בילדלעכן און שרעקעדיקן נאָמען, ווי אָט די „לופוס" קרענק. לופוס איז אין לאַטיין — וואָלף, און אין רוסיש „וואָלטשאַנקאַ". די דאָזיקע קרענק טראָגט ווירקלעך אין זיך אַ סך וועלפּיש.

דער לופוס האָט אַ טבע צו פאַרכאַפּן דעם קרבן זיינעם פּאַוואָליע־גנביש און הינטער אַרום, ווי אַ וואָלף — אַ פאַרבלאָנדזשעטע שעפּסעלע, און ער צילט זיך טאַקע דאָס רוב צום געזיכט? צו די נאָז און אויערן און צו אַלעם דעם, וואָס עס ליגט אים אַמנאָענסטן.

דאָס סאַמע טראַגישע ביי אָט דער קרענק באַשטייט אין דעם,

וואָס זי פּרעסט אויף דעם צלם אלהים אָן באַזונדערע ווייטיקן, און כאָטש זי איז לחלוטין נישט אָנשטעקעוודיק — מוז דאָך דער קראַנקער איזאָלירט ווערן פון דער געזעלשאַפט, ווייל מען קען דאָך נישט ארומ-גיין איבער די גאַסן מיט אַ צעפרעסענעם פּנים.

ווען בערטע האָט מיך צום ערשטן מאָל געהאַט אַריינגעפירט אין דער הייל-אַנשטאַלט פאַר לופּוס-קראַנקע — האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן, צי וועט זי נישט, חלילה, אָנהויבן ברעכן פאַר נישט-גוטס-קייט. אויך מיך אַפילו איז באַפאַלן אַ שרעק, ווען כ'האָב געהאַט דערזען פאַר זיך אַזויפיל צעקאַליעטשעטע געזיכטער, דער עיקר האָב איך זיך געשראָקן, צי וועט נישט דער פּראָפעסאָר זאָגן, אַז אויך איך מוז בלייבן אין אָט דער קליניק, און אַז אויך איך מוז ווערן אַ מיט-גליד פון אָט דער וועלפישער קאָמונע.

דער פּראָפעסאָר אָבער האָט מיך באַרוּיקט, אַז איך קען קומען אַהער נאָר אויף עטלעכע שעה אין טאָג, כדי צו נעמען געוויסע ליכט-באַשטראַלונגען, און נאָכדעם בין איך ווידער אַ פרייער פויגל.

פאַר גרויס פרייד בין איך גרייט געווען אָנהויבן צו קושן בערטען, ווי אַ לייבלעכע שוועסטער, אָבער בערטע האָט געהאַט באַקומען אַזאַ טרויעריקן אויסזען, אַז כ'האָב קיין מוט נישט געהאַט אויסצו-דריקן איר מיין פרייד און דאַנקבאַרקייט.

האָב איך אָנגעהויבן יעדן אינדערפרי צו באַזוכן אָט די הייל-אַנשטאַלט פאַר „לופּוס-קראַנקע". די קליניק האָט אויסגעזען פון דרויסן, ווי אַ תפיסה מיט הויכע געמויערטע ווענט, אָבער אָן גראַטעס. איך האָב זיך אָנגעהויבן איינלעבן מיט מיינע נייע חברים, און „קאָלעגן", כאָטש . זעלטן-ווען מיר פלעגט געלונגען די ערשטע צייט אָפּצושיידן איינעם פון דעם אַנדערן. קען מען אונטערשיידן קעפּ, וואָס זעען אויס ווי אָפּגעשיילטע קירבעס?

כ'האָב אָבער געפילט, אַז ערגעץ-ווו טראָגן די לופּוס-קראַנקע אַ באַהאַלטענע קנאה, הלמאַי איך קום צו זיי מעשה-גאַסטראָליער אין הוט און קראַגן, און גיי זיך נאָכדעם אַוועק אָן אַ זיי געזונט, ווי איך וואָלט געווען אַ דאָקטאָר, צי וואָס.

די קראַנקע פרויען, אָדער מיידלעך, פלעגן אָפטמאָל אַרויסווייזן צו מיר אַ געשטייגערטע נייגעריקייט. זיי פלעגן מיך אַרומשמעקן פון אַלע זייטן, ווי כ'וואָלט זיי געבראַכט גרוסן פון זייערע מענער אָדער חתנים.

אויך אַפילו די שוועסטער, וואָס פלעגן שוין-לאַנג באַהאַנדלען די קראַנקע מיט דעם אַזוי-גערופענעם פינזן-ליכט, זענען דאָס רוב געווען לופּוס-קראַנק. מער נישט דער פּראָפעסאָר, די דאָקטוירים און די אויבער-שוועסטער זענען געווען געזונט.

כמעט אַלע לופּאָזניקעס זענען געווען פאַרליבט אין דער אויבערשוועסטער עלזא, אָבער נישט נאָר צוליב דעם אַליין, ווייל עלזא איז געווען די איינציק-געזונטע פרוי אין דער קליניק, נאָר דער עיקר דערפאַר, וואָס זי איז געווען זייער גוט און באַרמהערציק צו יעדן איינעם פון די אומגליקלעכע.

אויך איך האָב זיך באַלד פאַרליבט אין דער גוטער, באַרמהערציקער שוועסטער עלזא. ערשטנס, איז שוועסטער עלזא געווען שטאַרק ענלעך לויט איר הויכן ווּקס און לויט איר שלאַנקער ליניע, צו בערטען, אין וועמען איך בין שוין פון לאַנג געווען פאַרליבט לויט דער עסעסישער פּאַרטיי-ליניע.

צווייטנס, איז שוועסטער עלזא, ווי נאָר זי האָט זיך געהאַט דערוווּסט, אַז איך בין לויטן באַרוף אַ דיכטער — געוואָרן צו מיר באַזונדערס אויפמערקזאַם און ליב.

אָט טאַקע דערפאַר, וואָס זי האָט צו טאָן אין דעם לופּוס-אַנשטאַלט מיט אַזויפיל נישט-עסטעטישע זאַכן — איז זי שטאַרק פאַרליבט אין פּאָעזיע, באַזונדערס — אין די ליבע-לידער פון הענריך היינע.

בין איך נישט פויל געווען אָנצושרייבן פאַר עלזע אין לאַטיינישן שריפט אַ ליד אַזאַ, וואָס זאָל זיין ענלעך צו די היינע-לידער און עס בגנבה אַריינשטעקן אין קעשענע פון איר ווייסן כאַלאַט גראָד דאַן, ווען זי איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דער נישט-עסטעטישער אַרבעט פון איבערבינדן מיין קראַנקע האַנט.

דאָס ליד האָט זיך געלייענט אָט ווי:

דיינע אויגן שיין שטראַלן,
ווי דער מזרח אין פרימאָרגן.
אַך, מיר דוכט — איך בין פאַרפאַלן —
כ'וועל נישט שלאָפן שוין ביז מאָרגן!
ס'וועט מיר ענג ווערן מיין צימער,
וועל איך ס'פענצטער האַלטן אָפן,
און אַ גאַנצע נאַכט ביים שימער
פון די שטערן וועל איך האָפן

און װעל װאַרטן אויף דײַן קומען,
ביז דער טאָג װעט זיך צעשטראַלן.
כ׳װעל באַשיטן דיך מיט בלומען,
און דו מיך — מיט דײַנע שטראַלן!

אין דער אמתן אָבער פלעג איך דענסטמאָל נעכט נישט דער-שלאָפן נישט מחמת דעם, װײַל כ׳פלעג טאַקע װאַרטן אויף שװעסטער עלזא — זי זאָל מיך באַשיטן מיט אירע שטראַלן, נאָר פּשוט צוליב די שרעקלעכע חלומות און קאָשמאַרן, אַז אָט-אָט פאַרליר איך אויך מײַן נאָז, מײַנע אויערן און מײַן גאַנצן צלם-אלהים.

אַך, װי גיט עס איז זיך אויפצוכאַפּן יעדן אינדערפרי מיט נאָז און אויערן!

„פרײַלאַנד"

דער ערשטער נומער פונם עסעסישן זשורנאַל „פרײַלאַנד" איז שוין לאַנג פאַרטיק געװען צום דרוק. בײַ בערטאָלדין אין פאָרטפעל זענען שוין אַפילו געװען גענוג אַרטיקלען אויף פאַר דעם צװײטן נומער, „פרײַלאַנד", װי אָבער קומט מען צום צװײטן נומער, װען ס׳פעלט אויס געלט אויף אָפּצודרוקן דעם ערשטן נומער. ער איז געװען מער, װי זיכער — בערטאָלדי — אַז װי נאָר עס דערשײַנט דער ערשטער נומער — װעט זיך אָנהויבן שיטן געלט פון אַלע זײַטן, און מען װעט קאָנען דענסטמאָל אַרויסגעבן דעם זשורנאַל רעגלמעסיק יעטװעדן חודש.

מען האָט נויטיק געמוזט אַרויסגעבן דעם „פרײַלאַנד", נישט נאָר צוליב דער נײַער באַגרינדונג פון דעם עסעסישן געדאַנקענגאַנג, װי דער עיקר, צוליב די סיימיסטן אין װין — זיי זאָלן זען, אַז ס׳איז פאַראַן מיט װעמען צו גיין צום טיש. ס׳האָט זיך דענסטמאָל שטאַרק גערעדט װעגן אַ פאַרייניקונג צװישן עסעס און סיים.

בערטאָלדי האָט זיך שוין פּשוט געהאַט געשעמט צו װײַזן זיך אויף די אויגן פון מאַרק באַריסאָװיטש ראַטנער, פון מישע ראַפּקין און פון מיכל לעװיטאַן, װאָס זענען געװען דענסטמאָל די צענטראַלע פיגורן פון דער סיימיסטישער עמיגראַציע אין װין.

פון צײַט צו צײַט פלעגן נאָך אָנפאָרן צו די סיימיסטן משה זילבערפאַרב און ישראל יעפּרויקין, װאָס פלעגן נאָך פיל מער פאַר-שטאַרקן דעם סיימיסטישן פליגל. בײַ די פאַרהאַנדלונגען מיט עסעס, פלעגט ישראל יעפּרויקין זײַן, געדענק איך, באַזונדערס שאַרף און

די עסעסישע קאָמונע אין ווין, 1910

ס'זיצן (פון רעכטס): י. טשערניכאָוו (דאַיעלי), וו. לאצקי־בערטאָלדי

ס'שטייען: ד. טשארני, ליזע בערלין, ד"ר מ. שאַך־אנין

עקשנותדיק, עפעס האָט זיך געשפּירט, אַז ישראל יעפּרויקין ווייס און פאַרשטייט פּיל מער פון די אַנדערע קאָלעגן זיינע, און ער איז טאַקע געווען אויך פּיל פּראַקטישער פון די אַנדערע.

אויסער דעם האָבן די סיימיסטן געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אויך אַפילו מאַטעריעל זענען זיי פּיל מער פאַרזיכערט, ווי די עסעס. זיי פּלעגן שטענדיק האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן דעם קעלנער אין אַרקאַדן-קאַפע און זיי פּלעגן טאַקע אויך קענען דעם קאַפע עפטערס באַזוכן.

וועגן דעם בלאַנד-בערדלדיקן מישאַ ראַסקין, וואָס האָט אָפטמאָל געהאַט דעם אויסזען פון אַן עסערישן יעזוס, זענען אפילו אַרומגע-גאַנגען לעגענדעס, אַז ער פאַרמאָגט ערגעץ אין מאָסקווע גאַנץ רייכע עלטערן, נאָר ער וויל נישט הנאה האָבן פון זיין טאַטנס עשירות, ווייל ער קעמפט דאָך קעגן דעם קאַפּיטאַליזם.

איז בערטאָלדיס אַמביציע געווען צו באַווייזן די סיימיסטן, אַז דווקא די עסעסישע הונגער-קאָמונע איז בכוח סיי ליטעראַריש און סיי מאַטעריעל צו פאַרמעסטן זיך איצטער אויף אַ חודש-זשורנאַל, ווייל עס האָט הינטער זיך אין רוסלאַנד פּיל ברייטערע יידישע מאַסן, ווי דער סיים.

איז טאַקע געשען אַ וווּנדער און אין איינעם אַ גאַנץ שיינעם פרימאָרגן האָט בערטאָלדי ווירקלעך באַקומען צוגעשיקט פון ערגעץ ווו אַ טעלעגראַפישע געלט-איבערווייזונג אויף דריי הונדערט קראָן.

בערטאָלדי איז געוואָרן אַזוי שטאַרק איבעראַשט פון דעם דאָזיקן געלט-סיורפּריז, אַז ער האָט זיך אַפילו נישט פאַראינטערעסירט אַ קוק צו טאָן, ווער אַן ערך פון די פאַרמעגלעך-געוואָרענע עסעסאָווצעס האָט עס באַשלאָסן אַזוי ברייטהאַרציק צו מעצענירן דעם „פריילאַנד".

דריי הונדערט קראָן איז אין יענער צייט געווען אַ גאַנץ-באַ-דייטנדיקע סומע, און נישט לאַנג געטראַכט — איז בערטאָלדי אָפּגע-פאָרן קיין קראָקע, אָדער לעמבערג אַרויסצוגעבן דעם ערשטן נומער „פריילאַנד".

אין אַ טאָג צען אַרום איז די גאַנצע עסעסישע קאָמונע אַוועק אויפן וואָקזאַל באַגעגענען דעם „פירער" אירן מיט די פּעק פריש-אָפּגעדרוקטע „פריילאַנד". אויך איך בין אַוועק אויפן וואָקזאַל באַגעגע-נען בערטאָלדין, כאָטש איך האָב געהאַט פאַר אים נישט גאָר קיין אָנגענעמע בשורה. איך האָב נעמלעך געהאַט באַקומען אַ בריוו פון מיין ברודער וולאַדעק אין ניו-יאָרק, אַז ער האָט מיר מיט אַ פּאָר

וואָכן צוריק געהאַט אַרויסגעשיקט טעלעגראַפיש אויף לאצקיס אַדרעס דריי הונדערט קראָן, כדי איך זאָל קענען רויק היילן זיך און לעבן אַ טאָג.

אזוי אַרום האָט זיך באַקומען, אַז דער אמתער מעצענאַט פונם עסעסישן „פריילאַנד" איז נישט געווען דער חבר בריסקמאַן (ד"ר פינעס), ווי לאַצקי האָט זיך געהאַט משער געווען, און וועמען ער האָט שוין, אַ סברא, געהאַט אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן דאַנק־בריוו, נאָר וולאַדעק פון ניו־יאָרק...

בערטאָלדי, אויסהערנדיק פון מיר די דאָזיקע געשיכטע, האָט תיכף ומיד באַשלאָסן, אַז פון היינט אָן און ווייטער — ווער איך אַ פולבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער עסעסישער קאָמונע, מען קען אַפילו זאָגן — אַ רעדאַקציע־מיטגליד!

די דאָזיקע דערהויבונג מיינע האָט מיך, פאַרשטייט זיך, שטאַרק באַגייסטערט, אָבער וולאַדעקן האָב איך וועגן דעם נישט געשריבן. ער וואָלט זיך דאָס זיכער גענומען צום הארצן. איצטער אָבער מעג איך דאָס שוין דערציילן אפילו וולאַדעקן. די צייט האָט שוין אַלץ אויסגעגליכן און אַלץ פאַרגעבן.

די זעלבע מוטערל־צייט האָט שוין זיכער אויך אויסגעגליכן דעם „דרוקפעלער", וואָס דער צעטראָגענער בערטאָלדי האָט געהאַט דענסט־מאָל דורכגעלאָזט אויף דער פראָנט־זייט פונם „פריילאַנד".

ער האָט, נעמלעך, געהאַט פאַרגעסן, בערטאָלדי, אַז דער „פריי־לאַנד" איז, אייגנטלעך, באַשטימט פאַר די עסעסישע מאַסן פון רוס־לאַנד. מען האָט, הייסט עס, געהאַט בדעה צו שיקן דעם זשורנאַל גאַנץ לעגאַל דורך דער פאָסט, ווייל „פריילאַנד" האָט דאָך נישט גע־האַט פאַרמאָגט אין זיך קיין שום בונטאַרישע העץ־אַרטיקלען קעגן דעם צאַרישן רוסלאַנד. די רוסישע צענזור וואָלט דעם „פריילאַנד" זיכער דורכגעלאָזט, ווען עס וואַרפט זיך נישט אין די אויגן דער פעט־גע־דרוקטער לאָזונג „פראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער פאַראייניקט זיך!"

צו וואָס, אָן ערך, האָט מען עס געדאַרפט האָבן דעם דאָזיקן לאָזונג, וויבאַלד אין זשורנאַל גופא זענען נישט געווען קיין שום קאַמפּס־אַרטיקלען? האָט בערטאָלדי, געדענק איך, אַוועקגעזעצט זיין פרוי בערטע און מיך — דעם „פריילאַנד"־„מעצענאַט", מיט שוואַרצן טוש און מיט פענזליקלעך צוויי — מיר זאָלן פון די אַלע „פריילאַנדס", וואָס זענען באַשטימט פאַר רוסלאַנד, אויסמעקן דעם עסעסישן לאָזונג.

פאַר מיר פערזענלעך איז די דאָזיקע אַרבעט געווען גאַנץ־אינ־טערעסאַנט, ווייל מיר איז נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זיצן אַזוי לאַנג אַקסל צו אַקסל מיט בערטען, אָבער בערטע האָט זיך דענסטמאָל שטאַרק געערגערט, ווייל זי האָט, אַפּנים, געהאַט געשפּירט, אַז מיר פאַרנעמען זיך סוף־כּל־סוף מיט אַ מיאוסער אַרבעט.

עס איז דאָך ווירקלעך נישט אַנגענעם אויסצוקראַצן אַ הייסן בונטאַרישן לאָזונג, פאַר וועלכן און אונטער וועלכן מען שטייט נישט אין קאַמף.

האָט אונז אָבער בערטאָלדי געטרייסט דערמיט, וואָס די חברים אין רוסלאַנד וועלן זיך זיכער אָנשטויסן, וואָס אַזוינס עס שטעקט אונטער דעם שוואַרצן טוש־פּאַס אויף דער פראָנט־זייט פון „פריילאַנד".

— זיי וועלן שוין פאַרשטיין — האָט אונז בערטאָלדי געטרייסט — אַז צוליב צענזור־טעמים זענען מיר דאָס געצוווּנגען געווען צו טאָן.

האָבן מיר ביי פינפהונדערט מאָל נאָכאַנאַנד פאַרשמירט דעם „פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער פאַראייניקט אייך", און אפשר דער־פאַר טאַקע איז אונז דענסטמאָל נישט געלונגען צו פאַרייניקן זיך כּאָטשבי מיט די סיימיסטן.

עסעסישע מיטאָלאָגיע

פאַר דער עסעסישער קאָמונע זענען געווען אָנגעשטאַנען זייער שווערע צייטן. ס׳איז געווען זומער־צייט, די מער־פאַרמעגלעכע עלע־מענטן פונעם „אַרקאַדן־קאַפע", ביי וועלכע מען פלעגט אָפט קאָנען איבערכאַפּן אַ גמילות־חסד, זענען זיך צעפאָרן פון ווין. דער אָנפירער פון דער קאָמונע — בערטאָלדי — האָט זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות אָנצוהאַמפּען די קאָמונע מיט גוטע שטימונגען און האָפענונגען. ער האָט געהאַט צעשיקט מערערע בריוו צו די רייך־געוואָרענע עסעסאָווצעס אין רוסלאַנד וועגן דעם ערשטן נומער „פריילאַנד", וואָס דער עסעסי־שער צענטער אין ווין האָט אַרויסגעגעבן. — האָט די קאָמונע געוואַרט מיט יעטוועדער פּאָסט אויף געלט פון רוסלאַנד. ביז וואַנען וואָס־ווען האָט בערטאָלדי געהאַט צוגעטראַכט זייער אַ גוטן מיטל, ווי צו שטילן דעם הונגער אָן קיין שום אַכילה־זאַכן. דער מיטל איז געווען זייער אָן איינפאַכער און אַ ביליקער. מיר פלעגן זיך דאַרפן אויסלייגן מיט די בייכער אַראָפּ אויף דעם גאַנץ־גרויסן טעפּיך פון בערטאָלדיס צימער.

— ווען מען ליגט אויפן בויך — פלעגט אונז לאַצקי־בערטאָלדי איינ־

שמועסן — שפירט מען נישט קיין הונגער. ס׳איז געווען, פֿאַרשטייט זיך, נישט מער ווי אַ וויץ, אָבער דער דאָזיקער איינפֿאַל איז אונז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

ליגנדיק אויף די בייכער מיט די קעפּ איינע צו די אַנדערע, פֿלעגט מען זייער גוט קאָנען פֿילאָסאָפֿירן וועגן פֿאַרשידענע וועלט-פּראָבלעמען און דער עיקר — אויסהערן בערטאָלדיס איינפֿאַלן און פּאַראַדאָקסן. אַזוי, למשל, האָט אונז בערטאָלדי, ליגנדיק אָט אַזוי, אויף די בייכער, אָנגעהויבן איינמאָל אַנטוויקלען זיין געדאַנק, אַז די יידישע ליטעראַטור וואָלט זיכער נישט געווען אַזוי פּראָווינץ-מעסיק, בלוט-אָרעם און אַסקעטיש, ווען אויך זי (די יידישע ליטעראַטור) וואָלט, ווי די אַנדערע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן, אַרויסגעשפּרודלט פֿון דער העלעניסטישער קולטור. די העלעניסטישע קולטור איז פֿול-בלוטיק און קעמפּעריש. די גריכן האָבן אַפֿילו די געטער זייערע צוגעשריבן די גרעסטע מענטשישע ליידנשאַפֿטן. צוליב דער גריכישער געטין העלענע, איז דאָך אויסגעבראָכן דער טראָיאַנישער קריג. קורץ און גוט — די יידישע ליטעראַטור מוז אָנהויבן ווערן העלעניסטיש, און דעריבער טאַקע האָט בערטאָלדי פֿעסט געהאַט באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ס׳באַקומט זיך אַ ביסל געלט — קויפֿט ער מיר איין די גריכישע מיטאָלאָגיע — איך זאָל, הייסט עס, אָנהויבן שעפּן פֿון איר נייע ליידנשאַפֿטן פֿאַר מיינע פּאָעטישע שאַפֿונגען. בין איך, פֿאַרשטייט זיך, געווען שטאָלץ, וואָס בערטאָלדי וויל מיך צוקנעפּלען צו דער העלעניסטישער קולטור, און ער האָט דענסטמאָל, געדענק איך, באַקומען ביי מיר דעם אויס-זען פֿון אַ פּראָמעטעוס, וואָס גייט אויפֿן הימל גנבענען דאָס פֿייער פֿאַר די שטערבלעכע מענטשן. מיין צעשפּילטע פֿאַנטאַזיע האָט שוין אויך אַפֿילו בערטען פֿאַרוואַנדלט אין דער גריכישער געטין, העלענע, צוליב וועלכער ס׳קאָן נאָך אַמאָל אויסברעכן אַ טראָיאַנישער קריג (אין דעם „אַרקאַדן-קאַפֿע״, פֿאַרשטייט זיך). אויך דעם יעזוס-באַבערדלטן דאַניעלי (טשערניכאָוו), דעם קאָרפּולענטן דאַווידאָוויטש-לוואָוויטש, און דעם רויט-בעקלדיקן שאַץ-אַנין האָב איך שוין אָנגעהויבן באַטראַכטן פֿונם ריין-מיטאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, און ס׳האָט זיך מיר שוין אַפֿילו אָנגעהויבן דוכטן, אַז איך אַליין הויב אויך אָן צו ווערן ערדיש-געטלעך. דעריבער טאַקע האָט פֿאַר מיר אויסגעזען דענסטמאָל זייער העלדנ-האַפֿט דער געוואַגטער שריט פֿון דאַניעלין זיך אַוועקצולאָזן נאָך אַ גמילת-חסד צו איינעם אַ באַקאַנטן יידן, וואָס האָט געלעבט אויף

אַ דאַטשע, ווייט-ווייט הינטער ווין, אמת, דער אָנפירער פון דער קאָ-מונע — בערטאָלדי — האָט דאַניעלין געהאַט באַזאָרגט דענסטמאָל מיט אַ טראַמוויי-בילעט נאָר אויף אַ אַהינצוצו, אויף צוריקצוקומען וועט ער דאָך שוין האָבן געלט פון דעם גמילת-חסד, וואָס ער וועט דאָרטן זיכער באַקומען.

זענען מיר שעהן-לאַנג געלעגן אויף די בייכער, און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דאַניעלס צוריקקומען. מיר האָבן שוין אַפילו געהאַט אויסגעאַרבעט דעם מעניו פון דער וועטשערע, וואָס מיר וועלן באַלד עסן.

אָבער די עסעסישע קאָמונע איז יענעם אָוונט פאַרבליבן אָן אַ וועטשערע, ווייל דאַניעלי האָט געמוזט דורכמאַכן דעם צוועלף-קילאָ-מעטערדיקן וועג אויף צוריק צופוס, נעבעך. ער האָט דעם געוווּנשטן מאַן נישט געטראָפן אין דער היים, און ער האָט זיך אומגעקערט, ווי אַ פּראָמעטעוס מיט אַ פאַרלאָשענעם פייער.

האָט שוין דענסטמאָל אונזער „שיינע העלענע“—ד. ה. בערטע,— נישט געקאָנט מער פאַרנעמען אונזער צער, איז זי אַרויס אין דרויסן זיך מיישב צו זיין מיט דער ווינער לבנה, וואָס זי קאָן טאָן פאַר אונז, שטערבלעכע, און ווען זי האָט זיך געהאַט צוריקגעקערט פון איר גרויסן ישוב-הדעת — האָבן מיר דערזען אין האַנט ביי איר אַ לעבעדיקע אַסיגנאַציע פון פופציק קראָן.

דאָס האָט זי, די בטבע קורצזיכטיקע בערטע, אָקאָרשט גע-האַט געפונען אין דעם ביינאַכטיקן דרויסן, אַ גאַנצן פופציקער, און מיר אַלע זענען אַוועק נאָך האַלבער נאַכט אָפּפּאַסטן זיך פון אונזער העלעניסטישן אָוונט.

שפּעטער אַ ביסל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די פופציק קראָן, וואָס בערטע האָט געהאַט כּלומרשט געפינען אין דרויסן, האָט זי גאָר באַקומען פון אירן אַ ברודער אין פּאַריז צושטייער אויף אַ בילעט — זי זאָל קאָנען קומען צו אים אין פּאַריז.

פאַרשטייט זיך, אַז בערטע האָט שוין די רייזע וְאירע קיין פּאַריז געמוזט אָפּלייגן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, ווייל מיר האָבן דאָך דעם בילעט אירן אויפגעגעסן.

מיר עסן־אויף אַ מצבה

דעם זשורנאַל „פרייל„אַנד״, וואָס מיר האָבן צעשיקט אין אַלע עקן רוסלאַנד, האָבן כּמעט אַלע באַקומען. מער נישט, אייניקע פּאַרטיי־חברים האָבן זיך אין די בריוו צו אונז געקלאָגט, אַז די פאַרפלוכטע רוסישע צענזור האָט אויסגעמעקט דעם לאָזונג, „פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער פאַראייניקט זיך״.

זיי, די נאַאיווע פּאַרטיי־חברים, האָבן גאָרנישט געקאָנט חושד זיין, אַז דעם לאָזונג האָבן די עסעסישע צעקיסטן גופא געלאָזט אויס־מעקן, כּדי דער זשורנאַל זאָל קענען פריי אַריינקומען קיין רוסלאַנד.

נאָר וויבאַלד דער זשורנאַל איז זיך גוט „צעגאַנגען״ און גע־האַט אַ גוטן אָפּקלאַנג — מוז מען דאָך גרייטן אַ צווייטן נומער. אמת, עס איז נישט געווען קיין גראָשן געלט ביי דער נשמה, אָבער ווער טראַכט עס פריער פון געלט, כּל זמן עס איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרטיק דער מאַטעריאַל.

ס׳האָט קודם־כּל געפעלט דער אַרטיקל פון אים אַליין, פון בערטאָלדין.

האָט זיך בערטאָלדי אַוועקגעלאָזט אין די לאַבירינטן פון זיין גייסטיקן באַגאַזש אויסזוכן אַ פּאַסיקן מאָטאָ צו דעם אַרטיקל זיינעם, כאָטש די טעמע פונם אַרטיקל גופא איז אים נאָך נישט געווען באַקאַנט.

— דער ריכטיקער מאָטאָ — פלעגט טענהן בערטאָלדי — גיט שוין אויך די טעמע...

עס איז ווירקלעך געווען צום באַוואונדערן, ווי אַזוי לאַצקי פלעגט געשמאַק צופּאַסן די אַרטיקלען זיינע צו די פאַרשיידענע פּסוקים און שפּרוכן פון די דאַמאָלסדיקע באַרימטע נאַציאָנאַל־טעאָרעטיקער, און ס׳פלעגט זיך, ווירקלעך, באַקומען אַ מייסטער־ווערק, וואָס נישט איי־נער פון אונז פלעגט אים מקנא זיין.

יעדער געדאַנק איז געווען ביי אים אַזוי גוט דיסציפּלינירט און קאָנצענטרירט, כאָטש נעם און שרייב אַ גאַנצע דיסערטאַציע וועגן איין אַרטיקל זיינעם.

דערפאַר אָבער איז בערטאָלדי געווען זייער פּזרנותדיק אין זיין תּורה שבעל־פּה. ער האָט תּמיד געהאַט צופיל געדאַנקען און איינפאַלן. וויפל ער האָט נישט געקענט אַריינקנעטן אין זיינע אַרטיקלען — פלעגט ער די מותּרות זייער גערן אָפּשענקען יעדן איינעם, וואָס פלעגט זיך אים מאַכן אונטער דער האַנט.

ער האָט שוין געהאַט אַזאַ טבע, בערטאָלדי, פּאַרצופֿלייענען זיינע מייסטערווערק פאַר יעדן איינעם און נאָכדעם זיי אַליין קאָמענטירן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פייערשטיין, וואָס שפּריצט מיט פונקען צו יעדן איינעם, וואָס קלאַפּט אויף אים מיט זיין אייזנדל.

איז ווער פון אונז פּלעגט עס נישט זיין געגוג נייגעריק, אַרויס־צובאַקומען פון בערטאָלדין די פונקען פון זיין שטאַרקן טעמפּעראַמענט?

פּלעגן מיר אַלע לעבן מיט זיין תּורה שבעל־פּה, וואָס נישט איינער פון אונז פּלעגט עס שפּעטער אַביסל פאַרוואַנדלען אין תּורה־שבכתב...

אַפילו די אייגענע פרוי זיינע, בערטע, פּלעגט אָפּמאָל שטאָל־צירן מיט די געדאַנקען פון איר מאַן, און לאַצקי פּלעגט נישט איין מאָל כאַפּן התפּעלות פון זיין פרויס גייסטרייכקייט, פאַרגעסנדיק דער־ביי, אַז די דאָזיקע תּורה שטאַמט דאָך פון אים גופא...

אָבער וואָס־רייכער עס פּלעגט ווערן אונזער גייסטיקער באַגאַזש — אַלץ־אָרעמער פּלעגט ווערן אונזער קאַסע. דער דלות איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיר פּלעגן שוין נישט זיין בכּוח צו באַזוכן אַלע אינאיינעם דעם „אַרקאַדן־קאַפע״, און מיר פּלעגן פאַר דער לעצטער קראָנע אַוועקשיקן איינעם פון אונז אין קאַפע, כּדי צו כאַפּן דאָרטן אַ גמילת־חסדל. גאַנץ אָפט פּלעגט דער דעלעגאַט אונזערער זיך אומקערן פון קאַפע מיט ליידיקע הענט, און די שטימונג פּלעגט ווערן נאָך ערגער.

מיך אָבער פּלעגט עס נישט אַרן, ווייל ליידנדיק פון אַ מאָגן־געשוויר האָב איך סיי־ווי קיינמאָל נישט געשפּירט קיין הונגער.

אָבער ווי מאַרקסיסטיש־מאַטעריאַליסטיש מיר זענען נישט געווען געשטימט — האָבן מיר דאָך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין נסים און, דער עיקר, נישט אויפגעהערט צו וואַרטן אויף זיי.

האָט טאַקע ווידער אַמאָל פּאַסירט אַ נס, און ס׳האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אין ווין דער אַלטער פּאַרטיי־חבר פון רוסלאַנד סאַניע כּירגין.

ער, סאַניע, כּורגין, אַ הויכער, דאַרער און בלאַסער יונגערמאַן מיט אַ גרויען קאָפּ און מיט נערוועזע אַקסלען, האָט, זיצנדיק אין קיעוו, זיך פאַרבענקט פּלוצלונג נאָך דעם צענטער פון דער פּאַרטיי און ער איז געקומען זוכן אים אין ווין.

האָט אָט דער סאַניע כּורגין, וואָס האָט, אַגב, געקענט אויף אויס־ווייניק אַלע אַריעס פון די סאַמע שווערסטע אָפּערעס, אַפילו אויך

פון וואַגנערס, געצוומען אונז טראַקטירן מיט מיטאָגס און וועטשערעס, מיט קאַפּעס און טעאַטערס, און עס האָט ווירקלעך אויסגעזען, ווי אונזערע פּאַרטיי־חברים פון רוסלאַנד זאָלן האָבן עקסטרע געהאַט אַראָפּגעשיקט כורגינען צו אונז אין ווין, כדי צו באַדאַנקען דעם צענטר פאַר דעם ערשטן נומער „פריילאַנד".

אָבער סאַניע כורגין, לאָזט זיך אויס, איז נישט געבליבן צופרידן מיטן „צענטר". ער האָט געטענהט, אַז פאַר די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד זענען נויטיק איצט נייע לאָזונגען, וואָס זאָלן זיי אָנפּאָמפּען מיט נייעם קאמפּלוסט. און כדי אָפּצולצעווען אַביסל פונם צעקא — האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגעבן בסוד־סודות פונם צעקא אַ סאַטירישן בלעטל, וואָס זאָל צווינגען די צעקיסטן צו פאַרטראַכטן זיך איבער די נייע פּראָבלעמען און לאָזונגען פון דער עסעסישער פּאַרטיי.

נאָך דעם ד״ר שאַץ־אַנין און מיר האָט כורגין פאַרטרויט דעם פּלאַן זיינעם, ווייל ער האָט אונז געמוזט האָבן אַלס מיטאַרבעטער.

האָבן מיר בגנבה איינגעקויפט אַ העקטאָגראַף און פאַרלייגט אַ דרוקעריי מיט אַ רעדאַקציע אין כורגינס האָטעל־צימער. אין משך פון סך־הכל פיר־פינף טעג האָט זיך באַקומען אַ זעכצן־זייטיקער זשורנאַל „קאָמונע" אין דריי שפּראַכן: רוסיש — כורגין, דייטש — שאַץ־אַנין, יידיש — איך.

אין איינעם אַ שיינעם (ד. ה. זאַטן) פרימאָרגן האָבן די דריי צעקיסטן אונזערע (לאַצקי, דאַווידאָוויטש און דאַניעלי) באַקומען דורך דער פּאָסט צוגעשיקט צו נומערן פון אונזער „קאָמונע", און די איבערראַשונג ביי זיי אַלעמען איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט ערנסט גענומען שמועסן וועגן דער נויטיקייט פון אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר...

אַזוי אַרום האָט זיך אונזער שפּאַס פאַרוואַנדלט אין אַ בייזער קריטיק אויף דער גאַנצער פּאָליטיק פונם „צענטר".

— ערשט איצטער וואָלט נויטיק געווען אַרויסצולאָזן אַ פרישן נומער „פריילאַנד"!—האָט דאַווידאָוויטש גענומען צושטיין צו לאַצקין.

אָבער ווו נעמט מען די נויטיקע געלט־מיטלען?

די האָפענונג, אַז סאַניע כורגין וועט סובסידירן אַזוי ברייט דעם „פריילאַנד", ווי ער האָט געהאַט סובסידירט די קראַמאָלע־„קאָמונע", איז צערונען, ווי אַ רויך, ווייל סאַניע כורגין איז פון אונז פאַרשוואונדן פונקט אַזוי אומגעריכט, ווי ער איז צו אונז געקומען.

ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געהאַט פּלוצלונג פֿאַר עמעצן דערשראָקן, און ער האָט געמוזט וואָס-גיכער עוקר זיין פֿון ווין.

לאָזט זיך אויס, ווי איך האָב שפּעטער דערפֿאַרן, אַז סאַניע כורגין איז גאָר געווען געקומען קיין עסטרייך שטעלן אַ מצבה זיינע עלטערן און אַ שוועסטער, וואָס זענען מיט אייניקע יאָר צוריק אומגעקומען, פֿאָרנדיק אין די בעדער, דורך אַן אייזנבאַן-קאַטאַסטראָפֿע.

ער, סאַניע, אַלס איינציקער יורש, פֿלעגט יאָר-איין, יאָר-אויס באַקומען פֿון דער עסטרייכישער אייזנבאַן אַ גאַנץ-באַדייטנדיקע פּענסיע פֿאַר די אומגעקומענע עלטערן און שוועסטער, און אָט פֿאַר דער דאָזיקער פּענסיע האָט ער גאָר געהאַט בדעה צו שטעלן היינטיקס יאָר אַ מצבה זיי אַלעמען דרייען,—איז ער אָבער אַריינגעפֿאַלן אין אונזער „קאָמונע“, און מיר האָבן די מצבה זיינע אויפֿגעפֿרעסן.

שטערנזעער און מיסטיקער וואָלטן שוין זיכער געפֿונען אַ וועלכע נישט איז יענוועלטיקע פֿאַרבינדונג צווישן דעם טראַגישן טויט פֿון סאַניע כורגין, וואָס איז דערטרונקען געוואָרן, שוין זייענדיק אַ באָלשעוויק, ביי די ברעגן פֿון ניו-יאָרק, און צווישן דער אויפֿגעפֿרעסענער מצבה, וואָס ער האָט געזאָלט אַוועקשטעלן אויפֿן קבר פֿון זיינע פֿריצייטיק-אומגעקומענע עלטערן און שוועסטער.

— ווער ווייס?

דער משוגענער בוים

דער זעקס-שטאָקיקער מויער, אין וועלכן עס האָט זיך געפֿונען מיין קליין צימערל, איז געווען געבויט, ווי אַ שלאָסמעם (ם). דאָס פֿענסטער פֿון מיין צימערל איז אַרויס צום הויף. דער הויף האָט אויסגעזען, ווי אַ ריזיקער ציגלנער קאַסטן מיט אַן אַספֿאַלטענער דעק. אין סאַמע צענטער פֿון דער אַספֿאַלטענער דעק, איז געשטאַנען אַ בוים, אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטלעך. דער בוים איז געווען אַלט און דיק, מיט שטאַרק-אַרומגעהאַקטע צווייגן. ס'האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט דעם בוים פֿאַרפֿלאַנצט מיט די וואָרצלען אַרויף. ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך פּסח, אָבער דער בוים האָט נאָך נישט געהאַט אַפֿילו בדעה זיך צו פֿאַרבלעטערן.

האָב איך באַקומען אַ שטאַרקן רחמנות צו אָט דעם בוים, וואָס מען האָט אַריינגעזעצט אין אָט אַזאַ מין זעקס-שטאָקיקער תּפֿיסה, און

אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ טשוהוּנעם גולם, בעת דרויסן גרינט און בליט דער פֿרילינג אויף אַלע בוּלוואַרן, ווי אויך אַפֿילו אויף אַלע טשוהונענע לאַמטערנעס-סלופּעס, אַרום וועלכע עס ישלענגלען זיך קלעטער-בלומען.

פֿלעג איך יעדן פֿאַרנאַכט שעהן-לאַנג קוקן אויף אָט דעם פֿינס-טערן בוים-אַלמן, און פֿאַראייַנסוועג באַדויערן מיין אייגענע עלנט.

— סוף-כּל-סוף בין איך דאָך אין ווין פּונקט אַזוי עלנט און איינזאַם, ווי אָט דער בוים — פֿלעג איך שוין מיט קלעמעניש און רחמנות צו זיך אַליין, אָנהויבן טראַכטן. ווו זענען דען מיינע אייגענע חברים און חברטעס, מיט וועלכע איך זאָל קענען דערשפּירן די פֿרייד פֿון מיין אייגענעם געביין, און צו וועמען איך זאָל קענען פֿאַרטרויען מיין אָנגעווייטיקט האַרץ? אין דרויסן איז יום-טוב, נאָר מיר ביידע (איך און דער בוים) פֿראַווען שלושים נאָך די פֿאַרשניטענע יאָרן אונזערע...

ווער ווייס, ווי לאַנג איך וואָלט זיך אַזוי געחברט מיט דעם טשוהונענעם גולם, ווען איך באַמערק נישט אין איינער אַן אַנטקעגנ-איבערדיקן פֿענסטער א האַלב-נאַקעטע מיידל-פֿיגור מיט העַנט פֿאַר-וואָרפֿענע איבערן קאָפּ, ווי זי וואָלט דאָרטן געפֿלאָכטן צעפּלעך פֿון אירע צעפּאַטלטע האָר.

יעטוועדן אָוונט פֿלעגט אָט די יונגע ווינערין זיך אוועקזעצן האַלב-נאַקעט ביים פֿענסטער, און פֿלעכטן אירע צעפּ.

צי ווייס זי דען, די אַנטקעגנאיבערדיקע שכנה מיינע, אַז איינער אַ „רוסע" פֿון אַ ליטווישן קליינשטעטל לויערט איצטער מיט אַלע זיינע צוויי און צוואַנציק יאָר איבער איר ווען און שפּירט נאָך איר יעטוועדע באַוועגונג?

אמת, ס'איז אפשר נישט שיין נאָכצושפּירן אַ פֿרוי, ווען זי מאַכט דעם טואַלעט אירן. ווען זי ווייס דערפֿון — וואָלט זי זיכער פֿאַרצויגן דעם פֿענסטער אירן מיט אַ פֿאָרהאַנגל, און זיך געשיצט פֿון מיינע פֿלאַמיקע בליקן. נאָר אפשר ווייס זי יאָ דערפֿון, און טאַקע צוליב דעם אפשר באַמיט זי זיך צו פֿאַרבלייבן וואָס-לענגער ביים פֿענסטער. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זי אַפֿילו אַרויסשטעקן איר ליכטיקן קאָפּ אין הויף אַריין, ווי אויך זי וואָלט שוין וועלן זען, צי דער בוים וועט זיך אַמאָל פֿאַנאַנדערבלעטערן, אָדער נישט?

מען האָט געקענט אַפֿילו מיינען, אַז מיר ביידע זענען געווען

פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דער בוים, וואָס שטייט צווישן אונז ביידן, זאָל זיך בעסער נישט פאַנאַנדערבלעטערן... דענסטמאָל וואָלטן מיר דאָך דעם גאַנצן זומער געקענט זען איינע די אַנדערע!

כ׳וואָלט זיך אפשר נישט געהאַט אַזוי צוגעבונדן צו מיין קעגנ-איבערדיקער שכנה, ווען זי דערמאָנט מיר נישט אָן סאָניען.

געוויס. אויך זי (די ווינערין) האָט פונקט אַזעלכע שטייפע, רונ-דע אַקסלען, ווי סאָניע... ווער ווייס, צי איז זי נישט קיין גלגול פון סאָניען, וועלכע איז געקומען אַזש קיין ווין מאָנען ביי מיר דעם גרויסן חוב, וואָס איך קום איר?

אָט איז זי דאָך, סאָניע, געקומען צו מיר מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין מיין היימאַט-שטעטל דוקאָר, ווו כ׳האָב זיך איינמאָל אויס-באַהאַלטן פון איר צופיל ליבע צו מיר, — איז זי דאָך געקומען צו מיר אין איינעם אַ פאַרטאָג, זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בעט, און גענומען מיך האַלב-מאַמעדיק און האַלב געשעפטלעך איבערצייגן, אַז ווען זי באַקומט אַ קינד פון מיר — פאָרט זי גאָר אינגאַנצן אַוועק קיין אַמעריקע, און זי לאָזט מיך אויף אייביק צו-רו.

— פאַרשטייסט, דאָניע, איך וויל נישט, אַז מיין ליבע צו דיר זאָל פאַרשווונדן שפּורלאָז, ווי אַ רויך. דאָס איז דאָך מיין ערשטע און מיין לעצטע ליבע! ווען איך האָב פון דיר אַ קינד, איז מיין לעבן פול, איז מיין לעבן פאַרענדיקט...

אַזוי האָט צו מיר סאָניע דענסטמאָל געטענהט.

אָבער איידער איך האָב נאָך געהאַט באַוויזן צו באַגרייפן, וואָס, אייגנטלעך, זי וויל פון מיר, סאָניע, און צוליב וואָס זי איז פאַרטאָג געקומען צו מיר מיט אירע צניעותדיק-אַרונטערגעלאָזטע אויגן — האָב איך משוגענערווייז געגעבן צו איר אַ ביל אַרויס:

— וואָס, אַ גוטער ייד בין איך, וואָס מען קומט צו מיר אויף קינדער בעטן!?

אָט אַזאַ אַכזר בין איך דאָס געווען דענסטמאָל צו סאָניען!

און איצטער שטיי איך אַליין ביים אָפענעם פענסטער, ווי אַן אבל, וואָס האָט אָקאָרשט מקבר געווען זיין ערשט קינד, און איך זוך ביי אַן אומבאַקאַנטער ווינערין רמזים אויף סאָניען, אויף מיין סאָניען, וועמען איך בין שולדיק געבליבן אַזאַ שווערן חוב.

ווי אַזוי זאָל איך איצט באַצאָלן סאָניען אָט דעם שווערן חוב מיינעם?

אָ, איך ווייס, איך וועל איר אָנשרייבן אַ בריוו, און בעטן מחילה פאַר מיין דאַמאָלסדיקער שווערער באַליידיקונג. זי וועט מיר געוויס מוחל זיין, סאָניע. זי וועט מיך פאַרשטיין... נאָר וואָס וועל איך האָבן פון דער מחילה אירער, ווייבאַלד איך קאָן זי נישט רופן צו זיך, ווייבאַלד איך קאָן זי איצט נישט האָבן לעבן זיך?

קאָן איך דען אויסשרייבן סאָניען צו זיך, ווייבאַלד איך אַליין לעב נאָך פון דעם מעשר, וואָס די ברידער פון אַמעריקע שיקן מיר?

אַהאַ, איך ווייס, איך וועל זיך בעסער אַוועקזעצן שרייבן אַ ראָמאַן וועגן איר. איך וועל בעסער אָנהויבן דערציילן זיך אַליין און דער וועלט דעם גאַנצן אמת וועגן סאָניעס ליבע צו מיר (און אפשר אויך — וועגן מיינער צו איר). דורך דעם גופא, וועל איך אפשר לעשן מיין איצטיקע בענקשאַפט נאָך איר, מיין איצטיקן אומרו צוליב איר. איך ווייס, אַ שרייבער קאָן מיט טינט פאַרלעשן נישט איין אינעווייניקסטע שריפה זיינע!

האָב איך מיך אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענסטער באַשרייבן דעם גאַנצן ראָמאַן מיינעם מיט סאָניען. איך האָב אָנגעהויבן פון מאָמענט, ווען איך בין געווען געקומען צו איר מיט אַ שטיק רויטן סאַטין — זי זאָל אויף אים אויסנייען צום ערשטן מאַי די לאָזונגען די עסעסישע, און כ׳האָב געהאַט בדעה צו פאַרענדיקן דעם ראָמאַן מיט דער סצענע, ווען סאָניע קומט צו מיר בעטן אַ קינד. זאָל, אדרבא, די וועלט זען, ווער פון אונז ביידן איז געווען גערעכט...

שרייבנדיק אָט אַזוי ביים אָפענעם פענסטער — פלעג איך פון צייט צו צייט כאַפּן אַ קוק צו דעם אַנטקעגנאיבערדיקן פענסטער, ווי איך וואָלט דאָרטן געזוכט נייע באַגייסטערונג פאַר מיין ווייטערדיקן שרייבן.

ווען איך קען איצטער דער אַנטקעגנאיבערדיקער שכנה מיינער איבערלייענען די ערשטע קאַפּיטלען, וואָס צאַפּלען זיך פאַר ווייטיק אויף מיין שרייב-טיש — וואָלט מיר דערפון אַ סך גרינגער געוואָרן.

אָבער די אַנטקעגנאיבערדיקע שכנה ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ-מער דערווייטערט פון מיר.

דער וועג צווישן אונז ביידן ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער פאַרשטעלט און פאַרצוימט. דאָס האָט, לאָזט זיך אויס, דער טשוהונענער בוים, וואָס אין מיטן הויף, באַקומען אין זיך פלוצים נייע כוחות, און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ ווילדן אימפעט שיטן פון זיך

צווייגן און בלעטער, ווי אויך ער וואָלט זיך געווען אַוועקגעלאָזט אָניאָגן דעם פֿרילינג.

וואָס־מער ער פלעגט זיך אָנבלעטערן און פאַרצווייגן — אַלץ־שווערער פלעגט ווערן פאַר מיינע אויגן צו דערטאַפּן דאָס אַנטקעגנ־איבערדיקע פענסטער, אין וועלכן איך פלעג טונקען מיין האַרץ ביים באַשרייבן דעם ראָמאַן מיינעם מיט סאָניען.

בין איך שוין געוואָרן אַ דם־שונא דעם בוים, צו וועלכן איך האָב פֿון אָנהויב אָן געהאַט אַזוי פיל רחמנות און מיטגעפֿיל. ער האָט זיך, הייסט עס, אַוועקגעשטעלט, דער בוים, אין סאַמע מיט, נישט נאָר צווישן מיר און דער אומבאַקאַנטער ווינערין, נאָר אויך אַפילו צווישן מיר מיט סאָניען, און ווען איך וואָלט געווען דער באַלעבאָס פֿונם הויף, וואָלט איך זיכער געהייסן אים אָרונטערצוהאַקן.

איך בין אָבער נישט געווען דענסטמאָל נישט נאָר דער באַלע־באָס איבער דעם הויף, נאָר אויך נישט אַפילו דער באַלעבאָס איבער זיך אַליין. איך האָב געשפּירט, אַז ערגעץ־ווו פאַרליר איך מיין גייס־טיקן גלייכגעוויכט, אַז ערגעץ־ווו בין איך שוין אַ ביסעלע צעטומלט, און כ׳פלעג אויסמיידן צו באַגעגענען זיך אַפילו מיט די פריינט מיינע פֿון דער עסעסישער קאָמונע.

שוועסטער עלזאַ

שוועסטער עלזאַ איז געווען געבויט אין גאָטישן סטיל: הויך, שלאַנק און מיט אַ קאָפּ העכער פֿון מיר. נאָר אין אַזאַ גרינער רחבות־דיקער שטאָט, ווי ווין, קענען אויסוואַקסן, האָב איך מיר געטראַכט, אַזעלכע באַרמהערציקע טעכטער. ווען זי טראָגט נישט, עלזאַ, אויף איר אויפגעשלאָגענעם קאָפּ האָר אַ ווייסע גלאַטגעפּרעסטע שוועסטער־הויב, און ווען זי געפינט זיך נישט צווישן אַזעלכע קראַנקע, באַליי־דיקטע און דערנידעריקטע נפשות, ווי די לופּאַזניקעס — וואָלט זי אפשר גאָרנישט אויסגעזען, שוועסטער עלזאַ, אַזוי שלאַנק און הויך, און ס׳וואָלט מיך, אפשר, גאָרנישט געהאַט געאַרט, וואָס זי איז פֿון מיר מיט אַ קאָפּ העכער.

ווינציק פרויען זענען דען פאַראַן, וואָס זענען מיט אַ קאָפּ העכער אַפילו פאַר די אייגענע מענער זייערע, בפרט נאָך, ווען איך מיט עלזאַן זענען אייגנטלעך, גאָר קנאַפּע מחותנים.

דאָך אָבער האָט זיך מיר פאַרגלוסט, שטאַרק פאַרגלוסט צו ווערן מיט אַ קאָפּ העכער פון דער שוועסטער עלזא. איך האָב איר געוואָלט באַווייזן, אַז איך בין דאָך נישט אַזאַ דערשלאָגענער און באַליידיקטער, ווי די אַלע אַנדערע לופּאָזניקעס, וועמען זי באַדינט און צו וועמען זי שמייכלט מיטן זעלביקן באַרמהערציק-מעכאַנישן שוועסטער-שמייכל.

ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט — זי זאָל מיר אַ שמייכל טאָן אַביסל אַנדערש, ווי זי שמייכלט צו אַלע אַנדערע קראַנקע. זי זאָל זיין צו מיר גוט אַפילו דאַן, ווען זי טראָגט נישט אויף זיך די שוועסטער-הויב, און ווען זי געפינט זיך נישט צווישן „זיי" — די אַרויסגעשטויסענע פון וועלט און לעבן. איך האָב געוואָלט און געמוזט דערווייזן איר, אַז איך בין דאָך מיט אַ קאָפּ העכער פון די אַלע אַנדערע אומגליקלעכע, וואָס זענען דאָ אין לופּוס-אַנשטאַלט, פאַרמשפט אויף אומקום און פוילעניש.

ווען זי זאָגט מיר נישט, עלזא, אַז זי קען היינען אויף אויסוויניק, ווען זי באַדאַנקט מיר נישט, עלזא, פאַרן ליד, וואָס כ'האָב צו איר געשריבן, און וועלכן זי האָט קוים באַנומען — וואָלט איך אפשר נישט געוואָרן צו איר אַזוי נייגיריק, וויבאַלד אָבער זי פאַרשטייט זיך יאָ אויף די שוואַרצע פינטעלעך, און וויבאַלד זי פאַרמאָגט דאָך יאָ אַזעלכע טיף-בלויע אויגן מיט אַ גריכיש-געשניצטן נאָז — מוז איך דאָך איר ווייזן מיין אייגענעם טאַלאַנט, מיין טאַלאַנט צו קענען פירן אַ טאָפּל-לעבן, פול מיט קאָנטראַסטן און קאָנפליקטן. ווייס זי דען, שוועסטער עלזא, אַז נאָך מיינע ווייסטע לופּוס-פרימאָרגנס פאַרברענג איך מעשה-באַהעמיקער אין דער געזעלשאַפט פון די סאַמע פראָמינענטסטע יידישע און נישט-יידישע שרייבער, זשורנאַליסטן, קינסטלער און אַרטיסטן?

זאָל זי, די שוועסטער עלזא, אַדרבה זען, ווי איינער פון אירע „קליענטן", ווי איינער פון דעם לופּוס-געזינדל זיצט זיך אַזוי היימיש און געמיטלעך אין דעם רייך-באַלויכטענעם „אַרקאַדן-קאַפע", ווו אויך ד"ר הערצל און אָטאָ וויינינגער — די צוויי קאָנטראַסטן פון דעם ווינער יידנטום — זענען געווען שטאַם-געסט.

האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט אויסצובאַרימען זיך פאַר דער שוועסטער עלזא מיט די צוויי קאָנטראַסטן פון מיין אייגענעם לעבן.

האָב איך איינמאָל באַשלאָסן זי איינצולאַדן אין אַרקאַדן-קאַפע. איך בין געווען זיכער, אַז זי וועט מיין איינלאַדונג נישט אָננעמען.

דאַן וואָלט עס געווען די בעסטע אָפּקומעניש פֿאַר אַלע מײַנע זינד לגבי סאָניען און לגבי דער גאַנצער וועלט.

האָט אָבער די שוועסטער עלזא קעגן אַלע מײַנע דערוואַרטונגען די אײַנלאַדונג מײַנע דאָך אָנגענומען.

פֿאַר גרויס פֿרייד און צעטומלטקייט בין איך דעמאָלסט געוואָרן גרייט אַרומצוכאַפּן אַלע לופֿאָזניקעס און זיך צעקושן מיט זיי.

שוין מיט אַ שעה פֿריער האָב איך געוואַרט דרויסן נעבן לופֿוס-אַנשטאַלט, ביז די הויכע געמויערטע ווענט וועלן פֿון זיך אַרויסגעבן די שוועסטער עלזא. כ'האָב אַלץ געציטערט, צי וועל איך זי דערקענען אָן איר שוועסטער-הויב און אָן איר מעכאַנישן שוועסטער-שמייכעלע?

כ'האָב זי אָבער תּיכּף דערקענט. אמת, אין איר אײַנפֿאַכער ציווילער קליידונג האָט זי טאַקע אויסגעזען עטוואָס-נידעריקער ווי אין איר שוועסטער-הויב. מען האָט געקענט גלייבן, אַז זי האָט זיך בכּיון געמאַכט עטוואָס נידעריקער, כּדי זיך אויסצוגלייכן מיט מיר, כּדי יעדנפֿאַלס נישט צו זײַן העכער פֿון מיר.

— נו, וואָס האָט איר בדעה צו טאָן מיט מיר? — האָט מיך עלזא אַ פֿרעג געטאָן מיט אַן עכט-ווײַבערישער נײַגעריקייט, ווי זי וואָלט טאַקע געווען גרייט זיך גאָר אינגאַנצן מקריב צו זײַן פֿאַר מיר.

— כ'האָב בדעה צו נעמען אײַך אין מײַן שטאַם-קאַפֿע — האָב איך פֿיבערדיק אַ זאָג געטאָן, זוכנדיק די ריכטיקע דײַטשע ווערטער, וואָס זאָלן אויפֿמאַכן איר האַרץ פֿאַר מיר.

— אין אַרקאַדן-קאַפֿע? — האָט עלזא איבערגעפֿרעגט.

— יאָ, יאָ, אין אַרקאַדן-קאַפֿע, אין מײַן שטאַם-קאַפֿע, וווּהין איך קום יעטוועדן אָוונט זאָרגן זיך אינאיינעם מיט מײַנע פֿרײַנט וועגן דעם גורל פֿון דער גאַנצער מענטשהייט...

— יאָ, יאָ, וועגן דעם גורל פֿון דער גאַנצער מענטשהייט! — בין איך שוין אַרײַן אין אַזאַרט, און כ'האָב אָנגעהויבן צו דערקלערן אויף מײַן געבראָכענעם יידיש-דײַטש דער שוועסטער עלזא, וואָס איז דאָך מיר איצטער נישט מער קיין „שוועסטער", נאָר אַ פֿרײַליין, אַ פֿרײַנדין, אַ חבֿרטע, — האָב איך איר אָנגעהויבן צו דערקלערן — אַז אייגנטלעך געהערן די לופֿאָזניצעס און לופֿאָזניקעס אויך צו דער מענטשהייט, און ווען ס'זאָל, למשל, פֿאָרקומען ווען עס איז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָלטן מיר אויך זיי, די אַרויסגעשטויסענע און דערנידעריקטע, געדאַרפֿט באַהאַנדלען, ווי פֿריי-געוואָרענע וועלט-בירגער.

— האַ, ווי מיינט איר, שוועסטער עליזא? — האָב איך אָנגעהויבן זי אויסצופרעגן, פונקט ווי איך וואָלט זיך געקליבן אָט־אָט אַריינגעמען זי אין אונזער עסעסישער קאָמונע און געבן איר לייענען דעם ערשטן נומער פון אונזער זשורנאַל „פּריילאַנד".

שוועסטער עליזא אָבער האָט מיר נישט געגעבן קיין שום באַשטימטע תשובה. איך גלויב, אַז זי האָט דענסטמאָל פּראָסט־פּשוט נאָך נישט געהאַט פאַרשטאַנען גוט מיין יידיש־דייטשן לשון.

זי האָט אפשר געמיינט, אַז איך בין אויסן אַריינצופירן אין אַרקאַדן־קאַפע אַלע צוויי הונדערט לופּאָזניקעס און לופּאָזניצעס פון אונזער הייל־אַנשטאַלט?

שוועסטער עליזא האָט באַרמהערציק־שטיל געשוויגן.

דער צאַל־קעלנער סטעפאַן האָט אונז זייער־פריינדלעך אויפגענומען און ער האָט אונז הרחבהדיק אויסגעזעצט, ווי אַ פאַרליבט פּאָרל אין צוויי שטרוי־קערב — די תמוז־זון און די נייגעריקע שכנים־אויגן זאָלן אונז, חלילה, נישט שטערן.

די גלעזער מעלאַנזש־קאַפע האָבן אויסעראָרדנטלעך גוט געשמעקט. עליזאס געזיכט איז געוואָרן אַזוי לויטער און הייליק, ווי מען וואָלט ראַפאַעלס אַ מאַדאָנע אַריינגעפּאַסט אין אַ שטרוי־ראַם.

ס'האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט טאָן איר עפּעס גוטס, עליזאן, כ'האָב אָבער נישט געוווּסט, ווי אַזוי.

ווען איך קאָן כאָטש גוט דעם לשון אירן — וואָלט איך איר דערציילט, ווי אַזוי סאָניע האָט מיך ליב געהאַט, און אַז איצטער האָב איך ליב זי, עליזאן, פּונקט אַזוי, ווי סאָניע האָט אַמאָל מיך ליב געהאַט.

כ'וואָלט איר אויך דערציילט וועגן דער קעגנאַיבערדיקער שכנה מיינער, וואָס איז פּלוצלונג פאַרבלעטערט געוואָרן אויף אַ גאַנצן זומער דורך דעם אַלמן־בוים, וואָס צווישן אונז.

ווער ווייסט, וויפל נאָך זאַכן וויכטיקע איך וואָלט געקאָנט הייניטיקן מאָל אין אַרקאַדן־קאַפע אויסדערציילן דער שוועסטער עליזא, ווען זי אַליין באַקומט נישט פּלוצלונג לשון, ווען זי אַליין דערציילט מיר נישט אַ מעשה אַזאַ, וואָס איז נישט נאָר אַ מעשה, נאָר אַ רמז אויף מיר און אויף אונז אַלעמען.

אַ מעשה, וואָס זאָל האָבן געהאַט פּאַסירט אין דעם זעלבן לופּוס־אַנשטאַלט, ווו זי, שוועסטער עליזא, אַרבעט. אַ מעשה מיט אַ שוואַרצער דאַמינאָ.

די שוואַרצע דאָמינאָ

דאָס האָט פּאַסירט פּאַריקן ווינטער — האָט שוועסטער **עלזאַ** אָנגעהויבן שטיל און געלאַסן צו דערציילן, ווי אַ מאַמע, וואָס קלייבט זיך צו פאַרשלעפערן איר אויפגעוואַכטן קינד — ס'האָט פּאַסירט ערב ניי-יאָר, ווען גאַנץ ווין הערט נישט אויף צו טאַנצן אויף די ווייַנאַכט-באַלער און מאַסקאַראַדן.

איז אָט אין איינער אַזאַ ערב ניי-יאָר-נאַכט האָט זיך איינער אַ צוואַנציק-יעריקער לופּאָזניצע, וואָס האָט זיך שוין אַ יאָר דריי געהאַט אויפגעהאַלטן אין אונזער לופּוס-אַנשטאַלט, פאַרגלוסט אַ לעבן צו טאָן מיט אַלעמען צוגלייך...

זי איז געווען ביי אונז די סאַמע אינטעליגענטע מיידל. זי האָט אַ סך געלייענט, און נאָך מער פאַנטאַזירט. אין יעדן מאַנספּערשוין, וואָס פלעגט אַריינקומען צו אונז אין אַנשטאַלט, פלעגט זי דערזען אַ פּרינץ, וואָס קומט זי אויסלייזן פון געפענקעניש. אין דאָקטאָר אונזערן, וואָס פלעגט זי באַהאַנדלען, איז זי געווען ביז משוגעת פאַרליבט. צו דער אָבער-שוועסטער, וואָס ביי אונז, איז זי געווען ביז משוגעת אייפערזיכטיק. זי איז געווען זיכער, די לופּאָזניצע, אַז די אָבער-שוועסטער וויל ביי איר דעם דאָקטאָר אַרויסכאַפּן, און אים צונעמען פון דער אַנשטאַלט.

האָט זי איינמאָל דערהערט, די אומגליקלעכע, ווי די אָבער-שוועסטער רעדט אָפּ מיטן דאָקטאָר צו טרעפן זיך אויף איינעם אַ מאַסקאַראַד, ווו ער, דער דאָקטאָר, זאָל זי, די אָבער-שוועסטער, דערקענען, כאָטש זי וועט זיין זייער אָריגינעל מאַסקירט.

איז איר איינגעפאַלן, דער לופּאָזניצע, אומבאַדינגט אויפצוזוכן דעם דאָזיקן מאַסקאַראַד, און אויסכאַפּן ביי דער אָבער-שוועסטער דעם דאָקטאָר אירן.

האָט זי זיך פאַרשאַפט אַ שוואַרצע דאָמינאָ, אָט פּונקט אַזאַ דאָמינאָ, וואָס עס טראָגן די קאַטוילישע מאָנאַשקעס, און אין יענעם אָוונט האָט זי זיך טאַקע אַרויסגעגנבעט פון דער אַנשטאַלט.

ווי אַזוי אַזאַ איינע האָט געוואַגט דורכצופירן אַזאַ מין אַוואַנטורע — און זיך אַריינצוכאַפּן אין איינעם פון די שענסטע און רייכסטע זאַלן פון ווין, איז נאָך פאַר אונז עד-היום אַ גרויס רעטעניש.

זי האָט זיך אָבער אַהין אַריינגעכאַפּט צווישן דעם בונטן מאַס-

קאַראַד-עולם, און זי האָט דאָרטן, פאַרשטייט זיך, באַלד אויפגעזוכט אונזער פאַרמאַסקירטן דאָקטאָר, זי האָט מיט אים פאַרפירט אַ הייסן פלירט, ווי עס שטייט געשריבן אין די בולוואַר-ראָמאַנען.

אונזער דאָקטאָר איז געוואָרן איבערראַשט פון דער טשעקאַווער שלאַנקער „מאָנאַשקע", וואָס ווייס וועגן אים אַזויפיל, אָבער ער וועגן איר — גאָרנישט מיט גאָרנישט. ער האָט שוין, פאַרשטייט זיך, די אָבער-שוועסטער געלאָזן אָן אַ זייט, און זיך פאַרנומען דורכויס מיט איר — דער אומבאַקאַנטער דאַמע, וואָס האָט זיך אָן אים אַזוי הייס גע-קלאַמערט, און נאָך הייסער געאָטעמט אויף אים.

מער ווי אירע צעפלאַקערטע אויגן, האָט ער ביי איר נישט געהאַט אַרויסגעזען, אָבער די אויגן אַליין האָבן שוין גענוג פאַנאַנ-דערגעברענט זיין נייגעריקייט און תאווה צו דער אומבאַקאַנטער „מאָ-נאַשקע", וואָס איז אים דאָך אַזוי גוט באַקאַנט.

האָבן זיי געטאַנצט און געשכּורט ביז פאַרטאָג, ביז די צע-שטראַלטע ליוסטרעס האָבן זיך אָנגעהויבן נעפּלען פון צופיל ציגאַרן-רויך און מענטשן-שטויב, און פאַרטרינקענדיק דעם קאַרנאַוואַל מיט שוואַרצער קאַווע אין דעם רויט-דעקאָרירטן בופעט, האָט דער דאָקטאָר אונזערער אָנגעהויבן צושטיין צו דער „מאָנאַשקע" — זי זאָל סוף-כּל-סוף אַראָפּנעמען פון זיך די מאַסקע, און זיך אַנטפּלעקן פאַר אים.

— אַלע דאַמען האָבן שוין אַרונטערגענומען זייערע מאַסקעס, נאָר דו איינע פּייניקסט מיך נאָך... — האָט דער דאָקטאָר שיכּורע-הייט גענומען צושטיין צו איר, צו דער שוואַרצער דאַמינאָ...

און נישט נאָר דער דאָקטאָר, נאָר אויך די אָבער-שוועסטער, און נאָך אייניקע אַנדערע גוטע-פריינט זייערע, וואָס האָבן זיך שוין דעמאַסקירט און געלאָזט זיך דערקענען איינע צו די אַנדערע, האָבן אַלע אָנגעהויבן צושטיין צו איר, דער אומבאַקאַנטער באַקאַנטער — זי זאָל זיך סוף-כּל-סוף דעמאַסקירן און זיך לאָזן דערקענען.

— וויפיל אַ שיעור, דו שוואַרצע דאַמינאָ, צו פּייניקן אַזאַ ליבן גוטן דאָקטאָר... — האָבן אַלע אין איין קול צו איר אַרייַנגעשריגן.

— זעסט, סע שאַריעט שוין אויף טאָג, אַלע פאָרן שוין אַהיים, נאָר דו איינע פאַרהאַלטס אונז דאָ...— האָט שוין די אָבער-שוועסטער, מעשה-חברטע, אָנגעהויבן אַריינטענהן צו דער פאַרעקשנטער „מאָנאַשקע"...

— גיט מיר שאַמפּאַניער! נאָך שאַמפּאַניער! — האָט די שוואַרצע דאָמינאָ, ווי נישט מיט איר קול, פּלוצים אויפגעשריען — שאַמפּאַניער

אַהער, שאַמפּאַניער, און איך אַנטפּלעק זיך און איך אַנטדעק זיך, הו—הו—הו—הו!

— שאַמפּאַניער, שאַמפּאַניער! — האָבן אַלע אין איין קול געגעבן אַ געשריי אויס דורך דעם גאַנצן בופעט, ווי ס׳וואָלט פּלוצים אויסגעבראָכן אַ שׂרפה, פון וועלכע מען מוז זיך וואָס־גיכער ראַטעווען, און נאָך איידער דער אויפסניי־פאַרשיכּורטער עולם האָט באַוויזן אויסצוזיפּן די פריש־שוימעדיקע גלעזער, און נאָך איידער דער דאָקטאָר האָט באַוויזן ווידעראַמאָל צו פּרובירן מיט געוואַלט אַרונטערצונעמען די מאַסקע פון זיין געהיימער דאַמע, ערשט זי, די לופּאַזניצע, האָט פּלוצים געגעבן אַ שלעפּ אַראָפּ פון טיש די טישטוך מיט אַלע פּלעשער און גלעזער, און גלייך נאָכדעם — אַ ריס אַרונטער פון איר צעפּרעסענעם געזיכט די שוואַרצע מאַנאַשקע־מאַסקע, און זי איז געבליבן אָט אַזוי שטיין אין אַ מיטן פּאַרטאַג, און אין אַ מיטן זאַל צווישן דעם געזעמל אויף טויט־איבערגעשראָקענע מענטשן.

— שאַמפּאַניער אַהער, שאַמפּאַניער! — האָט זיך אויך מיר פאַרגלוסט צו געבן אַ געשריי אויס איבער דעם אַרקאַדן־קאַפּע, אָבער איך האָב דאָך מיט די לעצטע כּוחות פאַרשטיקט אין זיך דעם משוגענעם אויסגעשריי, און כ׳האָב אָנגעהויבן צושטיין צו עלזאן, וואָס האָט אָנגעהויבן קאַלטבלוטיק צו זופּן פון שטרויעלע דעם קאַלט־געוואָרענעם רעשט פון איר קאַפּע־מעלאַנזש — האָב איך אָנגעהויבן צושטיין צו עלזאן — זי זאָל מיר שוין דערציילן דעם סוף פון דער מעשׂה, וואָס איז אפשר קיין מעשׂה נישט, נאָר אַ רמז, אַ רמז אויף מיר!

— נו, שוועסטער עלזא, נו, וואָס ווייטער, האַ?

— וואָס האָט דען ווייטער געקענט פּאַסירן? — האָט שוועסטער עלזא שוין עטוואָס באַרויִקט, מיך גופא אָנגעהויבן צו באַרויִקן. פּאָליציי האָט זי אָפּגעפירט אין אַ משוגעים־אַנשטאַלט.

— וואָס עפּעס אין אַ משוגעים־אַנשטאַלט? — האָב איך בשוםאופן נישט געקענט פאַרשטיין דעם פינאַל פון דער טראַגישע מעשׂה.

— ווייל נאָר אַ משוגענע האָט דאָך געקענט אַזוי האַנדלען — האָט מיר שוועסטער עלזא געענטפערט.

— מיינט איר נישט, שוועסטער עלזא, אַז אויך איך קאָן אַמאָל אַזוי משוגע ווערן — האָבן שוין אָנגעהויבן קאָכן אין מיר מיינע וועלפישע בלוטן.

שוועסטער עלזא האָט קענטיק געהאַט דערשפּירט מיין אויפרעגונג,

און זי האָט מיר אָנגעהויבן צו פאַרזיכערן, אַז די גאַנצע מעשה האָט זי מיר דערציילט, ווי צו אַ שריפטשטעלער.

— איר זייט דאָך אַ שריפטשטעלער — האָט שוועסטער עלזא אָנגעהויבן צו מיר אַריינצוטענהן — איר זייט דאָך אַ דיכטער, און איר דאַרפט זיין גליקלעך, וואָס איר קענט פראַנק און פריי באַוועגן זיך איבער דער גרויסער וועלט.

— איר דאַרפט דאָך זיין גליקלעך! — האָט שוועסטער עלזא נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די זעלבע פראַזע, און דערביי האָט זי אָנגע-כאַפּט די קראַנקע האַנט מיינע, ווי זי וואָלט געהאַט בדעה דאָ אין אַרקאַדן-קאַפּע זי נאָכאַמאָל איבערצובינדן.

האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט צו טאָן עפּעס גוטס דער שוועסטער עלזא, וואָס איז מיר איצט נישט קיין באַרמהאַרציקע שוועס-טער, נאָר אַ פריינדין, אַ חברטע, און אָנכאַפּנדיק די רעכטע האַנט אירע — האָב איך משוגענערווייז אָנגעהויבן קושן זי אין דער דלאָ-ניע אַריין.

— יעזוס-מאַריאַ! — האָט שוועסטער עלזא גאָטספּאָרכטיק אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין.

האָב איך פאַרשטאַנען, אַז וויבאַלד שוועסטער עלזא רופט שוין צו הילף יעזוס-מאַריאַ — איז אַ סימן, אַז איך מעג זי שוין אָנהויבן קושן נישט נאָר אין די הענט אַליין.

אין פלאָנטער פון שטימונגען און קאָשמאַרן

עס האָט זיך געשאַפן ביי מיר אין ווין אַ גרויסער פלאָנטער. כ׳האָב בשום-אופן נישט געקאָנט באַהערשן אַלע מיינע פאַרשידנאַרטיקע איינדרוקן און איבערלעבונגען. פלעג איך זיך אָוועקזעצן שרייבן ווייטער מיין „ראָמאַן" וועגן סאָניען — פלעגט זיך אונטעררוקן שוועס-טער עלזא. אָבער הינטער דער ליכטיקער און ציכטיקער שוועסטער עלזא, פלעג איך דאָך שטענדיק דערזען די פאַר הונדערט לופּאָזניקעס און לופּאָזניצעס, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן, אָדער גייען ערשט פאַר-לירן דעם צלם-אלהים זייערן.

פלעגט מיך באַפאַלן אַ שרעק פאַר דער אייגענער צוקונפט מיינער, און כ׳פלעג אַנטלויפן אין אַרקאַדן-קאַפּע זיך צו ראַטעווען פון דעם לופּוס-געזינדל.

אָבער אויך אין אַרקאַדן-קאַפע פלעג איך נישט געפינען קיין מנוחה. עס זענען מיר שוין דערעסן געוואָרן די שטענדיקע דיספּוטן צווישן עסעס מיט סיים וועגן אַ וועלכער נישט איז פאַרייניקונג.

— צוויי מתים ווילן גיין טאַנצן! — פלעג איך אָפט טראַכטן. — די עסעס האָבן דאָך נישט קיין פּרוטה ביי דער נשמה צו קענען כאָטשבי פאַנאַנדערשיקן דעם צווייטן נומער „פריילאַנד", און אויך די סיימיסטן זענען נישט אויס צו זיין גרויסע גבירים, וויבאַלד ראַטנערס וואָפּנ-טרעגער אַליין — מיכל לעוויטאַן — איז זיך אַזוי שטאַרק מחיה פון דער כמעט-בחנמדיקער שבתדיקער וועטשערע ביי דער ווינער יידי-שער געמיינדע. און די „מאַסן", די עסעסישע און די סיימיסטישע „מאַסן", זענען דאָך ערגעץ ווייט-ווייט אין צאַרישן רוסלאַנד, און ס'גייט זיי געוויס לחלוטין נישט אָן די גאַנצע דיסקוסיע, וואָס ווערט געפירט אין אַרקאַדן-קאַפע צווישן ראַטנערן און בערטאָלדין.

אויך איך וואָלט אפשר נישט גענומען זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן די דאָזיקע דיסקוסיע, ווען איך וואָלט פּערזענלעך זיך נישט געווען פאַרבונדן מיט דער עסעסישער קאָמונע, און דער עיקר — מיט איר „פירער" בערטאָלדי.

איך האָב געשפּירט, אַז בערטאָלדי איז, אייגנטלעך, פיל מער ליטעראַט, איידער פּאָליטיקער. נישט אומזיסט פלעגט ער אַזוי גערן אַריינקנעלן אין מיר די שווערע קאַפּיטלען פונם צווייטן טייל „פאַוסט", און נישט אומזיסט טאַקע האָט ער מיר דאָך געשענקט אַ פּרעכטיק בוך פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. איך האָב דערזען, אַז בערטאָלדי וויל באמת איינפלאַנצן אין מיר אַביסל נישט-יידישע קולטור.

ס'האָט מיך נאָר פאַרדראָסן, וואָס בערטע איז דאָך אַוועקגע-פאָרן קיין פּאַריז, און מיר זענען פאַרבליבן, קאָן מען זאָגן, אויף הפקר.

האָב איך נישט געוווּסט, פאַר וואָס פריער צו כאַפּן זיך. זאָל איך פאָרזעצן מיין ראָמאַן וועגן סאַגיען, זאָל איך זיך פאַרגרונטעווען אין די ערדיש-הימלישע מעשיות פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, זאָל איך זיך ווייטער פּלאָנטערן צווישן די עסעס און די סיימיסטן, אָדער גאָר פאַרשטעקן זיך אין דעם הייל-אַנשטאַלט פאַר לופּוס-קראַנקע, ווו איך וועל די שוועסטער עלזא קאָנען שטענדיק האָבן נעבן זיך און אין זיך.

איך האָב די ברידער מיינע, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געהאָט דערציילט פון אַלע מיינע שווערע איבערלעבונגען, אָבער ניגער, וואָס

איז שוין געווען צו יענער צייט אַריבערגעפאָרן פון בערלין קיין בערן — האָט דאָך געהאַט דערשפּירט מיין שווער געמיט, און ער האָט מיך אָנגעהויבן רופן צו זיך אין דער שווייץ אַריין.

האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער מאַמעס צוויי קישנס, וואָס וואַלגערן זיך אויפן בוידעם, און אָן סאָניעס העמדל, וואָס איך האָב געהאַט צווישן דיביידע קישנס פאַרשטעקט.

איך האָב געוווּסט, אַז כ'וועל שוין מער נישט שלאָפן אויף דער מאַמעס קישנס, און כ'וועל שוין נישט שטאָלצירן מער אין סאָניעס העמדל, האָט מיך פאַרכאַפּט אַ רחמנות צו דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט מיינער. איך האָב זיך אַפילו אָנגעהויבן שעמען פאַר דעם אייגענעם ברודער מיינעם, פאַר ניגערן, וואָס איך וועל קומען צו אים פון ווין מיט ליידיקע הענט. איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז נישט די געפּלאַנטע פאַרייניקונג צווישן עסעס און סיים, וועלכע האָט מיך שטאַרק פאַרכאַפּט — זאָל אויך אָנהויבן אינטערעסירן ניגערן. איך האָב אויך געוווּסט, אַז כ'וועל אים נישט קאָנען דערציילן וועגן מיין דאַמאָלסדיקן ליבע-פּלאַנטער צווישן סאָניען און עלזאַן, און כ'וועל אים אפילו נישט קאָנען באַווייזן די ערשטע קאַפּיטלען פון מיין ראָמאַן, וואָס האָט זיכער נישט געהאַט קיין שום ליטעראַרישן ווערט.

כ'האָב אָבער געוווּסט, אַז פון מיין געמיינזאַמען שווייגן מיט ניגערן, באַקום איך אָפטמאָל פיל מער, ווי פון די מערערע קאַפּעפּלוידערייען. האָט מיך געצויגן צו ניגערן, ווי צו דער מאַמען. אַגב, האָב איך דענסטמאָל געהאַט געליטן זייער שטאַרק סיי פון מיין האַנט און סיי פון מיינע מאָגן-געשווירלעך.

האָט זיך מיר דענסטמאָל געדוכט, אַז אין דער נאָענטסטער שכנות מיט אַ גאָר-נאָענטן משפּחה-מענטשן, וועט מיר פיל גרינגער זיין צו פאַרטראָגן מיינע פיזישע ווייטיקן. כ'וועל כאָטש האָבן פאַר וועמען אַ זיפץ צו טאָן. כ'וועל יעדנפאַלס נישט זיין אַליין. איך האָב דענסטמאָל, געדענק איך, זיך אָנגעהויבן שרעקן צו פאַרבלייבן אַליין. איך האָב אָנגעהויבן ליידן פון עפּעס אַ מאָדנער פאַרפאָלגונגס-מאַניע. שווערע קאָשמאַרן פלעגן מיך פייניקן גאַנצענע נעכט. נישט איינמאָל פלעגט מיר קומען צו חלום סאָניע, אָבער נישט אַזאַ, ווי איך האָב זי געהאַט איבערגעלאָזט אין בערעזין, נאָר פּונקט אַזאַ, ווי די-יעניקע, וואָס האָט זיך געהאַט איינמאָל אַרויסגעגנבעט פון דעם לופּוס-אַנשטאַלט אויף אַ מאַסקן-באַל.

— ווו האָסטו איבערגעלאָזט די נאָז און די אויערן דײַנע? — האָב איך סאָניען אַ פרעג געטאָן.

— אויף יענער וועלט — האָט מיר סאָניע געענטפערט דורך דער שוואַרצער מאַסקע אירער.

— ווו האָסטו אַהינגעטאָן די עסעסישע פאָן, וואָס איך האָב בײַ דיר באַהאַלטן?

— כ'האָב געמאַכט פון איר אַ טלית־זעקל!

— וואָס־זשע טוסטו דאָ איצט אין ווין?

— כ'בין געקומען מיט דיר חתונה האָבן און נעמען דיך אַהינ־צוצו! — דערבײַ האָט סאָניע אויסגעשטרעקט צו מיר אַזעלכע צוויי לאַנגע און דינע הענט, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי צוויי האָלאָבליעס, אין וועלכע איך מוז זיך אײַנשפּאַנען.

פלעג איך, פאַרשטייט זיך, אויפשרײַען פאַר שרעק, און באַלד נאָכדעם זיך אויפכאַפּן פון מײַנע אייגענע געשרייען.

די באַלעבאָסטע מײַנע — אַן אַלטע יידישע ווינערין — פלעגט טענהן, אַז איך שרײַ פון מאָגן. איך אָבער האָב געוווּסט, אַז איך שרײַ פון האַרצן.

די אָן־נאָז און אָן־אויערדיקע קאָשמאַרן מײַנע האָבן מיך אָנ־געהויבן פאַרפאָלגן אומעטום און שטענדיק, און זיי האָבן מיר אויס־געזען צו זײַן נאָך פיל שרעקלעכער, ווי יענע דרײַ וועלף, וואָס האָבן אין איינער אַ נאַכט געהאַט איבערגעשניטן מײַנעם און סאָניעס וועג.

שוועסטער עלזא האָט באַמערקט, אַז איך ווער פינסטערער פון טאָג צו טאָג. אָבער די סיבה דערפון האָב איך איר נישט געקאָנט דערקלערן. איך האָב דאָך אַליין אויך נישט געהאַט געוווּסט די ריכ־טיקע סיבה.

כדי אָבער צו רעאַביליטירן זיך סײַ פאַר דער שוועסטער עלזאַן און סײַ פאַר בערטאָלדין, איידער איך פאַרלאָז ווין — האָב איך פאַר די בײדן אָנגעשריבן דאָס פאָלגנדיקע ליד:

עס טרעפט אַ מינוט,
ווען די אײביקייט קוקט דיר אַריין אין די אויגן.
ס'ווערט אַזוי גוט
און פונקט, ווי אַ בויגן,
וואָס צילט זיך אין ציל,
ווערט שטײף דײַן געפיל.

עס טרעפט אַ מינוט,
ווען די וועלט ווערט דיר טייער.
ס׳פאַרווילט זיך דיר האָבן פּראָמעטעוסעס רוט,
און רויבן דעם פייער
פון הימלשע ספערן —
אַז ליכטיק זאָל ווערן
אין אַלע פיר עקן,
און זאָלן זיך געטער פאַר מענטשן דערשרעקן!

עס טרעפט אַ מינוט, —
ווי גיך אָבער ווערט זי פאַרשווונדן.
ס׳פאַרלעשט זיך דיין מוט,
און ס׳צינדן זיך אָן דיינע וואַנדערער-ווונדן.
און שטאָט פּראָמעטעוסעס רוט,
שטייט שוין דער וואַנדער-שטאָק גרייט,
לויערט שוין ערגעץ דער טויט.

בערטאָלדי האָט מיט פרייד געקענט פעסטשטעלן, אַז דאָס דאָ־זיקע ליד איז שוין אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער „גריכישער מי־טאָלאָגיע״, וואָס ער האָט מיר געהאַט געשענקט. ער האָט מיר אָבער געהאַט גערעטן — איך זאָל דעם לעצטן פערז אויסשטרייכן, כּדי דאָס ליד זאָל דורך דעם ווערן נאָך שטאַרקער.

איך האָב אָבער דעם לעצטן פערז נאָך נויטיק געהאַט פאַר דער שוועסטער עלזאַן — זי זאָל דערזען דעם ביטערן יידישן גורל מיינעם, און ווען זי האָט ווירקלעך געהאַט באַנומען דעם טראַגישן זין פון מיין ליד — האָט זי מיט גרויס מיטגעפיל אויסגעשריען, ווי שטענדיק: „אָ, יעזוס־מאַריאַ״, כאָטש דענסטמאָל האָב איך, דעם אמת געזאָגט, גאָר נישט געהאַט בדעה צו קושן זיך מיט איר.

די שווריק

פאַר אַזאַ איינעם, ווי איך, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דעם אָרעמען ווייסרוסלאַנד צווישן בלאָטיקע שליאַכן און שיטערע בעריאָזע־וועלדער, איז געווען די ערשטע צייט זייער שווער זיך איינ־

צולעבן אין דער קליינער פּרעכטיקער שווייץ, ווו דער הימל ליגט דיר אויפן קאָפּ, און די האָריזאָנטן זענען מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען.

ווּהין מען זאָל זיך נישט קערן און ווענדן — שטויסט זיך אָן דיין אויג אויף די ריזיקע אַלפּן־בערג, וואָס צוימען דיך אָפּ פון דער גרויסער, ברייטער וועלט. אַזאַ מין התקרבות צווישן הימל און ערד האָב איך נאָך אין ערגעץ נישט געהאַט געזען. באַזונדערס פאַרנאַכט, ווען קליינע, פאַרבלאָנדזשעטע וואָלקנדלעך הויבן אָן, ווי ווייסע שעפּסן, זיך אויסצולייגן אויף נאַכטלעגער אין די שויסן פון די אַלפּן, אָדער אַרומוויקלען זיך, ווי ווייסע קראַגנס אַרום די העלזער פון די פאַר־שידענע אַלפּן־קעפּ. שקיעה־צייט, ווען די לעצטע זונשטראַלן הויבן אָן זיך צו קושן מיט די אַנטקעגנאיבערדיקע שטענדיק־פאַרשנייטע אַלפּן־בערג — הויבט זיך דיר אָן צו דוכטן, אַז די בערג זענען שוין נישט מער קיין בערג, נאָר אַ מחנה דורכגעשטראַלטע שקיעה־וואָלקנס, וואָס וועלן אָט־אָט, ווי באַגילדטע שיפן, זיך צוועקלאָזן שווימען אין דער ווייטער וועלט אַריין.

די שווייצער רופן דאָס „אַלפּנגליען”.

אָבער ווי נאָר די זון פאַרגייט, און ס׳ווערן אויסגעלאָשן די לעצטע שטראַלן — פאַרוואַנדלט זיך פּלוצים די גאַנצע אַלפּן־קייט אין אַ ווייסער, פריש־געקאַלכטער וואַנט, וואָס שליסט דיך ווידער אָפּ פון דער גרויסער, ברייטער וועלט, און מאַכט דיך אַזוי קליין און ניש־טיק אין פאַרגלייך מיט דער שטענדיק־פאַרשנייטער אייביקייט.

אָט אַזוי יעטווידן טאָג און אָט אַזוי יעטווידן אָוונט. מען קאָן מיינען, אַז דער רבונו־של־עולם רעפּעטירט נאָך אין דער שווייץ אַלע זיינע מעשי־בראשית.

באַזונדערס שטאַרק ווירקט אויף דיר די שווייץ, ווען דו קוקסט אַרויס פון אַ צוג־פענסטער.

קינעמאַטאָגראַפיש בייטן זיך די בילדער,
ווען דו קוקסט אַרויס פון שווייצערישן צוג.
ס׳הויבט דיין האַרץ אָן קלאַפּן האַסטיקער און ווילדער,
און צוויי מענטשן־אויגן זענען נישט גענוג.
זעסט, אָט שמייכלען אַלפּן ליכטיקע און קלאָרע,
און עס טראָגט צו זיי דיך עמעץ אַזוי שנעל,

נאָר פּלוצים, ווי אַ חיה פאַריאָגט צוריק אין נאָרע,
שפּרינגט אַריין דער צוג מיט האַסט אין אַ טונעל.

ס׳ציט זיך לאַנג און לאַנגזאַם דער שוואַרצער, לאַנגער קבר,
אָבער באַלד בליצט אויף צוריק אַ העלער שיין,
און אין גרויס דערוואַרטונג ציטערט יעדער אבר:
— וואָס וועט איצטער קומען, וואָס וועט איצטער זיין?

אָבער נישט נאָר די שווייצאַרישע נאַטור אַליין איז אַזוי בונט און פאַרשידנאַרטיק, אויך די שווייצערישע מענטשן זענען גענוג בונט און פאַרשידנאַרטיק. ס׳איז אַ געמיש פון דריי פעלקער און דריי קול־טורן. דייטשן, פראַנצויזן און איטאַליענער האָבן זיך פאַראייניקט אונ־טער איין בונדעס-פאָן און געגרינדעט אַן אייגענע „העלוועציאַ״־היים.

אָבער די שווייצערישע באַפעלקערונג ווערט נאָך פיל בונטער און פאַרשידנאַרטיקער דורך די צענדליקער טויזנטער טוריסטן, וואָס פלאָנטערן זיך אַרום אין די פאַרשידענע שטעט און דערפער פון דער שווייץ.

אויך די סטודענטישע און עמיגראַנטישע קאָלאָניעס אין די גרע־סערע אוניווערסיטעט-שטעט, ווי בערן, ציריך, לאָזאַן און זשענעווע, האָבן צו יענער צייט זייער שטאַרק געהאַט באַלעבט דאָס קליינע מדינהלע מיט אירע דריי פאַרשידענע שפּראַכן און קולטורן.

די דאָזיקע קאָלאָניעס זענען געווען דענסטמאָל באַשטאַנען דאָס רוב פון יידישע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַר־נומען ווער מיט די ריינע וויסנשאַפטן, און ווער מיט דער ריינער פּאָליטיק. ס׳איז געווען אַ געמיש פון מענטשן, וואָס יאָגן זיך נאָך אַ דאָקטאָר-דיפּלאָם, און פון מענטשן, וואָס טרייבן אונטער די וועלט־רעוואָלוציע.

כמעט אַלע גרעסערע פּאַרטייען, וואָס זענען געווען פאַרבאָטן אין רוסלאַנד, האָבן געהאַט זייערע צענטראַלעס אין דער שווייץ.

אויך אין בערן האָט די אַזוי-גערופענע „רוסישע״ קאָלאָניע זיך געטיילט אויף פאַרשידענע פּאַרטייען און גרופּירונגען. די עסערישע „פּאַרטיי״ אין בערן איז געוואָרן דענסטמאָל אָנגעפירט דורך דעם באַקאַנט - געוואָרענעם יידיש - רוסישן שריפטשטעלער אַנדריי סאָבאָל. אויך אפילו די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט אין בערן אַ גרופּע, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער יידישער יונגערמאַן ד״ר לענסקי

אויך דער „בונד״, עסעס, פועלי-ציון און די אַלגעמיינע ציוניסטן האָבן געהאַט, פאַרשטייט זיך, זייערע אייגענע גרופּעס און זייערע אייגענע פירער.

אפילו דער דאַמאָלסדיקער שפּראַכן-קאַמף אויף דער יידישער גאַס האָט געהאַט געפינען זיין אָפּשפּיגלונג אין דער יידיש-רוסישער קאָלאָניע פון בערן.

אַזוי, למשל, איז ד״ר שמואל אַבא האָראָדעצקי, וואָס ציט דעם יחוס זיינעם אַזש פון דעם בעל-שם-טוב, געוועזן דער פירער פון דער העברעיִשער סטודענטנשאַפט, בעת ניגער איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אין בערן דער טעאָרעטיקער פון דעם יידישיזם און פון דער אַזוי-גערופענער „גלות-ראָמאַנטיק״.

אַזוי-אַרום האָט בערן, כ׳מיין דאָס יידישע בערן, געהאַט דעמאָלסט-מאָל אויסגעזען, ווי נחס תיבה, וואָס פון יעדן מין איז געוועזן צו פאַרלעך: בונדיסטן, עסעסאָווצעס, סיימיסטן, פועלי-ציוניקעס, צעירי-ציוניקעס, אַלגעמיינע ציוניסטן, מזרחיסטן און העברעיִסטן (מיט, אָדער אָן דער ספרדישער הברה), און אַפילו די אַזוי-גערופענע „פראַנק-פורטער״, האָבן אויך געהאַט זייער שטיקל „קאָלאָניע״.

די אויפגאַבן פון די „פראַנקפורטער״ איז געווען, וואָס-לענגער צו שטודירן, כדי אַזוי אַרום, וואָס לענגער צו קענען באַקומען די סובסידיע פון דער אָרטאָדאָקסישער פראַנקפורטער קהילה, וועלכע האָט געהאָדעוועט אין בערן צוקונפטיקע ראַבינערס און כלי-קודש.

עס זענען אויך געווען אין בערן אייניקע „אָדעסער״, — דאָס הייסט, אייניקע אַזעלכע יונגעלייט, וואָס האָבן שוין מיט מזל געהאַט געענדיקט אין אָדעס די אַזויגערופענע „ישיבה הגבוה״ פונם „הרב צעיר״ (ראַבינער טשערנאָוויץ), און מיט אַן „אַטעסטאַט״ פון דער אָדע-סער ישיבה האָט מען שוין געקאָנט אָנקומען אויף דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט פון דער בערנער „אַלמא מאַטער״ אָן קיינע שום איינ-טריטס-עקזאַמענעס.

לויט דער דייטשער איבערזעצונג פון אַזאַ מין אָדעסער „אַטעס-טאַט״, פלעגט זיך באַקומען, אַז די אָדעסער ישיבה-בחורים גייען אַרי-בער פון דעם רעליגיעז-פילאָזאָפישן פאַקולטעט, וואָס אין אָדעס, צו דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט פון בערן...

וואָס איז נוגע דער דייטשער שפּראַך — האָט מען זי אין בערן

לחלוטין נישט נויטיק געהאַט, ווייל מען האָט געקענט גאַנץ גוט אויס־קומען מיט דער יידישער שפּראַך אַליין.

די פּראָפעסאָרן פון דער בערנער אוניווערסיטעט האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דייטש פאַרמאָגט דאָך זייער פיל דיאַלעקטן און, ווער רעדט נאָך — די שווייץ, ווו יעטוועדער דייטשער קאַנטאָן האָט זיך זיין אייגענעם דיאַלעקט.

דערציילט מען טאַקע אין בערן א וויץ, אַז איינער אַ פּראָפע־סאָר זאָל האָבן געהאַט איינמאָל אַ פרעג געטאָן אַ יידישן סטודענט פונם פילאָזאָפישן פאַקולטעט, וועלכער האָט גערעדט צו אים מאַמע־לשון — ער זאָל אים זאָגן, פון וועלכן קאַנטאָן ער שטאַמט?

— איך שטאַם, הער פּראָפעסאָר, פון די בערדיטשעווער קאַנטן!
— האָט אים דער סטודענט גאַנץ ערנסט געענטפערט, גלויבנדיק, אַז „קאַנטאָן" און „קאַנטן" זענען איין און דאָסזעלבע.

מער נישט, דער ברודער מיינער, ניגער, האָט די זאַך גענו־מען צו ערנסט, און ער האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן גרייטן צו די איינ־טריטס־עקזאַמענעס אין דער דאָזיקער אוניווערסיטעט, ווי א ריכטיקער עקסטערן. ער האָט אָנגעהויבן פלייסיק צו שטודירן די דייטשע שפּראַך און די אַלע אַנדערע געגנשטאַנדן, וואָס זענען נויטיק געווען צו די עקזאַמענעס. ס'האָט אויסגעזען, אַז ניגער האָט געוואָלט צוגיין צו די „הויכע וויסנשאַפטן" פונם פילאָזאָפישן פאַקולטעט אַ צוגעגרייטער אויף אַלע הונדערט פּראָצענט.

דעם אמת געזאָגט, פלעגט מיר אָפטמאָל אויסזען גאַנץ קאָמיש, זיך צוקוקנדיק, ווי אַזוי ניגער, וועלכער איז שוין געווען דענסטמאָל אַזוי פּאָפּולער אויף דער יידישער גאַס, ווי אַזוי אָט דער חשובער ליטעראַטור־קריטיקער „זובּרעוועט", נעבעך, מעשה־גימנאַזיסט די דייטשע „אַקוסאַטיוון" און „געניטיוון".

צו דער זעלבער צייט אָבער פלעגט ניגער אויך נאָך באַווייזן אָנצושרייבן א געשמאַקן קריטישן אָדער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן אַרטיקל פאַר דעם „פריינד", צי אַפילו גאָר פאַר דעם „העולם".

פאַר דעם „העולם", פלעגט זיך מיר דוכטן, שרייבט ניגער נאָר צוליב דעם, כדי צו קענען באַווייזן די בערנער העברעיִסטן, אַז דער יידישיזם שטאַמט נישט, חלילה, פון פּשוטער עם־הארצות, ווי די העברעער פלעגן דענסטמאָל באַהויפּטן.

אזוי אַרום האָב איך מיך איבערצייגט, אַז ניגער קאָן זיין איינצייטיק אַ גוטער „תּלמיד" און אויך נאָך אַ „רבי".

ניגערס עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אין בערן פלעגן, געוויינ־לעך, אַרויסרופן לאַנגדויערנדיקע דיסקוסיעס, און די בערנער תּושבים־סטודענטן פלעגן טענהן, אַז מיט ניגערן האָט זיך, אַ סברא, אָנגעהויבן אין בערן די זשיטלאָווסקי־תּקופה נומער צוויי.

די זשיטלאָווסקי־תּקופה אין בערן האָט קענטיק געהאַט איבער־געלאָזט אַזעלכע טיפע שפּורן, אַז אַפילו מיט יאָרן שפּעטער האָבן די יידישע סטודענטן אַ סך שטאַרקער און געשמאַקער באַזוכט די רעפע־ראַטן פון די יידישע פּאַרטיי־און כלל־טוער, איידער די לעקציעס פון די פּראָפעסאָרן, פאַר וועלכער מען האָט, אמת, געמוזט צאָלן געלט, אָבער הערן זיי איז נישט געווען קיין חוב.

פלעגן די בערנער סטודענטן (אַחוץ די מעדיצינער) אַרומגיין גאַנצע סעמעסטערן שלינג און שלאַנג, אויסוואַרטנדיק אויף אַ נייעם פּאַרטראָגל, אָדער אויף אַ נייער דיסקוסיעלע אין דער יידישער לעזע־האַלע, וווּ מ׳קען הערן אַ יידיש וואָרט, און טאַקע אַליין אויך קומען צום וואָרט...

אַזוי אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין בערן ווערן פּראָ־דוצירט נישט נאָר יידישע „פילאָזאָפן" (מיט אָדער אָן דיפּלאָמען). נאָר אויך טאַקע—און אפשר דער עיקר—יידישע פּאַרטיי־און כלל־טוערס, דאָס רוב ציוניסטישע, ווייל באַזעל („אָ, „באַזעל!") איז דאָך ס״ה אַ פּאָר שעה רייזע פון בערן, און „אויב איר ווילט — איז עס נישט קיין לעגענדע"...

אויפן צענטן קאָנגרעס

ווען ס׳פלעגט פּאַרקומען אין באַזעל אַ ציוניסטישער קאָנגרעס, פלעגן בטבע כמעט אַלע יידישע סטודענטן (אַפילו נישט־ציוניסטן) און אַנטי־ציוניסטן פון בערן, ציריך, זשענעווע און אַנדערע שווייצערישע אוני־ווערסיטעט־שטעט זיך אַ לאָז טאָן קיין באַזעל, ווי חדר־יינגלעך אויף אַ יריד. בפרט נאָך, צום צענטן קאָנגרעס, וואָס איז געווען אַ יובליי־קאָנגרעס, און איז פאָרגעקומען מיט גרויס פייערלעכקייט און פּאָמפּע.

אויך ניגער און איך האָבן באַקומען חשק אָנצוקוקן דעם גרויסן יידישן וועלט־יריד.

אגב, האָבן מיר געוווּסט, אַז צו אָט דעם קאָנגרעס וועלן אויך קומען אַלע יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך דענסטמאָל געהאַט געפונען אין דער שווייץ, און די שמחה וועט זיין נאָך גרעסער.

פאַר מיר האָט דער דאָזיקער קאָנגרעס געהאַט נאָך אַ גאַנץ באַזונדערן באַדייט. איך האָב געוואָלט קאָנטראָלירן איינעם אַ חלום מיינעם.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָב איך געהאַט דורכגעמאַכט אַ פלעק-טיפוס. גראָד דענסטמאָל איז ניגער געווען געפאָרן אומלעגאַל צו איי-נעם אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, ווו ער האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן דעם טעריטאָריאַלן פרינציפּ פון עסעס. האָט זיך מיר געחלומט, אַז אויך איך בין דעלעגירט געוואָרן צום קאָנגרעס. בין איך געוואָרן נייגעריק צו זען, אויף וויפיל דער דאַמאָלסדיקער חלום האָט מיר ריכטיק באַוויזן דעם קאָנגרעס-זאַל, ווי אויך די פירער פון דער ציוניסטישער באַ-וועגונג.

האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזט, אַז דער חלום מיינער האָט מיך נישט אונטערגעפירט. דער קאָנגרעס-זאַל האָט מיר אויסגעזען זייער באַקאַנט, ווי כ'וואָלט שוין דאָ געהאַט דורכגעמאַכט נישט איין קאָנ-גרעס, און מאַקס נאָרדוי מיט וואָלפסאָנען האָבן זיך פאַר די דאָזיקע יאָרן לחלוטין נישט געהאַט געענדערט.

מער נישט ד״ר הערצל האָט מיר געפעלט...

דערפאַר אָבער איז מיר צוגעקומען איינע אַ פיגור אַזאַ, וועלכע דער חלום האָט מיר דענסטמאָל נישט געהאַט באַוויזן. דאָס איז געווען די פיגור פונם באַזעלער בירגערמייסטער. ער איז געקומען צום קאָנ-גרעס באַגריסן די געסט, און זיי „הייסן ווילקאָמען״.

אָט די פייערלעכע און פייערדיקע רעדע פונם באַזעלער בירגער-מייסטער האָט אויך מיך שטאַרק געהאַט באַגייסטערט. אַ גוי, אַ זאַטער גוי, און פילט-מיט די יידישע ליידן!

נאָר שפּעטער אַביסל האָט מיר איינער, אַ בונדאָוועץ, אין די קולואַרן דערקלערט, אַז דער בירגערמייסטער איז נישט אַזוי אויסן די נויטן פונם יידישן פאָלק, ווי די נויטן פון די באַזעלער האָטעלן און קאַפעס, וואָס וועלן אַריינכאַפּן פון קאָנגרעס אַ גאַנץ פיינעם פדיון.

— אַ ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל, — האָט דער בונדאָ-וועץ אויסגעחשבונט, — קאָסט אָפּ די יידן אַ סך מער, איידער די גאַנצע דאַמאָלסדיקע קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל.

אויף וויפל דער בונדאָוועץ איז דענסטמאָל געווען גערעכט — איז מיר שווער געווען פעסטצושטעלן. איך ווייס נאָר, אַז פאַר די געלטער, וואָס מירביידע, דאָס הייסט, ניגער און איך, האָבן דענסט־מאָל געקאָנט אויסגעבן אין באַזעל, וואָלט מען געוויס קיין איין חלוץ אפילו נישט געקאָנט אַריבערשיקן קיין ארץ־ישראל... אָבער דער טויזנט־קעפיקער עולם פון די דעלעגאַטן און געסט האָבן, אָן עין־הרע, גוט געגעסן און געטרונקען, און זיך געלאָזט וווילגיין. בפרט נאָך, ווען די גרעסטע מערהייט זייערע איז גראָד געווען אָנגעקומען פון די פּאַרשי־דענע קאַרלסבעדער און מאַריענבעדער, ווו מ׳האָט זיי, נעבעך, געפּיי־ניקט מיט דיעטעס און געצאַפּט פון זיי פעטס, ווי פון געשטאָפּטע חנוכה־גענז.

ס׳איז אָבער אויך געווען אַ געוויסער טייל דעלעגאַטן, וואָס האָט ערלעך געדינט דעם פאָלק ישראל, אָפּזיצנדיק גאַנצע טעג, און אַמאָל אויך — נעכט אין דעם זיצונגס־זאַל פון קאָנגרעס, כאָטש עס פלעגן פאָרקומען נישט מער, ווי שטילע זיצונגען פון די קאָמיסיעס, אָדער פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, צי גלאַט אַזוי לאַנגווייליקע זיצונגען, ווען די פאָרזיצערײ פלעגט דורך מאַקס נאָרדוי, אָדער דורך וואָלפסאָ־נען איבערגעגעבן ווערן צו אַ פרעזידיום־מיטגליד פון דריטער, אָדער פערטער מדרגה.

אָט די דאָזיקע במקום־נאָרדויס, אָדער במקום־וואָלפסאָנס האָבן זייער ליב געהאַט צו קלאַפּן וואָס־עפּטער און וואָס־שטאַרקער מיטן הילצערנעם פרעזידענטן־האַמער, וועלכן ד״ר הערצל אַליין האָט אפשר נאָך געהאַלטן אין זיינע הענט.

אָבער קיינער פלעגט נישט נעמען ערנסט זייער האַמער־קלאַפּערײ, ווייל דער ריכטיקער קאָנגרעס פלעגט גאָר פאָרקומען אין די קולואַרן.

אין די קולואַרן פלעגן דאָך אויך קענען קומען צום וואָרט נישט נאָר די דעלעגאַטן, נאָר אויך טאַקע די געסט.

— אַ קונץ איז קומען צום קאָנגרעס על חשבון הקהל! — האָט זיך איינער אַ פּראָמינענטער גאַסט געקאָכט ביי אַ טישל פון דעם קאָנגרעס־קאַפע.

— איך, למשל, בין געקומען אַהער אויף די אייגענע הוצאות, און דעריבער מעג איך האָבן מיין אייגענע מיינונג... (דערביי איז דאָס וואָרט „אייגענע״ אַזוי שטאַרק באַטאָנט געוואָרן, אַז קיינער האָט שוין נישט געקענט צווייפלען אין דעם).

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז נישט נאָר די קאָנגרעס-געסט אַליין, נאָר אויך אַפילו די דעלעגאַטן האָבן זייער ליב, און פילן זיך פאַרפליכטעט אַרויסצוזאָגן עפנטלעך זייערע אייגענע מיינונגען, און וויבאַלד אַזוי — איז דאָך אין לדבר סוף.

אַ נס, וואָס די רעזאָלוציעס פלעגן אויסגעאַרבעט ווערן אין ענגע קאָמיסיעס, און וואָס זיי פלעגן געשטעלט ווערן צו דער אָפּשטימונג ביי נעילה פון קאָנגרעס, ווען אַלע דעלעגאַטן זענען שוין געווען טויט מיד פון הערן און פון רעדן.

בפרט נאָך, ווען מען האָט געמוזט, נעבעך, הערן און רעדן אַזאַ מין משונהדיקן קאָנגרעס-דייטש, וואָס אַפילו דער באַזעלער „שוויצער-דיטש" איז שוין אָפּטמאָל געווען פיל מער פאַרשטענדלעכער פון דעם אַזויגערופענעם קאָנגרעס-דייטש.

דאָך אָבער בין איך געווען גליקלעך, וואָס איך האָב געהאַט די גוטע געלעגנהייט אָנצוקוקן איינעם אַ קיבוץ-גליות, ווו יידן פון אַלע עקן וועלט מיט פאַרשידענע שפּראַכן און דיאַלעקטן, פון פאַרשידענע קולטורן און סביבות, דריקן אויס זייער געמיינזאַמע בענקשאַפט נאָך אַן אייגענער היים און אייגענעם לאַנד.

— „אויב איר ווילט — איז עס נישט קיין לעגענדע!" — האָט פון הערצלס פאָרטרעט אַרונטערגעשריגן צו אונז אַלעמען דער גוט-באַקאַנטער פּאַראַדאָקס, אָבער הערצל אַליין איז שוין צו יענער צייט געוואָרן אַ שטיק לעגענדע.

די פילאָזאָפן דריכטן

אין בערן, פונקט ווי אין ווילנע, האָב איך געהאַט דאָס גרויסע גליק צו וווינען אַ לענגערע צייט מיט ניגערן אויף איין דירה. לעבן מיט ניגערן אויף איין דירה האָט באַטייט פאַר מיר נישט נאָר צו האָבן ביי דער זייט מיין עלטערן ברודער, מיט וועלכן כ'פלעג זיך אָפּטמאָל גוט דורכשמועסן שווייגנדיקערהייט, נאָר ס'האָט אויך באַטייט פאַר מיר צו זיין שטענדיק אָנגעשלאָסן אָן דער בונטער יידישער קולטור-משפחה פון בערן, ווי אויך נאָך זיין שטענדיק אין קורס פון אַלע וויכטיקסטע קולטור-געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ענינים.

ניגערס הויז פלעגן באַזוכן אַלע פראָמינענטע סטודענטן פון דער יידיש-העברעישער קאָלאָניע. דער סאַמע-עלטסטער סטודענט פון דער

יידיש-העברישער קאָלאָניע אין בערן איז געווען דער זייער געמיטלעכער און שמייכלענדיקער ד״ר שמואל אבא האָראָדעצקי. ס׳פלעגט זיך מיר שטענדיק גלוסטן צו טאָן עפּעס גוטס פאַר אָט דעם דאָזיקן ליבן דאָקטאָר, וואָס ציט דעם יחוס זיינעם פון דעם בעש״ט. פלעג איך מיט אים פלוידערן העברעיש, און דאָס איז געווען פאַר אים די גרעסטע פרייד.

פונקט דער היפּך פונם ד״ר האָראָדעצקי איז געווען דער הויכוווקסיקער און ברייט-פּלייציקער „בן ישראל״ (פּופּס), וואָס איז געווען בטבע אַ גאָר גרויסער שווייגער, אָבער אַ טיפער דענקער. מען פלעגט אים רופן צווישן זיך דער „אחד-העם״ פון בערן, ווייל ער פלעגט פון צייט צו צייט פּובליקירן אין „השלח״ פּאָלעמישע אַרטיקלען וועגן דער מיסיע פונם פאָלק ישראל. אָבער אין איין שיינעם פרימאָרגן דערוויסן מיר זיך, אַז אָט דער דאָזיקער קרעפּטיקער מאַן האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם בארג-טייך אַארע ביי בערן, און ער איז טאַקע דערטרונקען געוואָרן. די ריכטיקע סיבה פון זיין פלוצימדיקן זעלבסטמאָרד האָט קיינער פון אונז נישט געקענט דערגיין. איך געדענק נאָר, אַז מיט עטלעכע שעה פריער, איידער ער האָט זיך געהאַט אַריינגעוואָרפן אין טייך, בין איך מיט אים געווען צוזאַמען אויף אַ גאַנץ-ביליקער אָפּערעטע אין דעם „אַפּאָלאָ״-טעאַטער, ווו כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערזען, ווי פּופּס שמייכלט.

מיט דעם זעלבן פאַרגליווערטן שמייכל אונטער זיינע געלע, רוסישע וואָנצעס האָט מען אים, דוכט זיך מיר, אַרויסגעשלעפּט אין אַ פּאָר טעג אַרום פון טייך.

ניגערס דירה פלעגט אויך אָפט באַזוכן יהושע גאָטליב, וואָס איז געווען נישט ווינציקער קרעפּטיק און וווקסיק, ווי בן ישראלפּופּס, אָבער דער דאָזיקער גאָטליב פלעגט שטענדיק אויסנעמען מיט זיין איראָנישן שמייכעלע אונטער די בלאָנדע ווענצלעך, און ס׳פלעגט זיך תּמיד דוכטן, אַז ער ווייס פיל מער פון אונז אַלעמען.

איך האָב דעם דאָזיקן גאָטליב ליב באַקומען שוין דערפאַר אַליין, וואָס זייענדיק אַן אַקטיווער ציוניסט, איז ער דאָך צו דער זעלבער צייט אויך נאָך געווען אַ הייסער חסיד פון ניגערן.

איך פלעג זיך נאָר אָפּטמאָל וווּנדערן, וואָס אַזאַ לוסטיקער, און לעבנס-לוסטיקער מענטש פאַרמאָגט נישט אָפּטמאָל די צוואַנציק סאַנטים אויף צו קענען באַצאָלן פאַר דעם ביר אין קאַפע ביטענבערג.

אויך מיין יוגנט-חבר אייזיק ברודנאָ איז געווען אַן אָפּטער אורח

ביי ניגערן אין הויז, און אַזוי־אַרום האָב איך זיך דערשפּירט אין בערן, ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן פון ווילנער תּקופה.

אָבער אַ חוץ דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די אינטערעסאַנטערע מענטשן פון דער בערנער יידיש־העברעיִשער קאָלאָניע, פלעג איך ביי ניגערן אין הויז זיין אויך שטענדיק אין קורס פון אַלע וויכטיקסטע דערשיינונגען אינם יידישן עפנטלעכן לעבן פון גאָר דער וועלט.

ניגער פלעגט מיט יעטוועדער פּאָסט באַקומען מערערע בריוו, כּתב־ידן, ביכער און זשורנאַלן פון גאָר דער וועלט. פון אָט די בריוו מיט די כּתב־ידן, פלעג איך אָפטמאָל מער לערנען, איידער פון די פּראָפעסאָרישע פאָרלעזונגען אין אוניווערסיטעט, אָדער פון די פּאַרטייאישע רעפעראַטן אין דער יידישער לעזע־האַלע.

פון די בריוו מיט די כּתב־ידן, וואָס ניגער פלעגט באַקומען — פלעג איך זיך דערוויסן, אַז די יידישע ליטעראַטור האַלט אין איין וואַקסן און פאַרצווייגן זיך, און אַז „די גאַנצע יידישע וועלט" שרייבט...

נאָך מערער, איך האָב זיך אַפילו געהאַט דערוווּסט, אַז כּמעט אַלע יידישע סטודענטן פונם פילאָזאָפישן פאַקולטעט אין בערן האַלטן אין איין שרייבן: ווער לידער, ווער דערציילונגען, און ווער — גלאַט אַזוי „פילאָזאָפישע" ווערק וועגן קיום היהדות און קיום הוועלט.

דערביי איז נאָך כּדאַי צו באַמערקן, אַז די סטודענטן גופא, וואָס פלעגן זיך פאַרנעמען שטילערהייט מיט שרייבעריי — פלעגן בטבע שעמען זיך פאַר די אייגענע „זשאַרגאָנישע" שרייבערייען זייערע, ווייל מערערע פון זיי זענען דאָך געווען אַקטיווע ציוניסטן און העברעיִסטן...

אייניקע פון אָט די דאָזיקע „שריפטשטעלער" וואָלטן זיכער נישט געהאַט ווו אַהין צו טאָן זיך פאַר חרפּה, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז ש. ניגער און איך ווייסן פון אָט דעם באַהאַלטענעם „זשאַרגאָנעווען" זייערן...

ש. ניגער איז צו יענער צייט געווען דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג אינם זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט", וואָס איז דערשינען אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון אַ ליטווין (ש. הורוויץ).

ש. הורוויץ איז געווען זייער אַ באַשיידענער און אַ געטרייער דינער פון דער אויפקומענדיקער יידישער ליטעראַטור. מיט זיין זשורנאַל „לעבן און וויסנשאַפט" איז ער אויסן געווען צו שאַפן אַ מאָ־

נאַטירלעכע אומפּאַרטייִישע, געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישע און פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע־טריבונע פאַר אַ ברייטערן לעזער־קרייז, זוכנדיק דערביי אַרויסצופירן אין זיין זשורנאַל וואָס־מער יונגע טאַלענטן.

אַזוי ווי אָבער ש. הורוויץ האָט, קאָנטיק, קיין מוט נישט געהאַט צו ווערן אַליין דער בר־סמכא אויפן שלל לידער און דערציילונגען, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אין דער רעדאַקציע פון אַלע עקן וועלט — איז ער אַריין אין אַן אָפּמאַך מיט ש. ניגערן — ער זאָל איבערנעמען אויף זיך די רעדאַקציע פון דער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג, כאָטש דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט מערערע הוצאות (דער עיקר — פּאָרטאָ־אויסגאַבן).

נישט אַלע בערנער דיכטער־פילאָזאָפן האָבן געוווּסט וועגן דעם, אַז ניגער רעדאַקטירט די בעלעטריסטישע אָפּטיילונג פון „לעבן און וויסנשאַפט", און דעריבער פלעגן זיי אַריינשיקן זייערע שאַפונגען דירעקט קיין ווילנע.

ש. הורוויץ, באַקומנדיק אַזעלכע כתב־ידן — פלעגט זיי באַלד צוריקשיקן קיין בערן צו ש. ניגערן אויף מבינות. ש. ניגער פלעגט די כתב־ידן אויפמערקזאַם איבערלייענען, און ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל אויפשרייבן זיין רעזאָלוציע, (דאָס רוב — אַ נעגאַטיווע), און זיי, — די כתב־ידן מיט די רעזאָלוציעס — אַריבערשיקן צוריק קיין ווילנע.

וואָס ש. הורוויץ פלעגט נאָכדעם טאָן מיט די אויסבראַקירטע כתב־ידן — איז מיר געווען אומבאַקאַנט, עס איז מיר אָבער דענסטמאָל געוואָרן קלאָר, אַז כמעט ניין צענטל פון אַלע חבורים, וואָס די בערנער יידישע „פילאָזאָפן", פלעגן פּראָדוצירן, האָבן, נעבעך, געמוזט דורכמאַכן דעם דרייפאַך־באַדאָרנטן וועג פון בערן קיין ווילנע, פון ווילנע קיין בערן — און פון בערן — ווידער אַמאָל קיין ווילנע...

פון אָט דעם דאָזיקן אַרומוואַנדערן הין און צוריק, פלעגן די כתב־ידן, פאַרשטייט זיך, נישט ווערן טאַלענטירטער און דרוקפעיִקער.

דאָך אָבער זענען פון די דאַמאָלסדיקע דורכגעפאַלענע דיכטער און בעלעטריסטן, אַרויסגעוואָקסן שפּעטער מערערע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, ווי אויך אַפילו פעיִקע זשורנאַליסטן.

מערערע פון זיי שטייען נאָך עד היום אָן דער שפּיץ פון פאַרשידענע יידישע און העברעיִשע געזעלשאַפטן און אויסגאַבן, שטאָלצירנדיק מיטן דאָקטאָר־טיטל, וואָס זיי האָבן דאָך געהאַט אַרויסבאַקומען פון דער בערנער „אַלמאַ־מאַטער".

מיינע אייגענע שרייבערישע אַקציעס זענען שוין דענסטמאָל געווען אויף אַזוי פֿיל געזיכערט, אַז איך פֿלעג שוין באַקומען האָנאָראַר אַפֿילו פֿון אַזאַ פּראָלעטאַרישן זשורנאַל ווי „לעבן און וויסנשאַפֿט".

אָבער דער גרעסטער האָנאָראַר, וואָס איך פֿלעג קענען באַקומען פֿאַר מיינעם אַ ליד — פֿלעגט זיין, אָדער אַ רובל מיט צוואַנציק קאָפּיקעס, אָדער אַ רובל מיט זעכציק קאָפּיקעס, ווייל אַלע מיינע לידער פֿלעגן בטבע פֿאַרמאָגן נישט מער, ווי צוועלף אָדער זעכצן שורות (צו צען קאָפּיקעס אַ שורה).

האָב איך באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז קיין „גביר" פֿון מיינע לידער וועל איך שוין קיינמאָל נישט ווערן. איז מיר איינגעפֿאַלן אויסצופּראָבירן מיין גליק אויפֿן געביט פֿון פּראָזע.

אויף אָנהויבן שרייבן אָריגינעלע פּראָזע — האָב איך דענסטמאָל נאָך נישט געהאַט געוואַגט, כאָטש איינע אַ דערציילונג מיינע „אויפֿן אויבערשטן שטאָק", האָב איך נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט פּובליקירט אין דער ווילנער „די צייט", וואָס פֿלעגט ווערן אַרויסגעגעבן דורך דער זעלבער רעדאַקציע פֿון דעם דאַמאָלסדיקן „הזמן".

האָב איך באַשלאָסן אָנהויבן, לכל־הפּחות, צו איבערזעצן די טשעקאָווע מעשהלעך פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, צו וועלכער בערטאָלדי האָט מיך אין ווין געהאַט צוגעקנעפּלט.

די מעשהלעך פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע האָבן מיך שטאַרק פֿאַרכאַפּט, ווייל סע שפּרודלט פֿון זיי מיט געטלעך־מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן און פֿאַנטאַזיעס.

אונזער אייגענע „מיטאָלאָגיע", די מעשה־בראשיתדיקע, איז שוין צופֿיל און צו־טיף אַריין אין די בלוטן אונזערע, זי זאָל קענען אויף אונז אַזוי שעפֿעריש־אָנרעגנד ווירקן, בעת די קולטור, די העלעניסטישע, וואָלט פֿאַר אונז, חומש־יידן, געווען אַן אָפּפֿרישונג און אַ פֿאַריינגערונג... אַזוי האָט זיך מיר דענסטמאָל געדוכט.

האָב איך די ערשטע איבערגעזעצטע מעשהלע וועגן פּראָמעטעוס איבערגעשיקט דירעקט (אָן ניגערס פֿאַרמיטלונג) צום רעדאַקטאָר פֿון „לעבן און וויסנשאַפֿט" — צו ש. הורוויצן (האַלטנדיק, אַז די געשיכטע מיט פּראָמעטעוסן געהערט פֿיל מער צו דער „וויסנשאַפֿטלעכער" אָפּטיילונג פֿונם זשורנאַל, איידער צו דער בעלעטריסטישער, ד. ה. צו ש. ניגערס אָפּטיילונג), און שטעלט זיך פֿאָר מיין פֿרייד, ווען איך באַקום באַלד פֿון ש. הורוויצן (ליטווינען) פֿאָלגנדיק קאַרטל:

„אייער זאַך וועט אַריין אין קומענדיקן העפט. האָנאָראַר וועט אייך ווערן באַצאָלט. וועגן ווייטער וועלן מיר זען, ווי אַזוי דער לע־זער וועט אויפנעמען אייער „פּראָמעטעוס“. אויב גוט — און איך האָף, אַז יאָ — וועלן מיר פאָרטזעצן“.

„בכלל, וועלן מיר זיך נאָך וועגן אייער איבערזעצונגס־אַרבעט דורכשרייבן. עס קען זיין, אַז איך וועל ביי אייך ספּעציעל באַשטעלן אַ וועלכע עס איז איבערזעצונג פון דייטש.

דערוויילֹ, בלייבט מיר געזונט און זייט געגריסט

אייער ש. הורוויץ“.

(אַפּריל 1912).

נאָך אַזאַ מין קאַרטל, האָב איך זיך דערפילט, ווי אַ ריכטיקער „פּראָמעטעוס“, וואָס איז שוין בכוח צו גנבענען פייער פון אַלע הימ־לען, און איך האָב שוין דענסטמאָל באַקומען מוט אַוועקצושיקן מיין פּראָמעטעוס־ליד, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעשריבן אין ווין צו בעל מחשבותן, וועלכער איז דענסטמאָל געווען דער רעדאַקטאָר פון דער ווערכנטלעכער ליטעראַרישער ביילאַגע צום „פריינד“.

בעל מחשבות האָט מיר פאַר דעם דאָזיקן ליד געהאַט געגעבן אַ גאַר פיינעם קאָמפּלימענט, און דאָס איז געווען פאַר מיר די ערשטע סמיכה אויף פּאָעזיע, וואָס איך האָב געהאַט באַקומען ביי ניגערן אין הויז פון דעם אָפּיציעלן קריטיקער בעל מחשבות.

יידישע עראָטיק

ווי שטאַרק עס האָבן מיך נישט געהאַט באַפליגלט דענסטמאָל מיינע ליטעראַרישע דערפאָלגן — פלעגן מיך אָבער נאָך שטאַרקער באַפליגלען די פאַרשידענע ליבעס מיינע.

איך האָב שטענדיק, און אומעטום געמוזט זיין פאַרליבט. דאָס האָט, קענטיק, געהאַט געפאָדערט נישט נאָר מיין דיכטערישער באַרוף אַליין. מיין גאַנץ מיזיניק־פאַרווייבערשט ווען האָט זיך געהאַט געגנויטיקט אין צערטלעכקייטן און אויפמערקזאַמקייט. האָט זיך שוין ביי מיר אויסגעאַרבעט אַזאַ מין ליידנשאַפט צו פּראָוואָצירן ליידנשאַפטן ביי אַנדערע. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין שפּיל, ס׳איז נישט געווען

קיין ספּאָרט, דאָס איז געווען פאַר מיר פּשוט אַ נאַרקאָטיק, מיט וועל-כער איך פלעג קענען אָפּט באַטויבן מיינע שטענדיקע פיזישע ליידן.

איך האָב דענסטמאָל אין בערן געמוזט זייער פיל אַריבערטראָגן.

פּראָפעסאָר יאַדאַסאָן פון דער הויט-קלינִיק פלעגט נישט אויפהערן צו ברענען און בראָטן מיין לופּוס אויף דער רעכטער האַנט.

פּראָפ. סאַלי, דער אינטערניסט, פלעגט נישט אויפהערן צו שפּריצן אין מיר טובערקולין, און צו פּאָמפּען מיר דעם מאָגן.

פלעגט זיך מיר אָפטמאָל אָנהויבן דוכטן, אַז איך לעב נאָר צוליב דעם, כדי דאָס לעבן ווי עס איז צו דערהאַלטן.

ס׳איז אַ שווערער באַרוף צו זיין שטענדיק אַן עקספּערימענ-טיר קראַליק ביי די פאַרשידענע פּראָפעסאָרן.

אָט דער דאָזיקער הויפּט-באַרוף מיינער האָט פון מיר שטענדיק געפאָדערט צו האָבן אַרום זיך „באַרמהערציקע שוועסטער״.

אָבער באַרמהערציקייט אַליין איז פאַר מיר געווען ווינציק. מיין האַרץ, מיין דיכטער-האַרץ האָט נאָך געהאַט אַמביציעס צו פאָדערן אמתע ליבע. ליבע, וואָס איז גרייט אויף קרבנות.

אַזעלכע „ליבעס״ איז מיר שווער געווען צו געפינען ביי די בערנער קורסיסטקעס, וואָס זענען געווען אין זייער גרעסטן טייל מע-דיצינערינס. אַ מעדיצינערין האָט אַ טבע צו אינטערעסירן זיך צופיל מיט דיינע מחלות. אַ מעדיצינערין האָט אַפילו אַ טבע צו ווערן אַ שטיקל שותּפטע צו דיינע מחלות. דאָס פלעגט מיך פון זיי אָפּשטויסן. פלעג איך זוכן און געפינען טרייסט דווקא ביי די פילאָזאָפקעס, וואָס פלעגן זיין פיל מער פעיִק אויפצונעמען די ליבע פון קאָסמישן שטאַנדפּונקט.

אויסער דעם פלעגן טאָקע די בערנער פילאָסאָפקעס האָבן דער-צו פיל מער צייט.

ס׳פלעגט מיך נאָך אָפטמאָל פאַרדריסן, וואָס נישט אַלע פון זיי פלעגן מיינע ליבע-דערקלערונגען אָננעמען פאַר גענוג ערנסט און אויפריכטיק.

עס פלעגט זיך זיי שטענדיק דוכטן, אַז אין רוסיש זענען ליבע-דערקלערונגען פיל שטאַרקער און זיכערער, ווי אין יידיש.

האָב איך געמוזט אָנהויבן שאַפן פאַר די רוסיפיצירטע אָדער העברעיִזירטע יידישע טעכטער אַ ספּעציעל-יידישע עראָטיק.

עס איז געוואָרן מיין אַמביציע זיי צו איבערצייגן, אַז מען

קען אויך אין יידיש אויסדריקן די סאַמע אינטימע און ליידנשאַפט-לעכע געפילן.

אַזוי אַרום בין איך פון מיינע טיף-פּעסימיסטישע לבנה-לידער איבערגעגאַנגען צו מיינע לייכטע אָדער לייכטזיניקע פערזן.

איך דערקלער זיך דיר אין ליבע
אויף פאַרשידענע מאַניערן,
ווייל דערקלערונגען אין ליבע
האָסטו, ווייס איך, ליב צו הערן.

נאָר נישט אַלע קאָנען, ליידער,
אין זכרון דיר פאַרבלייבן,
נוץ איך אויס נאָך טינט און פעדער
דיר מיין ליבע צו באַשרייבן.

אַזוי אַרום האָט זיך שוין ביי מיר געהאַט דענסטמאָל אָנגעקליבן אַ היפּש פּעקל געשריבענע ליבע-דערקלערונגען.

ס'פלעגט זיך מיר אָפטמאָל דוכטן, אַז איך געפין זיך אין אַ מיטן קאַראַהאָד פון פאַרליבטע יידישע טעכטער.

אַ קאַראַהאָד, אַ קאַראַהאָד,
און איך וועל זיין אינמיטן.
מיידלעך וועלן דרייען זיך,
און איך וועל זיין אינמיטן!

אַ קאַראַהאָד, אַ קאַראַהאָד,
און אויגלעך וועלן בליצן.
פאָכן וועלן ברוסט-טיכלעך,
מיט פיין-געוועבטע שפיצן.

פאָכן וועלן הערצלעך,
ווי אָנגעגליטע קוילן.

קושן ווען ליפעלעך
און בעטן וואָס דערציילן. —

אַ מעשהלע, אַ לידעלע,
אַ רמז אין דער מיטן —
מיידלעך וועלן דרייען זיך,
און איך וועל זיין אינמיטן!

פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזעלכע אַלגעמיינע קאַראַקטער־לידער פלעגט מיר נישט געלונגען צו פאַנגען דאָס האַרץ פון דער אָדער יענער יידישע טאָכטער, נאָך וועלכער איך פלעג שטילערהייד זיפצן און בענקען.

ס'איז נאָך נויטיק געווען די אַזוי־גערופענע „אינדיווידועלע באַהאַנדלונג״. פלעג איך אָפטמאָל מוזן צוגעבן צום שפּיל אויך נאָך אַביסל ערנסט, אָדער, לכל הפּחות, שאַפן אַזעלכע לידער, וועלכע לאָזן זיך תּיכּף ומיד דעמאָנסטרירן:

איך קוש דיר אויס א מגן־דוד,
דו זאָלסט מיר געהייליקט ווערן:
דיינע אויגלעך און דאָס מיילכל,
ביידע בעקלעך און דער שטערן.

דו געמסט אָן דאָס שפּיל פון ליבע
ווי אַ געטלעכע רפואה.
בעטסט, וואָס מערער מגן־דודס,
ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ צנועה.

נאָר איך לאָז זיך לאַנג נישט בעטן —
כ'מגן־דוד דיר גאַנץ גערן
דיינע אויגלעך און דאָס מיילכל,
ביידע בעקלעך און דעם שטערן.

אָדער:

ביסט שוואַרץ, פּונקט ווי אַ נעגערין,
און שלאַנק, ווי אַ פראַנצויזין.
און ווי ביי אַ בערלינערין
איז צאַרט דיין לייב ווי רויזן.

און גלייך ווי אַ ציגיינערין,
פאַרמאָגסטו הייסע בלוטן.
נאָר מיידסט אויס ווי אַ יידישע —
די זודיקסטע מינוטן.

איך פיל, פאַר הייסער ליידנשאַפט
פאַרגייט דיר יעדער אבר,
נאָר ס׳יידישע, דאָס ניכטערע,
איז שטענדיק ביי דיר גובר.

די דאָזיקע יידישע עראָטיק מיינע פלעגט זיך באַלד פאַנאַנדער-גיין בעל-פה איבער דער קאָלאָניע, ווו נישט איין יידישיסט פלעגט שוין האָבן מיט-וואָס צו אַרגומענטירן קעגן דער רוסיפיצירטער אָדער העברעיזירטער קורסיסטקע זיינער.

אַ חוץ אַזעלכע געלעגנהייטס-לידער פלעג איך נאָך דענסטמאָל אויך שרייבן זייער פיל ליבע-בריוו. איך פלעג שטיין אין אַ ברייטער קאָרעספּאָנדענץ מיט כמעט אַלע מיינע פריער-געוועזענע „געליבטע״, און נישט לאָזן אויסלעשן די פייערלעך, וואָס כ׳האָב ביי זיי געהאַט ווען-עס-איז אָנגעצונדן.

אין מיינע ליבע-בריוו בין איך דאָך נישט געווען געבונדן מיט פערז און גראַם — פלעג איך פיל פרייער און הייסער קאָנען אויסגיסן פאַר זיי מיין האַרץ און מיין פאַנטאַזיע.

איך גלויב, אַז אָט די דאָזיקע ליבע-בריוו האָבן מיך דענסטמאָל געמאַכט פיל פּאָפּולערער, איידער מיינע לידער.

עס האָט מיך פשוט געפרייט צו זען, אַז אויך דער נאָמען דאָניע, מיין מיזיניק-נאָמען, באַקומט זיין שטיקל תיקון. צו דעם נאָמען

דניאל טשאַרני האָב איך זיך שטענדיק געהאַט באַצויגן (און באַצי זיך נאָך עד־היום), ווי צו אַ פּסיידאָנים מיינעם. איך ווייס, אַז דניאל טשאַרני לעבט נאָר אין דעם זכות פֿון דאָניען. ווי גרויס אָדער קליין עס זאָלן נישט זיין די ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע דערפֿאָלגן פֿון אָט דעם אָפּטמאָל גאַנץ־פרעמדן פאַר מיר דניאל טשאַרני — ווייס איך, אַז אָט די דערפאָלגן זיינע וועלן קיינמאָל נישט קענען היילן אָדער לינדערן די אָפענע און באַהאַלטענע ווונדן, וואָס עס טראָגט אויף זיך און אין זיך אַ לעבנסלאַנג דער „פליאַגע" און „געטשקע" דאָניע.

דער דאָזיקער „פליאַגע" און „געטשקע" נויטיקט זיך שטענדיק אין צערטלעכקייטן און היילִיקע שפּרוכן. אין דער קינדהייט פלעג איך זיי שטענדיק זוכן און געפינען ביי דער מאַמען. אין די שפּעטערדיקע וואַנדער־יאָרן האָב איך די דאָזיקע צערטלעכקייטן און שפּרוכן געמוזט אָנהויבן זוכן און געפינען ביי די ערב־מאַמעס, וואָס איך פלעג באַגעגענען אויף אַלע מיינע וואַנדער־וועגן.

נאָך עד־היום בין איך זייער דאַנקבאַר די אַלע יידישע טעכטער, וואָס האָבן מיר אין די שווערסטע יאָרן פון מיין לעבן געהאַט פאַרביטן אַ מאַמען, אַ שוועסטער און אפשר עפּעס נאָך מער.

נאָך עד־היום בין איך גרייט איבערצוחזרן פאַר זיי אויף אויס־ווייניק די אַלע לידער און שפּרוכן, וואָס איך האָב ספּעציעל פאַר זיי געהאַט פאַרפאַסט.

דאָס זענען דאָך געווען שמעטערלינג־לידער און שמעטערלינג־ליבעס.

קיינער פון די ביידע צדדים האָט דאָך קיינמאָל נישט געהאַט פרעטענדירט אויף „אייביקער ליבע" און „אייביקער טרייהייט".

במילא שוין האָב איך געקענט זיין איינצייטיק פאַרליבט אין צוויי, צי אין דריי.

אין יעדער איינער קאָן מען דאָך געפינען גאַנץ־פאַרשידענע פיינקייטן!

אָט, למשל:

איינע איז בלאָנד, און די אַנדערע — שוואַרץ.
לוסטיקע חברטעס צוויי.
און איך האָב אַ יונגע, אַ ליבנדע האַרץ —
ציט מיך צו זיי.

אַ סאָפּקע אַ ווייכע, אַ צימער, אַ קליינס,
איך זעץ מיך אַוועק אינדערמיט.
דער שפּיגל אַנטקעגן — ער שמייכלט פאַריינס:
— איר זייט זאַלבעדריט!

נאָר גוט איז צו זיין זאַלבעדריט, ווי ביינאַנד,
און ליבן אַזוי אומגעשטערט.
און צערטלען אין טונקל אַ וואַרעמע האַנט,
נישט ווייסנדיק, וועם זי געהערט.

און נאָכדעם — אַדיע! און זיי בלייבן אַליין,
און זיי קוקן זיך אָן, ווי פאַרשעמט.
אַך, יעדערע טראַכט, ווער איז דען זיין מיין?
און עס ציט און עס קלעמט.

נאָר כ'ווייס נישט אַליין, ווער פון זיי ציט מיין האַרץ,
און באַשטראַלט מיין געמיט?
יאָ, איינע איז בלאָנד, און די אַנדערע — שוואַרץ,
און איך — אינדערמיט!

ליטעראַרישע געסט

פאַר דער צייט, וואָס איך האָב געהאַט פאַרבראַכט אין בערן, האָב איך באַוויזן צו באַפריינדן זיך נישט נאָר מיט די עטלעכע הונדערט סטודענטן און קורסיסטקעס, וואָס פלעגן ביי יעדן סעמעסטער געבן אַ געוויסן אָפּפלוס און צופלוס, נאָר אויך אַפילו — מיט אייניקע אָנגעזעענע ליטעראַטן, וואָס האָבן אַ לענגערע צייט געהאַט פאַרבראַכט אין בערן.

צווישן די דאָזיקע זענען אויך געווען דוד אייגהאָרן, ז. י. אנכי, אברהם רייזען, זשיטלאָווסקי, נאָמבערג און שלום עליכם.

דוד אייגהאָרן איז געווען געקומען קיין בערן אָפּריכטן גלות „עמיגראַציע", מחמת די צאַרישע פּאָליציי האָט אים געהאַט אַרויסגעשיקט אויף עטלעכע יאָר פון רוסלאַנד.

אָנכי האָט „געהיילט" זיינע לונגען אין בערן מיט דייטשע ציגאַרעטן און קאָניאַק.

אברהם רייזען האָט זיך „אַריינגעכאַפּט" קיין בערן, זייענדיק „אונטערוועגס" קיין אַמעריקע.

זשיטלאָווסקי, פאַרקערט, פלעגט פון אַמעריקע זיך „אַראָפּכאַפּן" קיין בערן צו זיין משפּחה.

נאָמבערג איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון בערן, ווייל אין אונזער שטאַם-קאַפע בובענבערג פלעגט מען קאָנען שוין פון צען אינדערפרי ביז איינס ביינאַכט שפּילן שאַך, ביליאַרד, קאָרטן, ווי אויך „איבער-כאַפּן" די צייטונגען פון גאָר דער וועלט, און „זען זיך מיט מענטשן".

שלום עליכם פלעגט קומען קיין בערן צו די פּראָפעסאָרן, ווייל די בערנער פּראָפעסאָרן זענען געווען אַ שם-דבר אויף דער גאַנ-צער וועלט.

אַזוי-אַרום פלעגט בערן, קאָן מען זאָגן, קיינמאָל נישט פּוסטע-ווען, און די יידיש-יידישיסטישע קאָלאָניע פלעגט זיך תּמיד פילן יום-טובדיק און דערהויבן.

איך אַליין פלעג זיך אפילו פילן מעשה-מחותּן, ווייל די שטאַב-קוואַרטיר פאַר אָט אַזעלכע געריכטע און אומגעריכטע געסט פלעגט דאָך זיין די וווינונג פון ש. ניגער, און איך פלעג דער ערשטער דערוויסן זיך וועגן דעם אָנקום פון דעם-יענעם חשובן גאַסט, ווי אויך וועגן אַלע ווייטערדיקע פּלענער זיינע.

באַזונדערס ליב איז מיר געווען דער אָנקום פון דוד איינהאָרן, מיט וועלכן איך בין געווען באַפריינדעט נאָך פון די ווילנער צייטן.

איינהאָרן האָט געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך דעם טערפּיקן ריח פון די ווילנער געסלעך און זאַאולקעס, ווי אויך נאָך — פון לוקיש-קער טורמע.

אויך בערן פאַרמאָגט זייער פיל „ווילנער" געסלעך און זאַאול-קעס, וואָס פון אייניקע פון זיי שמעקט נאָך עד-היום מיט עלילת-דם.

אפילו אין סאַמע צענטער פון בערנער מאַרק-פּלאַץ שטייט נאָך ביז איצט אַ מיטלאַלטערלעכער ברונעם מיטן נאָמען „קינדלי-פרעסער", דאָס הייסט קינדער-פרעסער.

די ברונעם-פיגור שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווילדן פאַרשוין מיט אַן אויסגעבויגענער אָדלער-נאָז און מיט אַן אויפגעריסן מויל, פון וועלכן עס שטעקן אַרויס די פיסלעך פון אַ נאָך נישט גאַנץ פאַר-שלונגענעם קינד.

אויך אונטערן גאַרטל ביי אים זענען פאַרשטעקט אַ פּאָר קינדער, וועלכע דאַרפן נאָך אויפגעפרעסן ווערן.

עס שלאָגט פון אָט דעם ברונעם מיט עלילת-דם, און איינהאָרן

האָט פון אָט דעם ברונעם געשעפט נישט איין טעמע פאַר זיינע „יידישע עלעגיעס״...

אָבער איינהאָרן איז געווען נישט נאָר אַ מייסטער פונם יידישן ליד, נאָר ער האָט נאָך אויך געקענט מייסטעריש בילן ווי אַ הונט, קרייען ווי אַ האָן, און וויינען ווי אַ פלייט. עס פלעגט אָפטמאָל ווערן פון אים אַזוי אומעטיק־פריילעך, כאָטש נעם און פאַרשטעק זיך אונטערן גאַרטל פון דעם „קינדלי־פרעסער״...

אויך פון נאָמבערגן פלעגט נישט ווערן באַזונדערס פריילעך, אָבער מיט נאָמבערגן פלעגט מען תמיד זיין באַשעפטיקט.

מ׳פלעגט מיט אים שפילן אָדער אַ שאָך, אָדער אַ זעקסאונזעכ־ציק, און אפילו שפילנדיק, פלעגט נאָמבערג זעלטן זיך דערלויבן צו מאַכן אַ שפּאַס, אָדער אויסהערן אַ שפּאַס.

פון אַ שלעכטן צוג, וואָס זיין פאַרטנער פלעגט מאַכן, פלעגט נאָמבערג זיך ערגערן נאָך אַ סך מער, ווי פון אַ נישט־געלונגענעם אַרטיקל.

ער האָט דעם קעגנער זיינעם תמיד געהאַלטן אין איין לערנען, און כ׳בין זיך מודה, אַז נאָמבערג האָט מיך געהאַט דענסטמאָל גוט אויסגעלערנט צו שפילן אַ געשמאַקן זעקסאונזעכציק אין דריי הענט.

איך פלעג זיך נאָר וווּנדערן, ווען באַווייזט ער, נאָמבערג, צו שרייבן זיינע קלאָרע, דורכזיכטיקע און פיין־געשליפענע „וועכנטלעכע שמועסן״ פאַרן „היינט״.

אָבער איינמאָל אין דער וואָך (דאָס פלעגט זיין, געוויינטלעך, אויף דער נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק) פלעגט נאָמבערג פאַרלאָזן דעם קאַפע נאָך איידער ער ווערט געשלאָסן, ער פלעגט אַוועק איינער אַליין צו זיך אין פענסיאָן־צימער, פלעגט זיך אַוועקזעצן ביז אַ זייגער דריי־פיר פאַרטאָג צום שרייב־טיש און פאַרטיק ווערן מיט זיין „וועכנטלעכן שמועס״ פאַר דעם קומענדיקן פרייטיקדיקן נומער פון „היינט״.

מ׳האָט געקאָנט מיינען, אַז אין צימער ביי אים האָט נאָמבערג אַ געהיימע פאַרבינדונג מיט דער „היינט״־רעדאַקציע, וועלכע אינפאָר־מירט אים וועגן אַלע יידישע געשעענישן פון דער וואָך.

אָפטמאָל אפילו פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז עס זענען פאַראַן צוויי נאָמבערגס: איינער אַ קליינינקער, אַן איינגעהויקערטער און צעקנייטשטער, וואָס האַלט תמיד אין איין ראַטעווען זיך פון טויט, צו

פון זיך אַליין, פאַרשטעקנדיק זיך אין די פאַרשידענע קאַפּעס פון גאַר דער וועלט, און אַ נאָמבערג אַ צווייטער — אַ הויכער, אַ שלאַנקער, און אַלץ־זעענדיקער, אַ נאָמבערג, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אין יידישן לעבן, און וואָס שרייבט מעשה געניטער דאָקטאָר רעצעפּטן פאַר דעם יידישן אויפקום און אויפבלי...

זיצנדיק אָפטמאָל ביים קיילעכדיקן קאַפּע־טישל מיט נאָמבערג נומער איינס — פלעג איך שטילערהייט בענקען נאָך דעם נאָמבערג נומער צוויי...

אַ היפּוך צו די ביידע (צו איינהאָרנען און נאָמבערגן) איז געווען שלום עליכם.

אַ היפּוך שוין צוליב דעם אַליין, וואָס שלום עליכם פלעגט מיט זיין אָנקום אין בערן אַריינטראָגן אין דער קאָלאָניע אַן אויסערגע־וויינלעכע באַלעבונג, כאָטש שלום עליכם פלעגט קומען קיין בערן נישט מער, ווי היילן זיך, און ער פלעגט פאַר דער ברייטער עפנט־לעכקייט זיך נישט מעלדן.

דאָך אָבער פלעגן אַלע יידישע סטודענטן און קורסיסטקעס זיך דערפילן דערהויבן שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אין זייער בערן געפינט זיך ערגעץ־ווו אין אַ סאַנאַטאָריע דער באַליבטער און געשעצ־טער פאָלקס־שרייבער.

אין די קליניקעס און אין די קאַפּעס, אין די רעסטאָראַנען און אין די קלובן, און בכלל אומעטום, ווו נאָר סטודענטן און קורסיסט־קעס פלעגן זיך באַגעגענען — פלעגט מען האַלטן אין אויספרעגן איינער ביי דער אַנדערן: „ווי פילט זיך היינט שלום עליכם", „וואָס זאָגן די פּראָפעסאָרן וועגן שלום עליכמען", „צי וועט שלום עליכם אויפטרעטן פאַר דער עפנטלעכקייט, ווען וועט ער, אם ירצה השם, געזונט ווערן?" א. אַ. וו.

אויף אָט די אַלע פראַגעס פלעגט מיר מער פאַר אַלע אַנדערע אויסקומען צו ענטפערן, ווייל כ׳פלעג באַזוכן שלום עליכמען כמעט יעטוועדן טאָג.

ער האָט מיך אויסגעקליבן, לאָזט זיך אויס, פאַר „אַ האַנט" צו אַ זעקסאונזעכציק...

נאָמבערגס „תורה" איז מיר איצטער שטאַרק צונויץ געקומען.

פלעג איך כמעט יעטוועדן אָוונט אַריינכאַפּן ביי שלום עליכמען אַ געשמאַקן זעקסאונזעכציק.

ביטאָג פלעגט שלום עליכם אַרבעטן. ליגנדיקערהייט פלעגט ער אַרבעטן. ער האָט זיך שוין געהאַט איינגעאָרדנט אַזאַ מין ברוסט־טישל, וואָס ער פלעגט אַרויפשטעלן אויפן בעט און שרייבן אויף דעם, ווי אויף אַ שטענדערל. ער איז דאַן געווען פאַרטאָן מיטן ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס", וועלכן ער האָט געהאַט פּובליקירט אינם „היינט". ס'איז גראָד געווען סוף יאָר ניינצנהונדערט צוועלף, און די „היינט"־אַרויסגעבער האָבן דווקא געוואָלט, אַז שלום עליכם זאָל „דעם בלוטיקן שפּאַס" פאַרציִען ביז צום יאָר ניינצנהונדערט דרייצן, כדי אַזוי־אַרום אָנצולאָקן די אַבאָנענטן און לייענער אויפן נייעם יאָר...

האָט שלום עליכם ליגנדיקערהייט פאָרגעזעצט זיין „בלוטיקן שפּאַס", און אין די אָוונטן פלעגט ער „שפּאַסן" ביי אַ „זעקסאונזעכציק", כאָטש ער איז געווען דעמסטמאָל שטאַרק קראַנק.

דאָס עצם־שפּיל פלעגט, קאָנטיק, פאַרטרייבן פון אים אַלע ווייטיקן און געבן אים די מעגלעכקייט צו ווערטלען זיך, און מכלומרשט אויך קאָכן זיך ביים דעקן אַ קאָרט, אָדער ביים ציילן „די אויגן".

פאַר די פאָר חדשים פון שלום עליכמס זיין אין בערן האָב איך זיך גאָר איינגאַנצן געהאַט אָפּגעשלאָגן פון אַלע מיינע אייגענע התחייבותן. איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך קאָן כאָטש מיט עפּעס פאַרלייכטערן דעם ליבן, האַרציקן שלום־עליכמען.

אָבער מער ווי שפּילן מיט אים אַ זעקסאונזעכציק האָב איך נישט געקאָנט.

אמת, איך וואָלט נאָך אויך געקאָנט פאָרלייענען פאַר אים מיינע לעצטע לידער, צי אפשר גאָר אַ מעשהלע פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, וואָס איך האָב דעמסטמאָל געהאַלטן אין איבערזעצן, אָבער דערצו האָט מיר געפעלט מוט.

דאָך אָבער האָט מיך שלום עליכם פאָרט געהאַלטן פאַר אַ „פּאָעט"... והאָ ראיה: ער פלעגט מיר קיינמאָל נישט אָנטרויען אַרונטערצולאָזן זיינע בריוו אין בריווקאַסטן, אָדער באַזאָרגן עפּעס אַן אַנדער וויכטיקע שליחות.

— אַזאַ מין אַרבעט איז נישט פאַר פּאָעטן — פלעגט זיך שלום עליכם אַרויסדרייען, ווען איך פלעג אים אָנבאָטן מיטצונעמען זיינע בריוו.

אין האַרצן אָבער פלעג איך טראַכטן, אַז ווען שלום עליכם וועט אם ירצה השם ווידער געזונט ווערן, וועל איך אים אומבאַדינגט

באווייזן, אַז איך קאָן אויך זיין „אַ דייטש". איך וועל אים ברענגען צו פירן אין אונזער יידישן „לעזע־זאַל", מיט וועלכן כ׳האָב געהאַט אָנגעפירט, און איך וועל אים ווייזן די מוסטער־אָרדענונג פון דער ביבליאָטעק, און פון די זשורנאַלן אַלע, ווי זיי ליגן נומער צו נומער, יאָר צו יאָר, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אייניקע „פילאָזאָפן" פלעגן האָבן די טבע יעטוועדן מאָנטיק און דאָנערשטיק איבערצודרייען דעם אַרכיוו פון לעזע־זאַל מיטן קאָפּ אַראָפּ.

מיר איז אָבער, ליידער, נישט באַשערט געווען צו דערוואַרטן זיך אויף דעם מאָמענט, ווען שלום עליכם זאָל זיך האָבן ווידער געשטעלט אויף די פיס, ווייל איידער ער איז אַרויס פון דער קליניק, האָב איך זיך אַליין געהאַט אַריינגעלייגט אין אַ קליניק און געוואָרן אַ חולה־מסוכן.

שלום עליכמען האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. ער איז געווען זיכער, אַז מיר האָט פאַרשאַדט זיינער „אַ זעקסאונזעכציק", דאָס הייסט אַ צובייסן, מיט וועלכן די זייער גאַספרייינטלעכע פרוי שלום עליכם פלעגט מיך טראַקטירן צווישן איין קאָן און אַ צווייטן...

האָט שלום עליכם געהאַט געשיקט אַ פּאָר מאָל שטאַפּעטן צו מיר אין שפּיטאָל זען, וואָס איך מאַך, און שפּעטער אַביסל, ווען ער האָט שוין געהאַט פאַרלאָזט בערן, האָט ער מיר צוגעשיקט פאָלגנדיק קאַרטל:

„ליבער טשאַרני!

וואָס מאַכט איר? וואָס זאָגט אייער מאָגן? איך בין ג. ז. ד. שוין גאָר אַ פיינער בחור, אַ סברא, אַז כ׳וועל שוין באַלד פאַרגעסן, אַז כ׳בין געווען אין בערן. מיין פרוי בעט אייך גריסן ג"פ, און איר זאָלט ענטפערן באַלד. גריסט אַלע די, וואָס פלעגן זיין ביי מיר. זייט געזונט, ווי עס ווינטשט אייך שלום עליכם".

דאָס קאַרטל איז געשריבן געוואָרן אין נערווי (איטאַליע) דעם צוועלפטן מערץ, נײַנצנהונדערט דרייצן.

האָב איך שלום עליכמען געהאַט דענסטמאָל געענטפערט מיט איינעם אַ פעסימיסטישן שפּיטאָל־ליד, ווייל ס׳האָט זיך מיר דענסט־מאָל געדוכט, אַז מיין „זעקסאונזעכציק" איז שוין, נעבעך, אַ פאַר־לוירענער...

דאָס זעלבע ליד האָב איך אויך געהאַט אַוועקגעשיקט דענסט־

מאָל צו אברהם רייזענען קיין פּאַריז, פאַר זיין וואָכנבלאַט „דער נייער זשורנאַל״.

צו אברהם רייזענען האָב איך געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט נאָך פון יענע יאָרן, ווען איך בין געווען נישט מער, ווי אַ לעזער זיי־נער. ס׳איז געוויס נישט קיין צופאַל, וואָס אין די ערשטע לידער מיינע האָב איך זיך שטאַרק באַמיט אים נאָכצומאַכן. עס איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן רייזענס קורצקייט, און דער עיקר—זיין אויס־לאָז פון ליד, וואָס פלעגט טרעפן אין פינטל אריין.

מיין שוואַכקייט צו אים (צו רייזענען) האָט זיך נאָכמער פאַר־שטאַרקט, ווען איך האָב געהאַט באַקומען די גוטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך אין בערן מיט אים פּערזענלעך, און דערזען פאַר זיך אַ ליבהאַרציקן, גוטמוטיקן מענטשן, וואָס נאָר עכטע פאָלקס-מענטשן קאָנען זיין אָט אַזוי ליב און גוט, ווי רייזען.

פלעג איך אים שיקן מיינע לידער פאַר אַלע זשורנאַלן זיינע, וואָס ער פלעגט בטבע אַרויסגעבן אין יעטוועדן לאַנד, ווו נאָר ער פלעגט זיך לענגער אָפּזעצן.

האָנאָראַר פלעגט ער מיר, פאַרשטייט זיך, צאָלן מיט קאָמפּלי־מענטן, וועלכע פלעגן מיך שטאַרק אויפמונטערן.

אָט איז איינער פון רייזענס האָנאָראַר-קאָמפּלימענטן:

„טייערער ד. טשאַרני. אייערע לידער דערהאַלטן, אַ שיי־נעם דאַנק! זיי זענען מיר זייער געפעלן. איר זייט אַן עכטער ליריקער. איך לייען אייך זייער גערן (אין „צוקונפט״, „נייעם לעבן״, און אין אַלע אַנדערע זשורנאַלן).

איך וואָלט אייך געראָטן צו מאַכן אַ זאַמלונג פון אייערע בעסטע לידער. דאָס ביכל וואָלט געמאַכט דעם געהעריקן איינ־דרוק. איך קאָן קיינמאָל נישט פאַרגעסן אייער ליד אין „דאָס נייע לאַנד״ — „אַ בריוו״ — דאָס איז איינס פון די שענסטע יידישע לידער.

ווי ווייט מעגלעך וועל איך זען אייך צאָלן. איך הויב אָן גאָר אָן מאַטעריעלע מיטלען. סטאַרטעט זיך, אַז מען זאָל מיר שיקן גוטן מאַטעריאַל. ענטפערט. אייער פריינט אברהם רייזען״.

אָט אַזוי האָב איך זיך אין בערן און דורך בערן געהאַט באַפריינדעט מיט איניקע וויכטיקע פאַרטרעטער פון דער יידישער

ליטעראַטור, און אַזוי־אַרום בין איך אויך געוואָרן בהדרגה אַ פּאָעט און ליטעראַט, אַ באַהעמיקער און וואַנדערער.

איך „שטודיר" מעדיצין

אין בערן איז מיר אויסגעקומען צו ווערן אַ בן־בית נישט נאָר אין די אוידיטאָריעס פונם פילאָזאָפישן פאַקולטעט, נאָר אויך אַפילו אין די אַמבולאַטאָריעס און קליניקעס פונם מעדיצינישן פאַקולטעט.

עס איז מיר געלונגען געוויי צו באַקענען זיך מיט אַלע וויכטיקסטע הייל־מיטלען, נישט נאָר קעגן פאַרשידענע הויט־קראַנקהייטן, נאָר אויך אַפילו קעגן די פאַרשידענע לונגען־און מאָגן־מחלות ביז צו די סאַמע קאָמפּליצירטע כירורגישע אָפּעראַציעס.

איך האָב געהאַט דורכגעמאַכט, קאָן מען זאָגן, די אַלע וויכטיקסטע הויפּט־צווייגן פון דער מאָדערנער מעדיצין, כאָטש איך בין צו דער דאָזיקער וויסנשאַפט קיינמאָל נישט געווען צוגעגרייט. איך האָב אַפילו נישט געהאַט קיינמאָל געלערנט קיין אַנאַטאָמיע, און איך ווייס נאָך עד־היום נישט ווו ס'געפינען זיך דער לעבער, דער מילץ און די גאַל.

נאָר צו וואָס האָב איך עס באַדאַרפט וויסן, וויבאַלד מיר איז אויסגעקומען דורכצומאַכן דעם מעדיצינישן פאַקולטעט נישט מעשה־סטודענט, נאָר מעשה־קראַליק.

פון מיין לעבנסלאַנגער מעדיצינישער פּראַקטיק האָב איך זיך געקענט איבערצייגן, אַז וואָס־גרעסער עס איז דער פּראָפעסאָר — אַלץ־וויניקער זאָרגט ער זיך פאַר דעם עצם חולה, וועלכן ער באַהאַנדלט, ווייל דער חולה איז דאָך פאַר אים נישט מער, ווי דער צופעליקער טרעגער פון דער אָדער יענער מחלה...

די מחלה איז פאַרן פּראָפעסאָר די הויפּט־זאַך, און וואָס־מער זי איז קאָמפּליצירט און פאַרוואָרצלט — אַלץ־גרעסער איז די פרייד און הנאה פונם פּראָפעסאָר, וועלכער דאַרף זי פאַרטרייבן.

ווי איז צו יענעם חולה, וואָס גיט אין מיטן היילן זיך אַ שטאַרב אַוועק. אַזאַ מין נישט־דאַנקבאַרן חולה וועט דער פּראָפעסאָר קיינמאָל נישט מוחל זיין. ווייל דורך דעם טויט זיינעם האָט דאָך דער חולה צוגענומען ביים פּראָפעסאָר די מעגלעכקייט ווייטער צו

קאָנען שטודירן און אַנאַליזירן די מחלה, אויף וועלכער דער מת האָט געהאַט געליטן.

עס גייט אַרום אַן אַנעקדעט אין בערן, אַז איינער אַן אָנגעזעענער פּראָפעסאָר איז איינמאָל צוגעשטאַנען צו דער פרוי פון זיינעם אַן אָקאָרשט פאַרשטאָרבענעם פּאַציענט — צי האָט דער מאַן אירער פאַרן טויט אַ שלוקערץ געטאָן?

די אומגליקלעכע אַלמנה האָט זיך משער געווען, אַז דער מאַן אירער האָט פאַרן טויט אפשר יאָ אַ שלוקערץ געטאָן.

דער פּראָפעסאָר האָט אויפגעשטראַלט פאַר גליק, און ער האָט אָנגעהויבן טרייסטן די אַלמנה, אַז עס איז געווען זייער גוט, וואָס איר מאַן האָט פאַרן טויט אַ שלוקערץ געטאָן.

אויך מיין פּראָפעסאָר, דער וועלט-באַרימטער דיאַגנאָסטיקער סאַלי איז, קאָנטיק, געוואָרן שטאַרק נייגעריק, צי וועל איך פאַרן טויט אַ שלוקערץ טאָן אָדער נישט?

איך האָב זיך אָבער דענסטמאָל געהאַט איינגעעקשנט, און בשום אופן נישט געוואָלט פאַרשאַפן אים דעם דאָזיקן פאַרגעניגן. עס איז אַפילו ביי מיר אַריין אין אַ מין צו להכעיס, נישט צו באַרעכטיקן זיין דיאַגנאָז.

דורך דעם גופא האָב איך זיך שוין געהאַט אַוועקגעשטעלט מיט אַ קאָפּ העכער פאַר אים, און די פּלוגתא צווישן מיר מיט דעם פּראָפעסאָר וועגן דעם מהות פון מיין מחלה האָט מיך דערפירט צו אַזאַ מין אַזאַרט-צושטאַנד, אַז כ'בין אַפילו גרייט געוואָרן ווייטער צו בלייבן לעבן, אַבי נאָר דער וועלט-באַרימטער דיאַגנאָסטיקער זאָל ביי מיר נישט אויספירן!

אַזוי, למשל, האָט פּראָפ. סאַלי געהאַט פעסטגעשטעלט, אַז מיין מאָגן-געשוויר, מיט וועלכן איך האָב זיך אַרומגעטראָגן יאָרנלאַנג, איז אַ רעזולטאַט פון מיינע צעשרויפטע נערוון.

איך, פאַרקערט, פלעג צו אים טענהן, אַז איך בין נערוועז צוליב מיין מאָגן-געשוויר, וואָס פאַרשאַפט מיר שרעקלעכע ווייטיקן.

קומט פּראָפ. סאַלי און זאָגט, אַז אַ מאָגן-געשוויר („אולקוס בלע"ז) לאָזט זיך אַמבעסטן היילן דורך אַ מילך-דיעטע, און ווען איך ליג ביי אים אָפּ אַ צוויי-דריי וואָכן אין זיין קליניק — ווער איך זיכער געזונט.

בין איך ביי אים אָפּגעלעגן נישט דריי וואָכן, נאָר גאַנצע דריי

חדשים, און דער פּלומרשט-אויסגעהיילטער מאָגן-געשוויר, האָט מיר אינגאַנצן פאַרשטייפט די קישקעס („סטענאָזע" בלע"ז). כ'האָב שוין אפילו קיין מילך אויך נישט געקענט פאַרטראָגן.

קומט פּראָפ. סאַלי און פאַראָרדנט — מען זאָל מיך פּאָרלויפּיק דערנערן נישט דווקא דורכן מויל...

זאָג איך צום פּראָפ. סאַלי, אַז אפשר וואָלט מען מיר גאָר אינגאַנצן אויפגעשניטן דאָס בייכל און אַ קוק געגעבן וואָס דאָרט טוט זיך?

— איך האָב געהערט, זאָג איך אים, אַז פּראָפעסאָר קאָכער איז אַ גרויסער בריה אויף אַזעלכע זאַכן, והראיה — ער האָט דאָך גע-האַט באַקומען דעם נאָבעל-פּרייז פאַר זיינע אָפּעראַציעס.

ווערט פּראָפ. סאַלי זייער נערוועז, וואָס איך רעד מיט אים וועגן פּראָפ. קאָכער, און ער ענטפערט מיר, אַז אויב איך וויל שוין ווירק-לעך באַגיין זעלבסטמאָרד, זאָל איך גיין צום פּראָפ. קאָכער.

— זיע ווערדען זאָ ווי זאָ אונטער דען מעסער ליגן בלייבן! — איז געווען זיין פעסטער באַשלוס.

בין איך אָבער אַריין אין אַ נאָך גרעסערער עקשנות, און איך האָב באַשלאָסן בעסער שטאַרבן אונטערן מעסער ביי קאָכערן, איידער ווייטער פירן מיין חדשים לאַנגן דיספּוט מיט אָט דעם פּראָפ. סאַלי.

איך בין אָבער געבליבן לעבן!

און געבליבן לעבן בין איך דערנסטמאָל, נישט נאָר אויף צו להכעיס דעם פּראָפ. סאַלי, נאָר אויך אויף צו להכעיס זיך גופא.

איך בין געבליבן לעבן אפילו נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איך האָב זיך שוין געהאַט פאַר דער אָפּעראַציע אָפּגעזעגנט מיט דער וועלט דורך פאָלגנדיקן ליד:

אַך, ליבער טויט,
איך גיי דיר שטאָלץ אַנטקעגן!
איך בין שוין גרייט!
דו זאָלסט נישט פרעגן,
ווי אַלט איך בין? —
מיין זין
איז גאָר נישט אַלט.
מיין האַרץ איז אָבער קאַלט

און איז שוין טויט
פון יאָרנלאַנג.
איך בין שוין גרייט,
און מיין פאַרלאַנג
איז נאָר צו דיר
אַך, ליבער טויט. —
פראַל אויף דיין טיר —
איך בין שוין גרייט...

דעם אמת געזאָגט, בין איך דענסטמאָל שוין ווירקלעך געווען גרייט אויפצונעמען דעם טויט, ווייל פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס איך האָב געהאַט זיך אָפגעפייניקט אין דער קליניק פון פראָפ. סאַלי, האָב איך שוין געהאַט זיך אויף אַזוי פיל איינגעלעבט מיטן טויט, אַז דער מהלך צווישן לעבן און טויט האָט פאַר מיר אויסגעזען נישט אויף אַ סך ווייטער, ווי דער מהלך צווישן די שכנותדיקע קליניקעס פון פראָפ. סאַלי און פראָפ. קאָכער.

און ווייל דאָס ווייטערדיקע לעבן מיינס האָט מיך דעמאָלט נאָך אַ סך מער געשראָקן, איידער דער נאָענטער טויט — האָב איך שוין באַצייטנס אָנגעהויבן מתחתן זיין זיך מיטן טויט דורך דעם, וואָס כ׳פלעג שעהנווייז אָפזיצן צוקאָפּנס פון יעטוועדן גוסס און זיך צוקוקן, ווי אַזוי מענטשן שטאַרבן.

יעטוועדן טאָג פלעגט בטבע איינער פון אונזער קליניק אומבאַדינגט שטאַרבן. ס׳איז שוין געווען אין דער קליניק אַ ספּעציעלער שטאַרב-צימער. מיין באַרמהערציקע שוועסטער פלעגט מיר באַלד מעלדן וועגן יעטוועדן „קאַנדידאַט" אויף יענער וועלט.

צוערשט האָב איך טאַקע געהאַט געגלויבט, אַז ווען אַ מענטש שטאַרבט, פליט אים אַרויס פון דער נאָז אַ פלעמעלע אַזאַ, וואָס זאָל זיין די נשמה זיינע.

אַזוי האָט מיר וועגן דעם די מאַמע געהאַט דערציילט.

איצטער אָבער, זייענדיק אַליין אַ קאַנדידאַט אויף יענער וועלט — האָב איך באַקומען די גוטע געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך, אַז דער מענטש, לאָזט זיך אויס, פאַרמאָגט נישט אין זיך קיין שום נשמה-פלעמעלע.

אַדרבא, וואָס נעענטער דער מענטש ווערט צום רבונו-של-עולם,

אַלץ-מערער טוט זיך אָפּ פון אים דער צלם-אלהים. ס'ווערט פּשוט פּריקרע זיך צו צוקוקן, ווי אַ מענטש גייט אַריבער פון איין וועלט צו דער צווייטער.

חיות שטאַרבן אַ סך רויִקער און באַשיידענער, ווי מענטשן. אידיאָטן אויך.

די שווייץ פאַרמאָגט זייער אַ סך אידיאָטן, די אַזוי גערופענע „קרעטינען". אַלע בערג-לענדער פאַרמאָגן אַזעלכע קרעטינען, און אין דער קליניק פון פּראָפ. סאָלי פלעגן די קרעטינען פאַרבייטן די קראַליקעס און ים-חזירימלעך. די סטודענטן פון סאָליס מעדיצינישן קורס פלעגן מאַכן איבער זיי זייערע מעדיצינישע עקספּערימענטן. מען פלעגט פון זיי צאַפּן בלוט גלעזערווייז. מען פלעגט זיי אויך האַלטן חדשים-לאַנג אין די קליניקעס, כּדי צו קענען איבער זיי מאַכן די פאַרשידענע עקספּערימענטן.

אָט די דאָזיקע מענטשן-קראָליקעס פלעגן דווקא שטאַרבן זייער שטיל און באַשיידן.

זיי פלעגן נישט כאָרכלען און נישט וואָרפן זיך, ווי די שטאַטישע אינטעליגענטן טוען עס בטבע, און זיי פלעגן אויך נישט בעטן זיך, מען זאָל זיי ראַטעווען.

דערפאַר אָבער האָט מיך אַזוי שטאַרק געצויגן צום פּראָפ. קאָכער, ווו מען באַקומט די גוטע געלעגנהייט צו שטאַרבן אונטער אַ נאַרקאָזע, און אַזוי אַרום נישט אַרויסווייזן ביי דער גסיסה אַזוי פיל מיאוסע אינטעליגענטישע שטיק...

איך וואָלט געוועזן גליקלעך — האָב איך דענסטמאָל געטראַכט — ווען איך כאַפּ זיך שוין מער נישט אויף פון אונטער דער נאַרקאָזע.

איך בין אויך געוועזן גליקלעך, וואָס גראָד יענעם זומער האָט מען ניגערן געהאַט אַרויסגערופן קיין ווילנע צו איבערנעמען ביי בערגעלסאָנען די רעדאַקציע פון דעם חודש-זשורנאַל „די יידישע וועלט".

עס איז דאָך גוט אַזוי צו ברודערן זיך מיטן טויט, ווען קיינער פון די משפּחה-לייט שטערט דיר נישט אין דעם.

משפּחה-לייט באַציִען זיך בטבע זייער אַכזריותדיק צו זייערע קראַנקע. זיי נעמען אָן אַלע מיטלען, נישט צו דערלאָזן צו אים דעם טויט, כאָטש פאַר דעם קראַנקן קרובֿ זייערן איז אָפטמאָל דער טויט די איינציקע גאולה פון זיינע ליידן.

פון דער צווייטער זייט מערקן נישט אָפטמאָל די משפּחה-לייט,

אַז מיט זייער געטרייער און פּאַרזיכטיקער איבערגעגעבנקייט צום חולה, וואַרפֿן זיי ערשט אָן דעם ריכטיקן אימת-מות אויף דעם קראַנקן און פֿאַרקירצן אים דאָס לעבן.

אייניקע באַרמהערציקע שוועסטער, וואָס קענען די פּסיכאָלאָגיע פֿון קראַנקן אַ סך גרינטלעכער און אינטימער, איידער די דאָקטוירים און פּראָפֿעסאָרן, זענען אָפֿטמאָל בכיוון שטרענג מיט זייערע פּאַציענטן, כּדי דורך דעם גופֿאַ אַרויסצורופֿן ביים חולה אַ שטיקל ווידערשטאַנד, אַ ברוגז, צי אַ גרימצאָרן, וואָס באַלעבט דעם גאַנצן אָרגאַניזם.

אויך איך האָב געהאַט איינע אַ שוועסטער אַזאַ, וואָס אפשר אין איר זכות בין איך לעבן געבליבן.

זי פֿלעגט אין מיטן דער נאַכט קומען צו מיר טאַפּן דעם דופּק און פּרעפֿלען איבער מיר קאַטוילישע תּפֿילות, און דערביי נאָך ציילן אירע שוואַרצע פּאַטשערקעס.

זי פֿלעגט מיך אָפֿטמאָל אָנהויבן גלעטן איבערן קאָפּ, און דענסט-מאָל פֿלעג איך זיך מוזן דערמאָנען די קאַלטע שטעקלדיקע פֿינגער פֿון מיין רבין משה הירש, מיט וועמענס טויטע הענט מען האָט מיר אויף עולם-ועד געהאַט אויסגעשמירט מיין געזיכט.

אָבער דאָך פֿלעג איך יעטוועדע נאַכט וואַרטן אויף אָט דער „שוועסטער”, כאָטש ביי יעדן אַריינקום אירן, פֿלעג איך זיך ווידער-אַמאָל אויף טויט איבערשרעקן.

איך האָב זי ליב באַקומען פּשוט דערפֿאַר, ווייל זי וואָלט זיך אויף אַ האָר נישט געהאַט איבערגעשראָקן, ווען זי טרעפֿט מיך אין איינער אַ נאַכט אָן אַ דופּק און אָן אַ אָטעם.

זי וואָלט נאָר אויפֿן גראָבן פֿינגער פֿון מיין רעכטן פֿוס געהאַט אָנגעבונדן אַ נומערל, אַזוי ווי מען טוט מיט אַלע אַנדערע, וואָס שטאַרבן אין דער אוניווערסיטעט-קליניק, און אויף מאָרגן פֿרי וואָלט מען מיך אַוועקגעפֿירט אין אַנאַטאָמישן מוזיי, ווו יונגע סטודענטן וואָלטן מיך צעגלידערט אבֿרימוואייז.

און אפשר וואָלטן פֿריינט און באַקאַנטע פֿון דער בערנער קאָ-לאָניע אַרויסגעפֿאָדערט מיין קערפּער אויף צו ברענגען אים צו קבֿורת-ישׂראל, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ יידישן יידן?

יעדנפֿאַלס פֿלעג איך ביי יעדן אַריינקום פֿון דער קאַטוילישער נאַכט-שוועסטער געבן אינסטינקטיוו אַ פֿאַרבויג דעם גראָבן פֿינגער פֿון מיין רעכטן פֿוס — זי זאָל אים נישט געפֿינען אַזוי לייכט.

שרייבנדיק אַפילו אָט די דאָזיקע שורות — האַלט איך ווידער־אַמאָל מיין גראָבן פוס־פינגער פאַרבויגן, כאָטש איך בין שוין לאַנג־לאַנג אַרויס פון ריזיקע.

מאָנאַ־ליזאַ

דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך דענסטמאָל נאָך גאָרנישט גע־איילט זיך אַזוי צו שטאַרבן אונטער די חלפימלעך פונם פראָפ. קאָכער, ווען נישט אַ פּאָר וויכטיקע געשעענישן, וואָס איך האָב געהאַט אי־בערגעלעבט אין דער קליניק פון פראָפ. סאַלי

דאָס ערשטע געשעעניש האָט פּאַסירט מיט איינעם אַ קרעטין, וואָס האָט געהייסן טיקטאַקעלי. זיין טשעקאָווע פאַמיליע טיקטאַקעלי האָט דער קרעטין באַקומען בירושה פון זיינעם אַן עלטער־זיידן, וואָס איז געווען אַ מייסטער פון הילצערנע זייגערלעך.

אָט דער דאָזיקער קורצוווּקסיקער פּירעקיקער טיקטאַקעלי איז געוואָרן אין דער קליניק דער בעסטער פריינט מיינער. ער פלעגט מיך באַדינען נאָך בעסער, ווי די באַרמהערציקע שוועסטער. איך פלעג זייער ליב האָבן אויסצוהערן זיינע מעשיות פון די בערג, און דער עיקר — זיין בענקשאַפט נאָך דער קאַץ. די בענקשאַפט נאָך דער קאַץ האָט דעם קרעטין, לאָזט זיך אויס, פיל מער געפייניקט, ווי די בענק־שאַפט זיינע נאָך דער פרוי.

— די קאַץ וואַרעמט מיר אָן די פיס פיל בעסער, ווי דאָס ווייב — פלעגט מיר טיקטאַקעלי כמעט יעדן טאָג דערקלערן, פאַר־וואָס ער בענקט אַזוי נאָך דער קאַץ. האָט דער דאָזיקער קרעטין גאַנצע זעקס חדשים זיך אָפּגעמוטשעט אין דער קליניק פון פראָפ. סאַלי, ביז מען האָט אים ענדלעך דערקלערט פאַר געזונט און אויסגעשריבן פון דער קליניק.

ביים אָפּשיידס־מיטאָג האָט טיקטאַקעלי באַקומען אַ חלק הון. דער קרעטין, לאָזט זיך אויס, האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געגעסן הון. איז ער פשוט שיכור געוואָרן פון דער הון. ער האָט באַלד נאָכ־מיטאָג אָנגעהויבן טאַנצן, טופנדיק מיט זיינע קורצע קלעצלדיקע פיס־לעך, ווי אַ ברוקירער וואָלט געווען געקלאַפּט שטיינער אין ברוק. אַפילו די שווער־קראַנקע האָבן פון דעם דאָזיקן קרעטינען־טאַנץ געמוזט אָנהויבן שמייכלען.

נאָכן טאַנץ האָט זיך דער קרעטין אװעקגעלאָזט זיגזאַגיק צום װאָקזאַל, כדי ענדלעך אָנצוװאַרעמען זײַנע פּיס בײַ דער קאַץ און בײַ דעם װײַב.

אָבער באַלד נאָכדעם, װי ער איז אַרױס פון שפּיטאָל איז אױף אים אָנגעפאָרן אַן אױטאָמאָביל, און טיקטאַקעלע איז צוזאַמען מיטן חלק עוף אַװעק אױף יענער װעלט.

דאָסדאָזיקע געשעעניש האָט באַזונדערס אױף מיר געמאַכט זײַער אַ שװערן אײַנדרוק. ס'איז דאָך געװען נאָך מער װי טראַגיש אומצוקומען פון אַן אױטאָמאָביל גראַד דאַן, װען אַ מענטש האָט אין משך פון זעקס חדשים זיך געהאַלטן אין אײן ראַטעװען פון טױט. אױב אַזױ — איז דאָך שױן טאַקע גאַרנישטאָ קײן יושר אױף דער װעלט, און דער גורל פון אַ מענטשן איז דאָך אַכזריותדיקער, װי דער גורל פון אַ קאַץ, צי פון אַ הונט.

האָט מיר דערנסטמאָל אָנגעהױבן אױסצוזען זײַער קאָמיש, װאָס אױך איך האַלט זיך אין אײן ראַטעװען פון טױט, בעת דער טױט לױערט גאָר אױף דיר פון אַ גאַנץ־אומגעריכטן װינקל.

דאָס צװײטע געשעעניש, װאָס האָט געהאַט גאָר אײַנגאַנצן דערהרגעט אין מיר דעם חשק צום לעבן — איז געװען אײנע פון די אומגליקלעכסטע ליבעס מײַנע.

ס'איז געװען, אײגנטלעך, נישט מער װי אַ פּענסטער־ליבע, אָבער די דאָזיקע פּענסטער־ליבע האָט זיך אױף אײביקע יאָרן פאַרשניטן אין מײַן זכרון. ס'איז געװען אַ יונגע, נאָך גאָר יונגע איטאַליענערין פון אײנער אַ קעגנאיבערדיקער קליניק. די דאָזיקע איטאַליענערין האָט זײַער ליב געהאַט אין באַשטימטע שעהן פון טאָג אַרױסצוקוקן פון פּענסטער און דער עיקר אַרײַנצוקוקן צו מיר אין פּענסטער. זי האָט מיך געפאַנגען מיט אירע צװײ שװאַרצע דיקע צעפּ, װאָס אײנעם פון זײ פלעגט זי טראָגן אױף דער פּלײצע, און דעם צװײטן—פון פאָרנט. די דאָזיקע צװײ צעפּ אירע פלעגן אױף דעם װײסן פאָן פון איר קליניק־כאַלאַט, אױסזען נאָך פיל שװאַרצער און דיקער. אױסער דעם, האָט נאָך די דאָזיקע איטאַליענערין פאַרמאָגט צװײ שװאַרץ־באַברעמטע אױגן, װאָס פלעגן, װי צװײ פּראָזשעקטאָרן, באַשטראַלן מײַן גאַנץ בישט־ערדיש װעזן.

פאַרשטײט זיך, אַז כ'האָב באַלד פאַרפירט מיט דער דאָזיקער שכנה אַ פּענסטער־ליבע, און כ'פלעג נישט אױפהערן צו דערקלערן זיך

איר אין ליבע לויט אַלע מיינע דאַמאָלסדיקע מעגלעכקייטן. כ׳פלעג איר וואַרפן פון פענסטער די אַלע בלומען, וואָס מען פלעגט מיר ברענגען אין שפּיטאָל-אַריין. איך פלעג איר שיקן אָן אַן אויפהער לופט-קושן, און כ׳פלעג זי האַלטן אין איין רופן צו זיך. די איטאַליענערין פלעגט פאַרשטיין אַלע מיינע באַוועגונגען און זי פלעגט מיר ענטפערן מיט אַזאַ מין ליבן, קלוגן שמייכל, וואָס אַזאַ איינעם האָב איך נאָר געזען ביי ד׳אַווינטשיס „מאָנאַ-ליזאַ״, האָב איך זי שוין אַ נאָמען געגעבן „מאָנאַ-ליזאַ״. איך האָב איר דורך מיינע הענט-זשעסטיקולאַציעס געגעבן צו וויסן, אַז ווי נאָר מיר ביידע ווערן, אי״ה, געזונט — האָב איך מיט איר אומבאַדינגט חתונה, און מיר פאָרן אַוועק קיין איטאַליע עסן מאַקאַראָנעס. זי האָט מסכים געווען. איך האָב אָבער נאָך נויטיק געהאַט זיך צונויפצורעדן מיט איר פּערזענלעך, ווייל טאָמער, חלילה, שטאַרב איך אַוועק — זאָל זי לכל-הפּחות וויסן, נאָך וועמען זי האָט צו טרויערן.

האָב איך קוים אויסגעפּועלט ביים דאָקטאָר — ער זאָל מיר דערלויבן כאָטש איינמאָל פאַר די גאַנצע דריי חדשים אַרונטערצוגיין אין שפּיטאָל-גאָרטן זיך דורכצושפּאַצירן. איך האָב געוווּסט, אַז צווישן דריי און פיר בייטאָג גייט זי אַרונטער, די דזשיאָקאָנדאַ מיינע, שפּאַצירן מיט אירע צוויי שוואַרצע צעפּ און מיט אירע צוויי פּראָזשעקטאָר-אויגן.

כ׳האָב די דאָזיקע דערלויבעניש באַקומען. אמת, כ׳האָב כמעט נישט פאַרמאָגט דענסטמאָל קיין שום פיזישע קראַפט צו באַוועגן זיך, אָבער די הייסע ליבע מיינע האָט מיך אָנגעפּאָמפּעט מיט נייע כּוחות, און די קראַנקן-שוועסטער האָט מיך ענדלעך אַרויסגעפירט אין דרויסן אַריין. דער קאָפּ האָט מיר שטאַרק געשווינדלט. איך בין פּשוט געוואָרן שכּור פאַר גרויס דערוואַרטונג, ווי כ׳וואָלט געווען אויפגעגעסן צוויי חלקים הון מיטאַמאָל.

זי האָט זיך באַלד באַוויזן, די דזשיאָקאָנדאַ מיינע, זי האָט זיך באַוויזן אין איר גאַנצער פּראַכט און אין דער גאַנצער יוגנטלעכער שיינקייט אירער. זי האָט זיך מאַיעסטעטיש באַוועגט אין דער קרייזאַלייע פונעם שפּיטאָל-גאָרטן. ס׳האָט אויסגעזען פון ווייטן, ווי אַ ווייסער שוואַן וואָלט געשווומען דורך די וואַסער-גאַסן פון ווענעדיק. איך האָב אָבער קיין כּוח נישט געהאַט זיך אויפצוהויבן פון דער באַנק און איר אַנטקעגנצוקומען, נאָר אָט איז זי צוגעשווומען צו מיין

באַנק. איך האָב אויסגעשטרעקט צו איר מיינע ביידע הענט, און אַ זאָג געטאָן מיט גרויס התפעלות:

— באָנאָ דזשירא, מיאַ קאַראַ סינאָרינאַ! (אַ גוטן טאָג אויף דיר, מיין טייערע סינאָרינע).

זי האָט מיר ליכטיק אַ שמייכל געטאָן, און איז אַוועקגעשוווּמען ווייטער.

האָב איך בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי האָט זיך נישט צוגעזעצט מיט מיר אויף דער באַנק. איך האָב זיך געטרייסט, אפשר ווייל זי נישט בפרהסיה אַרויסווייזן איר ליבע צו מיר. בין איך זיצן געבליבן אַ צעטומלטער, און געוואַרט ביז זי וועט נאָך אַמאָל דורכמאַכן דעם קרייז פון דער גאָרטן-אַלייע, און ווידעראַמאָל זיך דערנעענטערן צו מיין באַנק. איך וועל זי שוין דענסטמאָל באַגריסן אויף דייטש, אפשר איז זי גאָרנישט קיין איטאַליענערין, אפשר איז זי גאָר אַ דייטשקע, צי אַ פראַנצויזין?

— גוטן טאָג, מיין ליבעסקינד! — האָב איך איר אַ זאָג געטאָן, ווען זי האָט זיך ווידער געהאַט אויסגעגליכן מיט מיין באַנק.

אָבער איצטער האָט זיך איר דזשיאָקאנדא-שמייכל פלוצים פאַרוואַנדלט אין אַ פינסטערער וויין-גרימאַסע, אירע מויל-ווינקלען האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן, און די צוויי ליכטיקע אויגן אירע זענען פלוצים פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ געוויטער-כמאַרע. זי איז גיך אַוועק ווידער צו זיך אין דער קליניק אַריין, און כ'האָב נאָר באַוויזן צו זען, ווי אירע אַקסלען צוקן זייער נערוועז. זי האָט זיכער געוויינט אויף אינעווייניק. די ביידע צעפּ זענען אונטערגעשפּרונגען, ווי עמעצער וואָלט זיי געצויגן אויף אַ שטריקל.

מער האָב איך זי נישט געזען.

די קראַנקנשוועסטער האָט מיך צוריקגעבראַכט אין מיין צימער אַ צעבראָכענעם און דערשלאָגענעם. דער טערמאָמעטער האָט באַוויזן מיט אַ גאַנצן גראַד מער, ווי שטענדיק. מיין דאָקטאָר האָט שוין באַקומען חרטה, וואָס ער האָט מיך געהאַט אַרויסגעלאָזט. האָב איך אים פאַרטרויט דעם גאַנצן אמת. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם אומגליקלעכן פינאַל פון מיין ליבע. איך האָב אים אָנגעוויזן אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקן אָפענעם פענסטער, וואָס האָט איצטער אויסגעזען פאַר מיר, ווי אַ נאָך נישט פאַרשאָטענער קבר.

דער דאָקטאָר האָט זייער ערנסט אויסגעהערט מיין טראַגעדיע,

און ער האָט מיך אָנגעהויבן טרייסטן, אַז זי איז דאָך, נעבעך, נישט שולדיק.

— ווי אַזוי האָט זי אייך געקענט ענטפערן אויף אייערע באַגריסונגען, ווען זי איז, נעבעך, אַ טויב-שטומע! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

האָב איך ווידעראַמאָל דערזען, אַז כ'האָב שוין נישט לחלוטין צוליב וואָס און צוליב וועמען ווייטער צו לעבן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך איבערגעוואַנדערט אין דער כירורגישער קליניק פון פּראָפ. קאָכער, כדי צו פּאַרטויבן דאָרטן וואָס-גיכער מיין צער און עלנט.

אַפילו אונטער דער נאַרקאָזע האָב איך אָנשטאָט צו ציילן איינס, צוויי, דריי, געהאַלטן אין איין פּרעפּלען „מאָנאַ ליזאַ", „מאָנאַ ליזאַ" — ביז איך בין איינגעשלאָפן מיטן פעסטן ווילן זיך נישט אויפצוכאַפּן מער.

אַזוי אַרום האָט אויך מיין טויב-שטומע ליבע געהאַט דעם זעלבן טראַגישן סוף, ווי דער קרעטין טיקטאַקעלי.

ווען דער זייגער האָט שוין געזאָלט אויסקלאַפּן די צוועלפטע שעה — איז דער זייגער פלוצים שטיין-געבליבן.

אָרעמער טיקטאַקעלי און אומגליקלעכע מאָנאַ ליזאַ!

עולים ויורדים

אין דער כירורגישער קליניק פון פּראָפ. קאָכער איז געווען זייער לעבעדיק. דער טויט, ריכטיקער געזאָגט, דער צו-ראַשער איבערגאַנג פון לעבן צום טויט, האָט זייער שטאַרק באַלעבט די דאָזיקע מענטשן-יאַטקע, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון יעקב אבינוס לייטער:

— עולים ויורדים, עולים ויורדים.

אָט נעמט מען האַלב-טויטע מענטשן און מען מאַכט זיי לעבעדיק, אָדער פאַרקערט — מען נעמט האַלב-לעבעדיקע מענטשן און מען מאַכט זיי טויט.

אין משך פון טאָג פלעגט מען פון דער אַלגעמיינער פּאַלאַטע אַרויספירן אין אָפּעראַציע-צימער ביי צען-צוועלף מענטשן, און נאָכ-

דעם ברענגען זיי צוריק פֿאַרבאַנדאַזשירטע און שלעפּערקע, ווי מען וואָלט זיי געהאַט אַרויסגעראַטעוועט פֿון אַ שלאַכט־פֿעלד.

די יעניקע, וואָס מען פֿלעגט נישט צוריקברענגען אין דער אַל־געמיינער פּאַלאַטע — זענען, הייסט עס, פּראָסט־פּשוט געשטאָרבן אונ־טערן מעסער.

מיר פֿלעגט זיין זייער אינטערעסאַנט זיך צוצוקוקן, ווי יעדער איינער פֿון די אָקאָרשט־אָפּערירטע כאַפּט זיך אויף פֿון דער נאַרקאָזע, און מאַכט דורך דעם פּראָצעס פֿון תחיית־המתים.

כ׳וועל אָבער אויסמיידן צו געבן דאָ וועלכע נישט איז איינצל־הייטן. זיי זענען זייער אינדיווידועל.

איך וויל נאָר פֿון מיין אייגענער דערפֿאַרונג פֿעסטשטעלן, אַז די פֿרייד פֿון דערוואַכונג ווערט פֿאַרביטערט דורך דעם שרעקלעכן דורשט, וואָס הערט נישט אויף צו פּייניקן. ווערסט גרייט דענסט־מאָל צו שלינגען די אייגענע טרערן. איז מיר באַשערט געווען דענסטמאָל דאָס גרויסע גליק צו קענען וויינען, כאָטש די טרערן פֿלעגן גאָרנישט דערגיין צו מיינע פֿאַרטריקנטע ליפּן.

כ׳האָב אָנגעהויבן צו וויינען פֿאַר פֿרייד, וואָס מיין צימער איז איבערפֿולט מיט מענטשן און בלומען. איך דערקען דאָך זיי, די מענטשן, דאָס זענען דאָך מיינע פֿריינט און חברים פֿון דער בערגנער קאָלאָניע. דאָס האָבן זיי, די פֿריינט און חברים מיינע, געהאַט נאָכ־געשפּירשט יעטוועדע באַוועגונג מיינע, יעטוועדן אָטעם־צוג מיינעם, און ווי נאָר כ׳האָב געהאַט אַן עפֿן געטאָן מיינע אויגן — זענען זיי מיר אַנטקעגנגעקומען מיט אַזויפֿיל פֿרייד און מיטגעפֿיל.

— גאָט, מיין גאָט, פֿאַרוואָס קומט עס מיר אַזויפֿיל ליבע און אויפֿמערקזאַמקייט ? !

— און ווו וועל איך דאָס נעמען כּוחות צו קענען איבערטראָגן אַזויפֿיל ליבע און אויפֿמערקזאַמקייט — איז געווען מיין ערשטער גע־דאַנק, ווען איך בין געוועזן געקומען צו זיך.

איך בין שוין, הייסט עס, נישט אַליין, איך בין שוין, הייסט עס, ווידער אַרומגערינגלט מיט פֿריינט און חברים, וואָס גראַטולירן מיך אויפֿן וווּנק מיט מיין נייעם און באַנייטן לעבן!

לייזערקע בלאַנק — איינער פֿון מיינע אינטימסטע און באַגייס־טערסטע פֿריינט האָט דער ערשטער געהאַט אַרויפֿגעלייגט זיין מיידלש־

קליינע און מיידלש-צאַרטע האַנט אויף מיין שטערן, ווי ער וואָלט דאָרטן פּלומרשט געטאַפּט די טעמפּעראַטור מיינע.

האָט זיך מיר דענסטמאָל שטאַרק פאַרגלוסט אַ כאַפּ צו טאָן די האַנט זיינע, און זי אָנהויבן קושן, ווי זי וואָלט געווען די האַנט פון מיין מאַמאַ ליזאַ. — לייזערקע בלאַנק! גראָד דו ביסט אַזוי פּריציייטיק פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט, און איך — איך זיץ איצטער צו־פוסנס דעם אייפל-טורם, ווו כ'לעב איבער נאָך אַמאָל דעם גליקלעכסטן אומגליק פון מיין לעבן — מיין ווידערגעבורט אונטער דיין מיידלש-קליינער און מיידלש-צאַרטער האַנט!

— וועלן מיר זיך נאָך זען אַמאָל, לייזערקע בלאַנק?

די גאַנצע וואָך נאָך דער אָפּעראַציע האָט מען מיך געהאַט געשפּייזט דריי מאָל אַ טאָג מיט „אינפוזיאָן", ד. ה. מיט זאַלץ-וואַסער, וואָס מען פלעגט מיר אַריינשפּריצן אין די אָדערן. די דאָזיקע „מאָלצייטן" מיינע זענען געווען די פּיינלעכסטע פון אַלע מיינע איבערלעבונגען, אָבער אויפן אַכטן טאָג בין איך, דאַנקען גאָט, אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב-באַוווסטזיניקן צושטאַנד. כ'האָב ווידעראַמאָל דער־זען דעם מלאך-המות פאַר די אויגן. דער טויט האָט דענסטמאָל אָנגע־הויבן פויזן צו מיר פון די פיס-קנאַכלעך אַלץ העכער און העכער צום ברוסט-קאַסטן. עס איז שוין געווען געקומען די לעצטע שעה מיינע. דער וואָך-דאָקטאָר האָט געהאַט פעסטגעשטעלט, אַז ביי מיר האָבן זיך געוויס איבערגעדרייט די קישקעס. ווידעראַמאָל אַ פולער צימער מיט חברים און פריינט. דאָס איז מען שוין געקומען, קענטיק, געזעגענען זיך מיט מיר.

אָבער לייזערקע בלאַנק האָט ווידעראַמאָל נישט גערוט אַזוי לאַנג, ביז מען האָט עלף אַזייגער ביינאַכט אַדויסגעשלעפּט פון בעט דעם אַכציק-יעריקן פּראָפ. קאָכער, און פלוצלינג — איך ווייס נישט ווי אַזוי און פון וואַנען — האָב איך דערהערט אין אײנעם אַן אויער אַ שטים, ווי אַ בת-קול:

— „ווען איך איין לאַך מאַכע — מוס עס גוט זיין!"

נאָכדעם האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס האָט פּראָפ. קאָכער אַליין אינמיטן נאַכט אַריינגעשריען צו מיר די דאָזיקע פראַזע, און פון דענסטמאָל אָן האָב איך אָנגעהויבן גלויבן אין סוגעסטיע.

אין עטלעכע טעג אַרום איז מיר ווידעראַמאָל גוט געוואָרן, אין

עטלעכע טעג אַרום האָב איך ווידעראַמאָל אָנגעהויבן דערקענען פריינט און חברים, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מיר דערזעלביקער לייזערקע בלאַנק (אַ גוטער בעטער זאָל ער זיין פאַר אונז אַלעמען!) — מיר געבראַכט אַ מתנה אין נאָמען פון דער בערנער יידישער קאָלאָניע.

דאָס איז געווען אַ פּאָרטפעל.

דער ערשטער פּאָרטפעל אין מיין לעבן.

דעם דאָזיקן פּאָרטפעל — האָט מיר לייזערקע בלאַנק דערקלערט — האָט מען איינגעקויפט פאַר דעם געלט, וואָס פריינט און חברים האָבן שוין געהאַט אויפגעזאַמלט פאַר אַ קראַנץ אויף מיין קבר.

אין יענער קריטישער נאַכט האָט זיך געהאַט צעטראָגן אַ קלאַנג איבער דער קאָלאָניע, אַז איך בין שוין געשטאָרבן — האָבן שוין מיינע פריינט און חברים באַצייטנס געגרייט פאַר מיר אַ קראַנץ.

האָט מען דעם טויטן-קראַנץ פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָרטפעל, ווו כ'וועל קענען האַלטן אין אים מיינע לידער, מיינע כתב-ידן און אַלץ-אַלץ, וואָס מיר איז ליב און טייער!

יענעם טאָג האָב איך זיך שוין נישט געקענט מער איינהאַלטן, און כ'האָב געשמאַק אַ קוש געטאָן די שוועסטער גרידער, וואָס פלעגט מיר ברענגען עסן.

אָט די זעלבע שוועסטער גרידער האָט דאָך צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד מיך געהאַט געשפייזט נאָר מיט זאַלץ-וואַסער אין די פּיס אַריין, און איצטער ברענגט זי מיר יעדן טאָג אַ מיטאָג פון עטלעכע געריכטן, ווי אין אַן ערשטקלאַסיקן רעסטאָראַן!

נאָך דעם דאָזיקן ערשטן קוש מיינעם — האָט מיר שוועסטער גרידער גוט-ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און געמאָלדן:

— „זי זינד שאָן געזונט, הער טשאַרני, ניכט וואַהר"?...

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען מיך אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, אָבער כדי צו באַוואָרענען זיך, אַז כ'זאָל נישט האָבן מיין פריינטס טיקטאַקעלעס סוף — האָב איך זיך באַשטעלט אַן אויטאָמאָביל דירעקט פון שפּיטאָל אַהיים אַריין.

לאָזט זיך אָבער אויס, אַז פּראָפ. סאַלי איז געוואָרן נאָך דער אָפּעראַציע שטאַרק בייגעריק צו מיר. ס'האָט אים, קענטיק, שטאַרק געהאַט פאַרדראָסן, וואָס איך האָב נישט באַרעכטיקט זיין דיאַגנאָז, און נישט געבליבן ליגן אונטער די פינצעטקעס פונם פּראָפ. קאָכער.

ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך, דער פּראָפ. סאַלי. ער האָט זייער פלייסיק אויסגעקלאַפּט און אויסגעטאַפּט דעם בויך מיינעם. ער האָט זייער שטרענג מיך אויסגעהערט, וואָס איך עס און וואָס איך טרינק, און ווען איך האָב אים געהאַט דערקלערט, אַז איך עס פלייש, איך עס געמיזע, איך טרינק ביר און פאַרבייס מיט הערינג — האָט זיך דער זיבנפוּדיקער פּראָפ. סאַלי אויף אַזויפיל געהאַט אויפגערעגט, אַז כ׳האָב קוים באַוויזן אַריינצוקריכן צוריק אין מיינע בגדים, ווי ער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן — איך זאָל פאַרלאָזן זיין קאַבינעט.

ער האָט מיך פּראָסט־פּשוט געהאַט אַרויסגעטריבן, ווייל איך האָב נישט באַרעכטיקט זיין דיאַגנאָז.

איז מיר טאַקע אָפּטמאָל זייער קאָמיש, וואָס איך האָב איבערגע־לעבט אַלע מיינע דאָקטוירים און פּראָפעסאָרן, כאָטש איך ווייס גאַנץ גוט, אַז פריער־שפּעטער וועל איך זייערע דיאַגנאָזן דאָך מוזן באַרעכטיקן.

אין שוויס פון דער „יונגפרוי״

מיין ערשטער „רוסישער״ לערער „זלמן די בריל״ (זע „משפּחה־כראָניק״ קאַפּיטל ע״ה) האָט געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו לער־נען מיט מיר געאָגראַפיע.

פון אַלע לענדער, וואָס אויף דער וועלט, האָט דער לערער מיי־נער אַמשטאַרקסטן ליב געהאַט „שווייצאַריע״ (די שווייץ), ווייל פון שווייצאַריע — האָט ער אונז איינמאָל געהאַט דערקלערט — שטאַמט דאָך די „באַזעלער פּראָגראַם״, און אַז איינער אַ פעטער זיינער איז שוין אפילו געווען „דאָרטן״ אויף אַ קאָנגרעס.

איז אויך מיר נאָך פון קינדוויז אָן „שווייצאַריע״ געוואָרן איינגע־באַקן אין הארצן, אָבער באַזונדערס פאַראינטריגירט האָט מיך דער באַרג „יונגפרוי״, וועלכן קיין בן־אָדם האָט צו יענער צייט נאָך נישט געהאַט באַשטיגן.

איז מיר דענסטמאָל איינגעפאַלן, אַז גראַד איך דאַרף דאָס ווערן יענער מאַן, וועלכער וועט ווען עס איז דערקלייבן זיך צום סאַמע שפּיץ פון דער „יונגפרוי״, און ביז וואַנען וואָס־ווען — האָב איך אָנגעהויבן באַצייטנס לערנען זיך קלעטערן אויף אונזער שינדל־דאַך, וואָס איז שוין פון לאַנג אָן געווען באַוואַקסן מיט גרינעם מאָך, און וועלכן איך האָב טאַקע אַ נאָמען געגעבן „יונגפרוי״.

רייטנדיק אָט אַזוי אויף מיין „יונגפרוי"-דאָך האָב איך שטילער־הייט באַשלאָסן, אַז ווען איך ווער א גרויסער—פאָר איך אומבאַדינגט אַוועק אין שווייצאַריע, ווו איך וועל נישט נאָר באַשטייגן די „יונג־פרוי", נאָר איך וועל נאָך, אַגב, אויך העלפן דעם ד"ר הערצל צו באַפרייען דאָס יידישע פאָלק פון גלות.

גראָד דענסטמאָל האָט מיין מאַמע געהאַט נעבעך שטאַרק געליטן פון דחקות, און ס'האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז ארץ-ישראל וואָלט אונז ממש געראַטעוועט פון אַלע צרות.

אָבער אין אַ יאָר צען אַרום, ווען איך בין טאַקע אויף דער אמתן געווען געקומען אין דער שווייץ — איז שוין ביי מיר דער געדאַנק פון גאולת-הארץ געווען גאָר איינגאַנצן אויסגעוועפּט, אָבער די תשוקה צו באַשטייגן די „יונגפרוי" איז ביי מיר יאָ פאַרבליבן.

גראָד האָט אויך נאָמבערג, וואָס איז געווען דענסטמאָל אין בערן, זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אַרויפצוקלעטערן אויף דער „יונגפרוי". ער האָט זיך שוין אפילו געהאַט איינגעקויפט אַ פּאָר באַנאַגלטע באַרג־שיך און אַזאַ מין פאַרשפּיצטן אַלפּן-שטאָק, וועלכער איז געווען צוויי מאָל גרעסער פון אים אַליין, פון נאָמבערגן.

איך אָבער האָב נישט געמאַכט קיין שום הכנות, ווייל איך האָב זיך נאָך אַלץ געהאַט פאַרלאָזט אויף דער קלעטער-קונסט פון מיינע קינדערישע יאָרן...

האָבן מיר זיך ביידע, איך און נאָמבערג, אַוועקגעלאָזט אין הויכן וועג אַריין, זייענדיק זיכער, אַז די אונטערנעמונג וועט אונז געוויס געלונגען.

ביז צו דער העלפט איז זי אונז טאַקע געלונגען. שוין אויפ־דערנאָכט-צו האָבן מיר באַוויזן צו דערגרייכן דעם שויס פון דער „יונגפרוי". אמת, מיר זענען, צווישן אונז זאָל עס בלייבן, נישט גע־גאַנגען צו פוס, ווי די ריכטיקע טוריסטן, נאָר פראָסט און פשוט אַרויפ־געהויבן זיך מיט דער קלעטער-באַן ביז צום סאַמע שניי-פּאַס, ווו ס'הויבט זיך שוין אָן די מלוכה פון אייביקן שניי און אייביקן ווינטער.

אויפן פּאָן פונם בלאַנקענדיקן שניי און משופּעדיקע גלעטשער־ווענט האָט נאָמבערג מיט זיין גלחיש-לאַנגן שטאָק אָנגעהויבן אויסזען נאָך פיל קלענער און איינגעשרומפּענער, ווי ער איז געווען אין דער אמתן.

איך האָב געוואָרט צו הערן פון אים אַ קלוג וואָרט, ווי עס

האָט זיך געפּאַסט פּאַר אַזאַ מין פייערלעכן מאָמענט. איך האָב דענסט-מאָל אפילו געהאַט געגוויטיקט זיך אין אַ קלוג וואָרט פון אַן עלטערן פריינד און קאָלעגע, כדי נישט צו דערפילן זיך אַזוי קליין און נישטיק אין פאַרגלייך מיט דער מעשה-בראשיתדיקער דערהויבנקייט.

אָבער נאָמבערג האָט עקשנותדיק געשוויגן, ווי עס וואָלט מסתמא געוויס געשוויגן יעדער אַנדער דיכטער, וועלכער מוז צוערשט תופס זיין דאָס אַלץ, וואָס עס וויקלט זיך פאַנאַנדער אַרום אים און אין אים.

— אפשר וואָלטן מיר גאָר צוגעגעכטיקט אין אָט דער באַרג-הייזקע, האַ, ווי מיינט איר?

— האַ, וואָס? — האָט מיר נאָמבערג איבערגעפרעגט, ווי איך וואָלט אים געהאַט אויפגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף.

— איך מיין — האָב איך איבערגעחזרט שוין עטוואָס העכער, — איך מיין, אַז באַגעגענען דעם זון-אויפגאַנג פון אָט דער טשע-קאָווע הייזקע, וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט.

— איך נעם דאָ נאָר אַ קאָווע און קער זיך אום צוריק קיין בערן — האָט מיר נאָמבערג נערוועז אַ זאָג געטאָן.

— וואָס הייסט? — בין איך געוואָרן מבולבל פון זיין אומגע-ריכטן באַשלוס.

— סע רוישט מיר דאָ אין די אויערן, ווי צען קלויסטערס וואָלטן געקלונגען — האָט זיך נאָמבערג פּלוצלונג אָנגעהויבן קלאָגן, אָנכאַפּנ-דיק זיך פעסטער אָן זיין אַלפּן-שטאָק.

— דאָס קלינגען געוויס די טשערעדעס קי, וואָס פּאַשען זיך אונטן — האָב איך פּרובירט אים צו באַרויִקן.

— כ׳מיין, עס איז באַרג-שווינדל — האָט נאָמבערג זיך אַליין געשטעלט דעם דיאַגנאָז, ווערנדיק דערביי נאָכמער איינגעשרומפּן און קליין, ווי ער איז געווען.

איז מיר שוין געוואָרן קלאָר, אַז נאָמבערג וועט מיר שוין דאָ נישט ווערן קיין שותף צו מיינע פּאַרטראַכטע אוואַנטורעס, און איך האָב אים באַגלייט צום האָטעל „עדעלווייס", וווּ עס הויבט זיך אָן די באַציינערטע אייזנבאַן-ליניע אויף צוריק.

ביים געזעגענען זיך האָט מיר נאָמבערג אָפּגעשענקט זיין אַלפּן-שטאָק, כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז אויך איך וועל דאָ לאַנג נישט אויסהאַלטן...

אָבער נאָמבערגס אַלפּן-שטאָק האָט, קאָנטיק, געהאַט איבערגענו-מען פון נאָמבערגן זיין בארג-פיבער.

ווי נאָר כ׳האָב זיך מיט אים, דעם שטאָק, געהאַט אַרויפגעדראַ-פעט צו מיין געוווּנשטער בערג-הייזקע, און ווי נאָר כ׳האָב באַוויזן זיך צונויפצוריידן מיט דעם פּירקיקן בעל-הבית, וואָס האָט אויסגע-זען, ווי מיין אומגעקומענער קרעטין-פריינט טיקטאַקעלי, — ערשט אויך מיר האָט אָנגעהויבן צו רוישן אין די אויערן, און אויך איך האָב דער-שפּירט אַזאַ מין קאָפּ-שווינדל, ווי איך וואָלט געהאַט אָקאָרשט אויס-געטרונקען אַ פּאָר פלעשער שטאַרקן וויין. מיין קאָפּ-שווינדל האָט מיך אָבער געהאַט אָנגערעגט צו נייע פאַנטאַזיעס און אַוואַנטורעס, און כ׳האָב זיך אַפילו אָנגעהויבן באַרימען פאַר דעם באַזאָרגטן קרעטין, אַז איך האָב בדעה צו באַשטייגן מאָרגן דעם שפּיץ פון דעם „יונג-פרוי״.

אויף דעם בערג-מאַן האָבן מיינע פאַנטאַזיעס נישט געמאַכט, קאָנטיק, קיין שום איינדרוק. ער האָט מיר נאָר געראָטן, אַז אויב איך וויל באמת שטייגן העכער — זאָל איך אָפּוואַרטן דעם זון זיינעם, וואָס איז אַוועק מיט אַ פּאַרטיע טוריסטן.

— אָן אַ וועג-ווייזער קען מען דאָ לייכט פאַרלוירן גיין — האָט מיר דער קרעטין אַ שרעק געטאָן, מיט אַ שטים פון אַ ביר-פאַס.

— און ווען קומט צוריק דער זון אייערער? — האָב איך שווינדל-דיק-גיך געוואָלט אָנכאַפּן זיך אָן עפּעס אַ שטיקל האָפענונג.

— ווען נישט די לבנה-נאַכט — וואָלט ער שוין באַדאַרפט זיין צוריק — האָט מיך דער אַלטער אויף זיין אייגנאַרטיקן „שוויצער-דיטש״ געפרוּמען דערקלערן.

— וואָס האָט דען צו טאָן אַ בערג-טור מיט דער לבנה? — בין איך געוואָרן נשתּומם.

— ווייל אין די לבנה-נעכט ווערן די בערג-גייסטער באַזונדערס אומרויִק, און זיי פאַרשווערן נאָך מער דעם גאַנג צו די גלעטשערס.

— גראָד היינט וועט זיין אַ מסוכּנע לבנה-נאַכט — האָט ער מיט אַ סקריפּנדיקן זיפץ מוסיף געווען.

און ווער ווייס, וואָס נאָך דער קרעטין וואָלט מיר געהאַט אָנ-געדערציילט, ווען ס׳באַפאַלט מיך נישט פּלוצלונג אַ פיבער, און עס הויבט מיר אָן קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן.

וועגן לויפן צוריק קיין בערן, ווי נאָמבערג האָט עס געטאָן — האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד. ביי מיין דאַמאָלסטיקן צו-

שטאַנד וואָלט איך זיך געוויס אויסגעגליטשט אין שוואַרצן תהום אַריין — האָב איך בעסער באַשלאָסן זיך אַריינצווואַרפן אין בעט אַריין, וואָס איז שוין געווען פאַר מיר צוגעגרייט אין אַ קליין צימערל, און זיך פאַרשטעקן אונטער דער שווערער דאָרפישער פערענע.

איך האָב קוים באַוויזן אונטערצולייגן מיין רוק־זאַק אונטער דער מאָגערער קאָפּ־קישן — דער צוקאָפּנס זאָל מיר אויסקומען עטוואָס העכער, — איך האָב אָבער שוין ניט געקענט באַוויזן אויסצולעשן דאָס קעראָסין־לעמפל, וואָס דער אַלטער האָט מיר געהאַט אַריינגעשטעלט.

און אפשר האָב איך טאַקע פשוט מורא געהאַט עס אויסצולעשן, ווייל... מאַלע וואָס עס מאַכט זיך...

ווי לאַנג מיין דאַמאָלסדיקער שלאָף האָט געדויערט, איז מיר עד־היום שווער צו זאָגן (אַפילו מיין זייגערל האָט זיך דאָרטן געהאַט אָפּגעשטעלט). איך געדענק נאָר, אַז אין משך פון אָט יענעם שלאָף מיינעם אויפן שויס פון דער „יונגפרוי", האָב איך באַוויזן נישט נאָר צו דערגרייכן דעם סאַמע שפּיץ פון דעם העכסטן באַרג צווישן די בערנער אַלפּן, נאָר עס איז מיר אויך נאָך געלונגען אַרויפצוכאַפּן זיך פון דער „יונגפרוי" אויף דער לבנה, וווּ איך בין געוואָרן, לאָזט זיך אויס, דער לאַנג־געגאַרטער גאַסט פון דער לבנה־מלכה.

דאָס האָבן אַ סברא, די בערג־גייסטער, וועלכע זענען, פאַרשטייט זיך, יד־אחת מיט די לבנה־גייסטער, מיך געהאַט אַריבערגעוואָרפן צו דער לבנה, כּדי איך זאָל נישט טשעפּען די „יונגפרוי" זייערע.

— מיר וואַרטן שוין דאָ לאַנג אויף אַ מענטשן — האָבן מיר די לבנה־גייסטער תּיכּף דערקלערט. — מיר האָבן נויטיק פאַר אונזער בלאַסער מלכּה אַ ביסל מענטשיש בלוט.

— ווען זי באַקומט, אונזער מלכּה, עטלעכע מענטשישע בלוטס־טראָפּנס — וועט שוין דענסטמאָל אויך די לבנה אונזערע בלענדן און ברענען, ווי די זון.

נישט לאַנג געטראַכט, האָבן מיך די לבנה־גייסטער אַוועקגעשלעפּט ערגעץ אין אַ פינסטערער הייל, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַן אויסגעלאָשענעם קראַטער, און אָט דאָרטן האָט מיך עמעץ אַזוי הייס אָנגעהויבן צו קושן און צו בייסן מיך אין די ליפּן, אַז פאַר שרעק און ווייטיק, האָב איך זיך געמוזט אויפכאַפּן.

ווען כ'האָב געגעבן אַן עפן אויף די אויגן — האָב איך דער־

זען, אַז איך בין שוואַרץ געוואָרן, ווי אַ קוימענקערער. אויך די פּערינע מיינע איז שוואַרץ, די קישן שוואַ־ץ, מער נישט, אויף מיין נאַכט־העמד האָבן זיך געריטלט מערערע בלוט־טראָפּנס. האָב איך פאַר שרעק אויפגעשריגן, ווייל איך האָב אַליין נישט געהאַט געוווסט, צי בין איך טאַקע אויף דער לבנה, אָדער צוריק אויף דער „יונגפרוי״?

מיין אויסגעשריי האָט באַלד געהאַט דערהערט דער אַלטער קרעטין מיט דער שווערער וואַליע אויפן האַלז, און ווען ער איז געווען אַריינגעקומען צו מיר אין צימער — האָט ער זיך אַליין געהאַט דערשראָקן פאַר מיין אויסזען, און פאַר דעם אויסזען פון זיין בעט־געוואַנט, אָבער ער האָט מיר געמוזט אַלץ מוחל זיין, ווייל איך בין דאָך קראַנק געוואָרן אויף בערג־פיבער.

ערשט שפּעטער אַ ביסל, ווען איינער אַ סאַניטאַר פון דעם „אַלפּן־פאַריין״ האָט מיך געהאַט געבראַכט צו זיך, און בשלום מיך אַרונטערגעפירט צוריק אין טאַל אַריין — ערשט דענסטאָמאָל איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז אַלע צרות האָבן זיך גענומען פון דעם קעראָסין־לעמפּל, וועלכן איך האָב געהאַט פאַרגעסן, אָדער (צווישן אונז גערעדט) פשוט מורא געהאַט אויסצולעשן, ווי אויך אפשר דאָס פלעשעלע קאָניאַקל פון מיין רוק־זאַק, וועלכע האָט זיך געהאַט אויסגעגאָסן ביי מיר צוקאָפּנס — און אַ גאַנצע נאַכט געדעמפּט אויף מיר מיט אַלקאָהאָל.

אויך דאָס בלוט פון נאָז, — האָב איך אָנגעהויבן ווייטער צו פּסיכאָאַנאַליזירן מיין חלום — אויך דאָס בלוט פון נאָז האָט גאָר געשטאַמט, לאָזט זיך אויס, פון דער זעלבער קראַנקייט, און איך האָב אומזיסט חושד געווען די בלאַסע לבנה־מלכה אין בלוט־זויגעריי...

ווען איך בין געווען צוריקגעקומען בשלום קיין בערן — האָב איך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זיך געשעמט צו ווייזן די אויגן פאַר נאָמבערגן, בפרט נאָך, ווען איך האָב זיין אַלפּן־שטאָק געהאַט פאַרגעסן אויבן, אינם שויס פון דער „יונגפרוי״.

איך האָב זיך אָבער לאַנג נישט געקענט איינהאַלטן, און ביי איינעם אַ זעקס און זעכציק, האָב איך נאָמבערגן איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן פון מיין האַלב־חלום און האַלב־ווירקלעכקייט אין שויס פון דער „יונגפרוי״.

— שרייבט עס אָן, טשאַרני, ס׳איז גאַנץ אינטערעסאַנט, באַזונדערס פאַר קינדער — האָט מיר נאָמבערג גאַנץ געשעפטלעך אַ זאָג געטאָן.

אין יאָרן אַרום האָב איך טאַקע די דאָזיקע געשיכטע באַשריבן פאַר קינדער. זי הייסט „ווי אַזוי איך קום אויף דער לבנה", אָבער נאָמבערג איז שוין, ליידער־ליידער, געווען דענסטמאָל געשטאָרבן.

זשענעווע

זשענעווע איז פונקט דער היפוך פון בערן, כאָטש דיביידע שטעט געהערן צו איין און דער זעלבער מדינה און זענען ווייט איינע פון דער אַנדערער נישט מער, ווי אַ שעה דריי פאָרן.

די דאָזיקע צוויי שטעט פון דער שווייץ זענען נישט נאָר פון נאַטור אויס פאַרשידנאַרטיק, נאָר אויך אַפילו פיינטלעך איינע צו דער אַנדערער.

בערן אָטעמט מיט דער קולטור פון בערלין, און זשענעווע—מיט פּאַריז. בערן פּויזעט ווי אַ שילדקרויט איבער דעם פעלזיקן באָדן אירן, בעת זשענעווע פלאַטערט, ווי אַ שמעטערלינג צופוסנס דעם מאָנבלאַן.

אין בערן רעדט מען אויף אַ האַמעטנעם דייטשן דיאַלעקט, אויף דעם אַזוי־גערופענעם „שוויצער־דיטש" (שווייצער דייטש), וועלכן נישט נאָר אַ בערלינער, נאָר אויך אַפילו אַ באַזעלער, אָדער ציריכער מוז זיך אָנשטרענגען צו פאַרשטיין, וואָס אַ בערנער רעדט צו אים, ווייל אויך באַזעל און ציריך פאַרמאָגן זייערע אייגענע און אייגנאַר־טיקע דיאַלעקטן.

דעריבער אפשר איז אויך די ליטעראַטור, די דייטש־שווייצערי־שע ליטעראַטור, אַזוי קליין און איינגעשרומפּן.

די אינטעלעקטועלע שעפערישע אינטעליגענץ פון דער דייטשער שווייץ אַסימילירט זיך בטבע מיט דער מאַסיווער דייטשער קולטור, און אַזעלכע הויך־באַגאַבטע שווייצערישע קינסטלער, ווי גאָטפריד קע־לער (דער שווייצערישער טאָלסטאָי) אָדער אַרנאָלד בעקלין, זענען אין זייערע ווערק מער דייטשן איידער שווייצער.

גאַנץ אַנדערש אָבער איז מיט זשענעווע, וואָס אָטעמט מיט פּאַריז. זשענעווע רעדט פראַנצויזיש, און ווען צוויי זשענעווער זיד־לען זיך אַפילו — קומט אויס, אַז זיי גיבן זיך קאָמפּלימענטן איינער דעם אַנדערן.

זשענעווע איז לייכט, לייכטזיניק און קאָקעטעריש, די זשענע־

וועריִנס פּלאַטערן איבער די גאַסן און בולוואַרן פון דער שטאָט, ווי די מעוועס איבער די בלויע וואַסערן פון זשענעווער אָזערע.

די זשענעווער האָבן פיינט די בערנער, וואָס פאַרמאָגן האַרטע שיידלען, פּונקט ווי די בערנער האָבן פיינט די זשענעווער, וואָס פאַרמאָגן לייכטע זייטן.

און דאָך פלאַטערט איבער אָט די ביידע שטעט די זעלבע מלוכה־פאַן, און איינע און די זעלבע אַלפּן־בערג שטייען שמירה איבער אָט די צוויי קעגנגעזעצטע קולטור־צענטרן פון דער שווייץ.

אויך אַפילו די יידישע סטודענטן און קורסיסטקעס, וואָס פאַלן אַריין קיין זשענעוועֿ, באַקומען אַ גאַר אַנדער אויסזען, ווי די, וואָס פאַלן אַריין קיין בערן.

דער יידישער סטודענט אין בערן ווערט אידעאַליסטיש־געשליפענער, אָבער באַגרענעצטער און פאַנאַטישער, איידער דער, וואָס פאַלט אַריין קיין זשענעווע.

די יידישע קורסיסטקע פון בערן שענקט אָפּ איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט צו די דיקע מעדיצינישע לערן־ביכער, און דאָס ביסל טעמפּעראַמענט, וואָס זי האָט נאָך געהאַט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, שענקט זי אַוועק די מתים און סקעלעטן פון דער „אַנאַטאָמיטשקע״, בעת די יידישע קורסיסטקע אין זשענעווע שטעקט זיך אָן מיטן פראַנצויזישן לעבנס־אימפּעט און לעבנס־פרייד, באַקומט פאַרב אין פּנים, באַקומט לשון אין מויל, און זי ווערט ווירקלעך אויס פּראָווינציאַלקע.

צווישן די יידישע קורסיסטקעס פון זשענעווע זענען שוין געווען אַפילו אַ פּאָר זעלבסמערדערינס, בעת אַ יידישע קורסיסטקע פון בערן וואָלט אויף דעם קיינמאָל נישט פּעַיִק געווען...

ס׳איז געוויס אויך נישט קיין צופאַל, וואָס צווישן די יידישע קורסיסטקעס אין זשענעווע, זענען געווען פיל מער רבנישע און רביישע טעכטער, איידער צווישן די בערנער.

אין זשענעווע פלעגט זיין פיל לייכטער אויסצולעבן פון זיך די אַלע נישט־געשטילטע ליידנשאַפטן, וואָס זענען הונדערטער יאָרן געשטיקט געוואָרן אין זיך, אָבער נישט דערשטיקט געוואָרן.

אויך די פּאָליטישע־געזעלשאַפטלעכע ליידנשאַפטן פלעגן אין זשענעווע עקספּלאָדירן פיל האַסטיקער און ברויזנדיקער, איידער אין בערן.

אַ דיסקוסיע, זאָגן מיר, צווישן לעניגען און פּלעכאַנאָוון, פּלעגט אין זשענעווע באַקומען אַ גאַנץ אַנדערן רעזאָנאַנס, ווי אויך גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטן, איידער אַ דיסקוסיע צווישן די זעלבע אין בערן.

אָנקומענדיק אויפן שוועל פון יאָר 1914 קיין זשענעווע — האָב איך זיך אַליין דערפילט, ווי אַ נייער און באַנייטער.

עס האָט זיך מיר שוין אַפילו אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז פּראָפעסאָר קאָבערס צוואַנציק-סאַנטימעטערדיקער שניט אויף מיין בויך איז דער לעצטער שטריך צו מיין פינפאונצוואַנציק-יאָריקן מיזיניק-לעבן.

איך האָב דערשפּירט אין זיך אַ פיזישן צופלוס פון נייע כוחות און ליידנשאַפטן, וואָס נישט אַלע פון זיי פלעג איך הפקרדיק אָפּשענקען צו מיינע אויסדערוויילטע.

איך האָב אָנגעהויבן שפּאָרן ענערגיע פאַר דער אַלטער היים מיינער, פאַר רוסלאַנד, ווו עס זענען נויטיק געווען בויער פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור.

צו יענער צייט האָט זיך שוין געהאַט פאַרפונדעוועט אין ווילנע דער קלעצקין-פאַרלאַג, וועלכער האָט מיט גרויס דערפאָלג אַרויסגעגעבן דעם בלוי-באַטאָוולטן חודש-זשורנאַל „די יידישע וועלט", אונטער ש. ניגערס רעדאַקציע, און איינעם אַ משנות-אַרטיקן „פּנקס" (ווידעראַמאָל אונטער ניגערס רעדאַקציע), און חוץ דעם — אַ קינדער-זשורנאַל „די גריניגקע ביימעלעך", און אַ קינדער-ביבליאָטעק, און נאָך און נאָך אויסגאַבן אַזעלכע, פאַר וועלכע אויך איך האָב געקענט נוצלעך זיין, און עס האָט מיך אָנגעהויבן צו ציען קיין ווילנע, ווי עס ציט אַ שמעטערלינג צום ליכט.

דער באַשלוס מיינער, זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד, האָט זיך ביי מיר נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען איך האָב געהאַט אויסגעלייענט אין ווארשעווער „מאָמענט", אַז איך בין געשטאָרבן.

פינף מאָל נאָכאַנאַנד האָט דער „מאָמענט", טאָג-איין טאָג-אויס, אָנגעזאָגט מיט קידוש-לבנה-אותיות די לעזער זיינע, אַז איך בין אַ מת...

אמת, דער „מאָמענט" האָט עס געהאַט געמאַכט זייער פיין און דעליקאַט, נישט האָבנדיק דערביי קיין שום בייזע כוונות.

דער „מאָמענט" האָט נאָר געוואָלט דערפרייען די לעזער זיינע דורך דעם, וואָס זיי וועלן אינם יאָר 1914 באַקומען אַלס פּרעמיע נישט נאָר אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים, נאָר אויך נאָך „די צוויי

בענדער הומאָריסטישע שריפטן פונם יונג-פאַרשטאָרבענעם דניאל טשאַרני"...

אין דער אמתן אָבער האָט די רעדאַקציע פון „מאָמענט" געהאַט דענסטמאָל אין זינען די צוויי בענדער „הומאָריסטישע שריפטן" פון דעם באמת „יונג-פאַרשטאָרבענעם" לאַנדסמאַן מיינעם ג. טשאַרני, אָבער פאַר דעם הבחור הזעצער איז „דניאל טשאַרני" געווען קאָנטיק פיל לייכטער אויסצוזעצן, ווי „ג. טשאַרני", און אַזוי אַרום בין איך פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ מת.

דאָס וואָס איך לעב (אויף צו להכעיס אַלע דאַמאָלסדיקע יער-לעכע אַבאָנענטן פון „מאָמענט"), האָט מיך גראָד ווינציק וואָס געהאַט פאַרדראָסן, עס האָט מיך נאָר פאַרדראָסן, וואָס מיינע משפחה-לייט אין רוסלאַנד און דער עיקר — די מאַמע, קאָנען זיך אויף טויט אי-בערשרעקן פון אַזאַ מין צייטונגס-ענטל און, צווישן אונז גערעדט, האָט מיך טאַקע אויך נאָך פאַרדראָסן, הלמאי איך פאַרמאָג ווירקלעך נישט קיין „צוויי בענדער הומאָריסטישע שריפטן", מיט וועלכע איך וואָלט געקענט אַרויספאָרן (אָדער אַריינפאָרן) אין דער „אייביקייט" אַריין...

צוליב דעם טאַקע האָב איך דענסטמאָל נאָך פעסטער געהאַט באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד, און אָנהויבן איבערצייגן (נישט נאָר די לעזער פון „מאָמענט"), אַז איך לעב נאָך אויף דער וועלט, און אַז איך בעט אַ וואָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

דעם ערשטן, וואָס מיר איז אויסגעקומען נאָך זייענדיק אין זשענעווע צו איבערצייגן, אַז איך לעב נאָך אויף דער וועלט, איז געווען גראָד שלום-עליכם, וועלכער איז דענסטמאָל (אָנהויב 1914) געווען אַראָפּגעקומען פון לאָזאַן קיין זשענעווע אויף אַן „אָוונט".

איך האָב זיך בכיוון אָוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי, כּדי איך זאָל קענען בעסער הערן (ריכטיקער געזאָגט — זען), ווי שלום-עליכם לייענט.

איך האָב פון אים די גאַנצע צייט די אויגן נישט געהאַט אַראָפּ-גענומען. עס האָט מיר אָבער שטאַרק געפרייט, וואָס שלום-עליכם איז פונקט ווי איך ווידעראַמאָל פריש און מונטער, כאָטש ערשט מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק איז ער דאָך געלעגן אין בערן אַ חולה-מסוכן, און דורך אַ „זעקס און זיבעציק" געהאַלטן אין איין פאַרטרייבן אָדער שטילן די ווייטאָגן זיינע.

ווען שלום-עליכם האָט געענדיקט לייענען זיין ערשטע דערציי־לונג — האָט ער אונטערן רויש פון די הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן גענו־מען טאַפּן מיט זיינע האַלב-באַברילטע אויגן דעם איבערגעפּולטן זאַל, און באַלד מיט שרעק און פאַרלאָרנקייט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט אויף מיר.

באַלד נאָכדעם האָט שלום-עליכם עפּעס אַ פרעג געטאָן אויפן אויער זיין פריינט בן-עמי, וואָס איז דענסטמאָל אויך געווען אויפגע־טראָטן אויפן אָוונט, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז שלום-עליכם פרעגט בן-עמין — דעם זשענעווער תושב — וועגן מיין פּערזאָן...

בן-עמי, קאָנטיק, האָט אים באַשטעטיקט, אַז איך בין דאָס טאַקע דערזעלבער דניאל טשאַרני פון בערן.

האָט שלום-עליכם אין דער קורצער הפסקה אָנגעשריבן צו מיר אַ צעטעלע, אַז איך זאָל אומבאַדינגט וואַרטן אויף אים נאָכן „אָוונט", ווייל ער וויל אויף מיר מאַכן „שהחינו".

אויך ער, שלום-עליכם, לאָזט זיך אויס, האָט געהאַט אויסגע־לייענט אין „מאָמענט", אַז איך בין „יונג פאַרשטאָרבן", און ער האָט מיך שוין געהאַט אויסגעמעקט פון זיין אַדרעסן-ביכל.

אַזוי האָט מיר שלום-עליכם דערציילט ביי דער וועטשערע, מיט וועלכער ער האָט מיך טראַקטירט באַלד נאָכן „אָוונט", און איך האָב אים אין יענער נאַכט געמוזט איבערציינגן נישט נאָר אין דעם, אַז איך לעב בפועל ממש, נאָר אַז איך בין אויך נאָך אַ דיכטער ביים פאָלק ישראל.

— דערלויבט מיר פאָרצולייענען אַ ליד! — האָב איך דענסט־מאָל אונטערן רויש פון פראַנצויזישן ווייַן, צי אפשר אונטערן רויש פון שלום-עליכמס פאָטערלעכער באַציונג צו מיר, אַ זאָג געטאָן צו דער גאַנצער געזעלשאַפט זשענעווער פריינט און קאָלעגן, וועלכע האָבן געוויס נישט ווינציקער פון מיר זיך געהאַט געפרייט מיטן ליב-האַר־ציקן שלום-עליכם. —

שלום-עליכם האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן טיש, און באַפוילן מיך אויסצוהערן.

— ס'איז אַ ליד וועגן די צוויי שוואַרצע שוואַנען פון זשענע־ווער אָזערע — האָב איך מיט האַרצקלאַפּעניש אַ זאָג געטאָן און אָנ־געהויבן צו לייענען:

צווײ שוואַרצע שוואַנען שווימען,
אין זעע אַזױ געלאַסן.
די העלזער שלאַנק געשלענגלט
צום הימל־הויך דעם בלאַסן.

עס איז די זון פאַרגאַנגען,
עס קומט די שעה פון בענקען.
צווײ העלזער, ווי צווײ שלאַנגען,
מער ווילן זיך ניט שווענקען.

ס'הויבט זיך אָן דער הימל,
אין וואַסער־בלוי צו שפּיגלען.
ביידע שוואַנען טרוימען
פון שטאַרקע אָדלער־פליגלען.

זײ וואָלטן איצט געפלויגן
צום הימל־זעע צום צווייטן,
זיך שנאָבלען מיט די שטערן —
מיט מילכוועגס ווײסע קווייטן.

צווײ שוואַרצע שוואַנען שווימען,
פאַרשנאָבלט־הויך און בענקען:
ווו נעמט מען אָדלער־פליגלען,
אין הימל זיך צו שווענקען?

שלום־עליכם, געדענק איך, האָט מיך דענסמאָל אַזױ פּאַטערלעך־האַרציק צוגעדריקט צו זיך, אַז מײן יתום־האַרץ האָט זיך שיער־שיער ניט פאַנאַנדערגעוויינט פאַר פרייד.

דאָס איז געווען איינע פון די טיפסטע דיכטערישע איבערלעבונגען מיינע, זינט איך האָב אָנגעהויבן צו דיכטן.

איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז אויך איך דאַרף סוף־כּל־סוף ווערן אויס פּריוויליקער „עמיגראַנט", און אַז איך מוז וואָס־גיכער אומקערן זיך קיין ווילנע, פון וואַנען איך האָב געהאַט געמאַכט מיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט.

איך ליקווידיר די שרויִיך

ווען ניגער איז אָנהויב נייגצנהונדערט דרייצן אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם קלעצקין-פאַרלאַג קיין ווילנע צו איבערנעמען די רעדאַקציע פונם חודש-זשורנאַל „די יידישע וועלט", איז ער (ניגער) געווען, קאָנטיק, זיכער, אַז ער וועט בקרוב ווידעראַמאָל זיך קאָנען אומקערן קיין בערן, און פאַרענדיקן דאָרטן דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט.

דעריבער האָט ניגער געהאַט איבערגעלאָזן אונטער מיין השגחה זיין גאַנץ גרויסע ביבליאָטעק, ווי אויך אפילו זיין אַרכיוו.

אָבער ווען אויך איך האָב געהאַט באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין ווילנע, האָט מיך ניגער געבעטן מיטצוברענגען זיין באַלעבאַטישקייט קיין ווילנע, ווו ער איז ווידעראַמאָל געוואָרן אַ תושב.

צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד האָב איך זיך געהאַט געעסקט מיט ניגערס ביבליאָטעק און אַרכיוו.

צוערשט האָב איך סאָרטירט די פאָר טויזנט ביכער און זשורנאַלן לויט די שפּראַכן.

ניגערס ביבליאָטעק אין בערן איז געווען אַ פינפשפּראַכיקע: יידיש, העברעיש, רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש.

ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דער שפּראַכן-פאַרטיילונג — האָב איך די ביכער גענומען סאָרטירן לויטן פאָרמאַט, כדי זיי זאָלן זיך בעסער קענען אויסלייגן אין די הילצערנע קאַסטנס.

פאַקנדיק די ביכער אין די קאַסטנס, פלעג איך יעטוועדן בוך באַזונדער געבן אַ גלעט איבערן רוקן, צווינטשנדיק אים אַ גוטע רייזע.

אָבער די שווערסטע אַרבעט האָב איך געהאַט מיט די פאָר קערב כתב-ידן און בריוו, וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעקליבן ביי ניגערן פאַר די יאָרן 1908—1912.

פון אַלע עקן וועלט פלעגט ניגער באַקומען כתב-ידן. ער פלעגט זיי פלייסיק איבערלייענען, דעם גרעסטן טייל פאַרבראַקירן, אָבער דאָך באַהאַלטן זיי אויפן בוידעם.

האָבן זיך אָנגעקליבן אויפן בוידעם גאַנצע צוויי קערב מיט כתב-ידן, וועלכע איך האָב געמוזט ליקווידירן.

זייענדיק אַליין אַ כתב-יד-מענטש — האָט מיר דאָס האַרץ נישט געלאָזט פראָסט-פשוט זיי צו פאַרברענען...

האָב איך די כּתבֿ־ידן צוערשט סאָרטירט, ליד צו ליד, דערציילונג צו דערציילונג, און דראַמע צו דראַמע (ראָמאַנען האָט מען נאָך דענסטמאָל נישט געשריבן).

ווען איך האָב געהאַט אַלץ אויסגעסאָרטירט — האָב איך זיך ערשט אָ נעם געטאָן צום לייענען זיי.

איך בין געווען זיכער, אַז ווען איך וועל זיי האָבן, די כּתבֿ־ידן, אַלע דורכגעלייענט — וועט מיר פיל גרינגער ווערן זיי צו פאַרברענען...

אָבער וואָס־מערער איך האָב זיך געהאַט אין זיי אַרייַנגעלייענט — אַלץ־שווערער איז מיר געוואָרן צו פאַרניכטן זיי.

עס האָט זיך מיר אַפילו אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז דער בוידעם ווערט אַלץ מער און מער באַפעלקערט מיט די גייסטער פון די לעבעדיקע מחברים, וואָס זענען זיך אָנגעפלויגן פון אַלע עקן וועלט זיך אייַנצושטעלן פאַר דעם גורל פון זייערע שאַפונגען.

כּמעט אַלעמענס שאַפונגען זענען געווען פיל און פול מיטן לבֿנה־גייסט (ס'איז נאָך געווען דענסטמאָל די לבֿנה־תּקופֿה אין אונזער ליטעראַטור).

צוויי פולע קערב מיט לבֿנה־גייסט!

אמת, איך האָב גאַנץ גוט געוווסט, אַז אין אָט די עטלעכע הונדערט כּתבֿ־ידן ליגן פאַרשטעקט גענוג שלאָפלאָזע נעכט און געקוילעטע טעג, וואָס די מחברים (מעגן זיין צווישן זיי אַפילו גראַפאָמאַנען) האָבן מיט זייער שוואַרצן טינט־בלוט פאַרפיקסירט צוליב דער „אייביקייט”, אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס די „אייביקייט” זייערע איז געוואָרן אינגאַנצן איבערגעגעבן אין מיין רשות — האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט אָן זיי זיך נוקם צו זיין, ווייל נישט איינער פון זיי (די מחברים) האָט אויך געדראָט זיך נוקם צו זיין אָן ניגערן, הלמאַי ער דרוקט נישט זייערע ווערק.

מיט אינקוויזיטאָרישער גלוסטונג האָב איך אָנגעהויבן ברענען ליד נאָך ליד, דערציילונג נאָך דערציילונג, און דראַמע נאָך דראַמע.

די לידער־כּתבֿ־ידן פלעגן אויפפלאַקערן אין אייוועלע מיט זייער אייגענעם און אייגנאַרטיקן פלאַם, איבערלאָזנדיק אויף די בייגעלעך אַש, די גרויע נעסטן פון פריער געוועזענע אותיות.

מער נישט די דיקערע דערציילונגען און די דראַמע־העפטן

פלעגן פויל און לאַנגזאַם טליען, נישט וועלנדיק אַזוי גיך שיידן זיך מיט דער וועלט.

נאָך דער דאָזיקער מיאוסער אַרבעט מיינער, האָב איך זיך פונ־דעסטוועגן אָנגעהויבן שעמען פאַר זיך אַליין. ס׳איז דאָך פריקרע צו מאַכן אַן אויטאָ־דאַ־פע איבער פרעמדע כּתבֿ־ידן, ווען דו אַליין האַלטסט אין איין פּראָדוצירן זיי.

די „אייביקייט״, ווייס איך, פירט תּמיד אַ גאַנץ־שטרענגן חשבון, און כ׳האָב אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר אַ וועלכער נישט איז נקמה.

און די נקמה איז טאַקע, ליידער, באַלד געקומען.

די אַלע קאַסטנס ביכער מיט ניגערס ביבליאָטעק, ווי אויך מיינער אַן אייגענער קאַסטן מיט ביכער פון מיינע באַליבסטע יידישע, רוסי־שע און דייטשע דיכטער, ווי אויך נאָך כּתבֿ־ידן און ליבע־בריוו, וואָס איך האָב מיט אַזוי פיל ליבע געהאַט אָנגעזאַמלט אין משך פון מיין וואַנדער־לעבן, זענען פאַרברענט געוואָרן אויף דער רוסיש־דייטשער גרענעץ, ווי נאָר ס׳איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, און די סטאַנ־ציע ווערזשבאָלאָווע איז געוואָרן אונטערגעצונדן פון אַלע פיר זייטן.

אמת, דער טראַנספּאָרט ביכער איז געווען אָנגעקומען צו דער רוסישער גרענעץ נאָך מיט אַ פּאָר חדשים פריער פאַר דעם מלחמה־אויסברוך, אָבער פאַר די איינבונדן אַליין האָט דער צאָל־אַמט געהאַט געפאָדערט עטלעכע הונדערט רובל גרענעץ־אָפּצאָל, און ביז ניגערן איז געלונגען צונויפצוקלאַפּן אַזאַ מין סומע, איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, און די סטאַנציע ווערזשבאָלאָווע, וווּ עס האָט זיך גע־פונען אונזער גאַנצער האָב און גוטס, איז נאָך אין דעם ערשטן מלחמה־טאָג אויפגעגאַנגען מיטן פייער.

אַזוי־אַרום זענען אומגעקומען אַלע „טראָפּייען״ פון אונזער ביידנס שווייצערישער תּקופה.

פון דענסטמאָל אָן האָב איך שוין אָנגעהויבן מער צו שאַנעווען די פּלעריליי כּתבֿ־ידן, וואָס פאַלן אַריין אין מיין רשות. איך היט זיי אָפּ אין מיין אַרכיוו אַזוי לאַנג, ביז עס געלינגט מיר נישט אומצוקערן זיי צוריק צו די מחברים (מאָגן זיי אַפילו זיין בפירושע גראַפאָמאַנען).

דאָס איינציקע, וואָס מיר איז דאָך געלונגען דענסטמאָל אָפּצו־ראַטעווען באַצייטנס פון פייער, איז געווען די לאַנג־יאָריקע קאָרעס־פּאָנדענץ ניגערס מיט די יידישע שרייבער פון דער גאָרער וועלט.

צווישן די דאָזיקע בריוו זענען געווען מערערע בריוו פון

מענדעלען און שלום-עליכמען, פון אַשן און בערגלסאָנען—ביז אַ ליאַדן אָנפאַנגער ערגעץ ווו אין אַ פוילישן שטעטל.

האָב איך די דאָזיקע אַלע ווערטפולע בריוו נישט געוואָלט אָנ-טרויען די הילצערנע קאַסטנס, און איך האָב זיי געהאַט איבערגעגעבן אין רשות פון דוד איינהאָרן, וועלכער איז נאָך געווען פאַרבליבן דענסטמאָל אין בערן.

איך האָב געוווסט, אַז דוד איינהאָרן וועט די דאָזיקע בריוו נישט נאָר אָפּהיטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ, נאָר ער וועט זיי אויך נאָך ברענ-גען אין געהעריקער אָרדענונג, בפרט נאָך ווען צווישן די דאָזיקע בריוו זענען געווען גענוג אויך זיינע אייגענע.

מיך פאַרדריסט נאָר עד-היום, וואָס עס האָט מיר דענסטמאָל אויסגעפעלט מוט אָנצופאַרטרויען דעם ליבן גוטן איינהאָרן אויך נאָך מיין אייגענע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איך האָב לענגערע יאָרן געהאַט געפירט מיט אייגענע פריינט און קאָלעגן פון דער אַלטער היים.

אין די דאָזיקע בריוו מיינע, פון וועלכע איך פלעג אָפטמאָל מאַכן קאָפּיעס, האָב איך דאָך געהאַט אַריינגעקנאָטן מיט דיכטערישן אימפּעט אַלע מיינע יוגנט-חלומות און זעונגען.

אין די זעלבע בריוו זענען אויך געווען אַריינגעפלאָכטן מע-רערע און מערערע לידער מיינע, וועלכע האָבן געקענט געשריבן ווערן נאָר אין די מינוטן פון אומבאַגרענעצטער ליבע אָדער התפעלות, און אָט די דאָזיקע ריפמירטע און נישט ריפמירטע בריוו מיינע זענען אויך אומגעקומען מיטן ערשטן פייער פון דער וועלט-מלחמה.

מער נישט, די עטלעכע צענדליק בריוו צו מיר פון די פאָר צענדליק יידישע שרייבער (צווישן זיי — אויך פּרץ, שלום-עליכם, און אים צו לענגערע יאָר — אברהם רייזען) האָב איך געהאַט איינגעפּאַקט ווי טלית און תפילין אין מיין מתנה-פּאָרטפעל, מיט וועלכן איך האָב געדאַרפט גנבענען צוריק די גרענעץ קיין רוסלאַנד, און אַדאַנק דעם זענען זיי מיר טאַקע פאַרבליבן ביז צום היינטיקן טאָג.

אינאיינעם מיטן דאָזיקן בינטל שרייבערישע בריוו פון יענער תקופה איז מיר אויך נאָך פאַרבליבן אויף אייביקע יאָרן אַן אויסער-געוויינלעכע בענקשאַפט און צוגעבונדנקייט צו דער שווייץ.

עס דוכט זיך מיר אָפטמאָל, אַז מיין ריכטיקער און באַרעכטיקער געבורטס-אָרט איז נישט מער דאָס ווייסרוסישע שטעטלשע דוקאָר, נאָר דווקא בערן, ווו עס איז מיר געלונגען נישט נאָר גובר צו זיין דעם

טויט, נאָר ווי עס איז מיר אויך געלונגען סוף-כל-סוף זיך אַרויסצושיילן פון מיינע מיזיניק-ווינדעלעך, און אָנהויבן צו לעבן דאָס לעבן פון אַ דערוואַקסענעם.

ערשט אין דער שווייץ, דוכט זיך מיר, האָב איך אָנגעהויבן צו באַרעכטיקן מיין ניגער-און וולאַדעק-יחוס, און ערשט אין דער שווייץ האָב איך אָנגעהויבן צו שפּירן און טראָגן די אַחריות פאַר זיך גופא.

מען קען זאָגן, אַז איך בין ערשט צו זעקסאונצוואָנציק יאָר געוואָרן „בר-מצוה״, און דערפאַר אפשר פיל איך מיך נאָך עד-היום יינגער אויף גאַנצע דרייצן יאָר.

די אַלטע היים

ווען איך בין געווען אַרויסגעפאָרן דאָס ערשטע מאָל פון רוסלאַנד קיין אויסלאַנד — האָב איך געהאַט אַרויסגעפירט פון מיין אַלטער היים נישט מער ווי צוויי קישנס דער מאַמעס און אַ פּאָר אויסגענייטע זיידן-העמדלעך, וואָס חברטעס מיינע האָבן מיר געשענקט.

ווען איך האָב זיך געהאַט צוריקגעקערט פון דער שווייץ קיין רוסלאַנד — האָב איך, אָנשטאָט די קישנס און די העמדלעך, מיטגעבראַכט נישט מער, ווי צוויי העפטלעך לידער געשריבענע און אַ נאָט אויפן בויך.

דאָס איז געווען דאָס גאַנצע פאַרמעגן מיינס, מיט וועלכן כ'האָב זיך נאָך פינף יאָר וואַנדערן אומגעקערט צו מיין אַלטער היים, צו מיין אויסגעבענקטער מאַמען און צו די אַלטע חברטעס מיינע.

דאָס דאָזיקע „פאַרמעגן״ מיינס איז געווען, אמת, גענוג קליין און באַשיידן, איך זאָל זיך קענען מיט אים באַרימען, אָבער מיין נאָמען איז שוין געווען דענסטמאָל, לאָזט זיך אויס, גענוג באַקאַנט אַפילו אין דער טיפסטער פּראָווינץ.

דאָס האָבן מיך פּאָפּולער געמאַכט נישט נאָר ליעסינס „צוקונפט״ און זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן״, ווו איך האָב געהאַט פּובליקירט ביי דרייפערטל פון מיין גאַנצער דיכטערישער פּראָדוקציע, נאָר אויך אַפילו א. ליטווינס „לעבן און וויסנשאַפט״, און דער עיקר — דעם „מאָמענטס״ אַנאָנס וועגן מיין „פּריצייטיקן טויט״...

אמת, די מאַמע מיינע האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז די קלאַנגען וועגן מיין טויט זענען געווען נישט מער ווי בילבולים פון די „גאַ-

ועטשיקעס״, וואָס טראַכטן אויס „כּל דבר אסור״, אָבער דאָך האָט זי שוין שטאַרק געגאַרט צו דערזען מיך אַ לעבעדיקן ביי זיך אין הויז, כּדי זיך צו קענען איבערצייגן בפּועל ממש, אַז איך בין דער זעלבי־קער, וואָס געווען.

סימנים אויף צו דערקענען מיך האָט די מאַמע מיינע געהאַט איבערגענוג. איך בין דאָך ביי איר געווען אַ „געצייכנטער״. דאָך האָב איך באַלד נאָך מיין אָנקום געמוזט איר אויך ווייזן די ביידע אָפּצייכענונגען מיינע אויף דעם קערפּער, וועלכע איך האָב געהאַט באַקומען אין אויסלאַנד.

דאָס זענען געווען די איינציקע „טראָפּייען״ מיינע, מיט וועלכע איך האָב נאָר פּאַר דער מאַמען אַליין זיך געקענט אויסבאַרימען, און דערזעענדיק מיין גאַנץ לאַנגן נאָט אויפן בויך — האָט ערשט דענסט־מאָל די מאַמע זיך געהאַט פאַנאַנדערגעוויינט אויפן קול, טענהדיק, אַז איך בין דאָך טאַקע געווען אין דער גרעסטער סכּנה...

— געוויס, מאַמע, בין איך געווען אין דער גרעסטער סכּנה — האָב איך זי אָנגעהויבן צו באַרויִקן — אָבער אַ מענטש, וואָס שרעקט זיך נישט פאַרן טויט, לעבט דריי לעבנס מיטאַמאָל.

ז׳ער פעטער מיינער (דאָס הייסט דער שטיפטאַטע) האָט מיט מיר מסכּים געווען, און ער האָט אָנגעהויבן טרייסטן די מאַמע מיינע, אַז אַזאַ איינער, ווי איך, וועל שוין האָבן עולם־הבא אויך.

די פרייד מיינע מיט אָט די צוויי עלטערע מענטשן, וואָס זענען מיר אַזוי ליב און נאָענט, איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין אויף דער הייסער מינוט גרייט געווען מיט זיי צו פאַרבלייבן דעם גאַנצן זומער.

ווען נישט די פליגן!

אוי, די פליגן!

שוין ביי דעם ערשטן אַריינקום מיינעם אין הויז — האָבן זיי, די פליגן, אָנגעהויבן אַרויסווייזן צו מיר אַ באַזונדערע נייגעריקייט און ליבשאַפט. צוערשט האָבן זיי זיך טשאַטעסוויִיז אָנגעהויבן אַרומדרייען איבער מיין קאָפּ מיט אַ יום־טובדיקן זום־זום־זמרל, ווי אויך זיי וואָלטן דורך דעם געהאַט באַגריסט מיין אָנקום.

נאָכדעם האָבן זיי איינציקווייז און פאַרלעכוויִיז אָנגעהויבן באַ־לעקן און באַשמעקן מיין נאָז, מיינע אויערן, מיינע ליפּן און די הענט. שפּעטער אַביסל, ווען די מאַמע האָט שוין געהאַט אויסגעשטעלט

אויף דעם טיש דעם גאַנצן כּיבוד, וואָס זי האָט פאַר מיר צוגעגרייט — האָבן זיי, די פליגן, גענומען אָפּשמעקן יעדעס מאכל באַזונדער, חי זיי וואָלטן וועלן אויספּרובירן, צי זיי זענען גוט פאַר מיר...

אַמבעסטן זענען זיי געפעלן געוואָרן די גאָמעלקעס און די אייער-קיכלעך, באַשאָטענע מיט צוקער.

אויך מיר זענען די דאָזיקע היימישע נאַשערייען שטאַרק געפעלן געוואָרן, כ׳האָב אָבער בשום-אופן נישט געוואָלט האָבן די פליגן פאַר שותּפים.

האָב איך צוערשט איידל און דעליקאַט זיי אָנגעהויבן צו טרייבן פון מיין נאָז און אויערן, פון די גאָמעלקעס און פּוטער-קיכלעך. אָבער פליגן, לאָזט זיך אויס, פאַרשטייען נישט קיין דעליקאַטע רמזים, און איך בין שוין געוואָרן געצווונגען אָנצוהויבן מיין קאַמף קעגן זיי מיט מער סיסטעם און מיט מער רציחה.

די מאַמע מיינע האָט באַלד באַמערקט מיין ביטערן און פאַר-ביטערטן קאַמף קעגן דער שוואַרצער פליגן-מחנה און, ווי פילנדיק זיך שולדיק קעגן מיר — האָט זי זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן, אַז עפּעס היינט זענען די פליגן גאָר אַ באַזונדער אָנשיקעניש.

דער שטיפטאַטע, וועלנדיק אונזביידן קומען מיט עפּעס צו הילף — האָט געכאַפּט אַ לאַנגן האַנטוך און אָנגעהויבן מיט אים צו פאָכען איבערן טיש.

פון דעם דאָזיקן פאָכעניש האָט זיך דער סאַמאָוואַר אויפן טיש אויפגעכאַפּט פון זיין דרעמל און ער האָט אָנגעהויבן עפּעס פּאָנפּען, ווי מען וואָלט אַן עלטערן מענטשן פּלוצים אויפגעוועקט פון שלאָף.

די פליגן האָבן געהאַט אַביסל אָפּגעלאָזט — האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן די געסט.

צוערשט זענען געקומען די נאָענטסטע שכנים זאָגן דער מאַמען „מיט ליב אייך אייער גאַסט" און, אַגב, באַקוקן מיך פון אַלע זייטן. נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן מעלדן די אינטעליגענטן פון שטעטל, כּדי צו דערוויסן זיך ביי מיר, וואָס עס הערט זיך אין דער ברייטער וועלט. שפּעטער אַביסל האָבן זיך אָנגעהויבן צו מעלדן מיינע אַמאָליקע חברים און חברטעס, וועלכע האָבן געוואָלט זען, וואָס פון מיר איז געוואָרן אין אויסלאַנד.

מ׳האָט מיך אָנגעהויבן פאַרשיטן מיט פראַגן.

איינער אַ ייד אַ חלוש האָט געוואָלט וויסן, וואָס אַ מענטש

פילט, ווען מען שניידט אים אויף דעם בויך און מען נעמט אים אַרויס די אינגעווייד.

אַ צווייטער, אַ גרויסער טיי-טרינקער און אַ שוויצער, האָט מיך געפרעגט, צי ס'איז אַן אמת, אַז אין דער שווייץ זענען פאַראַן בערג אַזעלכע, ווו אַפילו אין מיטן זומער ליגט אויף זיי דער שניי.

אַ דריטער, אַ ציוניסט קאָנטיק, האָט אומבאַדינגט געוואָלט וויסן, ווי ווייט איז באַזעל פון דער שווייץ.

די מאַמע מיינע איז געווען אויפן זיבעטן הימל, וואָס מען שטעלט מיר אַזויפיל וויכטיקע פראַגעס, אויף וועלכע איך גיב תיכף אַן ענטפער.

ס'האָט אויסגעזען, ווי ס'גאַנצע שטעטל וואָלט געווען געקומען מיך עקזאַמינירן אויף „אַטעסטאַט זרעלאָסטי".

איך האָב דעם עקזאַמען, לאָזט זיך אויס, גוט אויסגעהאַלטן, און די מאַמע מיטן פעטער זענען געווען אויפן זיבעטן הימל.

מער נישט—איין עקזאַמען האָב איך נישט געקאָנט אויסהאַלטן, און דאָס זענען געווען ווידעראַמאָל די פליגן בייטאָג און די וואַנצן ביינאַכט.

שוין זעקס יאָר נאָכאַנאַנד, ווי איך האָב נישט געהאַט צו טאָן מיט אָט די דאָזיקע זלידנע באַשעפענישן.

ס'האָט אויסגעזען, ווי די אַלטע היים מיינע וואָלט מיך געשטעלט פאַר אַ נסיון: וועל איך אויסהאַלטן פון די פליגן און וואַנצן — בין איך ווערט דעם חלק עולם-הבא, וואָס דער פעטער סילוקט מיר, וועל איך אָבער נישט אויסהאַלטן — איז אַ סימן, אַז איך בין טאַקע געוואָרן אַ דייטשל, אַן אָפּטריניקער, און אַ פאַרמשפּטער צום אייביקן נע-ונד זיין.

— —

מער ווי דריי מעת-לעת האָב איך נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

נאָך לאַנגע זעקס יאָר בענקעניש נאָך דער מאַמען און נאָך דער אַלטער היים — האָב איך מער ווי דריי מעת-לעת נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

איך האָב געהאַט באַקומען, ווי מען זאָגט, „פליגן אין דער נאָז".

איך האָב אָנגעהויבן פראָסט פשוט ליידן פון אַ „פליגאָמאַניע".

ס'האָט זיך מיר אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל (און אפשר אויך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון

רוסלאַנד) האַלט נאָר אין איין האָדעווען פֿליגן און וואַנצן, כדי אָפּצו־קומען דעם חיבוט־הקבר אויף דער וועלט.

ס'האָט מיר אויסגעזען זייער לעכערלעך, וואָס פֿאַר אָט די דאָזיקע מענטשן שרייבט מען לידער וועגן דער בלאַסער בת־מלכּה, וועגן ליבע און צאַרטע בעריאָזקעלעך, בעת מען דאַרף זיי גאָר פֿירן אין באָד אַריין און דעזינפֿעקצירן אַלע זייערע קליידער און בעטן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די מאַמע און דער שטיפֿטאַטע זענען אַ לענגערע צייט נאָכגע־גאַנגען נאָך דעם פֿורל, וואָס האָט מיך געדאַרפֿט אַוועקפֿירן קיין באָרי־סאָוו צו דער אייזנבאַן, ווי אבֿלים נאָך אַ לוויה. מיר אַלע דריי האָבן עקשנותדיק געשוויגן, ווייל ווען איינער פֿון אונז רעדט אויס דענסט־מאָל אַ וואָרט — וואָלט זיך יעדער איינער פּלוצים פֿאַנאַנדערגעוויינט אויף אַ מיטן גאַס.

די מאַמע האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דער מיזיניק אירער האָט זיך שוין אָפּגעוווינט פֿון דעם פּרימיטיוון קליינשטעטלדיקן לעבן, און ס'האָט איר שטאַרק געקלעמט דאָס האַרץ, וואָס זי איז נישט געווען בכּוח צו געבן מיר נעבן זיך אַ בעסער לעבן.

אויך דער שטיפֿטאַטע האָט זיך געפֿילט ווי באַליידיקט, וואָס איך פֿאַרלאָז אַזוי גיך זיין הויז, כאָטש ער איז גרייט געווען מיר אָפּצושענקען אַ חלק פֿון זיין עולם־הבא, אַבי נאָר כ'זאָל פֿאַרבלייבן מיט זיי לענגער.

ביים געזעגענען זיך, האָט מיך די מאַמע באַוויינט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

זי האָט שוין אפֿשר געהאַט דענסטמאָל געשפּירט, אַז זי זעט מיך צום לעצטן מאָל.

די שווימענדיקע מצבה

דער פֿאַראַכאָד, וואָס שווימט פֿון באָריסאָוו קיין באָברויסק, שטעלט זיך אָפּ אין בערעזין. אין בערעזין האָב איך נאָך דענסטמאָל געהאַט פֿאַרמאָגט מיין שוועסטער מירל מיט איר מאַן, דעם פֿעטער (דעם טאַטנס אַ ברודער) און די עטלעכע קינדער, וואָס איינע פֿון זיי, נענע, זיצט שוין ביי צוואַנציק יאָר מיט אַ גרויסן וואַסער־קאָפּ אויף אַ קינדער־שטול. איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל אויך היינטיקס מאָל

נישט קאָנען ברענגען מיין אומגליקלעכער שוועסטער קיין שום ישועות. איך האָב דאָך אין אויסלאַנד נישט אָנגעקליבן קיין שום מאַיאָנטקעס און פאַרמעגנס. דער פעטער-מאַן פון מיין שוועסטער האָט געהאַט פּרובירט איינמאָל זיך אַריבערכאַפּן קיין אַמעריקע, אָבער עליס-איילאַנד האָט אים אויסגעבראַקירט. זיין פּלייצע איז שוין געווען צו-פיל גע־בויגן פון שלעפּן פויערשע זעק מיט תבואה, און זיינע לונגען זענען שוין געווען אויף דער העלפט אויסגעשפּיגן.

איך האָב אויך געוווסט, אַז אין בערעזין וועלן מיך באַפאַלן דיזעלבע פליגן און וואַנצן, וואָס אין זעמבין, און כ׳וועל מוזן לויפן פון דער שוועסטער, ווי איך בין געווען געלאָפן פון דער מאַמען.

איך האָב אָבער זיך געמוזט אָפּשטעלן אין בערעזין צוליב סאָניען.

כ׳האָב שוין געהאַט געוווסט, אַז סאָניע איז געשטאָרבן. איך האָב אויך געוווסט, אַז זי האָט איבערגעלאָזט אַ טלית-זעקל מיט בריוו און לידער. די בריוו זענען געווען מיינע, די לידער — אירע. כ׳האָב געוואָלט, ווייניקסטנס, באַקומען אָט דאָס דאָזיקע שטיקל ירושה אירס. איך האָב געוואָלט אויך אַ קוק טאָן, ווי זעט אויס דאָס טלית-זעקל, וואָס סאָניע האָט אויפגעניייט פון דער עסעסישער פאָן? וואָס איז סאָניע אויסן געווען, בעת זי האָט פאַרוואַנדלט די עסעסישע פאָן אין אַ טלית-זעקל? געוויס וועל איך אין די פאַרבליבענע כתבים אירע געפינען אויף דעם אַ שטיקל תשובה.

ס׳איז מיר אָבער נישט באַשערט געווען דעם דאָזיקן סוד צו אַנטפּלעקן, ווייל די שטוב, וווּ סאָניע איז געווען געשטאָרבן, האָט אָפּגעברענט, און די פייערן האָבן מיטגענומען אויך דאָס ביסל ירושה אירס. איז מיר געוואָרן זייער פיינלעך צו פאַרבלייבן אין בערעזין, ווו סאָניעס שאָטן וואָלט מיך אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן אויף שריט און טריט. איך האָב אַפילו קיין מוט נישט געהאַט אויפצוזוכן איר קבר און בעטן ביי איר מחילה. בין איך אויפן צווייטן טאָג אַנטלאָפן פון בערעזין, ווי ס׳אַנטלויפט אַ גרויסער בעל-חוב פון קרעדיטאָרן.

איך בין אַנטלאָפן קיין באָברויסק, וווהין ס׳האָט געדאַרפט אויך קומען אויף דאַטשע מיין ברודער ניגער פון ווילנע.

דער פאַראַכאַד, וועלכער האָט מיך געדאַרפט ברענגען פון בע־רעזין קיין באָברויסק, האָט געהייסן „פאַניאַ״. דאָס איז געווען אַ נאָ־מען נאָך דער פאַרשטאָרבענער מוטער פונם פאַראַכאָד-אייגנטימער, אַ

מין שווימענדיקע מצבה. אמת, די מוטער פון פּאַראַכאָד־אייגנטימער האָט גאָר געהייסן פויגל, אָבער וועלכער פויגל שווימט עס איבער וואַסערן? האָט דער געטרייער זון שוין נאָך דער מוטערס טויט משנה שם געווען דעם נאָמען פויגל אויף „פּאַניא״, און קינד און קייט האָט שוין געוווּסט, אַז „פּאַניאַ״ איז דאָס די זעלבע „פויגל די פּאַראַכאָד־טשיצע״, וואָס שווימט אום נאָכן טויט, ווי אַן ענטל איבער אַלע וואַסערן פון דעם טייך בערעזינאַ.

אָבער די וואַסערן פון דעם טייך בערעזינאַ זענען דענסטמאָל צוליב די הייסע תּמוז־טעג, געוואָרן ערטערווייז באַזונדערס פּלאַך.

ביי טאָג פלעגט נאָך דער קאַפּיטאַן פון דער שיף ווי ס׳איז אויס־זוכן די מער־טיפערע ערטער, און דורכלאָזן „פּאַניאַן״ בשלום דורך אַלע שמאָלע ערטער. אָבער ביינאַכט איז „פּאַניא״ פּאָרט אַרויפגע־שפּרונגען אויף אַ „זאַמד־באַנק״ און זי איז פלוצים שטיין געבליבן.

אומזיסט, נעבעך, האָט „פּאַניא״ געפּאַטשט מיט די לאָפּעטקעס פון אירע צוויי רעדער איבער די פלאַכע וואַסערן — מער ווי שוים פלעגט זי נישט אַרויסבאַקומען.

„פּאַניאס״ אייניקל — דער קאַסיר פונם פּאַראַכאָד — האָט זיך שטאַרק געהאַט געערגערט, וואָס אַפילו די זכות־אָבות פון זיין באָבען קאָנען נישט ביישטיין, און, וועלנדיק ווי עס איז קומען צו הילף דער טויטער באָבען זיינער — האָט ער באַפוילן אויפצוּוועקן אַלע פּאַסאַ־זשירן פונם דריטן קלאַס (וועלכע זענען, אַגב, סיי־ווי־סיי נישט גע־שלאָפן), און זיי אויף דעם איינציקן שיפל אַריבערפירן אויף ביידע זייטן ברעג טייך, פון וואַנען זיי וועלן מיט שטריק העלפן זיין באָבע „פּאַניאַן״ אַראָפּשלעפּן פונם זאַמד אין וואַסער אַריין.

האָט מען די עטלעכע צענדליק פּאַסאַזשירן פון דעם דריטן קלאַס (מיך אויך בתוכם) אַריבערגעשיפלט ביסלעכווייז אויף ביידע ברעגן, פון וואַס „פּאַניאַן״ איז תיכף גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן אויף אַ וועלכע נישט איז הונדערט פּוד (איך אַליין האָב געוווּגן איבער דריי פּוד), און, ווען מיר אַלע זענען אין אַ מיטן נאַכט שטיין געבליבן אויף די שטאַרק־באַטויטע ברעגן פון דעם טייך בערעזינאַ, צו אַ גלייכער צאָל אויף יעדן ברעג, האָבן דענסטמאָל די צוויי מאַטראָסן דורכגעצויגן אַ קאַנאַט דורך „פּאַניאס״ נאָז, און אונז אַלעמען איינגעשפּאַנט אין די צוויי עקן קאַנאַט, וואָס פון ביידע זייטן טייך.

דער קאַפּיטאַן מיטן „אייניקל״ פּאַניאס, דעם קאַסיר, זענען גע־

בליבן שטיין ביים רודער אויף צו קענען בעסער קאָמאַנדעווען די פּרייוויליקע בורלאַקעס.

— מער רעכטס! — האָט געשריען דער קאַפּיטאַן.

— מער לינקס! — האָט געגוואַלדעוועט דאָס אייניקל.

— שטאַרקער, ברידערלעך, שטאַרקער! — האָבן זיך געבעטן בײַ אונז די מאַטראָסן.

— האָפּ, האָפּ! — האָבן די פּרייוויליקע בורלאַקעס זיך גופא צוגעגעבן מוט.

— האָפּ, האָפּ!

— הו־ר־ר־אַ־אַ!

„פאַניא" האָט זיך גערירט פונעם אָרט, „פאַניא" איז אַוועקגעשווומען!

דער איינציקער פּאַסאַזשיר פונעם צווייטן קלאַס — אַ וואַלד־סוחר פון באָברויסק, וועלכן דער קאַסיר האָט נישט געלאָזט וועקן, איז, נעבעך, שלאָפנדיקערהייט אַרונטערגעפאַלן פון בעט, און ער האָט זיך צעבלוטיקט די נאָז גראָד אין דעם מאָמענט, ווען „פאַניא" האָט זיך מיט מזל געהאַט אָפּגעריסן פון איר זאַמד־דעק אין וואַסער אַריין.

אויך מיר־„בורלאַקעס" האָבן אין דעם זעלבן מאָמענט זיך געגעבן אַ לייג אויס אויף דעם פייכטן גראָז, ווי מיר וואָלטן זיך געוועזן דערשראָקן, אַז די שווימענדיקע „פאַניא" זאָל אונז, חלילה, נישט איבערפאָרן...

מיר האָבן זיך גאָר אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אַז מיר געפינען זיך אויף דער יבשה, אָבער שפּעטער אַביסל, ווען מיר אַלע זענען שוין ווידער געווען אין „פאַניאס" בויך און געשמאַק געטרונקען די בחינמדיקע טיי מיט צוקער, וואָס דער קאַסיר האָט געהייסן שטעלן פאַר דער בריהשקייט אונזערער — האָט זיך יעדער איינער פון אונז דערפילט, ווי אַ נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט מיט אַ יאָרהונדערט צוריק אויך געהאַט איינגענומען די בערעזינאַ אָן אַ שאָס פּולווער. האָבן מיר אַלע געשמאַק געלעכצעוועט איבער דעם צווייטקלאַסיקן פּאַסאַזשיר, וועלכער האָט אי פאַרשלאָפן דאָס גאַנצע געשעעניש, אי נאָך צעבלוטיקט זיך די נאָז...

ערשט אויפן דריטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען בשלום קיין באָברויסק, ווו מען האָט אונז באַגעגנט מיט אָוואַציעס.

„יאנקל די מאַסע"

באָברויסק איז אַ געוועזענע פעסטונגס-שטאָט. נישט געקוקט אויף עם, וואָס די אַמאָל געוועזענע פעסטונג איז שוין לאַנג מיט מאָך אַוואָקסן — דאָך אָבער האָט זיך אין באָברויסק שטענדיק געפונען ן גאַרניזאָן, און די שטאָט איז נאָך געווען, קאָן מען זאָגן, מיליטאַריזירט.

די אָפיצירן, פּאָלקאָווניקעס און גענערעלער פלעגן אומגיין פּוסט און פּאַס, און זוכן זיך, פאַרשטייט זיך, פאַרשידענע פאַרוויילונגען.

די בעסטע פאַרוויילונגען פאַר די אָפיצירן זענען געווען די ליבע-אַוואַנטורעס מיט די יידישע טעכטער פון באָברויסק.

יידישע טעכטער זענען שטענדיק גענוג אינטעליגענט און געבילדעט, צו קענען אַמוזירן די פיין-אוניפאָרמירטע און זייער העפלעכע אָפיצירן.

דיזעלבע אָפיצירן און פּאָלקאָווניקעס פלעגן אין זייער ליבעזויש אָפּטמאָל אויסדערציילן צו די יידישע טעכטער אַלע לעצטע נייעס פון די „הויכע ספערן", און אַזוי-אַרום פלעגט באָברויסק שטענדיק זיין אינפאָרמירט וועגן אַלע הויך-פּאָליטישע און מיליטערישע געשעענישן אין לאַנד.

באָברויסק אָבער האָט נאָך אויך געהאַט פאַרמאָגט יידישע „פעסטונגען". דאָס זענען געווען די פעסטונגען פון „בונד", בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען נאַכקע יוכוויד.

דער באָברויסקער „בונד", מיט זיין גוט-אָרגאַניזירטער זעלבסטשוץ, האָט געהאַט אַ גוטן שם איבער גאַנץ ליטע.

נישט נאָר יידן, נאָר אויך אַפילו קריסטן פלעגן האָבן שטאַרק דרך-ארץ און אַפילו — מורא פאַר דעם „בונד" אין באָברויסק.

אַפילו אין די שווערסטע רעאַקציע-יאָרן האָט דער באָברויסקער „בונד" הויך געהאַלטן די פאָן פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אין „יענע" יאָרן איז די פּאָפּולערסטע פיגור אין באָברויסק געווען נאַכקע יוכוויד, וועלכן מען פלעגט רופן „דער יידישער פּאָליצמייסטער".

דעם דאָזיקן נאָמען האָט נאַכקע באַקומען דערפאַר, ווייל נאָך אין נײַינצנהונדערט פינפטן יאָר האָט דער באָברויסקער פּראָלעטאַריאַט געהאַט אים אַרויסגעשטעלט פאַר דעם פּאָליצמייסטער פון שטאָט.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָב איך געהאַט די גוטע געלעגנהייט איבערצוגעבן איינמאָל אָט דעם נאַכקען אַ קאָנספּיראַטיוו בריוועלע פון מיין ברודער וואָלאַדעק (דענסטמאָל — „דער צווייטער לאַסאַל״), און זינט דענסטמאָל בין איך ביי נאַכקען געוואָרן אַ היימישער מענטש, כאָטש איך בין קיינמאָל אין „בונד״ נישט געווען. אויך איצטער, ווען איך בין געווען געקומען קיין באָברויסק זיך ראַטעווען פון די זעמ־בינער פליגן און וואַנצן — האָט מיך באַלד נאַכקע אויפגעזוכט, ווי אַן אייגענעם מענטשן, ווי אַ חבר, און ער האָט מיך גענומען אויספרעגן וועגן דער גרויסער וועלט.

אמת, איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז נאַכקע ווייסט געוויס פון דער גרויסער וועלט נישט ווינציקער פון מיר — דאָך אָבער האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב צו דערציילן אים וועגן די גרויסע דיס־קוסיעס, וואָס עס קומען פאָר אין דער שווייץ צווישן די באָלשעווי־קעס מיט די מענשעוויקעס, ווי אויך אַפילו אָפּגעבן אים אַ גרוס פון דעם בונדישן אַרכיוו אין זשענעווע, וווּ כ׳האָב געהאַט געזען בונדישע פּראָקלאַמאַציעס אפילו פון באָברויסק...

אָבער הייניקס מאָל האָט זיך נאַכקע מער אינטערעסירט מיט דער מעדיצין אין אויסלאַנד, איידער מיט דער פּאָליטיק.

ער האָט געוואָלט וויסן, נאַכקע, צי מען קאָן אין אויסלאַנד פּטור ווערן פון אַ מאָגן־געשוויר, וואָס פּייניקט אים שוין יאָרנלאַנג, און גראָד האָט ער מיך אָרויפגעפירט אויף דער ריכטיקער טעמע.

אַ מאָגן־געשוויר איז דאָך געווען מיין הויפּט־פּאַך!

ווער ווייסט, ווי לאַנג מיין „פּאַרלעצונג״ וועגן מאָגן־געשווירן וואָלט געדויערט, ווען ס׳קומט נישט אַריין פּלוצים „יאַנקל די מאַסע״, וואָס איז געווען נאַכקעס פליגל־אַדיוטאַנט.

אָט דעם „יאַנקל די מאַסע״ האָב איך נאָך גוט געקענט פון „יענע״ יאָרן, ווען ער האָט נאָך געהאַט גערינט אַלס „פּאַרטיע״ ביי ניגערס שווער און שוויגער. בייטאָג פלעגט ער זיין נישט מער, ווי אַ משרת, און ביינאַכט פלעגט ער ווערן דער קאָנספּיראַטאָר פון „בונד״.

אין „יענע יאָרן״ איז „יאַנקל די מאַסע״ געווען אַפילו דער פּאָנעטרעגער ביי יעטוועדער בונדישער דעמאָנסטראַציע.

האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב דעמזעלבן יאַנקלען, וואָס האָט האָט קוים געקאָנט לייענען און שרייבן, איינמאָל אַ פרעג געטאָן,

וואָס ער פילט, בעת ער גייט אָן דער שפּיץ פון אַ דעמאָנסטראַציע מיט דער פאָן אין דיביידע הענט?

יאַנקל האָט צוערשט געהאַט אויסגעמיטן צו געבן מיר אַ קלאָרע תשובה, אָבער שפּעטער אַביסל, האָט מיר „יאַנקל די מאַסע״, אָפנהערציק דערקלערט, אַז אין יענעם מאָמענט, ווען ער וויקלט פונאַנדער די פאָן און לאָזט זיך פאָרויס אין טאַקט מיט די מאַסן — פאַרגלוסט זיך אים גאָר אַ פרוי...

אמת, „יאַנקל די מאַסע״ האָט עס מיר געזאָגט נאָך פיל אָפּענער און פאָלקסטימלעכער, וואָס געדרוקטערהייט איז עס מיר אוממעגלעך איבערצוגעבן. אָבער ס׳איז שוין קלאָר, אַז בעת „יאַנקל די מאַסע״ גייט שטירצן דעם צאַריזם — באַקומט ער גאָר עראָטישע אָנרעגונגען...

אָט די דאָזיקע אָפנהערציקע אַנטפּלעקונג יאַנקלס האָט מיר שפּעטער אויפגעעפנט די אויגן אויף אַ סך דערשיינונגען אין דעם דאַמאָלסטדיקן פּאַרטיי-לעבן. אויך אַפילו די אוממגליקלעכע ליבע סאָניעס, וועלכע האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן פון דער עסעסישער פאָן, און זיך פאַרענדיקט סימבאָליש מיט אַ טלית-זעקל טאַקע פון דער זעלבער בונטאַרישער פאָן, איז מיר נאָכדעם געוואָרן פיל פאַרשטענדלעכער און קלערער.

נישט איינער פון די פריער-געוועזענע יידישע סאָציאַליסטן האָבן פלוצים פאַרביטן די לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע אויף קאַפּיטלען תהילים, און נישט איינער פון די פריער-געוועזענע יידישע „רעוואָלוציאָנערן״ האָבן אָנשטאָט „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג״ אָנגעהויבן פאַרדבקהט צו שרייען:

— „שמע ישראל, אַדני אלהנו, אדני אחד״!

האָט מיר אָנגעהויבן קלעמען דאָס האַרץ פאַר דעם אוממגליקלעכן נאַכקע יוכוויד און „יאַנקל די מאַסע״, וואָס זיי זענען פלוצים זיצן געבליבן אויף אַ זאַמד-באַנק פון דער אויסגעטריקנטער רעוואָלוציע.

און ס׳איז קיינער נישטאָ, ווער ס׳זאָל זיי פון דער דאָזיקער זאַמד-באַנק אַרונטערנעמען!

אַך, ווען די באַברויסקער בונדיסטן אין ניו-יאָרק וואָלטן כאָטש געקענט צושיקן זייער נאַכקען אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר — ער זאָל קענען, לכל הפחות, פטור ווערן פון זיינע מאָגן-געשווירן!

איך וועל פּרובירן וועגן דעם אָנשרייבן צו מיין ברודער וולאַ-דעק — האָב איך פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן.

וולאַדעק, ווייס איך, האָט נאָך באַהאַלטן גענוג סענטימענטן צו זיינע אַמאָליקע פּאַרטיי-חברים.

אויף קבר-אָבות

די באָברויסקער פּאָליציי האָט מיך געהאַט אויפגעפּאָדערט צו ווייזן איר אַ גילטיקן פּאַס. כ'האָב שוין גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז אין רוסלאַנד מוז יעטוועדער מענטש קודם-כּל פאַרמאָגן אַ פּאַס. אָט האָב איך אָפּגעלעבט אין אויסלאַנד פינף יאָר, און אַלע האָבן מיר געגלויבט אויפן וואָרט, אַז איך בין אַ דוקאָרער „מעשטשאַנין", וואָס איז געבוירן געוואָרן „ממחרת יום-הכיפורים" 1888, אונטערן נאָמען דניאל טשאַרני.

האָב איך שוין געמוזט אַוועקלאָזן זיך אין מיין היימאַט-שטעטל אַרויסצונעמען אַ נייעם פּאַס.

דער וועג פון באָברויסק קיין דוקאָר ליגט דורך דער ליבאַוואָ-ראָמנער אייזנבאַנסטאַנציע רודענסק. פון דער סטאַנציע רודענסק פאָרט מען צו מיט אַ בעל-עגלה צען ווייאָרסט און מען איז שוין אין דוקאָר. נישט-דערפאָנדיק אַ ווייאָרסט צו דוקאָר, ליגט דער בית-עולם. אויף אָט דעם בית-עולם רוט שוין אַ פערטל-יאָרהונדערט דער טאַטע מיינער, זכרונו לברכה.

אויפן קבר פון מיין טאַטן שטייט אַ האַלבער מילשטיין. דער צווייטער האַלבער מילשטיין וואַרט נאָך ערגעץ אויף מיר. אַזוי האָב איך זיך געהאַט איינגעשמועסט, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד. איך האָב זיך אויך געהאַט איינגעשמועסט, אַז מיין לעבן איז נישט מער, ווי אַ פאָרזעצונג פון מיין טאַטנס נישט-פאַרענדיקטן לעבן. דער טאַטע מיינער איז כּל ימיו געווען אַ „חוזר" פון דעם ליובאַוויטשער — בין איך, הייסט עס, אויך געוואָרן אַ „חוזר" צווערשט פון אברהם רייזען און נאָכדעם — פון היינריך היינען. אָבער דעם טאַטנס קבר איז נאָך עד-היום כּמעט אין איין עלטער מיט מיר — האָב איך, נאָך זייענדיק אין דער שווייץ, געהאַט אָנגעשריבן צום טאַטן אַ הזכרה-ליד:

בײַ דעם שטיין פון דיין מצבה
צייל איך תמיד מיינע יאָרן —

אין די ווייען פון דיין גסיסה,
האָט די מאַמע מיך געבוירן.

האָט מיין קינד-האַרץ אָפּגעירשנט
יענע אַלטע, טיפע סודות,
וועלכע האָבן שוין געצייטיקט
אין די הערצער פון די זיידעס.

יאָ, איך בין אַ יונגער זקן,
מיין געדאַנק איז גרוי געוואָרן,
ווען ביי דיינע גסיסה-ווייען
האָט די מאַמע מיך געבוירן...

אַזאַ מין יאָרצייט-ליד האָב איך שוין נישט געקאָנט איבערדיכטן (אָדער „חוזר" זיין) נישט פון הייגען און נישט (אים צו לענגערע יאָר) פון רייזענען. דאָס איז שוין מיין אויטאָביאָגראַפיש לידל, אַן עכט טשאַרני-לידל, און אָט מיט דעם דאָזיקן יאָרצייט-לידל האָב איך הייג-טיקס מאָל געוואָלט זיך אויסבאַרימען פאַר מיין טאַטן.

האָב איך באַשלאָסן הייגטיקס מאָל זיך אַראָפּכאַפּן צו אים אויף קבר-אָבות, און, אָנשטאָט די אַלע נישט דערזאָגטע קדישים מיינע, אים אָפּזאָגן דאָס איבערגעבראַכטע לידל מיינס.

די דוקאַרער בעלי-עגלהס, וואָס האָבן ווי תמיד געהאַט גע-טשאַטעוועס אויף דער סטאַנציע רודענסק פּאַסאַזשירן — האָבן מיך תיכּף דערקענט.

זיי האָבן שוין אַפילו געהאַט געהערט, די בעלי-עגלהס, אַז אויך איך — דער געוועזענער „פּליאַגע" און „געטשקע", בין געוואָרן אין אויסלאַנד אַ לייט און שרייב שוין אַפילו אין די גאַזעטן, ווי די ברידער מיינע.

איך האָב אויסגעקליבן קושע דעם בעל-עגלה, ווייל קושע בעל-עגלה איז דאָך יאָרן-לאַנג געווען אַ שכן ביי אונז אין הויז, שוין כּמעט אַ משפּחה-מענטש.

— פאַר די פאָר שעה רייזע פון דער סטאַנציע ביז צום שטעטל — איז מיר געלונגען ארויסצובאַקומען פון דעם בעל-עגלה כּמעט אַלע

נייעס און נייאיקייטן פאַר די אַלע זיבן-אַכט יאָר זינט איך בין נישט געווען אין מיינע היימישע מקומות.

ווער ס'איז געשטאָרבן, ווער עס האָט חתונה געהאַט, און ווער ס'איז אַוועק קיין אַמעריקע.

פאַרבייפאָרנדיק דעם בית-עלמין, האָב איך געבעטן קושע בעל-עגלה זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע, האָט דער בעל-עגלה מיט גרויס דרך-ארץ, אָפּגעשטעלט זיין פערדל, און ער איז אַפילו גרייט געווען מיטצו-גיין מיט מיר צום „פעלד", גלויבנדיק, אַז איך האָב געוויס היינט יאָרצייט.

איך האָב אָבער געוואָלט פאַרבלייבן מיטן טאַטן אויג אויף אויג, און כ'האָב דעם בעל-עגלה נישט מיטגענומען.

אַרויפקומענדיק אויפן בית-עלמין — האָב איך באַלד דערהערט אַ היסטעריש געוויין פון איינער אַ פרוי, זי איז געלעגן, די פרוי, איבער איינעם אַ קבר און שוידערלעך געיאָמערט.

האָב איך זיך געמאַכט נישט זעענדיק, און כ'בין אַוועק אויפזוכן דעם טאַטנס קבר. לויטן האַלבן מילשטיין איז מיר נישט שווער געווען דעם קבר צו דערקענען.

איך האָב קוים באַוויזן אָפּצוזאָגן מיין ליד — ערשט די יידענע איז צוגעקומען צו מיר, און מיך אָנגעהויבן צו בעטן—איך זאָל איר העלפן „רייסן קברים".

די טאָכטער אירע, די איינציקע טאָכטער אירע, גייט צו קינד, און זי האָט, נעבעך, אַ שווערן „האָבן".

זי האָט שוין, די יידענע, צוויי קברים „אויפגעריסן", איינעם פון איר מאַן — דער קימפעטאָרינס טאַטן, און דעם צווייטן — פון איר אייגענעם טאַטן — דער קימפעטאָרינס זיידן.

וואָלט זי וועלן, די יידענע, איך זאָל נאָך אויפרייסן דעם קבר פון מיין טאַטן, ווייל זי ווייס, די יידענע, אַז דער טאַטע מיינער האָט אַ גרויסן צד ביים רבש"ע.

שוין דאָס אַליין, וואָס אַזאַ „פליאַגע", ווי איך בין געווען, בין' אָן עין-הרע, אַרויסגעוואַקסן אין אַזאַ פאַרשוין, דאָס אַליין, האָט די יידענע אָנגעהויבן צו מיר צושטיין — באַווייזט דאָך, אַז דער טאַטע מיינער האָט „דאָרטן" אַ שטאַרקן צד.

האָב איך שוין קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, און כ'האָב אָנגעהויבן מיט דער יידענע אין איינעם „רייסן" מיין טאַטנס קבר צוליב דער טאָכטער אירער, וואָס האָט, נעבעך, אַ שווערן האָבן.

ערשט פון קושע בעל־עגלה, האָב איך זיך געהאַט דערוווּסט, אַז די יידענע, וואָס האָט מיך געצוווּנגען „רייסן קברים", איז דאָך אַ טאָכטער פון דעם לאַנג־פאַרשטאָרבענעם משה הירש דעם מלמד, פון דעם זעלבן משה הירשן, וועלכער האָט מיך מיט יאָרן צוריק גע־האַט געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, ווייל מען האָט מיר מיט זיינע טויטע הענט אויסגעשמירט מיין פנים און מיין האַלז.

אינם זכות פון זיינע טויטע לאַפּעס, לעב איך נאָך, אַ סברא, עד־היום, און כ׳בין געווען גליקלעך פונם צופאַל צו קענען באַצאָלן אַ חוב כאָטשבי אַן אייניקל פון מיין לאַנג־פאַרשטאָרבענעם רבין משה הירש.

אַגב, האָט דער זעלבער רבי מיינער מיך געהאַט אויסגעלערנט צו מאַכן אַ פּען פון אַ געגנזענער פעדער. קודם־כּל איז נויטיק — האָט מיך דער רבי געלערנט — אַרויסצוּוואַרפן פון דער פעדער דעם „גנבל". אין יעטוועדער פעדער — האָט צו מיר געטענהט דער רבי — שטעקט אַ „גנבל", וועלכן מען מוז אַרויסוואַרפן, איידער מען הויבט אָן מיט איר צו שרייבן, אַ נישט וועט די פּען מאַכן גרייזן אַ סך.

דאָס „גנבל", געדענק איך, איז באַשטאַנען פון אַזאַ מין פאַר־טריקנט פלעווקעלע, ווי אַ שטיקעלע הויט פון אַן איי־שאָלעכץ.

דאָס דאָזיקע „גנבל" איז פונקט אַזוי דין און גרינג, ווי אַ הערעלע פון אַ ווייס ציגעלע. ווען מען זאָל אַזאַ מין „גנבל" אַרי־בערוואַרפן איבער אַ ברונען — האָט מיך דער רבי געלערנט — באַקומט מען תיכף אַ מעסערל (אַיין קלייניקייט — אַ מעסערל!).

מיר איז אָבער קיינמאָל נישט געווען געלונגען אַריבערצוּוואַרפן אַזאַ מין „גנבל" איבער אַ ברונען, און כ׳האָב זיך סוף־כּל־סוף געמוזט איינקויפן אַ מעסערל פאַר מזומן געלט.

מיט אָט אַזעלכע קינדישע געדאַנקען און דערינערונגען בין איך געווען אַריינגעפאָרן אין מיין היימאַט־שטעטל, וואָס האָט נאָך אויס־געזען געזונג היימיש און שטעטלדיק, ווי אין די קינדערשע יאָרן מיינע.

איך וואָלט דעמאָלט גערן געהאַט אויסגעקושט יעטוועדע מזוזה און יעטוועדע שוועל, וואָס מיינע קינדערשע פיס האָבן געהאַט ווען עס איז באַטראָטן. איך וואָלט זיך אויך גערן געקושט מיט יעטוועדן איינעם, וואָס פלעגט מיר קומען אַנטקעגן און אַריינשטעקן אַ ברייטן שלום עליכם. איך האָב זיך אָבער געהאַט געשעמט דעמאָלט פאַר מיין אייגענער דערוואַקסנקייט, און איך האָב זיך אַפילו געפילט שולדיק

לגבי מיין שטעטל, וואָס איך לעב נאָך אַלץ אויף דער וועלט, בעת גאַנץ שטעטל האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געהאַט מיר אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

מיין שטעטעלען אָבער האָט לחלוטין נישט געאַרט, וואָס איך לעב נאָך אויף דער וועלט, אַדרבא, די שטעטלדיקע איינוווינער, וואָס האָבן נאָך גוט געדענקט מיין טאַטן און מיין מאַמען, מיינע ברידער און מיין שוועסטער, זענען געקומען אָפּנעמען גרוסן, און אויספרעגן מיך וועגן דער גרויסער וועלט.

איינִיקע ווייבער האָבן אַפילו אָנגעהויבן קומען צו מיר נאָך ברכות, ווי מען קומט צו אַ גוטן יידן, ווייל שטעטעלע האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז „ברכהס זון" האָט געהאָלפן „רייסן קברים" און די גע-ווינערין האָט טאַקע מיט מזל געבוירן אַ יונגעלע.

אַפילו קושע דער בעל-עגלה, וואָס איז נאָך עד-היום געווען אַ גרויסער קבצן — האָט זיך געהאַט אָנגעשטעקט מיט די ווייבערישע סענטימענטן, און ער האָט נישט געוואָלט נעמען ביי מיר קיין פור-געלט, אַבי נאָר כ'זאָל בעטן גאָט פאַר זיינע קינדער — זיי זאָלן נישט דאַרפן גיין אין סאָלדאַטן.

ער געדענקט נאָך, קושע דער בעל-עגלה, ווי ער האָט מיך געהאַט געפירט מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק אינם שכנותדיקן שטעטל סמילאָ-וויטש צו אַ דאָקטאָר, און ווי די מאַמע האָט אויף צוריקוועגס, נעבעך, אים אָנגעוויינט אַ פולן וואָגן, ווייל דער סמילאָוויטשער דאָקטאָר האָט מיר געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

איז ווײַבאַלד איך בין געוואָרן אַזאַ מין מאַנספּאַרשוין — האָט קושע געפרייט זיך — איז דאָס נישט אַנדערש, ווי דאָס גרויסע זכות-אבות מיינע, און זכות-אבות איז אין יענע יאָרן געווען אַ גאָר וויכ-טיקער אַרטיקל.

האָט מיך, פאַרשטייט זיך, זייער געפרייט, וואָס שטעטל איז מיך אַזוי פיין מקבל-פנים, ווי איך וואָלט געווען אַראָפּגעקומען פון יענער וועלט. די עלטערע לייט האָבן טאַקע געטענהט, אַז ווען מען קוקט אויף מיר פונדערווייטנס — קאָן מען מיינען, אַז „וועלוול גייט", ד. ה. אַז איך דערמאָן זיי מיין לאַנג-פאַרשטאָרבענעם טאַטן.

האָב איך שטילערהייט זיך אָנגעהויבן שעמען פאַר מיינע ייִנגל-שע סענטימענטן און גלוסטונגען, וואָס זענען מיך דענסטמאָל געווען באַפאַלן.

מיך האָט גאָר שטאַרק געצויגן צום בוידעם פון אונזער אַמאָל־געוועזענער דירה. ס'האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז אויף אָט דעם בוידעם וואַלגערן זיך נאָך געוויס די זיבן צוזאַמענגעקלעפּטע ליימענע טשאָרלעטקעס, אין וועלכע די מאַמע פלעגט אויסבאַקן צו די סדרים אַזעלכע געשמאַקע בולבע־קוגעלעך.

אין אָט די זיבן צוזאַמענגעקלעפּטע ליימענע טשאָרלעטקעס, האָב איך געהאַט געזען אַ רמז אויף אונזער זיבנקעפּיקער משפּחה, וואָס האָט זיך צעשערבלט איבער דער גרויסער וועלט.

האָט מיך פאַרכאַפּט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך די פּסחדיקע כּלים אונזערע, אָבער אין אונזער אַמאָל־געוועזענער דירה האָבן גע־לעבט גאַנץ־פרעמדע מענטשן, וואָס וואָלטן בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, צוליב וואָס אַזאַ דערוואַקסענער בחור ווי איך זאָל גאָר אין מיטן תּמוז אָנהויבן קריכן אויפן בוידעם.

בין איך אַוועק צו הלל דעם שרייבער — ער זאָל מיר אויס־שטעלן אַ נייעם פּאַס.

אַ פּאַס, אין וועלכן עס שטייט בפירוש געשריבן, אַז דו ביסט שוין אַלט זעקס און צוואַנציק יאָר, מוז דאָך צו עפּעס פאַרפליכטן.

אָבער ווען הלל דער שרייבער האָט מיך געהאַט אַ פרעג געטאָן וועגן מיין שטענדיקן וווינאָרט, וואָס ער מוז אַריינשטעלן אין פּאַס — האָב איך אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

איז די דאָזיקע פראַגע פאַרבליבן דענסטמאָל אין מיין פּאַס נישט קיין פאַרענטפערטע, און איך מוז מודה זיין, אַז אויך איצטער אַפילו, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָלט איך אַסור געקענט ענטפערן אויף הלל דעם שרייבערס פראַגע.

האָב איך דען געהאַט ווען אַ שטענדיקן וווינאָרט? און וועל איך דען אַזאַ איינעם נאָך ווען עס איז באַקומען?

דער נייער באַרג־אַרויף

נאָכדעם ווי איך האָב שוין געהאַט באַזוכט אַלע מיינע אַלטע היימען — האָט זיך מיר, דעם אמת געזאָגט, אָנגעהויבן בענקען צוריק נאָך דער שווייץ, צוריק נאָך די אייביק־פאַרשנייטע אַלפּן־בערג. אין דער שווייץ מוזטו שטענדיק האַלטן דעם קאָפּ פאַריסן צום הימל, אין דער שווייץ ציט דיך תּמיד אַרויף. אָבער אין דער היימישער אַלטער

דעם טאטנס מצבה

ליטע זענען די האָריזאָנטן זייער ווייט, און דאָס אויג האָט קיינמאָל נישט אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

אַלץ געפינט זיך אויף דעם אויבערפלאַך, און ס'איז נישטאָ קיין שום באַהעלטעניש. האָט זיך מיר שטענדיק געדוכט, אַז איך לעב אין דרויסן. האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן אין דער אַלטער היים נאָך היימלאָזער, ווי אין דער פרעמדער שווייץ.

מיין אַלטע היים איז פוסט און וויסט.
נאָר דאָ און דאָרט — אַ בערגל מיסט.
עס ווערט דאָס האַרץ מיר אַזוי שווער:
ווי קום איך דען צוריק אַהער?

צוליב וואָס, אייגנטלעך, בין איך געקומען צוריק אַהער? — האָבן מיך אָנגעהויבן צו פּלאָגן שווערע געדאַנקען, און כ'האָב אָנגעהויבן טראַכטן, ווי אַזוי מען ראַטעוועט זיך ווידער אַרויס פון דער אַלטער היים.

איך האָב נאָר געהאַט בדעה צו זען זיך מיט דער מאַמען, און צו פאַרברענגען דעם זומער מיט ניגערן, וועלכער איז געווען אַראָפּגעקומען פון ווילנע קיין באָרויסק פראַוועגן דאַטשע.

ניגער איז געווען דענסטמאָל שטאַרק פאַרטאָן מיטן אויסבויען און פאַרפעסטיקן דעם זשורנאַל „די יידישע וועלט" און ער האָט אפילו אויך ביי מיר געמאַכט אַ ליטעראַרישע באַשטעלונג.

ניגער האָט מיר געהאַט פאַרגעלייגט צו איבערזעצן אייניקע לידער לערמאָנטאָווס, ווייל ער אַליין, ניגער, האָט געהאַט געגרייט דענסטמאָל אַ גרעסערן אַרטיקל לכבוד לערמאָנטאָווס הונדערט-יעריקן געבורט.

איך בין געוואָרן דאָפּלט שטאָלץ אויף דער דאָזיקער באַשטעלונג, ווייל ערשטנס איז דאָס געווען די ערשטע ליטעראַרישע באַשטעלונג, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט באַקומען פון ניגערן, און צווייטנס, איז מיר טאַקע לערמאָנטאָוו געווען נאָך היינען, דער נאָענטסטער דיכטער מיינער.

איך האָב זיך שטענדיק געהאַט געוואָרפן (און איך וואָרף זיך נאָך עד-היום) צווישן היינען און לערמאָנטאָוון.

האָב איך אויסגעקליבן אַ סעריע לידער לערמאָנטאָווס, וואָס זענען געווען די סאַמע פּאָפּולערסטע און וועלכע האָבן פיגורירט אין אַלע רוסישע כרעסטאָמאַטיעס.

ס׳האָט זיך מיר געגלוסט צו שאַפן עטלעכע מוסטער-איבערזע-צונגען, ווייל ס׳איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער כבוד צו פיגורירן אין ניגערס „יידישע וועלט" מיט אַ ציקל לערמאָנטאָוו-לידער.

באַזונדערס שווער האָב איך געהאָרעוועט אויף לערמאָנטאָוס „קינזשאַל".

— לױבלאַ טעביאַ, קינזשאַל בולאַטני"

— איך ליב דיך, מיין קינזשאַל, מיין חבר!
ס׳האָט אַ גרוזין אויף ראַכע דיך פאַרטראַכט
געשמידט, און אַ טשערקעס אַ בראַווער
האָט דיך געשליפט צו גיין אין שלאַכט.

איך האָב אָבער געשפירט, אַז שוין דער ערשטער פערז איז ווייט נישט אַזוי שאַרף און גלאַנציק, ווי ביי לערמאָנטאָוון.

איך האָב אָנגעהויבן צו שלייפן שורה נאָך שורה, פערז נאָך פערז, אָבער מיין פעדער, וואָס איז שוין געווען איינגעשטעלט אויף לייכטע פערזן, — האָט נישט אַזוי גיך געקענט אויסגעפינען יענע שטאָלענע און שניידיקע ווערטער, וואָס זאָלן קענען ווירקלעך דעם קינזשאַל פאַרוואַנדלען אין אַ שאַרפן געווער, מיט וועלכן מען קען זיך לאָזן אין אַ שלאַכט אַריין.

האָב איך שוין געהאַט בדעה צו פאַרבערענען לערמאָנטאָווס קינזשאַל, ווי מען פאַרברענט אַ הײליקן שווערדל, וואָס יתומים מאַכן זיך לכבוד תשעה-באָב.

אָבער גראָד יענעם תשעה-באָב איז אויסגעבראָכן די וועלט-מלחמה, און ס׳האָט זיך מיר נישט געגלוסט אַרויסצולאָזן לערמאָנ-טאָווס קינזשאַל פון דער האַנט.

— „ס׳האָט אַ גרוזין אויף ראַכע נעמען דיך פאַרטראַכט,
און אַ טשערקעס האָט דיך געשלייפט צום שלאַכט".

ס׳איז אָבער נישט באַשערט געווען דער „יידישער וועלט" צו דערשיינען מיט אָט דעם לערמאָנטאָוו-טשאַרני-קינזשאַל, ווייל דער ווילנער יידישער צענזאָר האָט זיך געהאַט איינגעשפאַרט, אַז מלחמה-צייט קאָן מען נישט פובליקירן אַזעלכע לידער, ווו גרוזינער און טשערקעסן שמידן און שלייפן קינזשאַלן.

— נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — האָט דער צענזאָר געטענהט —

דאַרפֿן נישט קיין קינזשאַלן. מען גיט זיי איצטער געגוג האַרמאַטן און קוילנוואַרפֿערס צו פֿאַרטיידיקן דעם צאַר און דעם פֿאָטערלאַנד.

איז דער לערמאָנטאָוו-נומער פֿון דער „יידישער וועלט" דער־שינען דענסטמאָל מיט איינער אַ זייט אַ לײדיקער, און מיין „קינזשאַל", אויף וועלכן איך האָב געהאַט אַזויפֿיל געהאָרעוועט, האָט טאַקע נישט דערזען מער דאָס ליכטיקע וועלט.

האָב איך נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו בענקען נאָך דער פֿרייער גאַסטפֿריינטלעכער שווייץ, ווו ס'זענען נישטאָ קיין צענזאָרן, און נישטאָ אויך קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אָבער אַלע גרענעצן זענען שוין געווען געשפּאַרט, און אויף אַלע גרענעצן האָבן שוין געפֿלאַקערט די פֿאַרניכטונגס פֿייערן פֿון דער וועלט-מלחמה.

אויך די גרענעץ-סטאַנציע ווערזשבאָלאָווע, ווו ס'האָט זיך געהאַט געפֿונען ניגערס און מיינער ערשט-אויסגעקויפֿטער קולטור-פֿאַרמעגן, איז אויפֿגעגאַנגען מיטן ערשטן פֿייער.

אַזוי-אַרום איז פֿאַרניכטעט געוואָרן אונזער גאַנצע ירושה פֿון דער בערנער תּקופֿה.

האָב איך זיך דערפֿילט, ווי אַ קריגס-געפֿאַנגענער, וואָס איז גאַנץ צופֿעליק אַריינגעפֿאַלן אין רוסישער געפֿאַנגענשאַפֿט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיין נייער פּאַס האָט מיר דערציילט, אַז איך בין אַ רוסישער בירגער, און אַז במילא שוין — דאַרף איך ווערן אַ פֿיינט פֿון דער דייטשער קולטור און פֿון דער דייטשער שפּראַך.

האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר מיר אַ נייער „באַרג אַרויף", וואָס האָט מיך ווידער אַמאָל דערהויבן צו נייע געפֿאַרן און צו נייע דער־פֿאַרונגען.

אַ „באַרג אַרויף" פֿון נייע וואַנדערונגען און וואַנדלונגען, אַ „באַרג-אַרויף" צו נייע היימען און צו נייע היימלאָזיקייטן.

אינהאַלט

ערשטער טייל
(משפּחה-כראָניק)

זייט

פאָרוואָרט 5
אַריינפיר 9
איך ווער קראַנק 9
דער געטשקע 10
די מאַמע פאַרקויפט מיך . . 11
די געלע וואַטקע 13
די גרויסע גנבה 15
אָשר דער מלמד 17
דער שוועסטערס תנאים . . 20
מיינע מומעס 21
דער שוועסטערס חתונה . . 24
דער אוצר 25
זלמן די בריל 29
די ווייבערשע באָד . . . 31
אונזערע שכנים 32

זייט

איך קאָן פאַרשילטן . . . 35
דער פעטער פייטל . . . 36
מאַשע די משוגענע . . . 39
מיינע ברידער 42
אונזערע מאַכלים 45
דיקאָרער גאַסן און טיפּן . . 46
מיין ערשטע נסיעה 49
מיין ערשטע אָפּעראַציע . . 51
איך טרינק זיך 53
מיינע צונעמענישן . . . 54
מיר קלויבן אַ רב 56
מ'וויל אָפּקויפן אַ ברודער . . 59
איך בונטעווע זיך 62
דער האַלבער מילשטיין . . 64
אין מינסק 66

צווייטער טייל
(פאַרטיי-כראָניק)

איך עס טעג 69
שמואלס ערשטע רעדע . . . 71
מען פאַרשיקט מיך . . . 72
אין ווילנע 74
איך באַגלייט קיין אַמעריקע . 75
איך לייז אויס אַ ברודער פון תפיסה. 75
די עסעסישע שטאַבס-קוואַרטיר . 77
די גרויסע דיסקוסיע 79

די געשלעכטס-פראַגע 82
דאָס שטעטל זעמבין 83
זלמן פּאָדנאָס און איטשע רייגעס. 86
די ערשטע אומלעגאַלע אסיפה . 87
די מהומה אין שטעטל 91
בערעזינער פּאַרטייען 92
עסעסישע מוזשיקעס 95
דער שטומער אַגיטאַטאָר . . 96

זייט

סאָניע די שניידערקע . . . 98
מיר דעמאָנסטרירן . . . 100
די פּאַרטיי פאַרשלייערט מיך . 103
אונזערע ערשטע דערגרייכונגען . 104
איך מוז אַנטלויפן . . . 109
וועלף 111
די מאַמע גרייט מיר ירושה . 113
אַ ליאַמע 116
אַ בריוו פון אַ זעלבסטמערדער . 118
די שטראָף־עקספּעדיציע . . 120
שמואלס פּריזיוו 123
דער פּאַרטיי־יאַריד אין ווילנע . 125
כ'הויב אָן דיכטן 128
איך רעאַביליטיר זיך . . . 129
די פּליטה פון דער רעוואָלוציע . 131
פּאַרטיי־עגונות 134
„יידישיזם" 137
„סאַלאָן־דע־קרוטשע" 139
יידישער רענעסאַנס . . . 141
תורה שבעל־פּה 144
„ליטעראַרישע ביילאַגעס" . . 146
איך לייג תּפילין 150
איך זע זיך מיט אַ כּלה . . 153
דאָס בונטאַרישע טלית־זעקל . 157
מיין פּריזיוו 160
צווישן ברודער און מאַמען . . 162
די וועלפישע רביצין . . . 165
איך קלויב זיך קיין אויסלאַנד . 171
וואַרשע 174
איך גנבע די גרענעץ . . . 177
איך ווער אַן אייראָפּייער . . 181

זייט

די עסעסישע קאָמונע 184
אַרקאַדן־קאַפע 185
די לופּוס־קאָמונע 189
„פריילאַנד" 192
עסעסישע מיטאָלאָגיע . . . 195
מיר עסן־אויף אַ מצבה . . 198
דער טשוהונעגער בוים . . . 201
שוועסטער עלזאַ 205
די שוואַרצע דאָמינאַ . . . 209
אין פלאָנטער פון שטימונגען
און קאָשמאַרן . 212
די שווייץ 216
אויפן צענטן קאָנגרעס . . . 221
די פילאָזאָפן דיכטן . . . 224
יידישע עראָטיק 229
ליטעראַרישע געסט . . . 235
איך „שטודיר" מעדיצין . . 242
מאָנאַ־ליזאַ 248
עולים ויורדים 252
אין דער שויס פון דער „יונגפרוי". 256
זשענעווע 262
איך ליקווידיר די שווייץ . . 268
די אַלטע היים 272
די שוימענדיקע מצבה . . . 276
יאַנקל די מאַסע 280
אויף קבֿר־אָבֿות 283
דער בייער באַרג־אַרויף . . . 288
אינהאַלט 293
פּערזאָנען־רעגיסטער 297
ביבליאָגראַפיע 299

פאָטאָגראַפיעס

זייט

1) די מוטער ברכה טשאַרני 16

2) דאָס הויז, ווו די טשאַרניס זענען געבוירן 32

3) די פינף ברידער טשאַרני אין יאָר 1902 48

4) סאָניאַ ליוושיץ 112

5) ש. ניגער, ב. וולאַדעק און ד. טשאַרני אין יאָר 1906 . . 128

6) די עסעסישע קאָמונע (י. טשערניכאָוו־דאַניעלי, ח. לאַצקי־בערטאָלדי,
ד. טשאַרני, ליזא בערלין, און ד"ר ס. שאַץ־אַנין) . . . 192

7) דעם טאַטנס מצבה 288

רשימה פון פערזאָנען, וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך

זייט

אײנהאָרן דוד — 129, 141, 151, 235, 236, 237, 271.
אָנכי ז. י. — 128, 140, 235.
בלאַנק לייזער — 253, 254, 255.
בן=עמי (ראַבינאָוויטש) — 266.
בעל=מחשבות — 229.
בערגעלסאָן דוד — 246.
ברודזי אייזיק — 225.
גאָטליב יהושע — 225.
גאָרעליק ש. — 141.
האָראָדעצקי ש. א. — 219, 225.
האַלפּערין פּ. — 140.
הורוויטש ש. (א. ליטווין) — 226, 229.
הירשביין פּרץ — 128.
וויטער א. — 140, 142.
ווײנשטיין א. („אברהם דער אָדעסער") — 79
ווייסענבערג י. מ. — 143.
וואָלאַדעק ב. (באָגיע, ברוך, „באָגיע ברכות", „באָנטשע שווייגס אייניקל", „צוויי=טער לאַסאַל", „ב. שוואַרץ") — 44, 76, 120, 127, 146, 176, 194, 283.
זילבורג מ. — 144.
זילבערפאַרב מ. — 192.
זרבבל — 130.
זשיטלאָווסקי חיים — 221, 236.
טשערנאָוויץ („הרב צעיר") — 219.
טשעריקאָוו י. (דאַניעלי) — 126, 184, 196.

זייט

„יאַנקל די מאַסע" — 281, 282.
יוכוויד נאַכקע — 280.
יעפּרויקין ישראל — 192.
כאַשין א. (אַווערבוך, „באָרוכסאָן") — 93.
כורגין סאָניע — 199.
לאַפּין ב. — 129, 151.
לאַצקי וו. („ווילהעלם", „בערטאָלדי") — 126, 181, 184, 188, 192, 195, 198, 213.
לוואָוויטש ד. (דאַווידאָוויטש) — 126, 184.
ליטוואַק א. — 141.
ליטוואַקאָוו מ. — 126.
ליפּמאַן לעווין — 148, 174.
ליעסין א. — 5, 272.
לעוויטאַן מיכל — 192, 213.
מאַזאָ מ. — 139.
מייזנער ז. — 126, 174.
מנחם (באָריישאָ) — 151.
נאָמבערג ה. ד. — 128, 236, 2 7, 2 8, 257.
ניגער ש. (מוליע, שמואל, „אברהמל") — 44, 61, 70, 72, 120, 123, 127, 142, 144, 214, 220, 224, 268, 289.
סאָבאָל אַנדריי — 218.
סאַלי, פּראָפעסאָר — 243, 256.
סטאַווסקי משה — 174, 175, 176.

זייט

סינגאַלאָווסקי א. (אַראָן טשענסטאָכאָווער)— 177.

סירקין נחמן — 126.

סעגאַלאָוויטש ז. — 140.

פופס („בן ישראל") — 225.

פינעס מ. (בריסקמאַן) — 191.

פרץ י. ל. — 174, 175, 176.

קאָכער, פּראָפּעסאָר — 252.

זייט

קאַלמאַנאָוויטש ז. — 140.

קיסין א. — 91.

ראַטנער מ. ב. — 187.

ראַסקין מישא — 193.

רובענטשיק אַבע — 123.

רייזען אברהם — 235, 241.

שאַך-אַגין מ. — 183, 184, 200.

שלום-עליכם — 236, 238, 239, 240, 265.

איידער איר הויבט אָן צו לייענען דאָס בוך—בעסערט אויס פאָלגנדיקע דרוקפעלערן:

זייט	שורה	געדרוקט	דאַרף זיין
25	12	שול-הויז	שול-הויף
41	6	ווייסברעט	ווייסברעם
114	22	דאניעל	דאניעלי
115	18	זיך	זי
123	15	ווערלכער	וועלכע
139	14	שלאסגאס	זאוואלגיע
187	24	ווי כ'וואָלט	ווי כ'וואָלט זי
189	31	צום געזיכט?	צום געזיכט.
191	2	פינזן-ליכט	פינזען-ליכט
195	7	מען שטייט נישט	מען שטייט נאָך
259	5	פירקיקן	פירעקיקן
284	3	קינד-הארף	קינד-הארץ
289	16	באָרויסק	באָברויסק
297	17	236, 27, 28	238-237-236, 261-260-259-258-257

הילע געצייכנט דורך אומע אָלקעניצקי (ווילנע)

אויסצוגן פון איניקע אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן ד. טשאַרניס מעמואַרן

„פאָרווערטס" (ניו-יאָרק) — „דניאל טשארניס „בלעטלעך פון א לעבן" זענען פול מיט לעבעדיקע בילדער, הומאָר און חן. זיי זענען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט, שפּילעוודיק און שיין." (***)

„מאָרגען-זשורנאַל" (ניו-יאָרק) — „טשאַרני שרייבט מיט פּאַטאָס און הומאָר. דער ערשטער טייל פון זיינע מעמואַרן בילדעט א גוטע פאָרבאַרייטונג פאַר די ווייטערדיקע טיילן." (פ. ווערניק)

„פרייע אַרבעטער-שטימע" (ניו-יאָרק) — „טשארני קען די קונסט פון שרייבן. ער ווייס, ווי צו האַלטן דעם אייגענעם איך אין צוים, ווי צו מאָלן די סביבה אַזוי — עס זאָל זיך שאַפן אַן אינטערעסאַנט בילד, אין וועלכער דער בעל-דבר אַליין פאַרנעמט נישט מער, ווי זיין פאַרדינטן פּלאַץ." (י. ק—ן)

„אויפקום" (נוי-יאָרק) — „די לעבעדיקייט, מיט וועלכער טשאַרני האָט פאַר אונז געמאָלן זיינע קינדער-יאָרן, און דעם שטילן פיינעם הומאָר, וואָס ער האָט אויף אַזאַ קינסטלערישן אופן אין זיי אריינגעוועבט — שטעלן זיי אַוועק גאָר באַזונדערס פון די געוויינלעכע כראָניקעס, מיט וועלכע אונזער ליטעראַטור איז די לעצטע יאָרן באַשאָנקען געוואָרן." (ז. וויינפּער)

„די פּרעסע" (בוענאָס-איירעס) — „נישט קוקנדיק דערויף, וואָס טשארניס דערינערונגען זענען פּערזענלעכע — וואַקסן זיי אויס צו אַלגעמיינע בילדער. זיי האָבן א סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישן און א קולטור-היסטאָרישן ווערט. עס מאַרשירן פאַרביי פאַר אונז די פּראָלעטאַריש-יידישע פּאַרטייען מיט זייערע פירער." (י. באָטאָשאַנסקי)

„ביכער-וועלט" (וואַרשע) — „טשאַרניס מעמואַרן האָבן אַן אומבאַדינגטן קינסטלערישן ווערט. זיי זענען אַזוי בנעימותדיקע און פּשוטע, און גלייכצייטיק אַזוינע אייגנאַרטיקע און אינטערעסאַנטע." (משה שאַליט)

„ליטעראַרישע בלעטער“ (וואַרשע) — „ד. טשאַרניס בראַניק“ איז ווערט באַטראַכט צו ווערן פון שטאַנדפונקט פון קינדער־פּסיכאָלאָגיע. דער נוסח פון דעם דאָזיקן בוך איז דורכגעדרונגען מיט מערקווירדיקן אַנאַליטישן הומאָר, וואָס מאַכט נאָך מעגלעכער און בולטער די פּסיכאָלאָגישע פאָרשונג.“

(ד״ר ישראל רובין)

„פאָלקסצייטונג“ (וואַרשע) — „טשאַרני האָט אין זיך איינגעזאַפּט די בילדער פון דער אַמאָליקער פּאַרטיי־סביבה און ער גיט זיי אונז איצט איבער אין זאַפטיקע, לעבעדיקע שילדערונגען, וועלכע לייענען זיך מיטן גרעסטן אינטערעס“.

***

„פרימאָרגן“ (ריגע) — „דניאל טשאַרני האָט דעם מוט פון אויפריכטיקייט, וואָס באַפרייט זיך פון כלערליי עגאָאיזמען. מיט ליבשאַפט צום אמת, וואָס איז נוטה צו אכזריות אפילו בנוגע צו זיך אליין — באַשרייבט ער טראַגישע געשיכטן און איבערלעבענישן מיטן קאַלטן סטיל פון אַ פּראָטאָקאָליסט.“

(וו. לאַצקי—בערטאָלדי)

„די וואָך“ (ריגע) — „טשאַרניס משפחה־כראָניק איז אַ געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור און פאַרדינט, אַז יעדער איינער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור — זאָל עס לייענען.“ (י. ראָזענבוים).

„די יידישע שטימע“ (קאָוונע) — „טשאַרניס בלעטלעך פון אַ לעבן לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס, ווייל זיי זענען אָפּגעטונקט אין איינדרוקן און געשטאַלטן, וועלכע טשאַרני שילדערט, ווי זיין שטייגער איז, וואָרהאַפטיק און ערלעך.“ (נתן גרינבלאַט).

„פאָלקסבלאַט“ (קאָוונע) — „טשאַרניס מעמואַרן צייכענען זיך אויס מיט זייער אויפריכטיקייט און פשטות און הויפּטזעכלעך — מיט זייער חנפולן הומאָר.“

(יעקב גאָטליב)

פון דעמזעלבן מחבר זענען דערשינען:

לייכטע פערזן (לידער), פאַרלאַג „קולטור“, ריגע, 1925

אונטערוועגס (לידער), בערלין, 1929

משפחה־כראָניק (מעמואַרן), פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927

דער גאָלד־דורשטיקער קיסר (קינדער־מעשה), פאַרלאַג „חבר“, מאָסקווע

די פאַרכשופטע קרעטשמע, פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך“, ווילנע

ווי אַזוי איך קום אויף דער לבנה
פאַרלאַג „גרינ. ביימעלעך“, ווילנע.